STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03624

TSVISHN VAYT UN NOENT

Dov Sadan

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דב סדן / צווישן ווײַט און נאָענט

לר׳ משה אונגר
בידידות
ד. סדן

דב סדן

צווישן ווײַט און נאָענט

עסייען, שטודיעס, בריוו

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך“
הילפספאָנד פאַר ייִדיש־שאַפונג
תל־אביב, תשמ״ב — 1982

דב סדן / בין רחוק וקרוב (צווישן ווײַט און נאָענט)
מסות, עיונים, מכתבים

DOV SADAN / ZWISHN VAIT UN NOENT
Essays, Etuds, Letters

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף
פון אל. פינעס־פאָנד,
פון קרן תל־אביב לאמנות ולתרבות ע״ש י. רבינוביץ׳
און פון „קאָמיטעט אַרויסצוגעבן דב סדנס ווערק״, תל־אביב

פאַרלאַג „ישראל־בוך, הילפספאָנד פאַר יידיש־שאַפונג אין ישראל.
תל־אביב, רח׳ איתמר בן־אבי 4.

Publishing House Israel-Book, Tel-Aviv, P.O.B. 1777

©

כל הזכויות שמורות

Printed in Israel, 1981 — נדפס בישראל, תשמ״ב

דפוס „אורלי״ — פרידמן, תל־אביב, טלפון: 332062

דריי הערות

א

דאָס איצטיקע בוך איז דער פּערצנטער חיבור מײַנער וועגן ייִדיש־ליטעראַטור, שפּראַך, פאָלקלאָר. פינעף פון זיי זענען אַרויס העברעיִש, די איבעריקע זענען אַרויס ייִדיש — אַ באַנד „חכמה פון חכמות", צוויי בענד „חן־גריבעלעך". צוויי בענד „היימישע כתבים", צוויי בענד „אַ וואָרט באַשטייט", אַ באַנד „טויערן און טירן" און איצט דער באַנד „צווישן ווײַט און נאָענט".

ב

איך בין מרוצה צו דאַנקען מײַנע פרײַנד ישעיהו אברך און אברהם סוצקעווער, וואָס זענען בײַגעשטאַנען דעם בוך גובר צו זײַן מניעות און דערזען די ליכטיקע שײַן, און די עוסקים במלאכת הספר — דעם לײַטער פון פאַרלאַג מיכאל לוי ואחרון אחרון ידידי יעקב צבי שאַרגעל, וואָס האָט נישט איבערגעהיפּערט קיין אות און געזאָרגט עס זאָל אַרויס בדקדוק מדוקדק.

ג

אַזוי ווי די דאַטע פון דערשײַנען פונעם בוך פאַלט זיך צוזאַמען מיט אַ לעבנס־דאַטע, ווען עס ווערט לגבי מקוים דער פּסוק: ואם בגבורות שמונים שנה, זאָג איך מיטן פולן מויל: זכרה להם אלהי לטובה.

ד. ס.

ירושלים, תשמ"ב

I

צוויי פּרקים שלום עליכם

פּרק א׳:

כמו שכתוב

אַרײַנפֿיר־באַמערקן צו טביה דעם מילכיקערס תּורות

א

אַדאַנק מײַן טאַטן, עליו השלום, קאָן איך מיך באַרימען, אַז איך האָב אַ לאַנגן ראָמאַן מיט שלום עליכם, נישט בלויז איך האָב אים געזען נאָר האָב אים אויך געהערט, ווײַל דער טאַטע מײַנער האָט מיך אויפֿגעהויבן און געזאָגט: זע און הער, און וועסט דאָס דײַן גאַנץ לעבן געדענקען. דאָס איז געשען בשעת שלום־עליכם איז געווען בײַ אונדז אין בראָד, און קינד־און־קייט איז געלאָפֿן אים זען און הערן. איך זאָל זאָגן, אַז איך האָב עפּעס פֿאַרשטאַנען פֿון זײַן פּירלייענען, וואָלט געווען זייער שיין, אָבער נישט אמת, דען סוף־סוף בין איך געווען נישט מער ווי אַ קליין קינד, אָבער דער טאַטע מײַנער איז גערעכט געווען — איך געדענק עד היום, אַז איך האָב שלום עליכם געזען און געהערט; געזען ווי די אויגן זײַנע זענען אים פֿאַרלאָפֿן מיט טרערן, און געהערט ווי ער האָט זיך געקאַטשעט פֿאַר געלעכטער און ער האָט כמעט געחלשט. דאָס האָט ער אַזוי געלאַכט, הערנדיק וויאַזוי אַ בראָדער יונגערמאַן, וואָס האָט געהייסן יאַנטשע שוואַגער, האָט אויך געלייענט שלום עליכם — און ווײַזט אויס, געווען אַ מומחה דערצו. מיט יאָרן שפּעטער, אַז איך האָב פֿאַרשטאַנען די גאַנצע בראַוווּר, איז דער יאַנטשע געוואָרן מײַנס אַן אידעאַל, און איך בין טאַקע געווען אַ שטיקל שלום־עליכם־רעציטאַטאָר, ווי עס זענען געווען כמעט אין יעדער שטאָט און שטעטל, און נאָך אַ סך אַ סך יאָרן, האָט מײַן פֿרײַנד זלמן רובאַשאָוו, שפּעטער אונדזער דריטער נשיא המדינה, געוואָלט איני־צירן צוויי צוזאַמענקומען — די שלום־עליכם־רעציטאַטאָרס און די „פֿאַמיליע צבי״־אַמאַטאָרן; האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז זיי באַטרעפֿן, בלויז אין לאַנד, טויזנטערס — משמע סע וואָלט געמוט זײַן אַ גרויסער קאָנגרעס, בײַ וועלכן ער וואָלט גערעדט וועגן דוד פּינסקי, און איך וועגן שלום עליכם.

אַזוי ווי דער קאָנגרעס איז נישט צוזאַמענגעקומען האָבן מיר דאָס געמאַכט צניעותדיקער, און איך פאַר מײַן טייל האָב, ווי אַ שרײַבער און לערער, זיך פאַרנומען מיט שלום עליכם, ווי איך האָב דערציילט אין אַרײַנפיר צו די פרקים פון שלום עליכם, וואָס אונדזער פרײַנד, י. ח. קלינגער, האָט אָפּגעדרוקט אין „יידישקייט" (העפט 3).

ב

אויך וואָס איך וויל איצט און דאָ טאָן איז אַ המשך דערפון, — אַ לעקציע וועגן כמו שכתוב, אַרײַנפיר־באַמערקן צו טביה דער מילכיקערס תורות. און דערלויבט מיר מקדים צו זײַן אַן אַרײַנפיר צו דעם אַרײַנפיר, לאמור אַזוי צו זאָגן: אַז אויך, און אפשר בעיקר אַ ייִד פון אַ גאַנץ יאָר, האָט נישט געוואָלט און נישט געקאָנט זיך באַגיין אָן אַ פסוק פון חומש, אָן אַ פירוש רש"י, אָן אַ זאָג פון דאַוונען, און אָן אַ ברעקל גמרא וכדומה, און האָט עס אויף פאַרשיידענע אופנים, אינטעגרירט אין גאַנג, טעם און כוונה פון זײַן שמועס, איז אַ צו באַקאַנטע און פאַרשטענדלעכע עובדא, אַז מיר זאָלן זיך דאַרפן אַנידערשטעלן און עס באַווײַזן, אָדער דערויף מיטן פינגער אָנווײַזן. אַז די ליטעראַטור אונדזערע האָט דאָס, אויף כלערליי אופנים, אָפּגעשפּיגלט, איז אויך אַ צו באַקאַנטע און פאַרשטענדלעכע עובדא, אַז מיר זאָלן זיך דאַרפן אַנידערשטעלן און עס באַווײַזן, אָדער דערויף, מיטן פינגער אָנווײַזן. נאָר אויב מיר האָבן זיך, דאָ און איצט, פאַרט אַנידערגעשטעלט, איז עס, כדי זיך אָפּצושטעלן אויף דער קשיא, ווי־אַזוי האָט זיך אונדזער ליטעראַטור לגבי דעם ענין נוהג געווען, און באַטראַכטנדיק דאָס, אין דער רעם פון אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור, ווערן פאַר אונדז בולט, קודם־כל דרײַ גרויסע חילוקים:

ערשטנס, דער חילוק צווישן באַנוץ מיטן כמו שכתוב כפשוטו, ווי עס גייט דער פשט, עפּעס צוגעוועבט מיט מסורת־הטײַטש, אָבער אָן איבעריקע פּלפּולים, און צווישן באַנוץ מיטן כמו־שכתוב כדרושו, ווי עס גייט דער מדרש, בעיקר דער מדרש־אגדה, צומאָל מיט אַ קלענערן אָדער גרעסערן פּלפּול, וואָס מוז נישט, אָבער קאָן דערפירן, מיין אָדער ווייניקער, איבערצושפּרײַזן די גרענעצן פונעם כלל אין מקרא יוצא מדי פשוטו, און דער איבערשפּרײַז איז אַ זייער פּילפּנימדיקער — אַ רײַכע גאַמע פון טאָנען און באַטאָנען — ערנצטע און קאָמישע, נאַיווע און איבערגעשפּיצטע, ווילקענערישע און עם־הארצישע, יראת־שמימדיקע און אַפּיקורסישע, וכדומה.

צווייטנס, דער חילוק צווישן באַנוץ מיטן כמו־שכתוב אין דער משׂכּי־לישער ליטעראַטור און צווישן זײַן באַנוץ אין דער נאָך־משׂכּילישער, בעיקר אין דער מאָדערנער ליטעראַטור — דאָרט, אין דער השׂכּלה, איז דער באַנוץ־כאַראַקטער געוועגדט אין כאַראַקטער פונעם באַנוצער: אויב ער איז, אין די אויגן פון משׂכּילישן מחבר, אַ פּאָזיטיווער פּאַרשוין, איז דער כמו שכּתוב אין זײַן מויל, אַ חיזוק פאַר זײַן באַנעם און פאַרנעם; אויב ער איז, אין די אויגן פון משׂכּילישן מחבר, אַ נעגאַטיווער פּאַרשוין, אין דער כמו־שכּתוב, אין זײַן מויל, אַ חוזק פון זײַן באַנעם און פאַרנעם. דאָ, נאָך דער השׂכּלה, בעיקר אין דער מאָדערנער, איז דער באַנוץ מיטן כמו־שכּתוב אויך געווענדט אין כאַראַקטער פונעם באַנוצער, נישט ווי אַ רעזשיסירטער מאַנעקין, נייערט ווי אַ פּערסאָנאַ פאַר־זיך און אין־זיך, ווי ער איז באמת געווען אָדער, לויט זײַן האַביטוס, געקאָנט און געמוזט זײַן. איז ממילא באַוועגן מיר זיך דאָ נישט אין דער ענגער שטײַג פון טענדענציע און פּראָגראַמע, נאָר אין דער פרײַער לופט פון אויטענטישקייט, און די פרײַהייט און פרײַקייט אינטענסיווירן זיך מכּוח דעם שרײַבערישן פּראָצעס, אַזוי אַז די פּראַטאָקאָלאַרישע ווערקלעכקייט ווערט מגולגל אין אַ קינסט־לערישער מעגלעכקייט, וואָס איז ,אין תּוך גענומען, אַ טיפּאָלאָגישע אָדער כאַראַקטעראָלאָגישע נויטווענדיקייט.

דריטנס — דער חילוק אין באַנוץ מיטן כמו־שכּתוב צווישן דער מאָדערנער העברעיִשער און דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. דאָרט, אין העברעיש, איז, בעיקר אין דער השׂכּלה, געווען אַ שמאָלער פּלאַץ, פאַר אַ דיפערענציאַציע צווישן דעם כּלל־וועג פון דער שפּראַך, וואָס ווײַל באַזירנדיק אויפן לשון פון תּנ״ך, האָט די ליטעראַטור אָפּגערירט מיט מליצה־נוסח, וואָס איז, בעצם, אַ מין טאָטאַלער כמו־שכּתוב, און צווישן דעם פּרט־שטעג פון אַ, בעיקר, שמועסערישן, מאָנאָלאָגישן אָדער דיאַלאָ־גישן, באַנוץ; אַ זאַך, וואָס איז זייער שווער אָנגעקומען, און האָט זיך עפּעס דערלײַכטערט מיט דעם העברעיִשן ליטעראַרישן סטיל־שינוי פון מענדל לעפין און אליעזר צווייפל, וואָס מענדעלע מוכר ספרים האָט זי פון זיי איבערגענומען און דערפירט צום העברעיִשן ליטעראַרישן סטיל־איבערקערעניש, אויסברייטנדיק די שפּראַך העט־העט איבער די גרענעצן פון תּנ״ך און אַרומנעמענדיק די שפּעטערע שפּראַך־שיכטן פון משנה און מדרש און ווײַטער. דאָ, אין יידיש, האָט דער כמו־שכּתוב ממילא געהאַט אַ ברייטן פּלאַץ, שוין מחמת דעם, וואָס דעם אחד מקרא אין לשון קודש האָט לרוב, אָדער כּמעט תּמיד, באַגלייט אַן אחד תּרגום אויף יידיש;

להלכה אין גייַסט פון מסורת הטייַטש, אָבער למעשׂה מיט אַ היפּשן נופך פון חידוש־הטייַטש, אַזוי אַז דער מאַנעווריר־שטח מיטן כמו־שכּתוב און זייַן טייַטש, איז דאָ אַ ברייטערער, פֿאַרביקערער, און סוף־סוף: שפּי־לערישער.

מיטן לעצטן וואָרט: שפּילערישער שפּאַנען מיר שוין אַרייַן אין אונדזער הייַנטיקער עיקר־טעמע, אָבער איידער מיר טוען דאָס, בעטן זיך דרייַ באַמערקן.

ג

ערשטנס, ווען חכמת־ייִדיש, ווי איך רוף אָן די ייִדיש־וויסנשאַפֿט אָדער ייִדישיסטיק, וואָלט געקאָנט אַרבעטן נאָרמאַלער און געקאָנט אַרבעטן סיסטעמאַטישער, וואָלט אַזאַ קאָמפּלעקס ווי דער כמו־שכּתוב־באַנוץ, שוין לאַנג גרינטלעך אויסגעפֿאָרשט געוואָרן, און מיר וואָלטן געוווּסט זייַנע וועגן, אומוועגן און אָפּוועגן, סייַ ווי אַן אָפּשפּיגל פֿון אַ מער כּללדיקן באַנעם, סייַ ווי אַן אויסדרוק פֿון אַ מער יחידישן גאַנג און צוגאַנג, לאָגיק אָדער קאַפּריז. אָבער לעת־עתּה, האָבן מיר דערוועגן בלויז באַמערקן, וואָס זענען פֿראַגמענטאַריש און צעוואָרפֿן לגבי שלום עליכם, אָנגעהויבן פֿון ניגער און י. י. טרונק ביז און פֿאַרענדיקט מיט שמערוק און דן מירון.

צווייטנס, אין דער רעם פֿון אַן אויסשעפּנדיקן, סקרופּולאָטן באַהאַנדל פֿון די כמו־שכּתוב־באַנוצן און זייערע שיטות און אופֿנים, וואָלט זיך ערשט טאַקע אויסגעקלאָרט, ווי דאָס פּראָבלעם זעט אויס בייַ שלום עליכם, וואָס איז בייַ אים מסורה שבעל־פּה — נאָכקלאַנג פֿון פֿאָלק־ווערטל און פֿאָלק־שמועס; און וואָס איז בייַ אים המשך־שבכתב — נאָכקלאַנג פֿון דער פֿרי־ערדיקער ליטעראַטור, סייַ זייַנע פּירגייערס, גאָטלאָבער, אַקסנפֿעלד, מענדעלע, לינעצקי, צווייפֿל, שאַצקעס און אפֿשר אויך אייזיק מאיר דיק, סייַ זייַנע מיטגייערס — ספּעקטאָר, יכנה״ז, י. ל. פּרץ און מסתּמא אויך קאַלמוס, מאַני דלוגאַטש, שמ״ר; און וואָס איז בייַ אים, אויפֿן גרונט פֿון מסורה און המשך, זייַן אייגענער חידוש, און דאָס איז דאָך דער עיקר.

דריטנס — כאָטש ערשט אַזאַ אַרבעט, אָדער אַזעלכע אַרבעטן, זענען מסוגל צו ווייַזן באַשייַנפּערלעך שלום עליכמס באַזונדערקייט אָדער באַזונ־דערקייטן פֿון זייַן כמו־שכתוב־באַהאַנדל, לאָזן זיך שוין איצט, אויפֿן סמך פֿון אַן ערלעכן און באַזאָכטן אַנאַליז, באַשטימען עטלעכע קלאָרע ליניעס פֿון שלום עליכמס דרך, אייגנטלעך: דרכים, בתּנאי, אַז מען זאָל זיך,

למען השם, אויסהיטן פון דרײַ טעותים, וואָס נישט בלויז זענען זיי עלול אַרײַנצוכאַפּן, נאָר זיי האָבן שוין אַרײַנגעכאַפּט נישט איינעם פון די פאָרשער, קריטיקער, און סתּם לייענער.

ד

דער ערשטער טעות באַשטייט דערינען, אַז שלום עליכמס כּמו־שכּתוב־באַנוץ באַשטייט בעיקר, און אַפילו בלויז, אין טביה דעם מילכיקערס תּורות. נישט אומזיסט האָט זיך געפונען איינער, יוסף קיץ, וואָס האָט זיי צוזאַמענגעקליבן אין אַ באַזונער ביכעלע וואָס הייסט: שלום עליכמס טײַטש־ווערטלעך, און האָט אַפּנים געוואָלט געלטן ווי אַן אַנטגילטיקער סך־הכּל. אָבער באמת שטייט עס נישט אַזוי, און דער ענין איז אַ סך קאָמפּליצירטער. פאַרוואָר, טביה דער מילכיקער איז אַ שם־דבר פאַרן כּמו־שכּתוב שטייגער, — נוסח הײַנע לאָזט זיך זאָגן: עס איז טוביהס גרויסע גריל — און זי, די גריל האָט דאָך אָנגעהויבן צו צירפּען אין יאָר 1895 און פאַרענדיקט 1914, און אויב איר ווילט יאָסט: אין יאָר 1916, אַ קיימאַ־לן פון צוואַנציק יאָר מיט אַ סמיטשיק, אין וועלכע שלום עליכם האָט אוספּיעט איבערצוגעבן טוביהס אַ בריוול און אַ מנין מאָנאָלאָגן, און אין יעדן מאָנאָלאָג ווערט די סתּירה צווישן דעם גראָבן קלומפּן צרות און דעם דינעם פאָדעם נחת כּביכול אויסבאַלאַנסירט מיטן טרייסטנדיקן כּוח פונעם פּסוק און זײַן האַלב־ערנצטן און האַלב־שטיפערישן טײַטש. טוביה איז, אין ענין כּמו־שכּתוב־באַנוץ, אַ מין זיווג פון אַ בכור און אַ מעזיניק, אָבער ער איז ווײַט נישט קיין בן־יחיד. שלום עליכם ברענגט אַ פּאַק פאַרשוינען, יעדער איינער מיט זײַן כּמו־שכּתוב־שיטה און זײַן כּמו־שכּתוב־פילאָזאָפיע, לויט דער מענטאַליטעט, כאַראַקטער און מידות פון דעם פאַרשויק, און דער צד השווה באַשטייט דערינען, וואָס מיר זענען ווײַט־ווײַט פונעם דרך פון אַנדערע דערציילערס, סײַ פאַר שלום עליכם סײַ נאָך אים, וואָס קלעבן זייערע פאַרשוינען צו, פון דרויסן, אַ כּלל־שיטה פונעם כּמו־שכּתוב־באַנוץ. אַדרבה, דאָ וואַקסט אַ יעדער פּרט־דרך פון אינעווייניק אַרויס, פונעם פאַר־שוין, סײַ פון זײַן פּסיכאָלאָגישער און סאָציאָלאָגישער געבונדקייט און סײַ פון זײַן מענטאַלער און אינטעלעקטואַלער באַדינגטקייט. מען זאָל נעמען צוזאַמענשטעלן שלום עליכמס אַלע כּמו־שכּתוב־באַנוצערס, וואָלט זיך באַקומען דער טאָטאַלער טיפּאַזש פון ייִדישן לעבן אין שטאָט און שטעטל, דאָרף און דאַטשע, שטוב און בית־מדרש, אײַזנבאַן און שיף, איירָאָפּע און אַמעריקע. אַ פּרוּוו דעם טיפּאַזש צו סעגרעגירן לויט דער

באַזונדערקייט פון די כמו־שכתוב־באַנוצן, וואָלט מסתמא געווען איינע פון די אינטערעסאַנטסטע, פּאַרכאַפּנדיקסטע ליטעראַר־קריטישע אויפטוען.

ה

דער צווייטער טעות, וואָס גייט פונעם ערשטן, באַשטייט אין דער הנחה, אַז אַן אַנאַליז, בעיקר אַ פאַדראַבנע אַנאַליז פון די כּל־ערליי כמו־שכתוב־צוגענג אין די מאָנאָלאָגן שעפּן אויס דעם עלעמענט ביי און אין שלום עליכם, בשעת, אין דער אמתן, איז זיין אַריינדראַנג אַ סך אַרומנעמיקער. נעמט, אַ שטייגער, צוויי גאָר פאַרשיידענע דערציילונגען — מכאַן „שיר השירים", ווי עס הייסט, און נישט צופאַליק, דער אויטאָביאָגראַפיש אַנידערגעשטעלטער ראָמאַן, מיט בוזין, ומכאַן „דער פאַרכישופטער שניידער", און קוקט זיך איין אין דער פאַרשיידנקייט פון דעם כמו־שכתוב באַנוץ דאָ און דאָ. וואָס שייך דעם בוזי־ראָמאַן האָבן מיר שטאָט דעם באַנוץ מיט אַן איינציקן, האַלבן אָדער גאַנצן, פּסוק און זיין שטיפערישן טייטש, אַ גאַנץ בינטל שייכותדיקע שיר־השירים־פּסוקים, ווו דער טייטש זייערער גייט סיי אויף דער ליניע פון דער מסורה, בעיקר פון דער חדר־מסורה, סיי אויף דער ליניע פון חידוש, און איך האָב שוין אָנגעוויזן אויף אַ מאַרקאַנטע דוגמה: עת הזמיר הגיע ווערט דאָ פאַרטייטשט: און די צייט פון סאָלאָווײ איז געקומען, און דאָס איז נישט דער מסורה־טייטש, פאַר וועלכער הזמיר מיינט אָדער געזאַנג, דהיינו: עס איז די צייט פון שירת הים, אָדער פאַרשניידונג, דהיינו: עס איז די צייט פּרעה זאָל פאַרשניטן ווערן. נאָך מער, עס פאַרשטויסט קעגן דער טייטש־מסורה, וואָס ווייסט נישט פון קיין סלאָוויזמען, און וואָלט העכסטנס געקאָנט טייטשן: נאַכטיגאַל, און דאָס נישט לשון נקבה, די נאַכטיגאַל, נאָר לשון זכר: דער נאַכטיגאַל, אָבער דאָ מוז מען געדענקען אַז דאָס וואָרט הזמיר אין באַטייט פאַר נאַכטיגאַל אָדער סאָלאָווײ, איז גאָר אַ יונגער צוציק. מיר שטרייכן דאָס אונטער, ווייל שלום עליכם האָט געפּרווט איבערזעצן סיי שיר השירים לגופו, סיי קהלת לגופו, און ס'איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אים, אַז דער שיר־השירים־איבערזעץ איז ערנצט און געהויבן, געטריי דעם וואָרט־פאַרוואָרט־טייטש, וואָס דערלויבט זיך אַן אויסלאָז פון אַ וואָרט־צוויי, אַ צוגאָב פון אַ וואָרט־צוויי, ווי למשל: „שוואַרץ בין איך, איאַ? אָבער שיין, טעכטער פון ירושלים! ווי די געצעלטן פון אַן אַראַבער, ווי די פאָרהאַנגען פון שלמהן. קוקט ניט, וואָס איך בין שוואַרצלעך, וואָס די זון האָט מיך צוגעברענט, די קינדער פון מיין מאַמען האָבן זיך געררייצט מיט מיר:

„סטייַטש, מען האָט מיך געמאַכט אַ היטערין איבער גערטנער, מייַן אייגענעם גאָרטן האָב איך ניט געהיט". ווי מיר זעען, האָבן מיר דאָ צוויי קורצינקע צוגאָבן צום מקור, ביידע זענען, בעצם, קשיות, איינס אַן אונטערשטרייך („אַיאָ?"), און איינס אַ תמיהה („סטייַטש"). פּונקט ווי מיר האָבן צוויי קליינע שינויים. איין שינוי: שחורה אני ונאוה, מיינט סטריקט: שוואַרץ בין איך און שיין, נאָר דער פאַרבייַט פון וואָרט: און אויפן וואָרט: אָבער האָט אַ לאַנגע באָרד, — די סעפּטואַגינטאַ, די וואולגאַטאַ האָבן שוין דעם אָבער, לא כל שכן אונדזערע אייגענע יידיש־טייַטשן, וואָס גייען נאָך דעם מדרש און האָבן נישט בלויז אָבער נאָר אַפילו דאָך. דער אַנדערער שינוי: כאהלי קדר, מיינט אין דער טייַטש־מסורה: ווי די געצעלטן פון די טאָטערן, ווי עס ווערן גערופן קדר אָדער בני קדר, אויך יידיש, זענען אָבער צו פּרי פאַר שלמה המלכס צייַטן, און אַזוי ווי קדר איז אַ זון פון ישמעאל, זענען שוין דאָ אַראַבער בילעכער. אַנדערש דער פּרווו פון קהלת־טייַטש, וואָס איז געהאַלטן פרייַ און ליצניש: הבל הבלים אמר קהלת הבל הבלים הכל הבל — בלאָטע בלאָטע שבבלאָטע, זאָגט קהלת, ס'איז אַלצדינג בלאָטע שבבלאָטע, אַ נעכטיקער טאָג. די השערה פון שלמה ראָזענהעק, אַז שלום עליכם גייט נאָך דאָ מענדל לעפין, אַ ראיה די סלאַוויזמען, האָט דאָ לגבי דעם פּסוק נישט קיין האַפט, דווקא ער לעפין, טייַטשט: הבל הבלים פלעגט קהלת צו זאָגן, הבל הבלים אַלצדינג איז הבל. נישט אַ סך אַנדערש שטייט עס מיטן שכנותדיקן פּסוק: מה יתרון אדם בכל עמלו שיעמול תחת השמש, וואָס מענדל לעפין טייַטשט: וואָס קומט דעם מענטשן דרויס מיט אַלזייַנע האָרעוואַניע וואָס ער דערהאָרוועט זיך גאָר אונטער דער זון, בשעת שלום עליכם שרייַבט: וואָס קומט אַרויס דעם מענטשן פון זייַן גאַנצן טאַראַראַם, וואָס ער שלאָגט זיך קאָפּ אין דער וואַנט. מען זעט קלאָר, אַז עס גייט אין אַ שטיפערישן עקוויוואַלענט, פּונקט ווי עס גייט זייַן פרייַנד טוביהן דעם מילכיקן. פאַרוויקלטער איז דער ענין „דער פאַרכישופטער שנייַדער" — דאָ שטויסן זיך צוזאַמען צוויי שיטות פון כמו־שכתוב־באַנוץ — דער מחבר אַ תלמיד חכם גייט נאָך איין שיטה, דער גיבור, אַ שטיקל בור־דאורייתא גייט נאָך אַן אַנדער שיטה. דער מחבר, שלום עליכם, האָט די דערציילונג געבויט לויט דער סכעמע פון סידורים, מחזורים, סליחות, ספרי־מוסר, סיפורי־מעשיות מיט אַ צוויי־שפּראַכיקן טעקסט: אויבן לשון־קודש, אונטן עברי־טייַטש. כדי דער לייענער, און בעיקר די לייענערין זאָל זיך אָריענטירן אין ביידע טיילן, הייבט זיך אַ יעדער פּעריאָד אין עברי־טייַטש אונטן אָן מיט די ערשטע ווערטער פון לשון־קודש־טעקסט אויבן

און שלום עליכם מאַכט דעם אָנשטעל, גלייַך עס וואָלט געווען אַ לשון־קודש־טעקסט, און באַטרייַבט אויפֿן סמך פֿון דער פֿיקציע, אַ ליטעראַרישע קאָנווענציע, ווי עס האָבן די יִדיש־שרייַבערס בעיקר אַ. מ. דיק, באַטריבן. און די אָנהייבן פֿון די קאַפּיטלעך גייען: איש היה בזלאַדייעווקע — אַ מענטש איז געווען אין זלאַדייעווקע, אַ שטעטל וואָס ליגט נישט ווייַט פֿון חאַפּלאַפּאָוויטש וכו׳; ויהי לו בנים ובנות — און ער איז געווען אַ מטופּל מיט קינדער פֿון אַלערליי וווּקס וכו; הבוקר אור — עס איז טאָג געוואָרן, האָט זיך דער שנייַדער געפּעדערט כו׳; ותמאן — און זי האָט נישט געוואָלט, די ציג הייסט עס, גיין מיטן שנייַדער קיין זלאַדייעווקע וכו׳; וישא החייט את רגליו — און דער שנייַדער האָט גענומען די פּיס אויף די פּלייצעס און איז אַוועק מיט דער ציג אַ היים, גיך און געשווינד וכו׳; והפּועלים — און די בעלי־מלאכות פֿון דער שטאָט זלאַדייעווקע האָבן זיך צונויפֿגעקליבן אויף אַן אַסיפֿה בייַ האָדל די אַקציזניטשקע וכו׳; כּעת — אַצינד לאָזן מיר איבער דעם פֿאַרכּישופֿטן שנייַדער זיך ראַנגלען מיטן מלאך המות וכו׳. אַזוי איז דער כּמו־שכּתוב־שטייגער פֿונעם מחבר אין זייַן ליטעראַרישער קאָנווענציע, אַנדערש אָבער איז דער כּמו־שכּתוב־שטייגער, וואָס דער מחבר לייגט אַרייַן אין מויל פֿון שמעון עלי — פּונקט ווי ער איז אַנדערש פֿונעם כּמו־שכּתוב־שטייגער וואָס ער לאָזט טוביה דעם מילכיקער פֿונאַנדערלייגן. אָט אַ קליינע דוגמה פֿון שמעון עליס, דעם שנייַדערס, מויל, וועגן שנייַדער־צעך: אונדזער פֿאָלק עמך האָט אין זיך אַ מעלה וואָס איטלעכער האָט ליב כּבוד, און כּבוד איז דאָך, זאָגט איר, לעבער. אַ ליאַדע שוסטער וואָלט אַ בעלן געווען זייַן גבאי ראשון כאָטש איבער אַ פּאָמעניצע. זאָג איך צו זיי: ברידערלעך קטנתי מכּל החסדים — איך דאַרף עס אויף כּפּורת, קלייבט אייַך אויס אַ שוסטער פּאַר אַ גבאי: לא מעוקצך ולא מדוקצך — איך בין אייַך מוחל דעם כּבוד, איך וויל נישט קיין פּעטש! זאָגן זיי: בלאָטע! אַז צעך טוט אָפּ איז פֿאַרפֿאַלן!... זאָג איך: עס קומט אויס ווי אין פּסוק שטייט: שמלך לך קצין תהיה לנו — פּעטש זאָלסטו כאַפּן און גבאי זאָלסטו זייַן... נאָר שאַ, איך האָב מיך אַביסל פֿאַררעדט. און האָב פֿאַרגעסן, אַז איך האָב אויף זיך אַ ציג. עוד היום גדול — דער טאָג שטייט נישט! אַ גוטן טאָג, רב דאָדי, חזק חזק ונתחזק — זייַט מיר געזונט, שטאַרק און מאַכט וואַרעני־קעס. ווידערמאָל האָבן מיר אַ קונציקן טייַטש: דער אויסרוף, זיך צו שטאַרקן, וואָס איז נוהג בייַם פֿאַרענדיקן איינס פֿון די כ״ד ספֿרים, ווערט דאָ איבערגעגעבן דורך אַ וואַריאַנט פֿון פֿאָלקס־וואָרט: געזונט זאָלט איר זייַן און קרעפּלעך זאָלט איר עסן, ווי דער אַנטקעגנשטעל: געזונט —

קרעפּלעך, באַזירט אַפשר אויפן סינאָנים: געזונט — קרעפּקע. און ווי קליין שמעון עליס געבראַכטער פראַגמענט איז, מאַניפּולירט ער מיט אַ זעקס הומאָריסטיש פאַרשפּיצטע כמו־שכתוב־באַנוצן — אַ טייל פון פּאָפּולאַרן פאָלקס־שטייגער ווי, למשל, דער טאָפּלשפּיל מיטן וואָרט כבוד — האָנער, כּבד — לעבער; דער פאַרבײַט פון גמרא־ווערטל: לא מדובשך ולא מעוקצך, וואָס איז אַ זאָג צו דער בין: נישט פון דײַן האָניק און נישט פון דײַן ביס, אויף אַ מכּלומרשט געגראַמטן זאָג: לא מעוקצך ולא מדוקצך; דאָס כאַראַקטע־ריסטישע דערבײַ דער אַסאָציאַטיווער אונטערקלאַנג: דער שנײַדערשער צעך — עוקצעך — דוקצעך; דער פּסוק אין ישעיהו, וואָס רעדט וועגן דער אַנאַרכיע אין ירושלים, ווו מען וויל אײנעם אויפצווינגען צו זײַן אַ קצין, וואָס דער טײַטש האָט דערפאַר: האַר, אייבערשטער און יהוֹאָש האָט דערפאַר פירער, און דאָס איצטיקע עברית גאָר: אַפּיצירער, אָבער בײַ אונדזער שמעון עלי מיינט קצין, ווי ער איז אָנגעגאַנגען אין דער אַשכּנזישער קהילה, — אַ גביר, וואָס איז ממילא אַן עסקן און איז אויך אידענטיש מיט גבאי, און נישט אומזיסט האָט אַ דײַטש, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט ייִדיסטיק, געפּרוווט צייכענען אַ מאַפּע — ווו עס איז אָנגעגאַנגען דער טיטל קצין און ווו דער טיטל גבאי. וואָס שייך דעם ענין עוד היום גדול גייט ער דאָך פון יעקב אבינוס זאָג צו רחל בשעת דער ערשטער באַגעגעניש זײַנער בײַם ברונעם, און ער איז עפּעס ברייטער אַרײַן אין פאָלקסמויל: דער טאָג איז נאָך גרויס, דאָס יאָר איז נאָך גרויס, אָבער שמעון עלי באַנוצט עס מנהג־הומאָר, מיט אַ היפּוכדיקער כּוונה: דער טאָג שטייט נישט, די זון שטייט נישט. אויף דעם היפּוכדיקן באַנוץ איז טאַקע אַ שטיק מאַדים אונדזער ר׳ טוביה, וואָס באַגעגנט זיך, אין אונדזער פראַגמענט מיט אַ קלייניקייט — מיט שמעון עלי — בײדע פאַררופן זיך אויף יעקב אבינוס קטונתי, דער מילכיקער חזרט עס איבער דרײַ מאָל אין זײַן בריוו צו שלום עליכם: 1) „קטונתי — באַדאַרף איך אײַך זאָגן מיטן לשון, וואָס יעקב אבינו האָט געזאָגט אין דער סדרה וישלח, בשעת ער האָט זיך געלאָזט גײן קעגן עשׂון, להבדיל״; 2) „איך ווייס ניט מיט וואָס איך האָב בײַ אײַך אַזוי נושׂא חן געווען, איר זאָלט אײַך אָפּגעבן מיט אַזאַ קליין מענטשל, ווי איך, מיר שרײַבן בריוולעך גאָר, און לא כל שכּן אַרויסשטעלן מײַן נאָמען אין אַ בוך, מאַכן פון מיר אַ גאַנצן שלוש סעודות, גלײַך ווי איך וואָלט דאָ געווען מי יודע ווער, — מעג איך דאָך אַוודאי זאָגן קטונתי; 3) „און אײַך פאַר אײַער טרחה וואָס איר זענט זיך מטריח פון מײַנעטוועגן, און פאַר דעם כּבוד וואָס איר טוט מיר אָן דורך אײַער ביכל, זאָג איך אײַך נאָכאַמאָל

קטונתי! פאַר וואָס קומט מיר אַזאַ שטרײַמל, אַז אַ וועלט מיט מענטשן זאָלן פלוצעם געוואָר ווערן, אַז אויף יענעם זײַט בויבעריק געפינט זיך אַ ייִד וואָס הייסט טוביה דער מילכיקער?״. אגב, די ווערטער: איר זענט אײַך מטריח פון מײַנעטוועגן, דערמאָנען אין יעקב אבינוס רייד אין ואני בבואי מפדן וכו׳. אויך דער שנײַדער, ווי מיר האָבן געהערט, באַנוצט זיך מיט דעם פסוק, אָבער מיט אַ היפּכדיקן טײַטש: „קטונתי מכל החסדים — איך דאַרף אײַך אויף כּפּרות, קלויבט אײַך אויס אַ שוסטער פאַר אַ גבאי, לא מעקצך ולא מדוקצך — איך בין אײַך מוחל דעם כבוד, איך וויל נישט קיין פעטש!״. גענוג צוזאַמענצושטעלן די ביידע זאָגן, כּדי צו כאַפּן, אַז אויב דער מילכיקער שטרײַכט אונטער דאָס וואָרט קטונתי, און דערפאַר טאַקע ברענגט ער בלויז דאָס וואָרט פונעם פסוק, שטרײַכט דער שנײַדער אונטער דאָס וואָרט חסדים, און אַזוי ווי עס זענען נישט קיין חסדים פון ברוך הוא, נאָר חסדים פון בשׂר ודם, באַנוצט איר, בעצם, דעם פסוק אין זינען פון כלל־זאָג: מוחל טובות.

ו

דער דריטער טעות, וואָס איז אפשר דער פּאָפּולאַרסטער: טוביהס כמו־שכתוב־מאַניפּולאַציע ווי אַ טיפּישער רעפּרעזענטאַנט פונעם בור־דאורתייא, פון גראָבן יונג, וואָס שיט מיט פסוקים און פאַרשטייט נישט מאי־דקאָמרי־רביצין, און פאַרדינט, העכסטנס, דעם מיטיגירנדיקן אָפּשאַץ: נישט קיין איבעריק גרויסער תּלמיד־חכם און נישט קיין איבעריק קליינער עם־הארץ. און דאָס איז גרײַלעך אַ בפירושע עוולה, וואָס מען טוט אָן טוביהן — ער גופא האָט נישט קיין איבערגעטריבענע מיינונג וועגן זיך. שרײַבט ער דאָך אין דעם דערמאָנטן בריוול צו שלום עליכם: „איך בין אַ פּשוטער חי וקים, א י ר ווייסט אַוודאי מער פון מיר — וואָס איז דאָ דאָ וואָס צו רעדן? אין אַ דאָרף מ׳שטיינס געזאָגט, מע ווערט פאַרגרעבט, ווער האָט צײַט אַרײַנצוקוקן אין אַ ספר, צי אָפּלערנען אַ פרשה חומש מיט רש״י, צי וואָס?״. משמע, ווען ער וואָלט געהאַט אַ סביבה און צײַט, וואָלט ער געקאָנט אַרײַנ־קוקן אין אַ ספר, וואָלט ער געקאָנט אַ פרשה חומש מיט רש״י, און לסוף די קשיא: צ י ו ו אָ ס, מיינט אויך אַ סך מער, אפשר משניות, אפשר גמרא. על כל פנים איז ער נישט, חס ושלום, פון דעם סאָרט, וואָס דאָס ווערטל זאָגט וועגן אים, און ווען גאָט וויל שטראָפן אַן עם־האָרץ לייגט ער אים אַרײַן אַ לשון־קודש וואָרט אין מויל אַרײַן, און ער צעקאַליטשעט עס, אַזוי אַז עס קומט בײַ אים אויס פאַרקריפּלט פון סאָרט זאָג: ברוך אתה

השם, שמעון ומיטוואָך לצדיקים. געגוג דורכקאָנטראָלירן זײַנע פּסוקים און מימרות, כּדי צו זען, אַז ער ברענגט זײ כּהלכה, וואָס שייך ווײַטער די טײַטשן, גייט דאָ אָן אַ רײַכע און פאַרוויקלטע טײַטש־פּאָליטיק, ווי עס פּירט זיך די הומאָר־סטראַטעגיע. און אויף די תּורות לאָזט זיך זאָגן: תּורה היא ולימוד היא צריכה. און ווען מיר זאָלן זיך ווען אָפּשטעלן אויף אַלע אירע סוגיות, וואָלטן מיר באַדאַרפט דאָ צו קנעלן ביז שבת הגדול, פּונקט ווי איך האָב טאַקע געקנעלט אַ גאַנץ גייענדיק לערן־יאָר, אין אַ באַזונדערן קורס וועגן טוביהס תּורות, אין ירושלימער אוניווערסיטעט, און איך האָף די לעקציעס אַרויסצוגעבן אין אַ באַזונדער בוך.

כּדי עפּעס דערפון טועם צו זײַן, וויל איך אַרויסהייבן סײַ די הנחה, וואָס איך האָב שוין עטלעכע מאָל געבראַכט אין נאָמען פון ר׳ יהודה לייב אַבידע (זלאַטניק, עלזעט): ווען אַ פּשוטער ייִד וואָלט געוווּסט די מקורות און מקורי מקורות פון זײַנע לשון־קודש באַנוצן, וואָלט ער געקאָנט און געמעגט זײַן מורה־הוראה אין אַ וואַזשנער קהילה. און איצט וועל איך בלויז צוגעבן, אַז ווען איך האָב אים געפרעגט, פון וואַנעט האָט ער דאָס, האָט ער מיר געענטפערט: בעיקר פונעם לעבן, אָבער אויך פון דער ליטעראַטור, אַפילו פון טביה דעם מילכיקן. מעגלעך אַז אויך דער זאָג האָט מיר אָנגערעגט צו מײַן שטודיע וואָס האָט געפירט צום דערמאָנטן לעקציעס־קורס, אָבער מײַן מסקנה איז אַן אַנדערע — איך זאָג נישט: אַפילו פון טביה דעם מילכיקן, איך זאָג: דווקא פון טביה דעם מילכיקן, וואָס ווייסט דעם פּירוש המילות כּפשוטו, באַנוצט זיך אָבער מיט אַ פּירוש המילות כּדרושו, און דאָס איז אַ ספּעציאַלער און ספּעציפישער מדרש, — דעם כּמו־שכּתוב אין קינסטלערישן ספּעקטרום פון הומאָר, שפּילערײַ, שטיפערײַ, און האָט זײַנע וואָרצלען אין פאָלקס־מויל, אַזוי אַז עס איז נישט פאַראַן קיין שום ניואַנס, וואָס איז נישט פאַראַנקערט אין פאָלקס־הומאָר.

כּדי צו באַשטימען די ספּעציאַלקייט און ספּעציפישקייט פון טביהן, דאַרף מען אַנטקעגן שטעלן אַנדערע פאַרשוינען, וואָס שלום עליכם לאָזט זיי מאַניפּולירן מיט פּסוקים, און מיר וועלן אַרויסהייבן צוויי טיפּן.

ז

דער ערשטער טיפּ איז אַ ייִד, וואָס איז, אָדער שפּילט, אַ פּיקח און אַ חריף, וואָס דאָס חריפות זײַנס דערווײַטערט אים פון טביהס דרך־ארץ

פאַרן עצם פסוק און זײַן אויטענטישקייט, אַזוי אַז ער פירט איבער די הומאָריסטישע פרײַקייט לגבי דעם טײַטש אויך אויפן מקור. אַזוי הערן מיר, אַ שטייגער, אין מאַנאַלאָג פון אַ „אַ נשׂרף": „מאָלט אײַך איך האָב אָפּגעזוכט אַן אַנדער אָרט צו סטראַכירן. המבלי אין פגרים במצרים — וואָס איז די טײַטש: קאָרג אָבשטעשעסטוועס פאַראַן בײַ אונדז". נו, דער פסוק גופא גייט: המבלי אין קברים במצרים, זענען די קברים מגולגל געוואָרן אין פגרים, וואָס איז נאָענט צום גראַם, און נישט ווײַט פון באַטײַט, אָבער די שייכות צווישן פסוק און טײַטש איז אַ מינימאַלע, פאָרמעל בלויז צווי ווערטער אין פסוק (המבלי אין) און איין וואָרט אין טײַטש (קאָרג) אָבער דווקא דאָס מינימום באַשטימט די שאלה, וואָס די בני ישראל האָבן געפרעגט משהן בשעת יציאת מצרים, ווי אַ קלאַסישע שאלה פאַר כלערליי טיפּישע סיטואַציעס. נאָך עפּעס, אַסאָציאַטיוו האָט אונדז שוין דער בעל המאַנאַלאָג צוגעגרייט צו יציאת מצרים, זאָגט ער דאָך עפּעס פריִער: „כל דכפין ייתי ויצרך — וואָס איז די טײַטש: ווער עס וויל, זאָל ער מיר נאָכפאָרן און זאָלן זיי מיך לאָדן צום ונתנה תוקף און אַ רוח אין זייער טאַטן און גאָרניט". אויך דאָ פאַרבינדט אַ מינימום צווישן טעקסט און טײַטש: כל — — ייתי = ווער עס וויל — זאָל, איז אַ קלאַסישער אָנזאָג פאַר כלערליי טיפּישע סיטואַציעס. אָבער ווי מיר זעען האָט ער אים משנה געווען, דען אין דער הגדה הייסט עס: כל דכפין ייתי ויאכל, כל דצריך ייתי ויפסח, און דאָ הייסט עס: כל דכפין ייתי ויצרך, און ווער עס וועט פרעגן, ווי אַרום איז דער ייִד געקומען דערצו, זאָל ער זיך בלויז מיט זיבן שורות צוריקציִען, וועט ער הערן: „וואָס זאָל איך טון: פשוט, זאָגט ער, נבלה ואַל תצטרך, וואָס די טײַטש, אַ קניפּ אין באָק די פאַרב זאָל שטיין". אין פלוג דוכט זיך אַז דאָ פעלט אַפילו דער מיני־מאַלסטער חיבור צווישן טעקסט און טײַטש, אָבער באמת האָבן מיר צו טאָן מיט אַ פאָכאָפּנע סאָרט, ווו נישט בלויז ווערטער ווערן פאַרשלונגען ווי מיר האָבן פריִער געזען און זעען אויך איצט, דען דער גאַנצער מאמר גייט: פשוט נבלה בשוק ואל תצטרך לבריות, און דאָ האָבן מיר בלויז: פשוט נבלה ואל תצטרך (אגב, אין דער גמרא איז אַזאַ מאמר נישטאָ אויף לשון קודש, בלויז ארמית, און אַנדערש, און אָן דעם סוף) נאָר עס איז אויך פאַרשלונגען דער צווישן־געדאַנק, אַז מען דאַרף זיך נישט שעמען, אָדער לפּחות מאַכן דעם אָנשטעל, ווי עס האָט דאָס ווערטל וואָס האָט אַנדערע נוסחאות, ווי אַ שטייגער, בײַ בערנשטיין: מען קנייפּט די באַקן אַבי די פאַרב זאָל שטיין; קנײַפּ דיר די באַק און שטעל די פאַרב פאַר לײַטן.

ענלעך האָבן מיר אין „נחת פֿון קינדער״, ווו דער מאָנאָלאָגיסט רעדט וועגן זײַן שלימזלדיקן אײדעם, וואָס קאָן „שרײַבן און לייענען און חשבונען און זינגען און טאַנצן, און וואָס ניט? הײַנט שפּילט ער אין שאַך, אַז מען שמועסט ער יכולט! פֿון דעסטוועגן, הערט, אַז ס׳איז נישט באַשערט, ווי זאָגט שלמה המלך: לא לחכמים לחם — אַלע קענערס גייען אָן שטיוול״. חכמים־קענערס איז נישט קרום, בפֿרט אַז מיר זענען שוין דורכן זאָג ער יכולט צוגעגרייט צו קאָנען און קענען, אָבער צווישן לחם און שטיוול ליגט אַ פֿאַרהוילן פֿאַרבינד־בריקל, נישט בלויז דער המשך אין קהלת: וגם לא לנבונים עושר, און צו די פֿאַרשטאַנדיקע איז נישט קיין רײַכקייט, גאָר אויך דאָס שכנות; צי אין דער תּפֿילה, לחם לאכול ובגד ללבוש. און אַזוי האָט טאַקע אַן אַלט ווערטל: אַלע שוסטערס גייען באָרוועס, אַרויסגעבוירן, אַ נײַ ווערטל: אַלע קענערס גייען אָן שטיוול.

ח

דער אַנדערער טיפּ איז אַ ייִד, וואָס שטעלט צוזאַמען אַ לשון־קודש־פּסוק, וואָס זײַן טײַטש איז גאָר אַ גוייִש ווערטל, ווי מיר האָבן עס אין דער מעשׂה פֿון אַ וואָיאַזשאָר וואָס קלויבט צוזאַמען פֿאַר אַ ייִדענע וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן היזק: „גיט ייִדישע קינדער וויפֿל איר קענט, אחד המרבה ואחד הממעט, מאַכט רש״י דאַראָוואַנאָמע קאָניו וו׳ זובע ניע סמאָטריאַט״. דער עוקץ באַשטייט דערינען, וואָס רש״י, נישט בלויז ער פֿאַרבײַט כּביכול זײַן פּראָוואַנסאַליש אויף סלאַוויש און ברענגט אַ גוייִש ווערטל, וואָס איז פֿאַראַן אויך ייִדיש, און דײַטשיש גייט עס אַפֿילו געגראַמט: Einem geschenkten Gaul sieht man nicht ins Maul און אַבֿרהם שלאָנסקי האָט אויסגעפֿונען אַ שטיפֿערישן עקוויוואַלענט: שטאָט דעם חז״ל־וואָרט: אסיאַ דמגן — מגן שויא, משמע: אַן אומזיסטיקער רופֿא איז ווערט אומזיסט; האָט ער קאָנסטרויִרט: סוסיא דמגן — מגן שויאַ. אָבער צוריק צו אונדזער וואָיאַזשאָרס זאָג, וואָס פֿאַרמאָגט פֿאָרט אַ שייכות צווישן דער געשענקטער נדבה און געשענקטן פֿערד, פּונקט ווי ער האָט זי אין אַן אַנדערן זאָג — נאָך דעם ווי דער עולם נעמט שיטן מטבעות, אָבער איינער אָן אינטיליגענט, וויל, מחמת פּרינציפּ, נישט געבן, זאָגט דער וואָיאַזשאָר, אַז ער האָט עס פֿריִער געוווּסט, ווײַל „מע זעט נאָך די באַקן ווי די ציינער קנאַקן״ מאַכט רש״י ווידנאָ פּאַנאַ פּאָ כאָליאַווע״, משמע, מע דערקענט דעם פּריץ לויט דער כאָליעווע. אין פֿלוג ווײַזט זיך דער דרך אויס משונה און נישט ווײַל רש״י דאַרף דאָ

א יידיש ווערטל פאַרטײַטשן אויף אַ גויִיש ווערטל וואָס גייט טאַקע אין דעם גויִישן נוסח אָן אין יידיש, נאָר ווײַל, דער באַריר־פּונקט ווײַזט זיך אויס צו לויז, און באַשטייט בלויז אויף איין וואָרט: מ׳זעט — ווידנאָ, בשעת די שייכות צווישן באָקן און כאַליעוועס ווײַזט זיך אויס ווײַט, כיבא מען מיינט דאָ און דאָ די הויט, און אויב אַזוי באַשטייט דאָס בשותּפות־דיקע אין געדאַנק: פונעם דרויסנדיקן לאָזט זיך אָפּלערנען דאָס אינעווייניקסטע.

די צוויי טיפּן פאַרמאָגן אַ יעדער זײַן נוסח, קלאָרער געזאָגט: זײַן שאַבלאָן, און גייט נישט אַרויס פון זײַן רעם, און דאָ איז דער גרויסער חילוק לגבי טביה, וואָס ווייסט אויך פון די דרכים, אָבער זיי זענען בײַ אים בלויז איינצלנע פּליטערלעך אין זײַן קאַליידאָסקאָפּ, און ער איז געלעגנטלעך אַ בעלן אויף זיי. אָט קלייבט זיך טביה צו פאָרן קיין ארץ־ישׂראל און באַגעגנט זיך מיט שלום עליכם: „נו דאַנקען השם יתברך, וואָס מען זעט זיך געזונט, ווי שטייט דאָרט אין פּסוק: טורא בטורא — אַ מענטש מיט אַ מענטשן... איר קוקט מיך אָן, פּאַני, גלײַך ווי איר וואָלט מיך נישט דערקענט. דאָס בין איך אײַער אַלטער גוטער פרײַנד טביה. אַל תּסתּכּל בקנקן — קוקט נישט וואָס אַ ייד גייט אין אַ נײַער קאַפּאָטע. דאָס איז דער אייגענער שלימזל טביה, וואָס אַמאָל, נישט געמינערט אַ האָר, נישמער, מען טוט זיך אָן שבתדיק, זעט מען אויס אַביסל דאַסיקער, מעשׂה נגיד״. מיר האָבן דאָ סײַ ווי אַ קיצור סתּם, סײַ אַ קיצור מיט אָן איבערהיפּער. אַ קיצור סתּם, דען דער מאמר, וואָס שטייט נישט אין קיין שום פּסוק און איז אַ מין וועלט־גמרא, און גייט גרונטיק פון אַלט־גרעקישן, טורא בטורא לא פּגע, אינש באינש פּגע, משמע: אַ באַרג מיט אַ באַרג באַגעגנט זיך נישט, אַ מענטש באַגעגנט זיך מיט אַ מענטשן, און גייט דאָ ווי אויפן ווינק: טורא בטורא — אַ מענטש מיט אַ מענטשן, אַ קיצור מיט אָן איבערהיפּער: אַל תּסתּכּל בקנקן — קוקט נישט וואָס אַ ייד גייט אין אַ נײַער קאַפּאָטע; די קשיא ווי אַרום קנקן, וואָס מיינט אַ קריגל, האָט געקראָגן דעם טײַטש קאַפּאָטע, נעמט זיך פונעם זינען פון גאַנצן מאמר: אַל תּסתּכּל בקנקן אלא במה שיש בו, טײַטש: קוק נישט אין קריגל נאָר אין דעם וואָס איז דאָ דאַרינען, אין זיין גענעראַליזאַציע מיינט עס: קוק נישט אויפן דרויסנדיקן, קוק אויפן אינעווייניקסטן, און אַ מלבוש איז פּאָרט אַ דרויסנדיקער ענין, און אַזוי פאַרשטייען מיר דעם ענין פון דער נײַער קאַפּאָטע אויפן אַלטן טביה. און דער ענין, אַלט און נײַ, געהערן דאָך בפירוש צו יענעם מאמר, דער המשך גייט דאָך: יש קנקן חדש מלא ישן וישן שאפילו חדש אין בו,

פאַראַן אַ נײַ קריגל וואָס איז פול מיט אַלטן און אַן אַלט קריגל וואָס איז אַפילו קיין נײַס דערינען.

ט

און דערלויבט מיר צו פאַרענדיקן מיט אַ קלייניקייט, וואָס איז אַ גרויסיקייט, מיטן סאַמע אָנהייב, מיט דער ערשטער תורה פון טביה — אין סאַמע אָנהייב פון ערשטן מאָנאָלאָג: „אַז ס׳איז באַשערט דער גרויסער געווינס, הערט איר, פּאַני שלום עליכם, קומט דאָס גלײַך אין שטוב אַרײַן, ווי זאָגט איר: למנצח על הגתית — אַז סע גייט לויפט עס״. דוכט זיך אַז צווישן טעקסט און טײַטש איז נישט פאַראַן אַפילו די מינימאַלסטע שײַכות, און עס קומט אויס, אַז שלום עליכם האָט זײַן טביה אויפן ערשטן כמו־שכתוב אַרויסטריט, געלאָזט זאָגן אַן אומזין. און באמת וואָס האָט: למנצח על הגתית, וואָס איז דער טיטל פון דרײַ קאַפּיטלעך תהלים, צו טאָן מיט גיין און לויפן. אָבער באמת איז דאָ אַ קלאַנגלעך שייכות: אל הגתית — גייט עס — איז אַ פײַנע אָנצוהערעניש אויף טביהס ייִדיש, וואָס פאַרחיריקט דעם צירה, און זאָגט נישט, ווי אין ליטע es geit און נישט ווי אין פוילן es gajt נאָר es git און וואָס איז שענער ווי אָנהייבן מיט אַ פאַרבויג פאַר זײַן אייגענעם מאַמע לשון.

פרק ב׳:

צווישן הומאָר און אוטאָפּיע

קאַפּיטל איינס:

הומאָר

אמר המחבר: דער מאמר, וואָס איך ברענג איצט, איז, בעצם, אַ לעקציע, וואָס איך האָב געהאַלטן פאַר אַן עולם ייִדן אין פּאַריז, און וואָס איך האָב אים אָנגעהויבן מיט אַ דאַנק מיינע צוויי ליבע פריַינט, וועלכע האָבן מיך באַגריסט, ר׳ ישראל נייגעבאָרן און ר׳ משה וואַלדמאַן, און מיט אַ קליינעם, אָבער נייטיקן, תיקון־טעות. דער נאָמען און ענין פון מײַן לעקציע איז געווען: שלום עליכם צווישן הומאָר און אוטאָפּיע, בשעת אין די פּרעסע־מודעות און פאַרבעט־צעטלען האָט עס געהייסן: מנחם מענדל אין דער ישראלדיקער רעאַליטעט, און עס איז, דוכט זיך אַ נפקאַ־מינה צווישן די צוויי טיטלען, און דער עיקר חילוק באַשטייט דערינען, וואָס דער צווייטער טיטל איז לגבי דעם ערשטן טיטל, ווי אַ פּרט לגבי אַ כלל. כדי אויפצוקלערן, ווי אַרום איך האָב מיך דערוועגט אַנידערצושטעלן שלום עליכם צווישן הומאָר און אוטאָפּיע, וויל איך דערציילן ווי אַזוי איך בין דערצו געקומען.

א

אַז שלום עליכם באַוועגט זיך צווישן צוויי קאָנטראַרע, סתירותדיקע עלעמענטן, און וואַקלט זיך צומאָל, ווי עס וואַקלען זיך וואָג־שאָלן, און אַנטשיידט זיך, לייגנדיק זײַן עיקר־געוויכט אויף איין שאָל, און לאָזנדיק די אַנדערע שאָל כמעט פאַרשווינדן, איז אַ קיימא־לן בײַ רוב קריטיקער, בעיקר די, וואָס אָפּערירן מיטן קעגן־פּאָרל: סאַטירע און הומאָר, און לאָזן שלום עליכמס הומאָר גובר זײַן זײַן סאַטירע, פּונקט ווי זיי לאָזן מענדעלעס סאַטירע גובר זײַן זײַן הומאָר, אַזוי־ווײַט, אַז מען האָט כמעט פאַרגעסן, אַז מענדעלע איז סײַ געווען באַטראַכט געוואָרן ווי אַ הומאָ־ריסט, און איך וועל איצט, ברשותכם, דערמאָנען צוויי, אין זייער צײַט־אויטאָריטאַטיווע עדות. ערשטנס, יואל ענטין — אין זײַן ביכל „די זײַלן פון דער נײַער אידישער ליטעראַטור, נײַן לעקציעס וועגן מענדעלע מוכר ספרים, שלום עליכם און י. ל. פּרץ“ (ניו־יאָרק, 1923), רעדט ער אַפילו פון עטלעכע סאָרטן הומאָר בײַ מענדעלע און שיידט אָפּ עטלעכע מדרגות

זייַנע, דערונטער וואָס ער האָלט פּאַר מענדעלעס העכסטן הומאָר, וואָס איז, ווי עכטער און העכסטער הומאָר בכלל, אַ פּאָזע פון פּאָעזיע. צוויטנס, נאָך מיט זיבן יאָר פריער ראובן ברייַנין אין זייַן עסיי וועגן הומאָר און סאַטירע („התורן", 1916), באַצייכנט אַזוי דעם חילוק צווישן מענדעלע און שלום עליכם: „דער ערשטער, וואָס האָט אַרייַנגעפירט הומאָר אין אונדזער ליטעראַטור איז ש"י אַבראַמאָוויטש (מענדעלע מוכר ספרים). זייַן הומאָר איז, ווי אַלע זאַכן, וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן אין בין־השמשות פון אונדזער גלות, אַ געמיש פון כלערליי תחומים, און פאַרמאָגט סיי אַ פאַרמיש פון לשון און סיי אַ פאַרמיש פון גרענעצן. מענדעלעס הומאָר איז אין זיך כולל אויך אַ ביטערע און שאַרפע סאַטירע, אָבער איר ביטערקייט און שאַרפקייט ווערן פאַרזיסט און באַטעמט דורך צימלעכע געווירצן פון דער יידישער פּיקחות. דער דאָזיקער הומאָר פאַרמאָגט נישט יענע רויִקע פרייִלעכקייט, יענע יחסנישע אויפגערוימקייט, וואָס דערוויַיטערט זיך פון גראָבן המון, אָבער דערפאַר שפּירט זיך אין איר אַ לעבנס־גייַסט אין אַ גרויסער מאָס און אויף אַ הויכער מדרגה — אין דעם געלעכטער האָבן מיר דאָס חוזקדיקע בת־קול פון דעם יידן, וואָס האָט זיך פון אַ בן־מלך איבערגעקוליעט אין אַ הונגעריקן הונט, אַ בן־מלך, וואָס פילט און ווייסט, אַז אין זייַן שרעקלעכן עלנט און זייַנע וואָגלענישן טוט ער זאַכן, וואָס דערוועקן געלעכטער און שפּאָט, און ער לאַכט אויך דורך טרערן מיט אַלע וואָס שפּעטן פון אים".

ב

עד־כאן דער ערשטער ציטאַט פון ראובן ברייַנין, וואָס דערמאָנט נישט, אַז דעם ענין בן־מלך, וואָס ווערט מגולגל אין אַ הונט, האָט ער פון הייַנריך הייַנע, און פון אים האָבן עס איבערגענומען סיי מענדעלע אין „די קליאַטשע", סיי מרדכי דוד בראַנדשטעטער אין זייַנס אַ נאָוועלע, און אַנדערע, וואָס האָבן נישט געפרעגט, צי איז עס טאַקע אַ לעגיטימער פאַר־גלייַך, דהיינו צי האָט באמת אַ טיפּישער ייִד, אין יענער צייַט אַ מתנגד אָדער אַ חסיד, אַ למדן אָדער אַ פּראָסטאַק, זיך געפילט, אַלע ששת ימי המעשה, ווי אַ הונט, און בלויז שבת זיך אומגעקערט צו זייַן אַ בן־מלך. דען דער דאָזיקער ייִד, כאָטש ער האָט זיך טאָג־טעגלעך געקלאָגט אויפן גלות און זייַנע גזירות, האָט ער דאָך, סיי אינדערוואָכן סיי שבת, איבער־געחזרט בייַ שחרית: אשרינו מה טוב חלקנו, ומה נעים גורלנו, ומה יפה ירושתנו, טייַטש: וואויל אונדז, ווי גוט איז אונדזער אַנטייל, און ווי צימלעך

איז אונדזער גורל, און ווי שיין איז אונדזער אַרב. און עס איז, דוכט זיך, שווער צו זאָגן, אַז אַזוינע ווערטער, וואָס מען האָט זיי אויסגערופן בײַם דאַווענען, און אַפילו געזונגען, מיט אַ פריילעכן ניגון, זענען אין ששת ימי המעשׂה געווען אַ קרעכץ פון אַ הונט, און שבת, מיט דער נשמה יתירה, זענען זיי געוואָרן אַן אויפיובלץ פון אַ בן־מלך. וועל איך דעם עצם באַהאַנדל פון הײַנעס משל און זײַנע, נישט איבעריק ערנצטע מקורים, (אויך אין זײַן אייגענער פּאָעזיע), אָפּלייגן אויף אַ באַזונדערן שעת־כּושר, און איצט זיך באַנוגענען מיט אַ פּרעגצייכן לגבי זײַן גילגול אין דער משׂכּילישער, סײַ יידישער סײַ העברעיִשער ליטעראַטור, און באַמערקן, אַז ברײַנין האָט, ווײַזט אויס, אויך עפּעס געספּקט דערוועגן, אָבער אַזוי־ווי ער האָט מסתמא געהאַלטן, מי לנו גדול כּהײַנע, האָט ער זיך געטשעפּעט צו אַ קלענערן פון אים, און האָט אַזוי געזאָגט: „צום הומאָר פון מענדעלע האָט זיך נישט דערהויבן דער דערציילער ישׂראל זאַנגוויל, אַפילו אין „קיניג פון די שנאָ־רערס". דער הומאָר פון זאַנגוויל שטראָמט נישט אַרויס פון עצם לעבן אונדזערן, נאָר איז גענומען פון זײַן זכרון, פון שמועס פון אַלטע לײַט, פון סיפורי־מעשׂיות און ספרי הלכה. זאַנגוויל האָט אין זײַנע קינדערישע יאָרן, געהערט הלצות און חידודים פון געטאָ־יידן און פון ביכער האָט ער, אין זײַן פּעקל אַרײַן, געזאַמלט שפּיציקע שפּאַסן, וואָס גייען אַן אין דער יידישער גאַס, און האָט זיי, ווי זיי שטייען און גייען, אַרײַנגענומען, ווי פעפערלעך, אין זײַנע דערציילונגען און סקיצעס. דער דערציילער אין זאַנגוויל גייט זיך באַזונדערס, און דער לץ און בעל־הומאָר אין אים גייט זיך באַזונדערס. נישט אַזוי האַלט מענדעלע; ער באַנוצט זיך נישט מיט הלצות און חידודים, וואָס זענען גענומען אויף קרעדיט, פון „געזען און געהערט" אין דער יידישער גאַס און מאַרק; זײַן הומאָר שטראָמט אַרויס פון די טיפקייטן פון אונדזער גלותדיקן לעבן. דער ליצנישער דערציילער אין אים איז אַ כעמישער סינטעז. די הלצות און חידודים פון דער גאַס וועט איר נישט געפינען אין זײַנע סיפורי־מעשׂיות, אָבער אַלץ וואָס ער דערציילט, דערציילט ער מיט אַ יידישער אויפגעררוימקייט, מיט אַלע אירע מעלות און חסרונות. זײַנע הלצות זענען הלצות פון עצם לעבן אונדזערן".

ג

עד־כּאן דער צווייטער ציטאַט פון ראובן ברײַנין, וואָס האָט נישט געפילט, ווי־ווײַט ער פירט זײַן רמז אויפן חילוק צווישן מענדעלע, וואָס שרײַבט אין דער היים, פאַר דער היים, אין אַ היימישן לשון, און צווישן

זאַנגוויל, וואָס שרײַבט אויף דער גרענעץ צווישן דער היים און דער פרעמד, פאַר פרעמדע און אָפּגעפרעמדטע, אין אַ פרעמד לשון. און דאָ איז אַ גרויסע ממש אַנטשיידנדיקע נפקא־מינה, וואָס מיר פאַרגעסן זי און מען טאָר זי נישט פאַרגעסן.

און צוריק צו דעם וואָס עס איז, פאַר אונדז איצט, דער עיקר. נאָך דעם ווי מיר האָבן, פון ברייַנינען, געהערט, וואָס און ווי־אַזוי עס איז מענדעלעס הומאָר, וועלן מיר פון אים הערן, וואָס און ווי־אַזוי איז שלום־עליכמס הומאָר. „שלום־עליכם — פירט ער אויס — איז געווען דער ערשטער, וואָס, דורך אים, האָט זיך אַנטפּלעקט דער יידישער הומאָר אין אַלע זייַנע מעלות און יתרונות. דער מקור פון שלום עליכמס הומאָר איז ריין, ווי אַ קלאָרער קוואַל, אָן אַ שום פרעמדן צומיש, און ער קוואַלט אַרויס פון דעם עצם גלותדיקן לעבן אונדזערן. ער איז קרישטאָל־קלאָר און דורכזעעוודיק, און האָט נישט קיין שפּרענקעלע בלאָטע און גאַסן־קויט. שלום עליכמס הומאָר איז גאָטס גאָב. דער גאָט פון גנאָד און מיט־לייד, דער גאָט וואָס זיצט אין הימל און לאַכט פון דער מענטשלעכער נאַרישקייט. שלום עליכמס הומאָר איז אויך פול חן און פּאָעזיע, יידישע אויפגערוימטקייט און געפילס־אויסגוס. שלום עליכם פאַרמאָגט אַ קלאָר אויג און אָן אָפן אויער, און ער גרימט און ביטערט קיינמאָל נישט אויף עמעצן. דאַריבער איז זייַן הומאָר אָנגענעם און לייַכט, ווי די זון־שטראַלן און די וועסנע־ריחות, גוט צו גאָט און צו לייַט. שלום עליכם איז אַ גוטער און גוטינקער פעטער פון קליינוואַרג און אַ גוטער און גוטינקער ברודער פון גרויסוואַרג. ער איז אַ טייַערער אין יעדער יידישער שטוב. שלום עליכמס גאַסט, ווי אליהו הנביא פון דער הגדה, הומאָר איז אַ לוסטיקע שאַפונג פון אַ לעבנס־פילאָזאָף, פון אַ לעבנס־פּאָעט. שלום עליכם האָט קיינמאָל נישט געלאַכט מחמת אַ באַזונדערער ליטעראַרישער כוונה, נאָר מחמת אַן אינעווייניקסטער נויטווענדיקייט. דאָס לעבן איז זייַן נאַטור, און אַנדערש קאָן ער נישט".

ד

עד־כאן דער לעצטער ציטאַט פון ראובן ברייַנין, וואָס איך האָב מיך באַמיט אים סטריקט צו פאַריידישן, און אַז מען פאַרגלייַכט זייַנע ביידע כאַראַקטעריסטיקעס, — פון מענדעלע און פון שלום עליכם — ווערט בולט אַ שטאַרקער חילוק. אין דער ערשטער כאַראַקטעריסטיקע, וועגן מענדעלע, האָבן מיר אַ קילן אַנאַליז, וואָס בעט זיך פאַרגליכן צו ווערן, און מיר האָבן

טאָקע דעם פֿאַרבאַהאַלטענעם פֿאַרגלײַך מיט הײַנע, און דעם אָפֿענעם פֿאַר־גלײַך מיט זאַנגוויל; אין דער אַנדערער כאַראַקטעריסטיקע, וועגן שלום־עליכם, האָבן מיר אַ וואַרעמען כּמעט הייסן, שיר־ושבֿחה, וואָס דאַרף נישט קיין פֿאַרגלײַכן, ווי עס דאַרף עס נישט דאָס אומפֿאַרגלײַכלעכע, און ווען מען כאַפּט זיך נאָך, אַז אין אַרויסזאָג וועגן מענדעלע ווערט זײַן נאָמען בלויז עטלעכע מאָל דערמאָנט, אָבער אין אַרויסזאָג וועגן שלום־עליכם, הערט זײַן נאָמען נישט אויף דערמאָנט צו ווערן, איז עס נישט בלויז אַ ראיה, אַז דער קריטיקער האָט אַ סך אָפּשיי פֿאַר מענדעלע, אָבער נאָך מער ליבשאַפֿט פֿאַר שלום־עליכם, נײַערט אויך אַ ראיה דערצו, אַ דער עצם קלאַנג פֿון די פֿינעף טראַפֿן: שלום־עליכם איז אַ ווונדערלעכער האַרציקער כּישוף.

אָבער דאָס דרך־אגבֿ — דער צד השווה פֿון די צוויי, הײַנט כּמעט פֿאַרגעסענע קריטיקערס, ענטין און ברײַנין, איז די סבֿרה, אַז מיר האָבן בײַ דיביידע מײַסטערס צו טאָן מיט הומאָר, וואָס די סאַטירע איז אים נישט קיין צד־שכּנגד, נאָר אַ מעגלעכער עלעמענט פֿון אים.

ה

און אויב אַזוי, וועל איך זאָגן ווי דער שׂר־המשקים: את חטאַי אני מזכּיר היום, טײַטש: מײַנע זינד וועל איך דערמאָנען הײַנט — מיט אַ קאַרגע פֿערציק יאָר צוריק, האָב איך, טאָקע אין אַ מאמר וועגן שלום־עליכמס מנחם מענדל (אַרײַן אין מײַן בוך „אבֿני מפֿתּן‟, תשכ״ב, זע בעיקר ז״ז 26—27), זיך אָפּגעשטעלט אויפֿן פּאָרל: הומאָר און סאַטירע ווי צוויי קאָנטראַסטן, און באַזונדערע ליטעראַרישע ספּעציעס. איך האָב דאָרט אָפּ־געפֿרעגט די סבֿרה, אַז די פֿיגור פֿון מנחם מענדל איז אַ נעגאַטיווע, געצײַכנט מיט אַ פּען פֿון אַ סאַטיריקער, און אַז זײַן שרײַבער איז, צווישן די שורות, אַ מוכיח, כּמעט אַ מאָראַליזאַטאָר, בשעת דער אמת איז, אַז די פֿיגור פֿון מנחם מענדל איז אַ פּאָזיטיווע, געצייכנט מיט דער פֿעדער פֿון אַ הומאָריסט, און דאָ האָב איך געפּרוווט עפּעס זאָגן וועגן דעם קאָנ־טראַרן פּאָרל, באַטאָנט די, ביז באַנאַליטעט, איבערגעחזרטע סבֿרה, אַז די סאַטירע, וואָס פֿאַרלאַכט און פֿאַרשפּאָט אַ ווערקלעכקייט מחמת אירע חסרונות, און אַ געשטאַלט, מחמת זיינע פֿעלערן, גלייבט אין דער מעג־לעכקייט פֿון אַן אַנדערער געהויבענער און פֿולקומענער, ווערקלעכקייט, און פֿון אַן אַנדערער, געהויבענער און פֿולקומענער, געשטאַלט, און, אין נאָמען פֿון אַ פֿאַרבאַרגענעם אידעאַל, שמײַסט זי אומברחמנותדיק דאָס אומגעלומפּערטע, פֿעלערדיקע, כּל־מומריקע [= כּל מום רע], בשעת דער

הומאָר איז מלכתחילה מוותר אויף אַ געהיימען מעסטער פון דער געוווינ־טשענער ווערקלעכקייט און פון דער געוווּנטשענער געשטאַלט, דען ער, דער הומאָר, דערגרייכט טיפער, ווי ס׳דערגרייכט און איז מסוגל צו דער־גרייכן די סאַטירע. דען זי, די סאַטירע, פאַרשפּילט זיך אין אַן אילוזיע, און ז׳איז מלא כּעס: גיט מיר אַן אַנדערע ווערקלעכקייט, אַן אַנדערן מענטשן, און תּיכּף שטעלט זיך צווישן זיי אײַן אַן ערנצטע האַרמאָניע; בשעת ער, דער הומאָר, פאַרשפּילט זיך נישט אין אילוזיע, און זאָגט: ס׳זענען מיר געגעבן אַ ווערקלעכקייט, אַ מענטש, וואָס וועלן נישט ווערן אַנדערש, קאָנען נישט ווערן אַנדערש; און וואָס איך, דער הומאָר, קאָן טאָן און דאַרף טאָן, איז באַטרײַבן אַ שמייכלדיקע איראָניע וואָס וויגט זיך צווישן זיי, זאָל זי זיך טאַקע ווײַטער און נאָך שמייכלענדיקער וויגן. דערפאַר איז דער טרויער פון הומאָר אַ סך טיפער און גרונטיקער, אָבער אויך זײַן גלויבן איז אַ סך גרעסער און פאַראַנקערטער. און פאַרוואָר, פישקע דער קרומער, — מיינט זײַן באַשאַפער — וועט אין אַן אַנדערער ווערקלעכקײַט אויפהערן זײַן פישקע; אויף וויפל זי, די ווערקלעכקייט, וועט זײַן בעסער, וועט ער, פישקע, זײַן בעסער, נענטער צו זײַן באַשאַפערס פאַרבאַרגענעם אידעאַל; מנחם מענדל — מיינט זײַן באַשאַפער — וועט אין אַ יעדער ווערקלעכקייט בלײַבן מנחם מענדל, ער קאָן אָננעמען כּלערליי גלגולים און פּרצופים, אָבער די שפּאַנונג צווישן בײדע, צווישן אים און דער ווערקלעכקייט וועט אײביק בלײַבן, דען זי, די שפּאַנונג צווישן זיי וועט תּמיד בלײַבן, ווײַל די דאָזיקע שפּאַנונג איז דאָס זאַלץ פון מענטשלעכן לעבן און זײַן באַשטאַנד.

ו

יאָ, אַזוי, בערך, האָב איך געדאַנקלט, נאָכגייענדיק פרידריך העבעל, דעם דראַמאַטיקער און טראַגיקער אין זײַן אונטערשייד צווישן הומאָר און סאַטירע, מיט אַ קרוב פערציק יאָר צוריק, ווען מען האָט, בײַ אונדז אין לאַנד, געשטעלט אַ דראַמאַטיזאַציע פון „מנחם מענדל בעל־החלומות״, און די סתּירות פון דער קריטיק האָבן מיך אָנגערעגט זיך אָפּצורופן. מיט נײַנצן יאָר שפּעטער האָב איך מיך דערצו אַ קאַפּ אומגעקערט — ווען אונדזער דעמלטיקער שׂר־החינוך, זלמן ארן עליו השלום, האָט פּראָקלאַמירט שלום עליכמס הונדערטיאָריקן געבוירן־טאָג, ווי אַ מלוכה־פײַער, האָט ער געזאָגט, אַז שלום עליכמס עיקר פאַרשווינען זענען געקומען אין אונדזער לאַנד אַרײַן און האָבן דאָ געקריגן אַ תּיקון — מנחם מענדל

איז געוואָרן אַ קאָלאָניזאַטאָר; טוביה דער מילכיקער איז געוואָרן אַ בהמה־שטאָל־מײַסטער; און מאָטל פּייסי דעם חזנס איז אַ יונג מיט בײַנער אין גדנ״ע און צה״ל. האָב איך מיך דערויף אָפּגערופן (זע אין מײַן בוך „אבני מפתן״ באַנד 1, בעיקר ז״ז 43—44) און געזאָגט, אַז אויב אַזוי, הייסט עס, אַז ווען שלום עליכם וואָלט געלעבט אין אונדזערע טעג, וואָלט ער געבליבן אָן אַ שטאָך אַרבעט; און דאָס ווײַזט זיך מיר אויס אַ טעות. זעען מיר דאָך פעלקער, וואָס זענען נישט געווען אין גלות, און האָבן געהאַט גרויסע הומאָריסטן, און זייער הומאָר איז געווען באַשעפטיקט ביז איבערן קאָפּ — סײַ דער ענגליש־פאַרוואָרצלטער דיקענס, סײַ דער רוסיש־אַסימילירטער אוקראַיִנער גאָגאָל; סײַ דער סמעלטינג־פּאָט־אַמע־ריקאַנער מאַרק טוויין — די דרײַ זענען אַ קיצור פאַר דער כּלל־פּאַנאָראַמע פון די פעלקער — און מיט דער גאַנצער אַנדערשקייט איז פאַראַן צווישן זיי אַ שטאַרקע ענלעכקייט. בעיקר זענען זיי אַנדערש אין זייער אופן אַנטפּלעקן פונעם אַבסאָלוטן טרויער פון וועלט, מענטש און לעבן, וואָס זיי באַלײַכטן זיי מיטן אײַדעלן ליכט, וואָס שטראַלט פון זיי אַליין אַרויס, דאָס ליכט פון הומאָר.

און דאָ ווילט זיך, אגב, דערמאָנען אַז העבעל האָט אויך געמאַכט טיפּע באַמערקן וועגן ייִדישן הומאָר, האָט אָבער נישט געוווּסט, אַז כאָטש עס איז הומאָר פון ייִדן, איז עס פאָרט נישט קיין ייִדישער הומאָר. יאָ, ווען העבעל האָט זיך אַרײַנגעלייענט אין דעם הומאָר, ווי עס האָבן אים דעמאָלט פּראָדוצירט שרײַבער פון ייִדישן אָפּשטאַם, באַזונדערס פון סאָרט מאָריץ גאָטליב סאַפיר, און האָבן אים, העבעלן, שאָקירט, האָט ער געשריבן: „עס איז נישט קיין צופאַל, אַז דווקא די ייִדישע שרײַבער, אין דער לעצטער צײַט, זענען שאַרפע וויצלינגען, און ווי מיר לערנען פון תּנ״ך אין דער מקור דערפון נישט אין ארץ ישראל״. און ער, העבעל, דערקלערט זיך דאָס אַזוי: „ווער עס איז תּמיד געווען געצוווּנגען צו גיין געהאַרבעט און געבויגן, און האָט תּמיד געמוזט אַרײַנקוועטשן דעם קאָפּ צווישן די פּלייצעס, און האָט געמעגט בלויז צווינקערן מיט די אויגן, איז קיין וווּנדער נישט, אַז די ריינע, רונדע ליניעס פון באַשאַף האָבן זיך ממילא פאַרקרומט, ווי אַ שאַרף־צאַקיקער זיגזאַג. אָבער מיט דער עמאַנציפּאַציע פון די ייִדן, וועט די דאָזיקע מידה נעלם ווערן, ווײַל די עמאַנציפּאַציע וועט העלפן די ייִדן אין אַלע באַציִען, וועט אָבער שאַטן זייער וויץ״.

ז

לאָזט זיך, מסתמא, געשמאַק וויכּוחן מיט העבעלס טאָפּעלן טעות — ערשטנס, דעם ייִדישן הומאָר, וואָס ייִדישע ייִדן האָבן פּראָדוצירט צווישן ייִדן און פאַר ייִדן, אין זייער וועלט און שטייגער און אין זייער שפּראַך, האָט ער דאָך נישט געקענט; דעם הומאָר, וואָס ייִדן־אָפּשטאַמיקע האָבן פּראָדוצירט צווישן גויִים פאַר גויִים און אין גויִיש לשון, און וואָס ער האָט, אין דער דײַטשישער ליטעראַטור, אָנגעטראָפן, האָט די עמאַנציפּאַציע, נישט באַפרײַט פון זײַן זיגזאַגישער שאַרף־צאַקיקייט; אדרבה, דאָ איז חל, וואָס משה קאַלוואַרי האָט אָבסערווירט לגבי דעם אָנטייל פון ייִדן אין דער דײַטשישער ליטעראַטור — וואָס שפּעטער אַ דור, ווערט אַלץ בולטער עפּעס אַן אַנדערשקייט, אַ באַזונדערישקייט, וועלכע לאָזט זיך בלויז דערקלערן ווי אַן עלעמענט פון זייער שורש, און ער ברענגט אויך דוגמות דערצו — בײַ משה מענדעלזאָן איז נאָך שווער אָפּצושיידן צווישן זײַן שפּראַך און דער שפּראַך פון זײַנע דײַטשישע גויִישע מיטצײַט־לערס; אַ דור שפּעטער, בײַ לודוויג בערנע און הײַנריך הײַנע, איז דער חילוק צווישן זיי און זייערע גויִישע מיטצײַטלערס, אַ גאַר שטאַרקער און שאַרפער; און אַז מיר קומען נאָך ווײַטער, אין אונדזער דור אַרײַן, צו קאַרל קראַוס, אָדער אַלפרעד קערר, איז דער דאָזיקער חילוק גאַר אויפגעפּראַלט; משמע, אַז וואָס מער מען האָט דעם ייִדישן עלעמענט אַרויסגעטריבן דורך דער טיר, איז ער אַרײַן דורכן פענצטער; און וואָס מער מען האָט אים אַרויסגעיאָגט דורכן קוקער פונעם בוידעם איז ער אַרײַן דורכן לאָך פונעם קעלער. משמע, אַז העבעלס פּראָגנאָז איז בפירוש נישט מקוים געוואָרן; די עמאַנציפּאַציע האָט דעם דאָזיקן הומאָר נישט באַפרײַט פון דער צאַקיקייט; אדרבה, זי האָט זי, אין אַן אַלץ־שטײַגנדיקער פּראָגרעסיע, נאָך מער פאַרשפּיצט, און עס בלײַבט נאָך נאָכצופאָרשן, ווי עס איז צוגעגאַנגען אין אַנדערע ליטעראַטורן — פראַנצויזיש, רוסיש, פּויליש, ווו ייִדן זענען אַרײַנגעדרונגען — אויף וויפל איך בין מסוגל דעם ענין נאָכצוגיין, איז עס אין גרונט, נישט אַנדערש.

ח

אָבער דאָס האָט נישט צו טאָן נישט מיטן אמתן הומאָר בכלל, און נישט מיטן אמתן ייִדישן הומאָר בפרט, וואָס זײַן צײַטיקסטע פרי איז — שלום עליכם. וואָס שייך דעם אמתן הומאָר, דעם לירישן הומאָר, זאָגט,

ווידער אַמאָל, העבעל, — אַז ער „איז אַ בפירושער דואַליזם — ער קומט נישט אויסמאָלן די קאַריקאַטור פונעם אידעאַל, אָדער זיין שאָטן, נייערט דעם אידעאַל גופא אין זיין גערעַנגל, זיך צו קאָנקרעטיזירן, אָבער אויב די פּאָזיטיווע קונסט וויל דורכפליִען דעם תּהום, וואָס שיידט אָפּ צווישן דער ממשות און דער מעגלעכקייט, קומט דער הומאָר, ווי אַ נעגאַטיווע קונסט, וואָס וואַרפט זיך אַריין אין תהום אַריין, און דאָ איז פאַראַן אַ ייאוש אָבער אַן דער נחמה, וואָס איז פאַראַן אין דער דערשיטערנדיקסטער טראַגיק".

צי האָט טאַקע שלום עליכמס הומאָר נישט קיין נחמה — אָט דאָס איז אַ קשיא.

[אדר־ניסן תש"מ]

קאַפּיטל צוויי:

אוטאָפּיע

א

צוריקקומענדיק צום אָנגעגומענעם קעגן־פּאָרל: מענדעלע — דער סאַטיריקער, שלום־עליכם — דער הומאָריסט, חזרן מיר איבער דעם כּלל, אַז דער סאַטיריקער איז אַן אָפענער אָדער באַהאַלטענער רעפאָרמאַטאָר, און דער גלויבן אין דער רעפאָרמע, וואָס איר ענין איז דער צומייסט לאָגישער תּיקון, איז זיין נחמה, בשעת דער הומאָריסט איז אַן אָפענער אָדער באַהאַלטענער אוטאָפּיסט, און דער גלויבן אין דער אוטאָפּיע, וואָס איר ענין איז די כּמעט תּמיד פאַנטאַסטישע גאולה, איז זיין נחמה. כּדי דעם דיאַמעטראַלן חילוק צווישן רעפאָרמאַטאָרישן תּיקון און אוטאָפּישער גאולה קלאָר צו מאַכן, איז, לגבי אונדזער קעגן־פּאָרל, כּדאי חוקר ודורש צו זיין עטלעכע תּחומים און ווינקלען אין מענדעלעס און שלום עליכמס לעבן און שאַפן, אָבער מיר ווילן איצט דאָס אויסבולטן בעיקר לגבי עטלעכע פּונקטן ביי שלום עליכם, וואָס ווערן זייטיק און שטיפמאַמיש באַהאַנדלט.

קודם כּל זענען עס צוויי ענינים, וואָס זייערע אַקציעס זענען היינט נישט אַזוי קראַנטנע אויף דער בערזע פון דער ייִנגערער ליטעראַטור־קריטיק און ליטעראַטור־פאָרשונג — ביאָגראַפיע און אידעאָלאָגיע. אמת, דער אומחן, וואָס מען האָט אויף זיי געוואָרפן איז אַ רעאַקציע קעגן דער פריִערדיקער שיטה, די צוויי עלעמענטן אַזוי גוזמהדיק צו באַנוצן, אַז דער עיקר, דאָס ליטעראַרישע ווערק, זיין קינסטלערישער ווערט, איז

געוואָרן אַ מין משרת פאַר זיי און ביי זיי. אָבער דער אָפּשטויס פון די ביידע עלעמענטן איז געווען אַזוי האַמעטנע, אַז עס האָט זיך באַקומען אַ בילד פון אַ שאַפער, וואָס האָט לחלוטין נישט געהאַט קיין ביאָגראַפיע און קיין אידעאָלאָגיע, און אַזוי־ווי עס האָט זיך נאָך געשטאַרקט די שיטה צו האַלטן די פאַרעם פאַרן אייבערשטן פון שטייסל, און דעם אינהאַלט נישט צוצולאָזן צום ברעטל, איז דאָס ווערק אַזויווי געבליבן הענגען אין אַ וואַקואום. ברוך השם, וואָס מען איז אָפּגעקומען פון דער שעדלעכער מאָדע, וואָס פירט צו אַן אומזין.

אָבער דער דערוויליקער היזק דערפון, אין פאַל שלום עליכם, ליגט אויף דער האַנט, און עס איז גריילעך נישט קיין צופאַל, אַז די מאָדע האָט זיך צו אים נישט געקאָנט צוטשעפּען, ווי זי אָט זיך צוגעטשעפּעט צו אַנדערע. אָבער אַן ערלעכער באַנוץ און אויסנוץ פון זיין ביאָגראַפיע און אידעאָלאָגיע איז ווייט נישט אַקטיוויזירט געוואָרן, צו דערמעגלעכן און פאַרלייכטערן דאָס פאַרשטאַנדעניש פון עטלעכע פּראָבלעמען, און דאָס פּראָבלעם פון דער שפּאַנונג צווישן הומאָר און אוטאָפּיע דערונטער.

ב

כדי די זאַך נישט ציִען אין דער לענג, וועלן מיר פּרוּוון אָנכאַפּן דעם פּונקט, ווו ביאָגראַפיע און אידעאָלאָגיע האָבן זיך, צום ענגסטן, צוזאַמענ־געטראָפן, אָדער אַפילו צוזאַמענגעשטויסן — עס קער זיך אָן מיט דער קשיא, וואָס איך האָב שוין באַרירט, פּרעגנדיק, ווי איז געווען דער שטעל און איינשטעל פון די דריי קלאַסיקער פון דער מאָדערנער ייִדיש־ליטעראַטור אין שטורמישן מחלוקת וועגן אונדזער היסטאָרישן און אַקטועלן גאַנג, מיטן אויפקום פון אונדזערע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, וואָס האָבן, הן להלכה הן למעשה, געהאַט ווידעראַנאַנדיקע אָריענטאַציעס, און מיר וועלן פּרוּוון אַ באַזונדערע פאָרמולאַציע.

אמת, דער עלטסטער פון די דריי, מענדעלע, האָט אויסגעדריקט זיין סימפּאַטיע לגבי יהודה לייב פּינסקערס בראָשור Autoemanzipation דאָדורך, וואָס ער האָט זי באַאַרבעט אין אַ פּאָפּולאַרן ייִדיש־נוסח. אָבער אין זיין דערציילונג „בסתר רעם" לאָזט ער אויפטרעטן דעם קאַרלינער, וואָס איז אַ דורכזיכטיקער נאָמען פון פּינסקער (איז דאָך קאַרלין אַ פּערשטאָט פון פּינסק), און מיר זעען באַשייַנפּערלעך, ווי דער גרויסער שטורעם, וואָס האָט די בראָשור אַרויסגעבוירן, איז געוואָרן אַ קליינער זייפנבלאָז, און אַז מען גיט נאָך צו מענדעלעס דערציילונג „בישיבה של מעלה ובישיבה

של מטה״, פאַרשטייט מען, פאַרוואָס אַ שפּעטערע, דײַטשישע בראָשור, וואָס האָט נאָך מער אויפגערודערט דעם אַרום — הערצלס Judenstaat האָט מענדעלען דעם אויסגעשפּראָכענעם אַנטי־חיבת־ציוניק, שוין געטראָפן אַן אָפּגעקילטן.

דער ייִנגערער פון אים — יצחק לייבוש פּרץ האָט, ווי׳ס אויס, געהאַט אַ קורצן גאָר פאַרבײַיִקן חיבת־ציון־פּלימער, איז אָבער אַליין געגאַנגען, און אַנדערע געפירט, אַן אַנדערן וועג, ווו ציון איז געווען בלויז אַ ווײַטער, היסטאָרישער עבר, וואָס האָט נישט קיין אַקטואַלן ממש און ווערט אים אויך נישט האָבן, און אויב ער, מיט דינעזאָן, האָבן, אין אַ בריוו צו יהואשן, פאַר זײַן נסיעה קיין ארץ־ישׂראל, אים געבעטן, ער זאָל אָפּגעבן, אין זייער נאָמען, אַ גרוס די בערג פון יהודה, דעם לבנון און אַלץ וואָס איז געבליבן, און זיי באַמערקן: מיר ווילן זיך נישט אײַנפליישן אין קיין אַנדער לאַנד, ציון איז אונדזער וועג, די וועלט מיט ציון אין דער שפּיץ, אונדזער צוקונפט — איז עס סוף־סוף, נישט מער ווי אַ פאַריתומטער, עפּעמערישער אַפאָריזם, וואָס איז גיכער אַלעגאָריע ווי ממש, און מען דאַרף נישט, ווי מען האָט געפּרווט, דער דאָזיקער מליצה אײַנרעדן, וואָס איז אין איר נישטאָ.

דער ייִנגסטער פון די דרײַ — שלום עליכם, איז געווען אַ הייסער חובב־ציון, אַ דעקלאַרירטער ציוניסט, אַן איניציאַטאָר און אָנפירער פון אַ קיִעווער העברעיִשן קלוב, האָט אָנטייל גענומען אין ציוניסטן קאָנגרעס, פאַרעפנטלעכט אין דער „וועלט״, דעם אָרגאַן פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, סײַ אין דער ייִדישער סײַ אין דער דײַטשישער אויסגאַבע; האָט געדרוקט, אייגענע און איבערגעזעצטע, בראָשורן וועגן ציוניזם, און דאָס אַלץ ווערט דערמאָנט אין לעקסיקאָנען און אַרטיקלען, אָבער סײַ פריִער, ווען דער מאַטעריאַל איז געווען צעשאָטן און געוואָרן אַ יקר־מציאות, סײַ איצט, ווען ער איז אײַנגעזאַמלט, פאַרמאָגן מיר נאָך אַלץ נישט קיין אויסשעפּלעכע אַרבעט, וואָס זאָל באַלײַכטן די טיפערע שייכות צווישן דעם אַלעמען און זײַנע איבעריקע ווערק.

ג

און קומענדיק איצט עפּעס בײַטראָגן דערצו, ווילן מיר נישט נאָכגיין דעם אָנגענומענעם מנהג, און ווילן נישט קאָנטראָלירן, וואָס פאַר אַ מין ציוניסט ער איז עס געווען, און וואָס פאַר וואָג און ווערדע עס האָט געהאַט זײַן ציוניזם, בפרט אַז דאָ איז משפּיע דער אידעאָלאָגישער און פּראַגמאַטישער צוגאַנג פון דעם אָפּשאַצער — איז ער, דער אָפּשאַצער,

אַ ציוניסט, וואַקסט בײַ אים היפּש אויס סײַ דער ווערט סײַ די מדרגה פון שלום עליכמ׳ס ציוניסטישע בראָשורן; איז ער ווײַטער אַ נישט־ציוניסט, מה־דאָך אַן אַנטי־ציוניסט, שרומפּט זיך דאָס אַלץ בײַ אים אײַן, און איז קוים־קוים אַ בײַזאַך, און ווערט אויך קוים־קוים באַהאַנדלט, ווי אַ טפילה־לעיקר. ווי ווײַט דער ענין איז פאַרוויקלט — וועל איך ברענגען אַ ראיה פון זײַן אײדעם, י. ד. בערקאָוויטש — אין זײַן אַרײַנפיר צו שלום עליכמ׳ס דראַמע „דוד בן־דוד״, שרײַבט ער: „די אײנציקע געהויבענע אידיי בײַ ייִדן, וואָס קאָן הײַנטיקע צײַטן עקזאַלטירן אַ ייִדישן „העלד״ און ברענגען אים ביז צו אמתער העלדישקייט, האָט שלום עליכם געזען [לשם אינפאָר־מאַציע: מיר האַלטן יולי 1906!], אפשר אומבאַוווסטזיניק פאַר זיך אַליין — אין דעם ציוניזם. אומבאַוווסטזיניק — ווײַל שלום עליכם אַליין איז געווען אַ שוואַכער ציוניסט. ער האָט ווייניק געגלייבט אין דעם פּראַקטישן ווערט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. ער איז אָבער געווען אַ געטרײַ קינד פון זײַן פאָלק און אין האַרצן געטראָגן וואַרעמע סענטימענטן פאַרן ציוניסטישן געדאַנק, וועלכער איז בײַ אים געווען דער מאָדערנער אויסדרוק פונעם אַלטן משיח־גלויבן בײַ ייִדן״ („די גאָלדענע קייט״, 1959, העפט 34, ז׳ 14). אַזוי האָבן מיר אויך, כּמעט מילה במילה, אין זײַן בוך „אונדזערע ראשונים״, תשכ״ו (באַנד 2, ז׳ קמ״ב). פאַרוואָס זאָגן מיר: כּמעט; ווײַל דערצו באַוועגט אונדז אַ קלײנער שינוי, וואָס מיר האָבן אין העברעיִשן נוסח, וואָס גייט אַזוי: „משום ששלום עליכם עצמו לא היה מימיו ציוני מובהק בעל הכּרה ברורה. הוא בעל החלומות, בעולם המעשׂה, התיחס אל התנועה הציונית דווקא מתוך ספקנות בערכּה המעשי — אפשר משום שלמד מן הנסיון, כי החלומות שווא ידברו. ואולם, כּבן נאמן לעמו, שלבבו שלם עם קדשיו, עם האמונות והדעות הנצחיות המרוממות את רוחו, רחש תמיד לציונות חיבה נפשית, ראה בה חיזוק חדש לקיומה המתרופף של האומה, גילויה של אמונת המשיח העתיקה״ („הראשונים כּבני אדם״, מהדורה תשי״ט, עמ׳ קט״ז).

כּדי אויסצובולטן די קלײנע אָבער חשובֿע שינויי־גירסא, וועלן מיר זיך דערוועגן דאָס סטריקט צו פאַרייִדישן: ווײַל שלום עליכם אַליין איז קײנמאָל נישט געווען קיין אויסגעשפּראָכענער ציוניסט, מיט אַ קלאָרן באַוווסטזײַן. ער, דער בעל־חלומות אין דער פּראַקטישער וועלט, האָט זיך צו דער ציוניסטישער באַוועגונג באַצויגן דווקא מיט אַ סקעפּטיק לגבי איר פּראַקטישן ווערט — אפשר ווײַל ער האָט געלערנט פון דער דערפאַרונג, אַז די חלומות זענען פּוסטע רייד. אָבער ווי אַ געטרײַער זון פון זײַן פאָלק, וואָס זײַן האַרץ איז גאַנץ מיט די אײביקע אמונות און דעות, וואָס דערהייבן

זײַן גײַסט, האָט ער תּמיד געפּילט אַ זעלישע ליבשאַפט צום ציוניזם, האָט אין אים געזען אַ נײַעם חיזוק פאַרן זיך אָפּשוואַכנדיקן קיום פון דער אומה, אַן אַנטפּלעקונג פון דעם אור־אַלטן משיח־גלויבן.

ד

פון די אַלע קלײנע אָבער חשובע חילוקים, איז אפשר אַמבולטסטן דאָס, וואָס דאָ זאָגט ער: נישט קײן אויסגעשפּראָכענער ציוניסט, און דאָרט זאָגט ער: אַ שוואַכער ציוניסט, און עס איז, דאַכט זיך, נישט היינו־הך. קומט מיכאל אסטור (טשערניכאָוו), אַ טעריטאָריאַליסט, און ציטירט בער־קאָוויטשעס דערמאָנטן אַרײַנפיר אין „די גאָלדענע קייט", דערמאָנענדיק די געניע דאַטע, אָבער ציטירנדיק דעם זאָג וועגן שלום עליכם, קומט בײַ אים אויס: „ער איז געווען אַ גאַנץ שלעכטער ציוניסט — פּירט אויס בערקאָוויטש". שווער צו וויסן, פאַר וואָס ער האָט די ציטאַטע משנה געווען, אפשר כּדי צו קענען ממשיך זײַן, ווי ער איז ממשיך: „האָט דאָס געקענט זײַן אַנדערש? אַ גוטער ציוניסט איז, למשל, געווען ד״ר חיים ווײַצמאַן" („אויפן שוועל", מאַי—יוני 1966, ז' 4). אָבער מיר האָבן געבראַכט בערקאָוויטשס מיינונג און אַסטורס פאַרדריי, נישט אַזוי לשם קוריאָז, נאָר כּדי צו באַמערקן, אַז סײַ אויב שלום עליכם איז געווען אַ שוואַכער ציוניסט, סײַ אויב ער איז געווען אַ נישט־אויסגעשפּראָכענער ציוניסט, סײַ אויב ער איז אַפילו געווען אַ גאַנץ שלעכטער ציוניסט, האָט בערקאָוויטש געטראָפן אין סאַמע פּינטל פון שלום עליכמס ציוניזם, סײַ די היסטאָרישע: „די אייביקע אמונות און דעות"; סײַ די אַקטועלע: „אַ נײַעם חיזוק פאַרן זיך אָפּשוואַכנדיקן קיום פון דער אומה", און בעיקר דער פאַרבונד מיט די וואָרצלען: „אַן אַנטפּלעקונג פון אַלטן משיח־גלויבן". מעגלעך, אַז דאָס האָט, סוף־סוף, באַוויגן בערקאָוויטשן גובר צו זײַן זײַן קווענקל און אָפּדרוקן די דראַמע „דוד בן דוד", וואָס שלום עליכם האָט זי, מיט גרויס התלהבות געשריבן, און האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז זי איז אַ ליטעראַרישער דורכפאַל, אַזוי אַז ווען אפילו דער נשר הגדול, דזשעיקאָב (יעקב) אַדלער, פאַר וועמען זי איז געשריבן געוואָרן, וואָלט זי געשפּילט, וואָלט זי געווען אַ קינסטלעריש פיאַסקאָ, און שלום עליכם האָט טאַקע געהייסן די דרײַסיק־פערציק העקטאָגראַפישע קאָפּיעס פון דער דראַמע פאַרברענען, אָבער בערקאָוויטש האָט אָפּגעראַטעוועט אַן אײנציקן עקזעמפּלאַר, און האָט לאַנג געספּקט, ביז ער האָט זיך, נאָך דרײַ און פערציק יאָר, צו דער הונדערט־יאָריקער שלום עליכם־פײַער, אַנטשלאָסן, די דראַמע אָפּצודרוקן.

און איך קאָן מעיד זײַן, ווי ווײַט ער האָט זיך געקווענקלט — ווען ער האָט מיך געפרעגט, וואָס איך האַלט דערפון האָב איך אַרויסגערוקט אַ פּירפּאַכיקע אַרגומענטאַציע — ערשטנס, האָבן שוין חז״ל געזאָגט: כד ניים ושכב רב אמר להא שמעתא, טײַטש: ווען רב איז אַנטדרימלט געוואָרן און זיך געלייגט, האָט ער געזאָגט די דאָזיקע הלכה, און האָראַציוס האָט שוין געזאָגט: Quandoque bonus dormitat Homerus, טײַטש: צומאָל ווערט אַפילו דער גוטער האָמער אַנטדרימלט; עס איז אָבער נישט אײַנ־געפאַלן, צו פאַרהוילן יענעמס הלכה און דעמס העקסאַמעטער. צווייטנס, כּדאַי צו וויסן דעם גאַנצן שרײַב־באַשטאַנד פון אַ גרויסן שרײַבער, — אַ שוואַכערע, אָדער אַפילו אַ גאָר שוואַכע זאַך זײַנע, האָט אַפילו אַ חסרון, אַז זי וועט אפשר נישט ווערן בעסער, האָט אָבער אַ מעלה, אַז זי וועט זיכער נישט ווערן ערגער. דריטנס, דווקא ווײַל פון דעם דרײַלינג פון אונדזער קלאַסישער ייִדיש־פּראָזע, זענען דער עלטסטער און דער ייִנגערער געווען אַפּאָסטאָלן פון דער דאָיִקייט, איז כּדאַי צו וויסן וועגן ייִנגסטן פון זיי, שלום עליכם, וואָס איז פאַרט געווען אַ מבשׂר פון דער דאָרטיקייט, ווי עס גייט אין איינעם פון אירע הימנען: דאָרט ווו די צעדער; דאָרט ווו דער ירדן, און מסתּמא איז עס נישט קיין צופאַל, וואָס נישט מענדעלע און נישט י. ל. פּרץ, נאָר ער, שלום עליכם האָט געגומען זען ארץ־ישׂראל. פערטנס, די דראַמע וואַרפט אַ ליכט אויף דער סיטואַציע, אין וועלכער ער האָט זיך דעמאָלט געפונען — האָט ער זיך דאָך געגרייט נישט בלויז צו גיין, נאָר אויך צו בלײַבן אין אַמעריקע, ווו עס זענען פאַר אים געגאַנגען פריִערדיקע ציון־העראָלדן — צונזער, מאַסליאַנסקי, גאָלדפאַדן, דאָליצקי, נפתּלי הערץ אימבער — און דאָס אין אַ צײַט, ווען עס האָט זיך דאָרט געגומען שאַפן אַ גרויסער ישוב, וואָס האָט אָנגעהויבן זיך דיפערענצירן, אָבער אויך קאָנסאָלידירן, און האָט שוין געטראָגן די עיקר־סימנים פון אַ גרויסער ייִדישער דאָיִקייט, וואָס גרייט זיך צו גרויסע בריהשאַפטן, אין דער פּרעסע, אין דער ליטעראַטור און אין טעאַטער, וועלכן שלום עליכם וויל אײַננעמען, און ווי אַ סטאַרט איז גאָר אַ דראַמע, וועגן אַ ייִד פון אַ שטעטל, וואָס איז אַוועק פון דער היים און געמאַכט מיליאָנען פון זײַנע גאָלדגרובן, און האָט זיי פאַרירשעט זײַן זון, אַז ווען ער וועט ווערן פּוליאַריק, זאָל ער מיט דעם פאַרמעג טאָן וואָס ער וועט וועלן, און ווען דער זון איז עס געוואָרן, האָט ער, געטרײַ זײַן אמונה אין הערצל און אין זײַן וויזיע, די מיליאָנען פאַרשריבן לטובת איר רעאַליזאַציע. אָבער דאָ מישט זיך אַרײַן די משפּחה, מיטן פעטער בראש, וואָס דערקלערט דעם יונגנמאַן

פאַר אַ מטורף, און מען שליסט אים אָפּ אין אַ דולהויז, און ווען ער קומט אַרויס פון דאָרט, ווערט ער דער שטאָט־משוגענער, וואָס לויפט אַרום אין אַ פּאַפּירענער קרוין, און דאָס גאַנצע שטעטל, מיט די קונדסים בראש, מאַכן פון אים דאָס געלעכטער, און רופן אים: דוד מלך ישראל, ביז ער גייט, עלנט און צעדרייט, פון דער וועלט.

ה

און איצט אַ קאַפּל כראָנאָלאָגיע — בשעת שלום עליכם שרייבט די דאָזיקע דראַמע, האַלטן מיר צוויי יאָר נאָך הערצלס טויט. עפּעס וויניקער נאָכן דערשיינען פון שלום עליכמס בראַשור, וואָס האָט אַנטהאַלטן אַ האַרציקן הספד אויף דעם יונג־ציוניסטן־פירער, וואָס זיין געשטאַלט, מיט אירע בולטע פיזיאָגנאָמישע און פּסיכאָגנאָמישע שטריכן, האָט שוין שלום עליכם געבראַכט, ווי אַ העלפער און טרייסטער, צו די רויטע ייִדעלעך, משמע די רוסישע ייִדן, וואָס האָבן אָבער פאַרשטאָפּטע אויערן. און עס איז כדאי צו געדענקען, אַז שלום עליכם האָט, נאָך זיין קאָמישער אוטאָפּיע „ווען איך וואָלט געווען ראָטשילד" מיט אירע קליינשטעטלדיקע השגות, געבראַכט, אין „דוד בן דוד", אַ טראַגישע אוטאָפּיע פון איינעם אַ יורש פון אַ מין selfmademan ראָטשילד.

אוודאי לאָזט זיך פרעגן, ווי אַרום האָט שלום עליכם געוואָלט אויפ־האַלטן דעם איבערגעלעבטן אוטאָפּיזם וועגן פילאַנטראָפּ ווי אַ וועלט־פאַר־בעסערער אַ נאַציאָנאַלן אויסלייזער וכדומה; האָט ער דאָך געוווּסט, אַז הערצל האָט זיך באַמיט צו קריגן פאַר זיין פּלאַן, דעם קאָפּ און דאָס האַרץ, און דורך זיי און בזכות זיי, די קעשענעס פון באַראָן ראָטשילדע, באַראָן הירש, און אַז עס איז נישט געגאַנגען, איז ער אַפילו אַראָפּ אַ שטאַפּל, און זיך געווענדט צום פאָלק, מיטן וואָרט פון ווערגיל: טייטש: קאָן איך די איי־ Flectere si nequeo superos, Acheronta movebo בערשטע נישט צונייגן, וועל איך די אונטערשטע תהומות באַוועגן (אגב דער זעלבער דעוויז פון זיין פירציַיטלער, לאַסאַל, אין זיין ווענדן זיך צום פּראָלעטאַריאַט און פון זיין מיטציַיטלער פרויד, אין זיין ווענד צו דער אונטערשטער שיכט פון דער פּסיכע — אַ מסתמא נישט צופאַליק באַגעגעניש, אין דעם זעלבן באַגוף פון דריי ייִדן), לאָזט זיך עס דרייפאַך דערקלערן.

ערשטנס, דער גרויסער גביר, וואָס איז אַ גרויסער נדבן, געהערט נישט בלויז צו שלום עליכמס ווערטשאַפּטלעכן און געזעלשאַפטלעכן מיטאָס נאָר אויך צו זײַן אויטאָביאָגראַפיע, ווי עס האָט אויך באַוויזן זײַן פּזרנות — האָט ער דאָך, פון זײַן קעשענע, געצאָלט הויכע, צו יענער צײַט העכסטע, האָנאָראַרן, ווי אַ רעדאַקטאָר פון „יודישע פאָלקס־ביבליאָטהעק". צווייטנס, איז דער גרויסער יידישער נדבן, בפרט דער וואָס האָט זיך רעקרוטירט פון סאָרט ביזנעש־גביר, געוווען און געבליבן אַ שטאַרקער אַגענס אין דער יידישער כלל־זאַך, דאַרונטער אויך אין דער ציוניסטישער זאַך, און נאָך אַ סך יאָרן, אַז עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די Acheronta די פאָלקסמאַמע, האָט שוין לאַנג איבעריק געמאַכט די Superes דאָס בינטל אייבערשטע געלט־מיוחסים, האָט סײַ חיים ווייצמאַן, לגבי דעם אויסברייט פון דער דזשווּיש איידזשענסי, לשם אויפבוי פון ארץ־ישראל, סײַ בראַגין, לגבי דעם אויסברייט פון געזערד, לשם אויפבוי פון ביראָבידזשאַן, זיך געווענדט צו דער זעלבער פירמע — לואי מאַרשאַל, אָבער דאָס געהער שוין צו אַן אַנדערער אָפּערע.

לאַמיר־זשע טאַקע פאַרענדיקן מיט הערצל — ווען ער האָט אָנגעשריבן און אַרויסגעלאָזט זײַן „יודענשטאַט", האָט ער דאָס בוך אַרײַנגעשיקט צו עטלעכע גדולים, נישט בלויז גדולי־הפּאָליטיקע, נאָר אויך גדולי־הרוח, ווי, אַ שטייגער, צום באַרימטן סאָציאָלאָג הערבערט ספּענסער, און דעם באַרימטן קריטיקער, געאָרג בראַנדעס. צו ספּענסערן שרײַבט ער: „מיר זענען געסט אויף דער ערד. לויטן נאַטירלעכן שטייגער, וועט איר אפשר פריִער אַוועק ווי איך, אַ פינף־און־דרײַסיק־יאָריקער. דערפאַר האָב איך געוואָלט — ווײַל שוין איצט בין איך איבערגעצײַגט, אַז די יידישע מדינה וועט אויפשטיין, אין דער אָדער אַנדערער פאָרעם, אויב אַפילו חוץ דער גרענעץ פון מײַן לעבן — האָב איך געוואָלט וויסן, ווי אַזוי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער אָנהייב פון אויפטו אין גרויסן גײַסט פון הערבערט ספּענסער". קיין תשובה פון ספּענסער — (נישט פאַרגעסן, אַז ער איז געווען אַ גאָר נאָענטער פרײַנד פון דער מחברטע פון „דניאל דאַראָנדאָ") — איז נישט געקומען, ווײַל ער איז דערווײַל אַוועק פון דער וועלט. ענלעך שרײַבט הערצל צו בראַנדעס — און דער האָט יאָ געענטפערט, און אַפילו גורם געווען צו הערצלס ענטפער — בראַנדעסעס בריוו איז נישט געווען קיין בכבודיקער עדות פאַר דעם ליטעראַטור־קריטיקער, פּונקט ווי

עס איז נישט געווען נחום סאָקאָלאָווס חוזק־רעצענזיע וועגן „יודענשטאַאַט״ אין דער „הצפירה״ („הלא מתלהלה אני״). אָבער עס איז געווען גענוג אַ באַגעגעניש מיט הערצל, אויפן באַזעלער קאָנגרעס, אַז סאָקאָלאָוו זאָל נעמען שפּאַנען, און נאָך ווי, מיטשפּאַנען און נאָכשפּאַנען.

יאָ, הערצל איז געווען צו ווייניק in judaitatis אין דער היים, ער זאָל האָבן געוווּסט וועגן אונדזער קלאַסישן דריײַלינג, ער זאָל זיי פֿרעגן יענע קשיא, וואָס ער האָט געפֿרעגט ספּענסערן און בראַנדעסן. אָבער דאָרט, אין מזרח־אייראָפּע, איז די קשיא, ווי געהאָנגען אין דער לופֿט, און מיר ווייסן אַקוראַט, ווי דער אָנהייב האָט זיך אין זייערע גרויסע קעפּ אָפּגעשפּיגלט, און אַז שלום עליכם איז צווישן די דרײַ געווען דער איינציקער, וואָס האָט מקיים געווען: מן המיצר קראתי. יאָ, און בערקאָוויטש איז גערעכט אין זײַן ביאור, פֿון וואַנעט דער יאָ גייט — פֿון דער באַזונדערער ייִדישער אמונה, וואָס האָט אויסגעצייַטיקט באַזונדערע ספּעציעס פֿון אוטאָפּיע — וואָס איז אי גאָר ווײַט, אי גאָר נאָענט, ווי ער קלינגט אין פֿירלעצטן פֿון די י״ג עיקרים וועגן ביאת המשיח: אף על פי שיתמהמה עם כל זה אחכה לו בכל יום שיבוא: כאָטש ער פֿאַרזוימט זיך, מיט דעם אַלעמען, וואַרט איך אויף אים טאָג־טעגלעך, ער זאָל קומען און אַקוראַט ווי דער מחבר פֿון די צוויי אוטאָפּיעס „דער יודענשטאַאַט״ און „אַלטנײַלאַנד״ האָט פֿירגעזאָגט, נאָך פֿופֿציק יאָר, האָט ער גענומען קומען.

[אייר־סיון תש״ם]

גרעסערע און קלענערע קאַפּיטלעך ש״י עגנון

מאמר א׳:

יִדיש־סטאַרט

אַרײַנפיר אין זײַנע ייִדיש־כּתבים

א

עס וועט, דאַכט זיך, נישט איבעריק זײַן אַפּירצושיקן פיר באַמערקן, כאָטש זיי וועלן, פאַרן באַהאַוונטן לייענער, נישט זײַן קיין נאָווינע.

ערשטנס, די ייִדיש־געשריבענע כּתבים פון ש״י טשאַטשקעס, וואָס האָט זיך שפּעטער גערופן ש״י עגנון, און וואָס מיר האָבן פאַר זיך, האָט דער מחבר געשריבן און געדרוקט אין סאַמע אָנהייב פון זײַן ליטעראַרישער קאַריערע, און זיי נעמען אַרום בלויז אַ שטיקל וועג אין זײַן לעבן: די ערשטע זאַך איז געדרוקט אין יאָר תּרס״ג (1903), די לעצטע זאַך איז געדרוקט תּרע״ב (1912), אָבער געשריבן זענען אַלע פונעם מחברס פּופצנטן ביזן נײַנצנטן לעבנסיאָר, משמע ביז זײַן עליה קיין ארץ־ישראל, וואָס איז אויך די גרענעץ פון זײַן ליטעראַרישער צווייִשפּראַכיקייט, וועלכע ער האָט פריִער אינטענסיוו אָנגעהאַלטן. דען זײַן ייִדיש־שרײַבן האָט מער נישט געהאַט קיין המשך, נישט ווען ער האָט געוווינט הי (צווישן תּרס״ז און תּרע״ג), נישט ווען ער איז געזעסן אין דײַטשלאַנד (צווישן תּרע״ג און תּרפ״ד), און נישט ווען ער האָט זיך אומגעקערט אַהער, אין לאַנד אַרײַן, און האָט געוווינט אין ירושלים כּמעט ביז צו זײַן פּטירה אין גדרה (תּש״ל). און אויסער צוויי ייִדיש־געשריבענע אַריינפירן צו זײַנע אייגענע כּתבים אין אלעזר רובינשטיינס ייִדיש־נוסח („אַ פּשוטע מעשה׳, ניו־יאָרק תּשי״ח, ז׳ 15—18; „שריפטן אין דרײַ טיילן׳, תּל־אָביב תּשכ״ט, זז׳ 9—12), וואָס ער האָט געשריבן אין די יאָרן פון זייער דערשײַנען, האָבן זיך, חוץ עטלעכע בריוו, קיין אַנדערע ייִדיש־געשריבענע חיבורים זײַנע נישט אָפּגעפונען.

צווייטנס, אַזוי ווי דער מחבר האָט אין די זעלבע פאַר יאָר געשריבן און געדרוקט זאַכן אין העברעיִש, און האָט זיי אויך נישט אַרויסגעגעבן אין בוכטאָוולען, בעט זיך, לשם כּוללדיקן אָפּשאַץ פון זײַן דעמלטיקן שרײַבכאַראַקטער און זײַן מדרגה, אַ פאַרגלײַך פון ביידע סאָרטן שרײַבן,

און דאָס וועט לײַכטער זײַן, אויב אויך די יוגנטלעכע העברעיִשע זאַכן וועלן צוזאַמענגעקליבן און אַרויסגעגעבן ווערן, און מסתּמא וועט עס אויך, פֿריִער אָדער שפּעטער, געשען. דעמאָלט וועט נישט נאָר דער נישטערנ־דיקער פֿאָרשער, נאָר יעדער פֿאַראינטערעסירטער לייענער, קאָנען זען, אויב דער באַצייכן פֿון די ביידע בינטלעך ווי פֿאַר־עגנוניש (נישט ווי אַן אָנווײַז אויף דער חתימה פֿון זײַן שפּעטערן נאָמען, נאָר ווי אַ רמז פֿאַר אַ צײַטיקערן און אייגענערן שרײַב־דרך און שפּראַך־יכולת) פּאַסט זיך אין אַ גלײַכער מאָס אויף ביידע, ווי עס בעט זיך אָנצונעמען, אָדער עס איז גערעכטער מײַן, אין פֿלוג פּאַראַדאָקסאַל קלינגענדיקע הנחה, אַז אין יענער תּקופֿה איז זײַן ייִדיש־נוסח גיכער עגנוניש ווי זײַן עבֿרית־נוסח.

דריטנס, דער רמז אויף דער דאָזיקער הנחה מײַנער איז מיך מחייב צו דערמאָנען, אַז איך האָב מיך שוין אויף עגנונס ייִדיש־קאַפּיטל אָפּגע־שטעלט און זיך דערצו, עטלעכע מאָל, אומגעקערט, און אַזוי ווי איך וויל מיך נישט איבערחזרן, פֿאַרווײַז איך אויף דער דאָזיקער אַרבעט מײַנער. דאָס ערשטע מאָל — און עס איז געווען דער ערשטער באַהאַנדל פֿון דעם מין בכלל — האָב איך דערוועגן געשריבן אין מײַן מאמר: „וועגן עגנונס יוגנטלידער" („די גאָלדענע קייט", 4 [האַרבסט 1949], זז' 224—226), אויסגעברייטערט אין מאמר: „ש"י עגנונס קאַפּיטל ייִדיש", וואָס קומט אין סוף פֿון דערמאָנטן בוך „אַ פּשוטע מעשׂה" (זז' 280—291) און מיט צוגאָבן אין דערמאָנטן בוך: „ש"י עגנון, שריפֿטן אין דרײַ טיילן" (זז' 589—605) און איז אַרײַן אין מײַנע ביכער: „ש"י עגנון — מסה, עיון, חקר", תל־אביב תשי"ט, זז' 139—154 און „היימישע כתבים", א, תל־אָביב תשל"ג, זז' 79—95. על־כּל־פּנים דערוועג איך מיך דעם לייענער צו בעטן, ער זאָל וועגן דעם לעצט דערמאָנטן נוסח פֿון מײַן אַרבעט נישט אומגע־אינפֿאָרמירט בלײַבן.

פֿערטנס, וואָס איז בחינת אַחרון אַחרון חבֿיבֿ — ש"י עגנון גופֿא איז אַ מקור פֿון אינפֿאָרמאַציע פֿאַר זײַנע יוגנט־כּתבֿים און ייִדישע בתּוכם, און דערפֿאַר בעט זיך טאַקע דורכקוקן דאָס בוך „מעצמי אל עצמי" וואָס די יורשים האָבן עס אַרויסגעגעבן (תּשל"ו), אָבער ער האָט אים אַליין דעם נאָמען געגעבן (מיר וועלן עס ווײַטער אָנרופֿן בקיצור מעא"ע).

ב

דער צוזאַמענקלײַב פֿון איצטיקן בוך און זײַן צוזאַמענשטעל האָבן נישט געהערט צו די לײַכטע זאַכן, ווײַל דער מחבר האָט די צווייִ, ווי

מיר רופן אָן, פּאַר־עגנונישע בינטלעך, סײַ דאָס יִדישע, סײַ דאָס העברעיִשע, געדרוקט אין רעגיאָנעלע, פּראָווינציעלע און לאָקאַלע בלעטער.

די העברעיִשע זאַכן זענען דערשינען אין די ווײַטערדיקע גאַליצישע בלעטער:

א) אין קראָקעווער ,המצפה' און זײַן בײַלאַג ,רמת המצפה', וואָס זײַן רעדאַקטער איז געווען ר' שמעון מנחם לאַזער, וועלכער האָט אין זײַן וואָכנבלאַט רעפּרעזענטירט אַ מאָסיקע קאָנסערוואַטיוו משׂכּילישע און ציוניסטישע ריכטונג, און וואָס מאָדערנערע העברעיִשע שרײַבער האָבן מיט אים נישט מיטגעאַרבעט, און די אָנפאַנגער, וואָס האָבן תּחילת אָנטייל גענומען, האָבן אים פּאַרלאָזט, ווי עס האָט אויך געטאָן דער יונגער עגנון, וואָס האָט נאָך זײַן עליה מער אין דעם וואָכנבלאַט נישט געדרוקט;

ב) אין לעמבעריקער ,העת', וואָס זײַן רעדאַקטער איז געווען גרשום באַדער, אַ גאַר אַקטיווער ליטעראַט און זשורנאַליסט וואָס האָט עטלעכע יאָר רעדאַקטירט די ציוניסטישע יִדישע טאָגצײַטונג ,טאָגעבלאַט' און עטלעכע יאָרביכער (,חרמון', ,השרון', ,יודישער פאָלקסקאַלענדער') און האָט געוואָלט, אויך דורך אייגענע פּיעסעס (אויך וועגן בעל־שם־טוב), אויפהײבן דעם נידעריקן מעמד פון לעמבעריקער יִדישן טעאַטער. ער האָט געהאַט, אַ פּאַרשטענדעניש פאַר יִנגערע טאַלאַנטן, און האָט אויך צוגעצויגן דעם יונגעטשקן עגנון צו זײַן הילפס־רעדאַקטער פון ,העת', וואָס האָט זיך נאָך אַ קורצער צײַט פאַרמאַכט;

ג) אין סטאַניסלאַווער ,הירדן', וואָס האָט געהאַט דרײַ רעדאַקטערס: דער ספּיריטוס מאָווענס איז געווען אלעזר רוקח, אַ קאָליריקע און אָוואַנ־טוריסטישע געשטאַלט פון אַ פּאַרשפּעטיקטן חובב־ציון, געבוירן אין ירוש־לים און צו בר־מצווה חתונה געהאַט קיין צפת, וואָס ער האָט אויפגערודערט מיט זײַן בײַסיקער קריטיק פון אירע חלוקה־פּירעכצער, האָט באַגרינדט די דאָרפס־קאָלאָניזאַציע אַרום איר; טאַקע מחמת זײַנע נישט איבעריק אויס־געקלאָרטע אידעען און פּלאַנען אַרומגעוואַנדערט אין רומעניע און גאַליציע ווו ער איז אויך נפטר געוואָרן (תּרע"ה אין דרוביטש). בײַם לעבן האָט ער אומעטום אויסגענומען מיטן כּישוף פון זײַן שמועסערישן טאַלאַנט. ער האָט פאַרלייגט כּל מיני צײַטונגען, וואָס האָבן לאַנג נישט געלעבט, און דערונ־טער אויך דעם ביטשאָטשער ,דער יודישע וועקער', וואָס ער האָט רעדאַק־טירט צו ערשט אין סטאַניסלאַוו און שפּעטער אין ביטשאָטש, ווו ער האָט דעם יונגעטשקן עגנון צוגעצויגן פאַר אַ מיטרעדאַקטער, פּונקט ווי ער האָט נישט בלויז דעם עלטערן איצי פערנהאָף נאָר אויך דעם יונגעטשקן

אַברהם לעבנסאַרט (פסעוודאָנים: דרך־ארץ) צוגעצויגן פאַר מיטרעדאַקטערס פון „הירדן". אָבער מחמת רוקחס אומרויִקן כאַראַקטער און זײַנע שטענדיקע האַסטיקע נסיעות האָט אין ביידע פאַלן די מיטרעדאַקטערשאַפט געמיינט רעדאַקטערשאַפט, אַזוי אַז די צווײ בחורים האָבן זיך פרי אויסגעלערנט צעפירן די הענט;

ד) דער זלאָטשיווער „הצעיר", וואָס זײַן רעדאַקטער איז געווען דער דערמאָנטער ביטשאָטשער איצי (יצחק) פערנהאָף, וואָס האָט אין עגנונס געבוירן־שטאָט אַרויסגעגעבן דאָס יאָרבוך „ספרי שעשועים" ווו עס האָבן אַפילו געשריבן י"ל פרץ, מיכה־יוסף בערדיטשעווסקי, ראובן בריינין, יוסף קלויזנער און אַנדערע, ער האָט אָבער נאָך עפּעס געשטעקט אין שפּעט־השׂכּלה, און דער רעדאַקטער גופא האָט זיך אַנטקעגנגעזעצט דער דעמל־טיקער מאָדע פון אַ ראָמאַנטישן באַנעם פון חסידות און אָפּגעענטפערט מיט אַ ראָמאַנטישן באַנעם פון אירע קעגנערס אין זײַן נאָוועלן־בוך „ספר המתנגדים", וואָס איז אַרויס (דורך ישׂראל כּהן) לאַנג נאָך זײַן טויט (תל־אביב תשי"ב). פערנהאָף האָט דעם יונגן שרײַבער געקענט פון קינדווײַז אויף און ווען דאָס ייִנגל האָט אים געשיקט אַ געגראַמטע לשנה־טובה האָט ער אים געענטפערט אין אַ קונציק לשון־קודשיק ייִדישער שטיפערײַ אַזוי צו זאָגן:

אל הנער שמואל נרו יהל / בשמחה מיוחדה וטהורה / קיבלתי ברכתך השיר / כ'הוב אובר זר מורא / טומר איז אס נישט פון דיר / דילמא לאוו אביהו אתה / אף כי שמך בסופו נעוץ / גמכט הט אס דיין טטה / אָבגשריבן הסטו — שקוץ / אבל יהיה כן או כן / באהבה אקבל מנחת־שי / אויב ס'איז דיין גדיכט אָדר ניין / זיי גזונד סיי וי סיי.

(איך האָב עס פון עגנונס מויל אָפּגעדרוקט אין „דבר", ערב ראש־השנה תּרצ"ו, און פון דאָרט איז עס איבערגעדרוקט אין „ספר המתנגדים", ז״ 215—216). משמע ער האָט דאָס ייִנגל חושד געווען מיט וואָס עס האָט אים שפּעטער חושד געווען ר' שמעון מנחם לאַזער ווען ער האָט דעם בחורס ערשט העברעיִש ליד „גיבור קטן", און שפּעטער אַנדערע זאַכן אָפּגעדרוקט אין „המצפּה", אַז עס איז מסתּמא זײַן טאַטנס. און מיר וועלן נאָך זאָגן אַ וואָרט דערוועגן. אַגב, איצי פערנהאָף האָט אין „הצעיר", וועלכן ער האָט, (צוזאַמען מיט אליעזר בערנשטיין) אַרויסגעגעבן אין זלאָטשיוו, געדרוקט דעם יונגן שרײַבערס קליינע נאָוועלע „גר צדק", אָבער דאָס איז שוין געווען שפּעטער (תּרע"ב), ווען ער איז שוין באַקאַנט

געווען פון זײַנע אָריגינעלע שאַפונגען און געהאַלטן בײַם אַרויסגעבן זײַן ערשט בוך ,והיה העקוב למישור׳.

דאָס זענען, בעצם, אַלע גאַליצישע בלעטער אין וועלכע עגנון האָט זיך באַטייליקט. און לשם שלימות דאַרף מען נאָך דערמאָנען אַן אַרטיקל וואָס ער האָט געדרוקט אין דער וואַרשעווער ,הצפירה׳ און וואָס ער האָט אַהין געשיקט, אפשר נאָך זײַענדיק אין ארץ־ישׂראל (תּרע״ג).

ג

אַנדערש פאַרהאַלט עס זיך מיט זײַן ייִדיש־געשריבענעם בינטל זאַכן, וואָס איז געווען אַ סך שווערער צוזאַמענצוקלײַבן, כאָטש ער איז אויך געווען געדרוקט אין געציילטע בלעטער און געזעמלען:

א) אין סטאַניסלאַווער ,יודישעס וואָכענבלאַטט׳, אונטער דער רע־דאַקציע פון ד״ר משה דאַגילעווסקי, פון די ערשטע גאַליצישע ציוניסטן — האָט נאָך אָנטייל גענומען אין דער לעמבעריקער ציוניסטן־קאָנפע־רענציע אין 1897 — שפּעטער געוואָרן איינער פון די גרינדער און בעלי־בתּים פון דער פּוילישער ציוניסטישער טאָגצײַטונג Chwila. מיר פאַר־צייכענען דאָס כּדי אויסצומײַדן דעם געמאַכטן טעות, אַז דער רעדאַקטער איז געווען מאיר הענישׂ — ער איז ערשט מיט דרײַ יאָר שפּעטער געקומען קיין סטאַניסלאַוו און האָט דאָרט רעדאַקטירט אַנדערע בלעטער (בעיקר ,דער יוד״ צוזאַמען מיט א. ל. שוסהיים).

ב) אין דער לעמבעריקער טאָגצײַטונג ,טאָגעבלאַט׳ און אין יאָרבוך ,יודישער פאָלקסקאַלענדער׳, ביידע, ווי דערמאָנט, רעדאַקטירט פון גר־שום באַדער;

ג) בעיקר אין דערמאָנטן ביטשאָטשער ,דער יודישע וועקער׳ וווּ עגנון האָט אָפּגעדרוקט, געצייכנט מיטן פולן נאָמען אָדער זײַנע ראשי־תיבות און פסעוודאָנימען, די גרעסטע צאָל פון זײַנע ייִדיש־געשריבענע זאַכן.

עס איז, דאַכט זיך, כּדאַי בקיצור צו דערציילן ווי שווער עס איז גע־ווען די דאָזיקע יקר־מציאותן, ממש ביבליאָגראַפישע ווײַסע ראָבן, אויסצו־געפינען, און איך וועל אָנהייבן מיט אַ מבשׂרי חזיתי — ווען איך האָב מיט אַ קאָרגע פיר און פערציק יאָר צוריק דעם מחבר משמש געווען, און אים און זיך אַליין געוואָלט מהנה זײַן און צונויפזאַמלען די דאָזיקע זאַכן, האָב איך צוזאַמענגעבראַכט אַ גרויסן טייל העברעיִשן מאַטעריאַל, אָבער דער ייִדישער מאַטעריאַל איז געבליבן פאַרהוילן. דער מחבר גופא,

וואָס האָט, כּדרך הטבע והרגילות, אויפגעהיט וואָס ער האָט געשריבן און, ווײַט נישט קאָמפּלעט, וואָס מען האָט וועגן אים געשריבן, האָט די דאָזיקע זאַכן בײַ זיך דעמלט נישט פאַרמאָגט, כאָטש ער האָט זיי, מיט זײַן עליה, אין לאַנד אַרײַן מיטגעבראַכט און אויך אָפּגעהיט אַרומוואַנדערנדיק אין דײַטשלאַנד און עס איז אַרײַן אין זײַן גרויסן אוצר פון ספרים און כּתב־ידן אין זײַן האַמבורגער דירה. אַלץ איז אָבער, מיט דער שׂרפה, געגאַנגען כּלה. אין מײַנע זוכענישן איז מיר בעיקר געגאַנגען צו קריגן זײַן דערציילונג „טויטנטאַנץ״, וואָס איך האָב זי געקענט ממש פון קינדווײַז אויף, ווײַל מײַן טאַטע עליו־השלום האָט אַבאָנירט די לעמבעריקער קאַלענדערס, סײַ פון גרשום באַדער און סײַ פון משה פראָסטיג, און האָט אַ מאָל, נאָכן טיש, די דערציילונג פירגעלייענט און איך, אַ צען־יאָריק יינגל, האָב יאָרן לאַנג געדענקט דעם שוידער, און אַפילו גרויל, וואָס איז מיר דורכגעגאַנגען. אָבער אַלע השתדלותן מײַנע צו קריגן דעם קאַלענדער, וואָס האָט געמוזט זײַן אין די ביבליאָטעקן, וועלכע איך האָב מטריח געווען און ווו דאָס בוך האָט באַדאַרפט צו זײַן — אַ סימן, עס איז געווען רעגיסטרירט אין די קאַטאַלאָגן — האָבן צו גאָרנישט געבראַכט, און ערשט נאָך יאָרן, ווען איך האָב מיך, דורך יוסף פרענקל, געווענדט אין „בריטיש־מיוזעום׳, האָט ער עס געקריגן אין אַ ביבליאָטעק פון אַ לאָנדאָנער שולעכל און מיר געשיקט אַ פאָטאָקאָפּיע, וועלכע האָט שפּעטער געוואַנדערט צווישן די עגנון־פאַרשערס. וועגן חשיבות פון דער דערציילונג לגופה, און נאָך מער לגבי עגנונס אַנדערע דערציילונגען, וואָס פאַרנעמען זיך מיט אירע מאָטיוון, און בעיקר מיטן הויפּטמאָטיוו, האָב איך מיך אָפּגעשטעלט אין אַ רעפעראַט בײַ אַ יום־טוב־מסיבה לכבוד זײַן יובל־הגבורות, און ער האָט דערציילט אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן גלגול פון דער נאָוועלע זײַנער: ווען ער האָט זיך, דאָס לעצטע מאָל, געזען מיט גרשום באַדער, האָט יענער פון אים די דערציילונג אַרויסגעקריגן; זי איז אָבער געדרוקט געוואָרן כּמעט פיר יאָר נאָך דעם מחברס עליה, און אין יאָר ווען באַדער האָט געמוזט פאַרלאָזן לעמבעריק און אַוועק קיין אַמעריקע. עס איז דאָס זעלבע יאָר, ווען עס האָט זיך געדרוקט זײַן דערמאָנטע באַקאַנטע דערציילונג „והיה העקוב למישור״ אין המשכים אין ‚הפועל הצעיר׳, און איז אויך באַלד דורך י״ח ברענער, וואָס האָט געדעקט פון זײַן קעשענע די הוצאות, אַרויס ווי אַ ביכל, און דעם מחבר באַרימט געמאַכט.

על־כּל־פּנים איז אָבער „טויטנטאַנץ״ געצייכנט ש״י טשאַטשקעס,

דער עיקר־נאָמען זײַנער, וואָס איז געווען באַקאַנטער דעם עלטערן ייִדיש־לייענער, און נישט ש״י עגנון, וואָס האָט אָנגעהויבן באַקאַנטער צו זײַן דעם ייִנגערן העברעיִש־לייענער, בפרט נאָך דעם ווי מען האָט גענומען ברעכן אַ לאַנץ לשבח דעם אויפגייענדיקן שטערן (זען, אַ שטייגער, מאן דהו, דאָס איז מאיר העניש, אין ,ייִדישער אַרבעטער', 1909, נומ' 15). און אפשר האָט דאָ גורם געווען דער טעם, וואָס באַדער האָט געוווּסט, אַז די נאָוועלע איז שוין געווען בײַ אים אין קעשענע איידער עס איז דעם מחבר אײַנגעפאַלן איבערצואַנדערשן זײַן נאָמען — פאַראַן דאַריבער עטלעכע ווערסיעס, צום נאָענטסטן ווײַזט זיך אויס די שמועה אַז ש. בן־ציון, דער רעדאַקטער פון ,העומר', וואָס האָט געדרוקט די ערשטע היגע נאָוועלע זײַנע, האָט דאָס יוסט פאַרלאַנגט, און אַזוי ווי דער מחבר האָט זיך געקווענקלט און דער רעדאַקטער איז געווען גרייט אַליין אויסצוקלייבן אַ נאָמען, האָט דער מחבר אויסגעפונען אַ נאָמען ad hoc לאמור: אַזוי ווי די נאָוועלע הייסט „עגונות" פאַסט זיך פאַר איר מחבר צו הייסן עגנון. דאָס איז געבליבן זײַן פען־נאָמען און איז נאָך יאָרן (תרפ"ד) געוואָרן זײַן אָפיציעלער און פאַקטישער משפחה־נאָמען און ער האָט פאַרטיידיקט זײַן עקסקלוסיוויטעט לגבי אַנדערע, וואָס האָבן דעם נאָמען אַדאָפּטירט, און איז אַרײַן אין קאָמישע מחלוקתן מיט זיי (למעשה איז עס אויך הײַנט, לפּחות לויטן טעלעפאָן־בוך, אַ זעלטענער נאָמען), כאָטש מעגלעך אַז אויך די סברה, אַז ער זאָל האָבן דעם נאָמען אויסגעקליבן, מחמת דער ענין עגונות פאַרנעמט בײַ אים אַ באַזונדערן פּלאַץ, האָט טאַקע אַ האָפט. על־כּל־פּנים שליסט דער פאַרשפּעטיקט־געדרוקטער „טויטנטאַנץ" אָפּ דאָס גאַליצישע ייִדיש־קאַפּיטל זײַנס און דאָס ייִדיש־קאַפּיטל בכלל.

ד

און פון סוף־פּרק פון זײַן ייִדיש־בינטל, ,טויטנטאַנץ' — וואָס דער מחבר האָט עס, לדבריו, נישט געזען געדרוקט, כאָטש ער האָט זיך צו זײַן גרונט־מאָטיוו אַפילו עטלעכע מאָל אומגעקערט — צו די ייִדיש־פּרקים, שירים, סיפּורים, פעליעטאָנען, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין ,דער יודישע וועקער', וואָס נישט בלויז אַ קאָמפּלעט זײַנער, נאָר אויך באַזונדערע נומערן זײַנע האָבן זיך נישט געלאָזט געפינען, כאָטש זיי זענען יאָרן געלעגן אין אַן עזבון פון אַן אַבאָנענט, רוקחס אַ באַקאַנטער, וואָס האָט געוווינט אין מצרים, און האָבן, נאָך כּמה גלגולים, געפונען זייער רו אין

ר׳ זלמן פעווזנערס באַקאַנטער זאַמלונג ,בית לבנון׳, וואָס איז שפּעטער אַריבער אין רשות פון תּל־אביבער אוניווערסיטעט. ווען זלמן פּעווזנער האָט מיר דאָס בינטל געבראַכט און איך האָב מיך מיט אים באַקאַנט, האָב איך קודם־כּל באַאַרבעט די לידער, און ס׳רוב פון זיי איבערגעדרוקט, סײַ די שוואַכערע, די לירישע, סײַ די שטאַרקערע, די עפּישע, און פאַרזען מיט אַ פּאָר נייטיקע הערות.

אָבער אויך איצט האָט נאָך אַ סך געפעלט זײַן יידיש־בינטל צו קאָמפּלעטירן — עס האָט זיך געהאַנדלט אין סאַמע אָנהייב, די באַלאַדע זײַנע וועגן יוסף דעלאַ־ריינע, וואָס איז געווען זײַן ייִדיש־ערשטלינג, געדרוקט אין דערמאָנטן סטאַניסלאַוווער וואָכנבלאַט (תּרס״ג), ווען ער איז בסך־הכּל אַלט געווען פופצן יאָר. ער, דער מחבר גופא האָט דאָס ליד שוין נישט אין גאַנצן געדענקט און אַזוי ווי ער האָט לגבי זײַנע פאַרגעסענע חיבורים געהאַט אַ דינאַמישן זכּרון, וואָס איז קלאָר געווען אײדן וואָס האָט אים געהערט עטלעכע מאָל זאָגן פון אויסווייניק פראַגמענטן פון זײַנע נישט־געדרוקטע יוגנטלידלעך („אַ סוכּהלע״, „דער רבי ר׳ פּדה־הצור״), האָט נישט געקענט נישט באַמערקן די קליינע, אָבער פּיקאַנטע שינויים לטובה, וואָס זענען, פון מאָל צו מאָל, ווײַזט אויס אומבאַוווסט, אַרײַן אין טעקסט. אָבער אַברהם (אַרנאָלד) באַנד איז געלונגען אין ציוניסטישן אַרכיוו אין ירושלים, אַפּצוגעפינען דעם עקזעמפּלאַר פון בלאַט, ווו די באַלאַדע איז געדרוקט געווען און ער האָט זי אויך איבער־געדרוקט מיט זײַן קורצן מאמר: „הערות צו ש״י עגנונס ערשטן געדרוקטן ליד אין ייִדיש״ (,די גאָלדענע קייט׳, 46, [1963]. אָנווײַזנדיק אויף די מקורות, אויף וועלכע דער מחבר האָט זיך געקענט שטיצן, רעגט ער אָן צו פאַרגלײַכן עגנונס נוסח פון דער לעגענדע מיט די פּאָפּולערע ייִדישע מעשׂה־ביכלעך און מיט י״ל פּרצעס „מאָניש״ מיט וועלכן עגנונס, ליד רופט זיך איבער אין זײַנע עיקר־מאָטיוון, אינעם טאָן און בוי פון דער סטראָפע. פּונקט ווי אַברהם באַנד איז געלונגען אַפּצוגעפינען אַ קאָמ־פּלעט פון סטאַניסלאַוווער ,יודישעס וואָכענבלאַטט׳, און אַזוי אַרום אָפּצו־ראַטעווען די דערמאָנטע באַלאַדע, וואָס איז דעם מחברס ייִדישער מנחת־בּיכּורים, איז אים געלונגען אַפּצוגעפינען עלעכע סקיצעס פון דער סעריע „קליינע מעשׂיות וועגן גרויסע זאַכענישן״ וואָס האָבן זיך געדרוקט אין לעמבעריקער ,טאַגעבלאַט׳.

איך זאָג: עטלעכע, ווײַל לויט עגנונס עדות, וואָס ער האָט פאַר מיר עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, זאָלן אין דער סעריע האָבן געווען נישט

פינף מעשׂיות, ווי מיר האָבן זיי איצט פאַר זיך, נאָר גאַנצע אַכצן מעשׂיות. אויב זײַן זכרון האָט נישט געהאַט קיין טעות — און ער איז געווען צו פעסט עס צו האָבן, בפרט לגבי זײַן אייגענעם שרײַבן — דאַרף מען ווײַטער נישטערן, און הלוואַי דאָס מזל זאָל צושפילן ווי עס האָט צוגע־שפילט באַנדן, וואָס האָט צום מזל שׂכל, אויסנוצנדיק, אויף אַ ברייטערער קאַנווע, עגנונס אי העברעיִשע, אי ייִדישע ערשטלינגען, סײַ לגבי דעם אָפשאַץ פון מחברס ערשטן ייִנגלשן סטאַרט אין דער ליטעראַטור סײַ לגבי אַן אַנאַליז פון מחברס פרווון זיך אומצוקערן צו זײַנע פריִערע טעמעס מיט אַ צײַטיקערן קינסטלערישן און שפראַכלעכן יכולת. ער האָט עס געטאָן סײַ אין טייל אַרבעטן, ווי זײַנע מאַמרים וואָס זענען פאַרצייכנט אין די עגנון־ביבליאָגראַפיעס, סײַ פון יוחנן ארנון (תשל״א), סײַ פון יונה דוד (תשל״ב), און בעיקר אין זײַן פונדאַמענטאַלן בוך Nostalgia and Nightmare (Berkeley, 1968).

ה

נאָך דעם ווי מיר האָבן לוסטרירט דאָס פובליצירטע פאַרמעג פון עגנונס יוגנט־שרײַבן פאַר זײַן ערשטער עליה, ווילן מיר אים אַליין געבן דאָס וואָרט, כדי צו הערן, וואָס האָט ער דאַריבער געהאַט צו זאָגן, און מיר וועלן גענוי ציטירן זײַנע ווערטער און, אויב נייטיק, צוגעבן עטלעכע באַמערקן. מיר וועלן אָנהייבן מיט זײַנע אויטאָביאָגראַפיעס — אין דער קורצער סקיצע וועגן זיך, וואָס ער ברענגט זי אין זײַנס אַ בריוו (תרפ״ו) צו א״מ ז׳אַק (זשערנענסקי) שרײַבט ער:

> אין עלטער פון נײַן יאָר האָב איך געמאַכט אַ באַלאַדע וועגן אַ בחור, וואָס איז אַרויס אָנצינדן ליכט אין דער ערשטער סליחות־נאַכט, ווי עס איז געווען דער מנהג פון בחורים אין מײַנע קינדערשע יאָרן; איז געקומען איינע פון די וואַסער־מיידלעך און האָט אים צוגענומען. דאָס איז געווען דאָס צווייטע ליד נאָך מײַן ליד פון בענקעניש וואָס איך האָב אָנגעשריבן ווען מײַן טאַטע איז אַוועקגע־פאָרן מחמת זײַנע נסיעות. פון דעמלט אָן בין איך געווען ווי אַ קוואַל, וואָס שטעלט זיך נישט אָפ, און איך האָב יעדן טאָג אָנגעשריבן אַ גרויס און שרעקלעך ליד. אַזוי ווי איך בין געווען פאַרנומען מיט אַרויסברענגען, האָב איך נישט אוספייעט אײַנצושלינגען. געלויבט איז גאָט וואָס פון מײַנע קינדערשע לידער איז נישט איבער־

געבליבן קיין איינציק אות. מיַין ערשט העברעיִש ליד וואָס איך האָב פאַרעפנטלעכט, איז געווען ל״ג בעומר תּרס״ד. פאַר אים איז נאָך געווען אַ מין הקדמה צו אַ ספר דרוש. דאָס ספר הייסט, דאַכט זיך, ,מנחת יהודה׳ אָדער ,בית יהודה׳. אין יענעם יאָר האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרעפנטלעכן לייַכטע סיפּורים אין לשון־קודש און אין יידיש־טיַיטש (מעא״ע, ז׳ 7).

אָבער אין זיַין בריוו צום תּל־אָביבער שטאָטראַט (תּרצ״ד) לייענען מיר: די ערשטע זאַך מיַינע אין דרוק איז געווען אַ געגראַמטע הסכּמה אויפן ספר ,מנחת יהודה׳ אָדער ,בית יהודה׳ וועגן אגדות הש״ס (יאָר תּרס״ג), אָבער דאַכט זיך מיר, אַז פאַר דעם האָב איך פאַרע־פנטלעכט יידיש אַ דערציילעריש ליד, „רבי יוסף דילה ריינה״. פון דעמלט אָן האָב איך פאַרעפנטלעכט עטלעכע לידער און דער־ציילונגען, העברעיִש און יידיש, אין צייַטונגען און געזעמלען, וואָס זענען אַרויס אין גאַליציע (דאָרט, ז׳ 9).

ווי מיר זעען, און וועלן נאָך זען, האָט עגנון תּחילת געקלערט, אַז די ערשטע געדרוקטע זאַך זיַינע איז געווען די דערמאָנטע געגראַמטע הסכּמה — עס האַנדלט זיך אין ספרל פון ר׳ יהודה־צבי געלבאַרד, אַן אַלט־מאָדישער מחבר, וואָס האָט געשטאַמט פון נאָענטן יאַזלאָוויץ, און האָט אַרויסגעגעבן אַ מנין ספרימלעך, לרוב דרושים אויף צו דערקלערן אַגדות על־פּי השׂכל ועל־פּי הטבע. צווישן זיי געפינט זיך טאַקע אַ ספרל וואָס הייסט ,בית יהודה׳ (מונקאַטש תּר״ס) אָבער עגנונס הסכּמה געפינט זיך אין ספרל ,מנחת יהודה׳ (דאָרט תּרס״ג), וואָס האָט געהאַט נאָך צוויי חלקים (דאָרט, ביז תּרס״ו), און ווו ער פּרוווט ראַציאָנאַליזירן די אַגדות פון רבי בר־בר־חנא. דער דאָזיקער מחבר, וואָס איז געווען נאָענט צום טשאָרטקיווער רב ר׳ ישעיה־מאיר שפּירא (וועלכן די קעגנער זיַינע, חסידי בית־ריזשין, האָבן פאַרטריבן מחמת זיַין נטיה צו השׂכּלה) און האָט אויך אַרויסגעגעבן, אין אַ ספרל, אַ הספד וועגן אים (קאָלאָמעאַ תּרמ״ז), פלעגט אַרומפאָרן מיט זיַינע ביכלעך און, זאַמלענדיק הסכּמות, האָט ער אויך נישט איבערגעהיפּערט יינגלעך — חוץ עגנון, וועמען ער טיטולירט: „המשׂכּיל שוחר תּורה ועדות״, האָט ער, אין אַנדערע ספרימלעך, הסכּמות פון בחורים, אַזוי ווי ר׳ מאיר שפּירא, וואָס איז שפּעטער געווען דער באַגרינדער פון דער ישיבת חכמי לובלין, אָדער שמואל מיַיזעלס, וואָס איז שפּעטער געווען דער רעדאַקטער פון האַמבורגער דיַיטשישן ,יודישעס פאַמיליענבלאַט׳. עגנונס הסכּמה האָט אַ דאַטע: סיון תּרס״ג, און דאָס ליד

זײַנס וועגן יוסף דע־לאַ־ריינע האָט אַ דאַטע: יוני 17, 1903 [= כב סיון תרס"ג], אַזוי אַז דער צײַטאָפּשטאַנד איז בפירוש אַ קלײנער, אָבער דער אָפּשטאַנד צווישן דער העברעיִשער מליצה און פֿאָלקס־פּרימיטיוו פֿון דער ייִדישער באַלאַדע, איז שוין גאָרנישט קיין קלײנער.

ו

וועגן דעם גלײַכצײַטיקן טעמאַטישן און מענטאַלן מישמאַש אין זײַן קינדערשן און ייִנגלשן שרײַבן רעדט ער אויך שפּעטער — אַזוי, אַ שטייגער, אין זײַן וואָרט לכבוד זײַן ווערן אַן אזרח־כּבוד (ערן־בירגער) פֿון ירושלים (ל"ג בעומר תשכ"ב) און ווו ער דערמאָנט וויפֿל חשובע געשעענישן אין זײַן לעבן זענען אויסגעפֿאַלן ל"ג בעומר און ער דערציילט:

אַ סך לידער און אַ סך דערציילונגען און אַ סך דראַמעס און חידושי תּורה און ייִחוס־בריוו און עטלעכע אַנדערע זאַכעכישן האָב איך קינדווײַז געשריבן. אָבער מײַן ערשט ליד, וואָס איז דאָס ערשטע פֿון די זאַכן וואָס איך האָב פֿאַרעפֿנטלעכט לשון־קודש אין צײַטונ־גען און אין ביכער, האָב איך געשריבן ל"ג בעומר. מײַן ערשטע עליה קיין ארץ־ישׂראל איז געווען ל"ג בעומר (מעא"ע, ז' 68).

אָבער דאָס קאָלידירט נישט זײַן זכּרון, אַז דאָס ליד „גיבור קטן" איז נישט דאָס ערשטע וואָס ער האָט בכלל געדרוקט. אַזוי, ווען עס איז אים אויסגעקומען צו רעדן וועגן אַ קײַלעכדיקער דאַטע, זאָגט ער אין זײַן וואָרט בײַ אַ צוזאַמענטרעף פֿון שרײַבער און זשורנאַליסטן אין ירושלים (אָב תשכ"ג):

זײַט יענע טעג, ווען איך האָב אָנגעהויבן זיך צו פֿאַרנעמען מיט ליטעראַטור, זענען אַוועק זעכציק יאָר; ממש אין די טעג, מיט זעכציק יאָר צוריק, איז געדרוקט געוואָרן מײַן ערשט ליד אין ייִדיש (דאָרט, ז' 80).

נאָך מער, אין זײַן וואָרט בײַם באַקומען דעם נאָבעל־פּרײַז אין שטאָק־האָלם (כּסלו תשכ"ז) דערמאָנט ער זײַנע ערשטלינגען:

פֿינף יאָר בין איך אַלט געווען, ווען איך האָב געשריבן מײַן ערשט ליד, מחמת בענקעניש צו מײַן טאַטן... זײַט דעמלט און ווײַטער האָב איך געמאַכט אַ סך לידער. פֿון אַלע לידער וואָס איך האָב געמאַכט איז גאָר נישט געבליבן. מײַן טאַטנס הויז, וווּ איך האָב איבער־געלאָזט אַ שטוב פֿול כּתבים, איז בשעת דער ערשטער מלחמה פֿאַרברענט געוואָרן און מיט אים איז פֿאַרברענט געוואָרן אַלצדינג

וואָס איך האָב געהאַט איבערגעלאָזט, און די יונגע טשעלאַדניקעס, די שניַידערס און שוסטערס, וואָס האָבן בשעת זייער מלאכה געזונ־גען מײַנע לידער זענען דערהרגעט געוואָרן אין דער ערשטער מלחמה און די וואָס זענען נישט דערהרגעט געוואָרן אין דער מלחמה זענען אַ טייל לעבעדיק באַגראָבן געוואָרן מיט זייערע שוועסטער אין אַ גרוב וואָס זיי האָבן אַליין אויסגעגראָבן אויפן באַפעל פונעם שונא און דער רוב זענען פאַרברענט געוואָרן אין די אויזונס פון אוישוויץ מיט זייערע שוועסטער וואָס האָבן באַצירט אונדזער שטאָט מיט זייער שיינקייט און מיט זייער צימלעך זיס קול פאַרזיסט מײַנע לידער (דאָרט, ז׳ 86).

קלאָר אַז עגנון, וואָס אַ פּאָר פון זײַנע לידלעך האָט מען טאַקע געזונ־גען אין זײַן שטאָט, מיינט דאָ ייִדיש־געשריבענע און געזונגענע לידער.

ז

חוץ די ספּאָראַדישע דערמאָנען, האָבן מיר אויך אַ פּרווו פון אַ בעלעטרי־זירטער אויטאָביאָגראַפּיע — לכּבוד דעם פּערציק־יאָריקן באַשטאַנד פון וואָכנבלאַט „הפּועל הצעיר׳ (תש״ז) איז אַרויס אַ יובל־בוך „ארבעים שנה׳. דאָרט האָבן מיר עגנונס אויטאָביאָגראַפישן סיפּור: „חמדת״ (ווי ער פלעגט זיך אַליין אָנרופן אין עטלעכע סיפּורים זײַנע). דערציילט ער דאָרט פון זײַנע בחורשע יאָרן, אַז ווען ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס לערנען האָט ער געטאָן וואָס זײַן האַרץ האָט געגלוסט:

> אַ מאָל האָט ער זיך געטראָפן מיט מענטשן כּדי צו הערן זייערע שמועסן, אָדער האָט געלייענט אַ בוך, אָדער אָנגעשריבן ענינים פון האַרצן. אַ מאָל אין מעטרישע און געגראַמטע לידער, אַ מאָל אין פּראָסט לשון. דערפון האָט ער אָנגעשריבן אַ פּאָר העפטן און פון זיי האָט ער אָפּגעדרוקט אין צײַטונגען אין דער מדינה, ווײַל די מדינה איז פריִער געווען פול חכמים און סופרים, פּאָעטן און פאַר־שערס און צו מאָל גייט נאָך דאָרט אויף אַ דין שטיל קול פון דעם איבערבלײַבעניש פון אירע שרײַבערס. און צווישן איינציקע אויס־דערווײלטע און לשון־געניטע האָט זיך געציילט חמדת, וואָס עטלע־כע לידער און סיפּורים זײַנע האָבן זיך געדרוקט אין די העברעיִשע צײַטונגען אין דער מדינה, וואָס היטן אָפּ דעם רעשט פון אונדזער גלוסטונג וואָס מען האָט פון אונדזער מויל אָפּגעשניטן (דאָרט, ז׳ 11).

אין פלוג רעדט ער דאָ בלויז איבער זײַן העברעיִש שרײַבן אין פּאָעזיע און פּראָזע, אָבער אין המשך דערמאָנט ער נישט בלויז די השפּעה פון זײַן טאַטן, וואָס האָט געשריבן מליצות, נאָר אויך די השפּעה פון זײַן מאַמען, וואָס פלעגט אים נאָך, ווען ער איז געווען אין וויגעלע, זינגען און זאָגן, און ער האָט שפּעטער דערפון געבויט זײַנע לידער. נאָך מער, ווען ער דערציילט וועגן זײַן נסיעה קיין ארץ־ישׂראל און באַשרײַבט די באַגעגע־נישן וואָס ער האָט געהאַט אויפן וועג מיט שרײַבערס — הערן מיר אַז דער ערשטער פון זיי, אין לעמבעריק, איז געווען אַהרן גראָסמאַן, וואָס מיינט בעצם משה קליינמאַן, וואָס האָט דעמלט געוווינט אין לעמבעריק און האָט דאָרט רעדאַקטירט דאָס ,טאָגעבלאַט׳. מיר הערן וועגן אים אַזוי צו זאָגן:

> אַהרן גראָסמאַן איז געווען פון רוסלאַנד און בשעת דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה איז ער מגולגל געוואָרן קיין גאַליציע. איז ער זיך געקומען קיין לעמבעריק און געוואָרן רעדאַקטער פון אַ ייִדי־שער טאָגצײַטונג, וואָס איז דאָרט אַרויס. ער איז געווען אַ באַקאַנטער שרײַבער און אַ ליבהאָבער פון שרײַבערס און ליטעראַטור, און אַפילו פּאָר גאַליציִשע שרײַבערס האָט ער געהאַט אַ גוט אויג. איין מאָל האָט אים חמדת געשיקט אַ דערציילונג. האָט ער די דערציילונג געדרוקט און געצאָלט שרײַבהאָנאָראַר, אַ זאַך וואָס חמדת האָט דערצו פריִער נישט זוכה געווען... (דאָרט, ז׳ 15).

ווי עס ווײַזט אויס, מיינט ער דאָ די סעריע קליינע סקיצעס „קליינע מעשׂיות פון גרויסע זאַכענישן״, וואָס איז געדרוקט געווען אין יענעם בלאַט, כאָטש דאָס קאָן שווער דעפינירט ווערן ווי אַ סיפּור, לא כל־שכּן א י י ן סיפּור.

ח

ווי מיר הערן, רעדט זיך דאָ וועגן ,טאָגעבלאַט׳ אונטער דער רעדאַקציע פון משה קליינמאַן, און נישט פון גרשום באַדער, וואָס האָט דאָס בלאַט באַגרינדעט (תרס״ד) און רעדאַקטירט. איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז מחמת סכסוכים צווישן גרשום באַדער און דעם ציוניסטישן קרײַז־קאָמיטעט, וואָס האָט די צײַטונג אויסגעהאַלטן, האָט בײַ אַ בוררות שלמה שילער פּירגע־לייגט אַז משה קליינמאַן, וואָס האָט מיטגעאַרבעט אין בלאַט, זאָל שטיין אין שפּיץ פון דער רעדאַקציע. אָבער באַדער, וואָס האָט צו ערשט מסכּים געווען, האָט זיך, נאָך עטלעכע וואָכן, מיישב געווען און באַגרינדעט (תרס״ו) דאָס ,נײַעס לעמבערגער טאָגעבלאַט׳, און אַזוי ווי ער האָט נישט געפּאָלגט

דעם באַשלוס פון קאָמיטעט אָפּצושטעלן די צײַטונג (נאָכן 11טן יוני 1906), האָבן אים די ציוניסטן באַיקאָטירט. דערװײַל האָט דער טשיקאַװער עולם געהאַט הנאה פון דער אַמפּעריי צװישן בײדע ציוניסטישע בלעטער מיט דעם זעלבן נאָמען — װאָס שײך דעם געקריג איז אַחוץ פֿאַרשװינגלעכע רײַבערײַען, געװען אַ פּרינציפּעלע מחלוקה — בײדע בלעטער זענען געװען פֿאַר אױפֿטוען לטובת ארץ־ישׂראל אָבער װאָס שײך גלות, משמע, לאַנדעס־פּאָליטיק, איז קלײנמאַן געװען דערפֿאַר און באַדער דאַקעגן, פּונקט װי עס איז אױך געװען יונה קרעפּל, װאָס האָט דעמלט באַגרינדט דעם קראַקעװער „דער טאָג". און דאָס איז געשען אױפֿן שװעל פֿון די נאָענטע רײַכסטאַגס־װאַלן, װאָס מיר הערן דערװעגן אין אונדזער בוך בעיקר אין די שמועסן פֿון משה חקרן און, נאָך יאָרן, אַ סך ברײטער אין עגנונס סאַטירישער דער־צײלונג „בנערינו ובזקנינו", װוּ מיר האָבן פֿאַר זיך, איז ביטשאָטש, בײדע ייִדישע קאָנטראַ־קאַנדידאַטן צום װינער פּאַרלאַמענט: מצד די נאַציאָנאַלע ייִדן, מיט דער שטיצנדיקער הילף פֿון די אוקראַיִנער, דאָקטער דאַװידזאָן, אַ דעקנאַמען פֿאַר נתן בירנבוים; מצד די אַסימילאַנטן, מיטן הערשערישן דרוק פֿון די פּאָליאַקן — סעבאַסטיאַן מאַנטאַג, אַ דעקנאָמען פֿאַר בעריש (בערנאַרד) שטערן, דעם ביטשאָטשער בירגער־מײַסטער, װאָס איז טאַקע אױסגעװײלט געװאָרן.

ט

און דאָ קומען צו עגנונס אַרױסזאָגן װעגן זײַנע רעדאַקטערשע אַקטי־װיטעטן — די לענגערע, אין ייִדישן ביטשאָטשער „דער יודישע װעקער", און די קירצערע — אין לעמבעריקער „העת". װאָס שײך דעם „װעקער" — אין זײַן רעדע װאָס ער האָט געהאַלטן לכּבֿוד זײַן אײגענעם פּופּציק־יאָריקן יובל (אָב תּרצ״ח) איז פֿאַראַן אַ קאַפּיטעלע װעגן זײַן שרײַבן אין די יונגע יאָרן:

נאָך דאַרף איך דערמאָנען ר' אלעזר רוקחן פֿון ארץ־ישׂראל. זײַן נאָמען איז פֿאַרגעסן, אָבער זײַנע מעשׂים באַשטײען. ער איז געװען פֿון די באַגרינדער פֿון ראש־פּינה און פֿון די אױפֿלעבער פֿון ייִשובֿ. זינט ער איז אַרױס פֿון ארץ־ישׂראל האָט ער געװאָגלט. אין אײנעם אַ טאָג האָט ער זיך פֿאַרװאַלגערט אין אונדזער שטאָט און האָט דאָרט געװױנט עטלעכע יאָר. אין אונדזער שטאָט האָט ער אַרױס־געגעבן אין ייִדיש אַ װאָכנבלאַט „דער [יודישע] װעקער", װאָס ער און איך האָבן אים אױסגעפֿילט מיט אונדזערע זאַכן, ער מיט אַר־

טיקלען און ארץ־ישׂראל־זכרונות און ליטעראַטור־ענינים און הלצות און איך מיט לידער און דערציילונגען. ער האָט געוואַנדרעוועט אין פיל לענדער און האָט זיך באַקענט מיט אַ סך מענטשן, אָבער זײַן עיקר שמועסן איז געווען וועגן ארץ־ישׂראל, וועגן דער חלוקה און אירע ממונים, וועגן צפת און אירע באַוווינער. ווי ווײַט זײַן שמועס האָט באַווירקט מײַן זעל: יאָרן שפּעטער בין איך געקומען קיין צפת און איך האָב זיך נאָכגעפרעגט אויף עטלעכע צפתער ייִדן, וואָס איך האָב זיי געקענט פון רוקחס דערציילונגען, ביז מען האָט פון מײַן שמועס געדרונגען אַז איך בין אַ געבוירענער צפתער, און איך בין פלוני בן פלוני, וואָס איז פאַרשוווּנדן ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען, און אַפילו דער פאָטער און די מוטער פון יענעם קינד האָבן געהאַט אַ טעות אין מיר און געמיינט, אַז איך בין זייער זון. די צײַטונג „דער יודישע וועקער" (יודישע און נישט ייִדישער) וואָס איך האָב דאָרט געשריבן אין יעדן בלאַט אַ סך זאַכן, סײַ מיט מײַן נאָמען, סײַ מיט אויסגעטראַכטע נעמען און אויסטערלישע צונעמען, איז פון אים נישט געבליבן קיין איינציקער גאַנצער עקזעמפּלאַר. מײַן קאָמפּלעט איז פאַרברענט געוואָרן בשעת דער שׂרפה פון מײַן הויז אין האַמבורג. ווען ביאַליק עליו־השלום האָט געוווינט אין האַמבורג, פלעגט ער זיצן בײַ מיר און לייענען מײַנע לידער און דערציילונגען, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין „וועקער". איין מאָל האָב איך אים געפרעגט, וואָס האָט ער געפונען, אַז עס איז אים כּדאי צו פאַרשווענדן צײַט אויף צו לייענען מײַנע אומצײַטיקע זאַכן, וואָס איך און דו ווייסן, אַז עס איז אין זיי גאָרנישט נישטאָ. האָט ער מיר געענטפערט: יאָרן איז מיר געווען קשה, ווען האָט ר' שלמה בן גבירול געשריבן זײַנע שלעכטע לידער, צי איידער ער האָט געשריבן זײַנע גוטע לידער, צי נאָך דעם ווי ער האָט געשריבן זײַנע גוטע לידער; איצט אַז איך לייען דײַנע לידער און דערציילונגען, וואָס דו האָסט געשריבן קינדווײַז, איז מיר פאַרענטפערט יענע קשיא (דאָרט, ז' 28).

י

וואָס שייך דעם „העת' הערן מיר ווײַטער:

אַ קליינע צײַט בין איך געווען אין לעמבעריק און דעמלט האָט זיך פאַרענדיקט מײַן אַרבעט אין „וועקער". איין מאָל איז ישעיה־דוד

זילבערבוש געקומען קיין ביטשאַטש. ער האָט פאַרווײַלט עטלעכע טעג אין שטאָט און אַיעדע נאַכט בין איך געזעסן און געהערט זײַן שמועס. ווי איך האָב אָפּגעלערנט פון זײַנע ווערטער, האָב איך געמאַכט אויף אים אַ רושם, אַזוי ווײַט, אַז ער האָט געזאָגט, דאָס ער וועט שרײַבן אַ ראָמאַן וועגן מיר. אַז איך נישטער נאָך אין מײַנע דעמלטיקע טועכצער, געפין איך דאָרט גאָרנישט, וואָס קאָן ברענגען אַ דערציילער דערצו, ער זאָל אָנשרײַבן אַ ראָמאַן וועגן מיר. דאָס האַרץ פון שרײַבערס האָט נישט קיין גרונט. אַז ער איז צוריקגעקומען קיין לעמבעריק, האָט ער גרשום באַדערן דערציילט וועגן מיר. דעמלט האָט גרשום באַדער אַרויסגעגעבן אַ העברעיִשע צײַטונג מיטן נאָמען ,העת' וואָס איז דערשינען דרײַ מאָל אין דער וואָך. אין איינעם אַ טאָג איז אָנגעקומען אַ בריוו פון באַדערן, ווו ער האָט מיך פאַרבעטן אים צו העלפן קעגן אַ לוין פון זעכציק רײַניש אַ חודש. מען קאָן זיך נישט משער זײַן, וואָס פאַר אַ רושם זײַן בריוו האָט געמאַכט אין מײַן טאַטנס שטוב. איך, וואָס האָב קיין מאָל נישט פאַרדינט קיין גראָשן, ווער פלוצעם פאַרבעטן קיין לעמבעריק דורך אַ באַקאַנטן רעדאַקטער, וואָס איז גרייט מיר צו באַצאָלן זעכציק רײַניש אַ חודש, וואָס מען האָט דעמלט באַטראַכט פאַר אַ גוטן לוין. מיט אַ פּאַק פול כתבים בין איך געקומען קיין לעמבעריק. אַ סך געלט האָב איך נישט געבראַכט מיט מיר, עס האָבן דאָך אויף מיר געוואַרט זעכציק רײַניש אין רעדאַקטערס קעשענע. מחמת בושה האָב איך נישט פאַרלאַנגט מײַן לוין און זיך אַ חודש צײַט געזשיוועט מיט די קיכלעך און געבעקסן, וואָס מײַן מאַמע עליה־השלום האָט מיר מיטגעגעבן צערונג אויפן וועג. ביז די צײַטונג האָט אויפגעהערט אַרויסצוגיין און עס איז געוואָרן נאָענט צו פּסח און איך בין צוריק אַהיימגעקומען. און פון וואַנען האָב איך געהאַט אויף הוצאות? איך האָב איבערגעגעבן אַ דערציילונג מר משה קליינמאַן, וואָס איז געווען רעדאַקטער פון ,טאָגעבלאַט', און נישט געגנוג וואָס ער האָט מיר געזאָגט אַז עס איז אַ גוטע דערציילונג, האָט ער מיר נאָך געצאָלט פיר רײַניש שרײַב־האָנאָראַר. דאָס איז געווען מײַן ערשטער שרײַב־האָנאָראַר, וואָס איך האָב געקריגן פאַר מײַן ליטעראַרישער אַרבעט. אויך מר באַדער האָט מיר געגעבן עטלעכע רײַניש פאַר מײַן אַרבעט מיט אים אין דער צײַטונג ,העת' (דאָרט, זז' 28—29).

ווי מיר זעען, איז עגנונס איבערלעבעניש־ און אָבסערוואַציע־פעלד אין זײַן יוגנט געווען בעיקר זײַן געבוירן־שטאָט, וואָס ער איז פון איר, דאָ און דאָרט, אויף אַ קורצער צײַט, אַרויסגעפאָרן. אויף וויפל איך האָב געקענט, פון שמועסן מיט אים, אָפּלערנען, איז ער חוץ דעם נאָענטן מאָנאַסטעריטש (מאָנאַסטעזשיסקאָ) וואָס מען האָט געזאָגט: ביטשאַטש און מאָנאַסטעריטש זענען ווי אַ שטוב מיט אַ קיך (עגנון רופט ביטשאַטש צו מאָל בײַ איר רעכטן נאָמען און צו מאָל שיבוש; מאָנאַסטעריטש, אין „בנערינו ובזקנינו" הייסט זי, מעשׂה־חוזק: פּיטשעריטש). מיטן פֿאָטער זײַנעם, ר' שלום־מרדכי הלוי, איז ער געווען אין עטלעכע אַרומיקע שטעטלעך — אין לאַשקאָוויץ (אולאַשקאָווצע) אויפֿן גרויסן יריד, אין יאַזלאָוויץ, וואָס איז אַ מאָל געווען אַ מעטראָפּאָליע פון די תּמחהס (אַרמענער), אין קאַראָליפקי (אין זײַן סיפּור ,אור תּורה' ווערט זי אין ערשטן נוסח אָנגערופן: לבובקה, אָבער אין אַנדערן נוסח מיטן פולן נאָמען). מיטן טאַטן איז ער אויך געווען אין שאָטין (הוסיאַטין) בײַם רבין, וואָס האָט געגלעט די רויטע בעקעלעך זײַנע און געזאָגט: אַ כּשר ייִדיש פּנימל. ער האָט זיך אויך געלאָזט פֿאַרהערן אין לערנען סײַ אין פּידאַיעץ (פּאָדהײַצע) בײַם הרב הגאון ר' שלום ליליענפעלד, סײַ אין סניטין (סניאַטין) — בײַם הרב הגאון ר' אַברהם מנחם מענדל הלוי שטיינבערג, בעל ,מחזה אברהם', און דאָס האָט אַם שפּעטסטן געקענט זײַן תּרס"ד, ווײַל דעמלט איז דער רב אַריבער קיין בראָד. אין סניטין האָט ער אויך געהאַט קרובים — די פֿאָהאָרילעס, אַ משפּחה פון למדנים (גאָר געשמט האָט דער איסטיטשקער רב, ר' מרדכי פֿאָהאָרילע) און פון געלערנטע — איינער פון זיי האָט, לשם האָבי, איבערגעזעצט אויף דײַטשיש פּילאָן.

דאָס ווײַטסטע אָרט ווו ער איז געווען אין יענע קאָנטן איז אַ פּנים זאַלאָזיץ, זײַן טאַטנס אָפּשטאַמאָרט, ווו ער האָט זיך נענטער באַקענט מיט דער משפּחה זײַנער — אייניקלעך פון זײַן עלטער־עלטער־פעטער, דער זאַלאָזיצער מגיד, דער בעל ,אמתחת בנימין'. אין פלוג איז עס אַ גענוג ענגער צערקל, אָבער עס איז נישט קיין ספק, אַז די נסיעות האָבן געמאַכט אויף אים אַ רושם, און וואָס דער עיקר איז — ער האָט שוין דעמלט אָפּגעלוישט, וואָס עס איז געווען אין קרײַז פון זײַן אינטערעס און נײַגער, און נאָך אין שפּעטערע סיפּורים זײַנע זענען פֿאַרוועבט רעמיניסצענציעס דערוועגן. אויף וויפל עס זאָל זיך נישט אויסווײַזן צו סטריקט באַגרענעצט

אַברהם־יעקב בראַווערס הנחה, אַז וואָס שייך היסטאָרישער מסורה, רעגיאָ־נאַלן פּאַן, פאָלקלאָרישן קאָלאָריט, איז עגנון אויטענטיש בלויז לגבי דעם גליל ביטשאַטש, אָבער שוין נישט, למשל, לגבי דעם גליל טאַרניפּאָל, און אויף וויפל מען זאָל נישט מעגן דעם קרײַז אויסברייטערן, לפּחות אויפן סמך פון זײַנע נסיעות, לאָזט זיך פאָרט אַרויספילן, ווו ער איז כּדרך־הטבע און ווו ער ווערט כּדרך האינטואיציע והקונסט כּולו היים.

יב

ער האָט אויך געהאַט דאָס פולע באַוווסטזײַן פון דעם דאָזיקן אויס־ברייט־יכולת זײַנעם — פון קינדווײַז אויף האָט אים געצויגן קיין בראָד, וואָס ער האָט שפּעטער געמאַכט דעם צענטער פון זײַן עפּישן ראָמען־ראָמאַן ,הכנסת כּלה', און כאָטש ער האָט דאָרט געהאַט משפּחה — פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דאָ געווען ראש־הקהל ר' אלעזר בלאָך (געבוירן אין לײַפּניק, אַ זון פון דאָרטיקן רב ר' משה בלאָך, וואָס איז געווען דער ערשטער רעקטאָר פון בודאַפּעשטער ראַבינער־סעמינאַר) — ער האָט געצירשנט דאָס באַנקהויז פון זײַן שווער וואָס האָט נישט געהאַט קיין זין און לזכרו האָט די פירמע געטראָגן דעם נאָמען: טשאַטשקעס עט קאָמפּאַני, פּונקט ווי עס איז געווען אַ בית־מדרש, וואָס האָט געהייסן: בײַ די טשאַטשקעסעס, פריִער אַ צענטער פון מתנגדים, שפּעטער פון די בעלי־מלאכות, און ווו דער דערמאָנטער ראש־הקהל איז געווען גבאי. עגנון, וואָס האָט לויט אַ סקרופּולאַטער מיליטערישער מאַפּע, אין וועלכער בראַוווער האָט אים אינסטרויִט, באַשריבן די ייִשובים פון בראָד ביז ריטין (ראַהאַטין), ווו ר' יודל בטלן איז בײַ זײַנע נסיעות אָפּגעטרעטן, האָט בראָד באַזוכט נאָך דעם ווי ער האָט שוין געהאַט געשריבן ,הכנסת כּלה', האָט אָבער אַרויסגערופן שטוינונג בײַ זקנים, בעיקר ב' ר' שמואל מײַבלום פון דער חברה־קדישא (זײַן טיטל איז געווען: דער סטאַרשע מאַלאָדשי) וואָס האָט געזאָגט: ווי איר ווייסט, קען איך מיך אויס אויף אונדזערע ביידע בית־עולמס מיט פאַרמאַכטע אויגן, צום סוף האָב איך נישט א י ם, נאָר ער מ י ך געפירט. עגנון, וואָס איז אויף יענער לעצטער נסיעה זײַנער אין גאַליציע (תר״ץ) געווען קוים צוויי אָדער דרײַ טעג אין ביטשאַטש, האָט אָבער באַזוכט דרײַסיק ייִשובים, דערונטער, פון איין זײַט אַ פּיצל ייִשוב, זשולקאָוויסק, ווו ער האָט געטראָפן דרײַסיק ייִדישע משפּחות, וואָס זענען געשלאָפן אין דרויסן; פון דער אַנדערער זײַט אַ הכשרה־פּונקט פון חלוצים (חלוצי הפּועל המזרחי), וואָס ער באַשרײַבט אַ שבועות

מיט זיי (כדאי צו פאַרגלײַכן מיט צבי פעפערס זכרונות דערוועגן, אין קראָקעווער Nowy Dziennik, אָקטאָבער 2, 1932).

אָבער דאָ האָבן מיר שוין צו טאָן מיט דער שפּעטער, לעצטער נסיעה אין זײַן יוגנטקרײַז. עס איז די נסיעה, פאַר וועלכער ר׳ אליעזר־מאיר ליפשיץ האָט אים געוואָרנט: „פאָר נישט, ווײַל בוטשאַטש וועט דיר אָוועקהרגענען ביטשוטש״, און ער איז גרײַלעך גערעכט געווען, ווי עס איז מעיד דער גרויסער ראָמאַן ,אורח נטה ללון׳, אָבער נאָכן חורבן גלות־אײראָפּע, קערן מיר זיך נאָך אום אין זײַן געבוירן־שטאָט איז זײַן גרויסן בוך ,עיר ומלואה׳ וואָס איז אַרויס דרײַ יאָר נאָך זײַן פּטירה, (תשל״ג), און אומקערנדיק זיך צו זײַנע ערשטע נסיעות זעען מיר, אַז זיי האָבן בעיקר אַרומגענומען שטעטלעך, חוץ סטאַניסלאַוו און בעיקר לעמבעריק, וואָס איז פאַר אים געווען אַ ליטעראַטור־צענטער, ווו ער האָט זיך באַגעגנט מיט שרײַבערס — גרשום באַדער, א״מ ליפשיץ, י״ח ברענער, גרשום שאָפּמאַן, משה קליינמאַן, אָשר באַראַש און אַנדערע. די באַזוכן דאָ זענען געווען קורצע, חוץ דעם לענגערן, ווען ער האָט געאַרבעט אין ,העת׳ (דעמלט, בעצם, לאָזט עגנון זײַן כּביכול כאַראַקטעראָלאָגישן פּאַראַלעל, הערשל האָר־וויץ, דעם גיבור פון ראָמאַן ,סיפּור פּשוט׳, מחמת זײַן קליינער נערוונקרענק, זיך היילן אין אַ לעמבעריקער קליניק).

יג

וואָס שייך ,העת׳ — איז די קשיא, ווי לאַנג איז ער אַרויס; דער רעדאַקטער, גרשום באַדער, דערציילט אין דעם קורצן איבערבליק וועגן זײַנע אייגענע כּתבים, וועלכע ער האָט אָפּגעדרוקט ווי אַן אַרײַנפיר צו זײַן לעקסיקאָן פון גאַליצישע שרײַבערס:

> דעמלט [תּרס״ד] האָב איך געגרינדעט דאָס ,טאַגעבלאַט׳ אין לעמבעריק, וואָס זײַן דערשײַנען איז געווען אַ חשוב געשעעניש אין ייִדישן לעבן אין גאַליציע, וואָס איך האָב אים אַרויסגעגעבן במשך צוויי יאָר. אין יאָר תּרס״ו בין איך אַרויס פון דער רעדאַקציע פון ,טאַגעבלאַט׳ און האָב באַגרינדעט אַ נײַע צײַטונג מיטן נאָמען ,נײַעס לעמבערגער טאַגעבלאַט׳, וואָס איז דערשינען זיבן חדשים. דערנאָך האָב איך באַשלאָסן צו מאַכן, אַ באַשטאַנדיקע זאַך אויפצוהייבן די סוכּה פון דער העברעיִשער שפּראַך, וואָס האָט געהאַלטן בײַם צוזאַמענפאַלן אין גאַליציע, און האָב באַגרינדעט אַ נײַע העברעיִשע צײַטונג מיטן נאָמען ,העת׳ וואָס זאָל דערשײַנען דרײַ מאָל אין דער וואָך. און צו

מײַן גרויסן לייד, האָב איך נישט געקענט אַרויסגעבן די דאָזיקע צײַטונג מער ווי איין חודש צײַט. (׳מדינה וחכמיה׳, ניו־יורק תּרצ״ד, ז׳ 8).

ווײַזט אויס אַז שרײַבנדיק דאָס האָט ער דעם ,העת׳ נישט געהאַט פאַר זיך — דען באמת איז זײַן ,העת׳ אַרויס עפּעס מער ווי אַ חודש — פון די צוואַנציק נומערן, וואָס זענען אַרויס, טראָגט דער ערשטער די דאַטע טז שבט תּרס״ז (יאַנואַר 31, 1907) און דער לעצטער ב ניסן תּרס״ז (מאַרץ 17, 1907). און ווי עס ווײַזט אויס האָט עגנון די זעקס וואָכן דאָרט געאַר־בעט; רעדט ער דאָך וועגן זײַן צוריקפאָר אַהיים קרוב־לפּסח.

וואָס האָט גרשום באַדער געוואָלט אויפטאָן מיטן ,העת׳ און געהאָפט עס צו טאָן מיט דער הילף פון דעם יונגן ביטשאַטשער בחור און מיט וואָס האָט ער אים געהאָלפן — זענען קשיות פאַר זיך. וואָס ער האָט געוואָלט לאָזט זיך אָפּלערנען אַפילו פונעם נאָמען ,העת׳ — כאָטש מעגלעך אַז ער איז נאָכגעגאַנגען דער אַסאָציאַציע פון זײַן היימשטאָט, דעם קראָ־קעווער קאָנסערוואַטיוו רעאַקציאָנערן Czas — ווייסן מיר דאָך פון זײַנע זכרונות אַז דאָס איז געווען די ערשטע צײַטונג, און אין זײַן היימשטאָט איינציקע, טאָגצײַטונג, וואָס ער האָט אָנגעהויבן לייענען (,מײַנע זכרונות׳, בוענאָס־אײַרעס תּשי״ד, ז׳ 140). און זײַן ערשטן חיבור, וואָס ער האָט געדרוקט אין אַברהם גינצלערס ,התּור׳ האָט ער פון דער דאָזיקער פּוילי־שער צײַטונג אַרויסגענומען (דאָרט, ז׳ 150). אָבער גאָר מעגלעך אַז ער איז נאָכגעגאַנגען אַ נאָמען פון אַ פריִערדיקער צײַטשריפט ,העת׳ וואָס משה שולבוים האָט אין לעמבעריק מיט עטלעכע און דרײַסיק יאָר צוריק אַרויסגעגעבן. איז דאָך דער צוריקקער צו נעמען פון עלטערע זשור־נאַלן שכיח אין אונדזער פּרעסע — אויך דער ביטשאַטשער ,דער יודישע וועקער׳ איז נאָכגעגאַנגען דעם נאָמען פון ,וועקער׳ סײַ אין זשיטאָמיר סײַ אין לעמבעריק. אָבער באמת מיינט ,העת׳ — די אַקטועלע צײַט. הייסט עס דאָך אין דעם קליינעם פּראָגראַם־אַרײַנפיר אין דעם ערשטן נומער:

> נאָר וואָס שייך דעם אויפלעב פון דער העברעיִשער שפּראַך האָבן זיך אונדזערע לאַנדסלײַט געפוילט און זענען געשטאַנען ווי דער־קעגן. דעם חסרון וויל איצט ,העת׳ ממלא זײַן. און כאָטש עס איז אַריבער דאָס התלהבות פאַרן אויפלעב פון דער [העברעיִשער] שפּראַך אין אַנדערע מדינות ווײַל די באַוועגונג פון באַפרײַונג און רעוואָלוציע האָט דאָרט אויפגעגעסן די בעסטע כּוחות, וועט אפשר נאָך דעם ,העת׳ געלינגען ווידער אַנטפלאַמען די הערצער, אויפוועקן

די איַינגעדרימלטע באַשטרעבן און אָבער אַ מאָל שטאַרקן די רענע־סאַנס־באַוועגונג.

אַגב, איז דער נאָמען ,העת' אַריַין אין אַן אַנטימשׂכּילישן אַנעקדאָט — דער בעלזער רב, ר' ישׂשׂכר־בער רוקח, האָט דעמלט מאָטיווירט דעם איסור צו לייענען ציַיטונגען מיטן פּסוק: „לא תבוא בכל עת אל הקודש". אויך איז אַ קשיא, צי דאָס בלאַט האָט צוגעצויגן יונגע לייענערס, אָדער עס האָט זיַין עיקר־אָנהאַלט געהאַט אין עלטערן שפּעט־משׂכּילישן לייענער. וואָס שייך די לעצטע הנחה איז אם אין ראיה לדבר יש סימן לדבר — י״ח ברענער האָט אָנגעשריבן אין ,היום' (תּרס״ו) אַ קליינע סקיצע, וואָס רופט זיך: „תּרעומת" (,כּל כּתבי ברנר', א, תּל־אביב תּשט״ז, עמ' 184) — עס איז אַ מעשׂה מיט אַ ראַדיקאַל בלעטל ,להבה' (די פלאַם) וואָס האָט נישט געקענט געפינען אַן אַלטן פּאַרגעסענעם שריַיבער, וועלכער האָט נאָך געשריבן אין די משׂכּילישע בלעטער אָבער נישט געקוקט אויף דעם, לויט זיַין טעם, צעקאַליטשעטן לשון־קודש, האָט דער אַלטער דאָס בלעטל ליב באַקומען און איז טיף אומגליקלעך, וואָס עס איז איַינגעגאַנגען. זענען אַוועק פיר יאָר און ברענערס סקיצע דערשיַינט נאָך אַ מאָל, מיט אַן אַנדערן נאָמען „שרטוטי עט עופרת" אין איצי פּערנהאָפס דערמאָנטן העפטל ,הצעיר' (תּר״ע), ווו מיר האָבן, ווי שוין דערמאָנט, עגנונס דערציילונג „גר צדק" (דאָ צייכנט ער דאָס אייגציקע מאָל אין יענער ציַיט אין גאַליציע: ש. י. עגנין — מיט אַ יו״ד). עס איז אָנגענומען אַז עגנון האָט די דערציילונג איבערגעלאָזט ביַי פּערנהאָפן לאַנג פאַר זיַין עליה, כאָטש דער אַ סך ציַיטיקערער סטיל, מער ווי מיר האָבן אים אין די ,המצפּה'־זאַכן, באַש־טאַרקט נישט די סברה. על־כּל־פּנים איז ברענערס נאָך אַ מאָל איבער־געדרוקטע סקיצע, מיט אַלע סימנים וואָס וויַיזן אויף רוסלאַנד אין דער ציַיט פון דער רעאַקציע, אַפּנים פּעיִק געווען אויסצודריקן די שטימונג פון דעם עלטערן לייענער נאָכן גיכן איַינגיין פון לעמבעריקער ,העת'. מען וואָלט נאָך באַדאַרפט נאָכזוכן, ווי אַרום איז די סקיצע פאַרט געקומען אין ,הצעיר' — האָט דאָך דער רעדאַקטער, איצי פּערנהאָף, נישט געהאַט דאָס בעסטע האַרץ אויף ברענערן, וואָס האָט פון זיַין בוך ,חזיונות החיים' געמאַכט אויסצודרייען (,כּל כּתבי ברנר', ב, תּל־אביב תּשכ״א, עמ' 232).

יד

יאָ, ווען דער ,הצעיר' איז אַרויס, האָט זיך שוין ש״י עגנון געדרוקט אין ,העומר' און ,הפּועל הצעיר' און דער מיט צוואַנציק יאָר עלטערער

איצי פערנהאָף, וואָס האָט דעם בחורס לידער געדרוקט אין „הירדן", האָט זיך אפשר דערמאָנט זיין שטיפעריש ראש־השנה־לידל, ווו ער האָט דאָס ייִנגל חושד געווען אַז ער שרייַבט אָפּ פון זייַן טאַטן, און נישט חושד געווען, אַז דאָס ייִנגל האָט אים, אין דער עצם שטיפערייַ, מקדים געווען. דען עגנון, ווי מיר האָבן געהערט, האָט דאָס ערשטע לידל נאָך ווי אַ פינף־יאָריק קינד, אָנגעשריבן, און עס האָט בסך־הכל צוויי שורות — מחמת בענקעניש צו דעם טאַטן זייַנעם, האָט ער אַרויסגעהעשעט: „איפה אתה אבא אבא / ואנכי אהבתיך אהבה רבה", טייַטש: ווו ביסטו טאַטע־טאַטע, און איך האָב דיך ליב אַ גרויס ליבשאַפט. ער דערציילט עס אין זייַן וואָרט לכבוד דעם טיטל, וואָס דער אוניווערסיטעט בר־אילן האָט אים מכבד געווען (תשרי תשי"ט) און דערמאָנט, אַז נאָך די צוויי גראַמען האָבן זיך, מיט גרויס שפע, געשיט אַ סך אַנדערע:

וואָס האָבן געזאָגט די לידער? אַז איך דערמאָן מיך אין זיי, הער איך נישט אויף צו שטוינען, וואָס אַזעלכע הויכע זאַכן האָבן זיך אַרייַנגעקוועטשט אין רוב גראַמען מייַנע. ווערטער, וואָס איך האָב נישט געפונען פאַר זיי קיין גראַם אין לשון־קודש, האָב איך זיי צוגעשטעלט אַ גראַם אין אַרמית, האָב איך נישט געפונען קיין גראַם אין אַרמית, האָב איך מיך באַנוצט מיט לשון יידיש. נישט לשם קונצן האָב איך אַזוי געטאָן, נאָר ווייַל איך האָב מיך מרחם געווען אויף איטלעכס וואָרט, וואָס איך האָב פאַר אים נישט געפונען קיין גראַם, עס זאָל נישט בלייַבן עלנט (מעא"ע, ז' 57).

משמע, אומזיסט האָט אים איצי פערנהאָף געשטאָכן — האָט ער דאָך שוין, אין זייַנע קינדערשע גראַמען, געכאַפּט דעם מאַקאַראָניסטישן שניט, און אים אויך געזען אין די ערשטע צוויי גראַמען זייַנע: „אבא — רבה", געדענקענדיק אפשר דעם פאַרשפרייטן חדר־גראַם: „ברוך אתה — משה טאַטו", וועלכן פערנהאָף איז בפירוש נאָכגעגאַנגען.

אָבער וואָס שייך זייַן יוגנט־שרייַבן בכלל דאַרף מען געדענקען, אַז ער האָט פאַרשטאַנען דעם חילוק צווישן זייַן יוגנטלעכן יידיש־שרייַבן, וואָס האָט נישט געהאַט קיין המשך, און זייַן יוגנטלעכן העברעיש־שרייַבן, וואָס האָט געהאַט אַ המשך, און בייַם פאַרטיילן פון פרס ישראל (אייר תשי"ד) דערמאָנט ער, אַז עס זענען שוין אַוועק פופציק יאָר, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט זייַן ערשט ליד „גיבור קטן":

באמת האָב איך שוין מיט איין און פופציק יאָר צוריק געדרוקט זאַכן, ווי דאָס ליד וואָס הייסט „רבי יוסף דילה ריינה", און די הסכמה

צו אַ ספר אין הלכה און אגדה, אַ ליד אין ייִדיש און אַ הסכמה אין לשון־קודש, נאָר אַזוי ווי זיי האָבן נישט געהאַט קיין המשך, צייל איך לויט די יאָרן וואָס איך האָב פאַרעפנטלעכט אַ ליד אין עברית (דאָרט, ז׳ 42).

אמת, קיין המשך אין שרײַבן ייִדיש איז נישט געווען, ווי ער איז נישט געווען בײַ זײַנע חברים פון דער צווייטער עליה. אָבער אַ המשך אין רעדן ייִדיש און לייענען ייִדיש איז געווען, און אויך אַ באַזונדער׳ער אינטערעס פאַר ייִדיש, שפּראַך און ליטעראַטור. ווען ער איז אַלט געוואָרן אַכציק יאָר האָט ער גענומען שרײַבן אַ מין פאַרשווינלעכע־נישט־פאַרשווינלעכע ליטעראַטור־געשיכטע אונדזערע אין די לעצטע דורות, וואָס פאַרנעמט אַכט און דרײַסיק קאַפּיטלעך, און האַלט אַ קאַרגע דרײַסיק בוכזײַטן. די ערשטע צוועלף קאַפּיטלעך האָט ער נאָך געדרוקט בײַם לעבן. די איבעריקע ווײַטער, וואָס זענען געבליבן אין עזבון, זענען, צוזאַמען מיט פריִערע, ערשט איצט געדרוקט געוואָרן (דאָרט, זז׳ 351—378). ס׳רוב קאַפּיטלעך האַנדלען וועגן עברי־טײַטש, ייִדיש לשון און ליטעראַטור, און עס וואָלט געווען אַ יושר די גאַנצע פּרשה, וואָס איז אַנגעפּיקעוועט מיט אינטערע־סאַנטע און אָריגינעלע באַמערקן, זאָל קומען פאַרן ייִדיש־לייענער.

איצט קערן מיר זיך צוריק צו זײַן יונגט־תקופה אין איר צווייִשפּראַכי־קייט. דער עצם ייִדיש־מאַטעריאַל זײַנער געפינט זיך אין די פריִערע ביבליאָגראַפיעס — קודם־כּל אין דער דערמאָנטער מאָנאָגראַפיע פון אברהם באַנד, וואָס נעמט אַרום אַלץ וואָס עגנון האָט ביז דעמלט פאַרעפנט־לעכט (זז׳ 453—496) און וואָס מען האָט וועגן אים געשריבן (זז׳ 497—521) אין 574 פּאָזיציעס און עלף צולאָגן (זז׳ 525—553). נאָך עטלעכע פריִערע ביבליאָגראַפיע־פּרוּוון (אַברהם יערי, א״מ האַבערמאַן, שלמה שונמי) איז דאָס געווען אַ ביבליאָגראַפיע פון גרויסן און פּרטימדיקן פאַרנעם, וואָס דער מחבר האָט עס אין זײַן אַרומנעמערישער מאָנאָגראַפיע פאַרשעריש אויסגענוצט.

טו

נאָך זײַן ביבליאָגראַפיע האָבן מיר אַנדערע, קאָמפּלעטירנדיקע — פון יוחנן אַרנון (תשל״א) און פון יונה דוד (תשל״ב), די לעצטע אָבער האָט נישט קיין באַזונדערן באַלאַנג צו עגנונס ייִדיש־בינטל.

ווי באַמערקט האָט באַנד זיך אויך ברייטער אָפּגעגעבן מיט עגנונס יוגנטשאַפן אָנווײַזנדיק אויף שייכותן פון מאָטיוון, פאַרגלײַכנדיק נוסח־

אות — אַזוי, אַ שטייגער, האָט ער אָנגעוויזן אויף פיר סיפּורים, וואָס עגנון האָט גלײַכצײַטיק געשריבן און אויך אָפּגעדרוקט אין ביידע שפּראַכן. אַ שפּעטערע גרויסע אַרבעט פון יהודית הלוי־צוויק באַהאַנדלט די דײַטש־לאַנד־תּקופה אין עגנונס שאַפערישקייט (תּרע״ד—תּרפּ״ד) — זי האָט פאַר איר געקראָגן דעם דאָקטאָר־טיטל אין ירושלימער אוניווערסיטעט (תּשכּ״ח) — און אויך דאָ ווערן פאַרגליכן די פריִערע נוסחאות פון סיפּורים, סײַ די וואָס דער מחבר האָט געשריבן אין גאַליציע, סײַ די וואָס ער האָט געשריבן אין זײַן ערשטן ארץ־ישׂראל־פּעריאָד, לגבי די נוסחאות, וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט אין דײַטשלאַנד, פונקט ווי עס ווערט פאַרוויזן אויף דעם גמר־נוסח אין זײַנע געזאַמלטע ווערק, וואָס זענען אַרויס אין זײַן צווייטן, דעפיניטיוון ארץ־ישׂראל־פּעריאָד.

טז

אמת, די און ענלעכע אַרבעטן באַהאַנדלען בעיקר, און צו מאָל בלויז, דאָס שייכות צום העברעיִשן און נישט צום ייִדישן פּריפּעריאָד, אָבער אויך דאָ לאָזט זיך פאַרצייכענען אַ פּעפּערל — דווקא אין דעם איינציקן יוגנט־מאמר פון מחבר, וואָס באַהאַנדלט אַ שרײַבער, דער מאמר וועגן דיכטער מרדכי־צבי מאָנע, וואָס איז דערשינען אויף ייִדיש ווי דער ערשטער פּרק פון אַ סעריע אַרטיקלען „איבער העברעיִשע דיכטער", איז אָבער אויך געבליבן איר לעצטער פּרק, זעט גרשון שקד, אין זײַן בוך ,אמנות הסיפּור של עגנון' (מרחביה ותל־אביב תשל״ג, זז' 77—80) דעם אויפטאַקט צו עגנונס פּאָעטיק, און אין מײַנע באַמערקן דערצו (,ישׂראל־שטימע', טו כּסלו תּשל״ו) פאַרווײַז איך אויף אַן אַנדערן אַספּעקט — עגנונס פּרווו צו פאַרייִדישן אַ פּאָעטישן העברעיִש־טעקסט (מאָנעס ליד „השושנה"). דאַכט זיך, אַז דאָס איצטיקע בוך, וואָס נעמט אַרום עגנונס אַלע ייִדיש־געדרוקטע זאַכן, וואָס האָבן זיך ביז איצט אויפגעזוכט, וועט אַ באַזונדערן שטויס געבן די דאָזיקע פאַרשלײַניע ווײַטער צו פּילעווען און זיך מער פאַרטראַכטן וועגן באַטײַט פון זײַן ייִדיש־בינטל הן מצד עצמו הן מצד זײַנע אָפּרופן און איבעררופן אין זײַנע ווײַטערדיקע העברעיִשע שאַפונגען.

ווי ווײַט דאָס קאָן גרייכן, האָב איך שוין אָנגעוויזן אין מײַן בוך וועגן עגנון (אין מאַמר „לרוח המקרא", זז' 160—172). עס האַנדלט זיך דאָרט וועגן דעם מחברס אַכט־שורהדיקן ליד „וואָס" — ער האָט עס אָפּגעדרוקט אין ,דער יודישע וועקער' (תּרס״ו), און שפּעטער אַרײַנגעפלאָכן אין זײַן דערמאָנטער נאָוועלע „טויטנטאַנץ" (תּרע״ב) און מיט אַ סך יאָרן שפּעטער

עס אויסגעבויט צו אַ קליינער משל־פּאָעמע אין שטרענג תּנכיש סטיליזיר־טער פּראָזע „עם לבי" („אלו ואלו", תל־אביב תשי"ט, עמ' שה). דער עוקץ, סײַ פונעם ייִדישן ליד סײַ פון דער העברעיִשער פּאָעמע, איז דער ענין מתּנה, וואָס ער וויל ברענגען זײַן חברטע צו דעם נאָמענסטאָג אירן, אָבער ער האָט דערצו נישט קיין געדאַנק ווײַל ער איז שוין לאַנג אויסגע־שעפּט: „איך קען העכסטנס געבן מײַן האַרץ דיר / ס'איז שוין אָבער נישט מײַנס, דײַנס פון פריִער". איך האָב באַמערקט, אַז אויב עס זאָל אַפילו זײַן דעם יונגן מחברס אייגענע המצאה, איז עס אַ וואַנדערנדיקער מאָטיוו — אַן ענלעך העברעיִש ליד האָט זיך אָפּגעפונען צווישן י"ל פּרצעס אַ בינטל פּוילישע לידער אין כּתב־יד. דאָס ליד איז אַפילו אָנגעשריבן פּערצן יאָר איידער עגנון איז געבוירן געוואָרן (1874) אָבער איז בײַ פּרצעס לעבן נישט אָפּגעדרוקט געוואָרן (אַרײַן אויך אין באַנד ט' פון זײַנע כּתבים, תל־אביב תשי"ז, ז' 7). איצט אָבער וויל איך אָנווײַזן אויף אַן אַנדער ליד — זײַן מחבר איז אַ. ליטווין (ש. הורוויץ) און עס הייסט „אין אַלבום" און קלינגט אַזוי:

מײַן ליבע, שיינע מיידעלע: / ווען איך וואָלט נאָר געקענט, / וואָלט איך צו דײַן געבורטסטאָג הײַנט / געשענקט דיר אַ פּרעזענט: // פיל פּערלען און פיל דימענטן / אין ריינעם גאָלד געפּאַסט; / איך וויס: ווי יעדער רײַכער קינד / וואָלט דיר עס אויך געפּאַסט. // נאָר גאָלד און פּערלען האָב איך ניט — / מײַן איינציקער פאַרמעג / איז נאָר מײַן האַרץ, וואָס ליבט דיך טיף, / וואָס ליבט דיך אַן אַ ברעג; // און פון מײַן האַרץ אַ לידל שטראָמט / דאָס גיב איך דיר אַצינד, / נאָך דײַן פאַרלאַנג, צום אָנדענקען, / מײַן ליבע, שיינע קינד.

דאָס ליד, חוץ דעם וואָס עס איז לענגער ווי בײַ י"ל פּרץ און עגנון, פאַרמאָגט עס נישט זייער פּאָענטע — דאָ האָט דער ליבהאָבער וואָס צו שענקען, דאָס האַרץ זײַנס, דאָרט ווײַטער האָט ער דאָס נישט — ווײַל עס געהערט שוין לאַנג צו דער געליבטער. וואָס שייך דער קשיא, צי האָט עגנון געקענט ליטווינס ליד, איז דער ענטפער אַ פּשוטער — עגנונס לידל איז געדרוקט צוויי יאָר פריִער איידער ליטווינס ליד איז דערשינען אין זײַן בוך „אין אַרבעט און נויט" (ווילנע 1908, ז' 41).

יאָ, פאַראַן אויך אַ שפּעטער ליד פון מנשה קאָנסטאַנטינאָווסקי וואָס הייסט „ליום הולדתה" און קלינגט: „תשורה יפה אחפוץ תת לך / אך לא אדע מה / יום הולדתך קרוב לבוא / הנה הנה בא // כסף, זהב, אבני חפץ / אין באוצרותי / אילו היו, אין לך צורך / יש לך למדי / לבי

אומר לתת לך — / אינו כבר שלי: / את לו אדון זה מכבר / את ולא אני..." ("שירים ואגדות", בוענאָס איירעס 1925, ז' 16). טייטש: "אַ שיינעם פּרעזענט וואָלט איך געוואָלט געבן, נייַערט איך ווייס נישט וואָס, דייַן געבוירן־טאָג איז נאָענט, אָט איז ער שוין דאָ; זילבער, גאָלד און אײדלשטײנער זענען נישט פאַראַן אין מייַנע אוצרות, ווען זיי וואָלטן געווען — דאַרפסטו זיי נישט, דו האָסט גענוג דערפון; איך קלער דיר געבן מייַן האַרץ, איז עס שוין נישט מייַנס, דו ביסט זייַן האַר פון לאַנג, דו און נישט איך".

ווי מיר זעען, איז דאָס ליד קורץ און האָט אַ צד השווה סײַ מיט ליטווינס ליד, וואָס ער האָט געקענט זען, סײַ מיט עגנונס ליד, וואָס ער האָט אוודאי נישט געזען. געפינען מיר זיך טאַקע אין תחום פון אַ כּלל־מאָטיוו, ווי מיר האָבן אים, אין נאָענטן תחום — אויפן שניט פון יעקב אַדלערס ליד: "צו מייַן פאַלק", וואָס ער וויל טאָן פאַר אים — קאָן ער נישט אָדער פאַרמאָגט ער נישט, און צו לעצט הייסט עס: "מייַן נשמה שענקען דיר, / וואָלט מיך ניט פאַרדריסן; / איז זי אָבער, טייַער פאָלק, / לאַנג שוין לאַנג צעריסן..." (יוסף און חנה מלאַטעק, "פּערל פון דער יידישער פּאָעזיע", תל־אָביב תשל"ד, ז' 259). אין ווייַטן תחום — יאַן קאָכאַנאָווסקי, וואָס שרייַבט וועגן אַ פּרוי, וואָס האָט צוגענומען דאָס האַרץ זייַנס: „Przeto uczyń tak dobrze: albo wróć moje, / Albo mi na to miejsce daj serce swoje!" (וואַרשע 1960, ז' 169), טייטש: „דער־פאַר טו אַזוי גוט: אָדער קער מיר אום מייַן [האַרץ], אָדער גיב מיר שטאָט דעם דייַן האַרץ".

אוודאי איז אַ ציטאַט פון אַ פּוילישן דיכטער פון 16טן יאָרהונדערט אַ פאַלג מיך אַ גאַנג, אָבער עגנון ציטירט, און דאָס אויף פּויליש, אין זייַן סאַטירישן סיפּור „בנערינו ובזקנינו" פיר שורות און לייגט זיי אויס מיט לשון־קודש־אותיות: „צודזי חוליצי / סויגו ני זנאַציע / סמי ני ויעצי / צו פּוסידאַציע" („על כפות המנעול", תל־אביב תשי"ט, ז' ש"ז), דהיינו „פרעמדס לויבט איר, אייגנס קענט איר נישט. איר ווייסט אַליין נישט, וואָס איר פאַרמאָגט". דער שפּיץ שטעקט דאַרינען, וואָס דער דערציילער לייגט דאָס אַרייַן אין מויל אַרייַן אַן אינטעליגענט אַ פּראַזעאַלאָג וואָס מאַכט דעם אָנשטעל פון אַ רענעסאַנסלער, און גרייט זיך, אָן ממשדיקע ידיעות, האַלטן אַ לעקציע וועגן — יידיש. די פיר שורות ווייַטער זענען עלטער פון קאָכאַנאָווסקיס שורות — זיי שטאַמען פון ערשטן פּוילישן דיכטער, מיקאָליי רעי, און זענען אַרייַן אין פאָלקסמויל. אַגב, ווען עגנון

איז געווען געהילף־רעדאַקטער אין „העת‟, האָט דאָרט (נומ׳ 17, כד אדר תּרס״ד) ירמיהו פרענקל אָפּגעדרוקט אַ ליצנישן פעליעטאָן וועגן מיקאַליי־רעי און ר׳ משה חיים לוצאטו.

אַוודאי אַז אויך לגבי אַנדערע לידער לאָזט זיך אָנווענדן אַזאַ מעטאָד — בעיקר אין ענין פון מאָטיוויק, פאַר וועלכע אונדזער דערציילער האָט געהאַט אַן אָפן אויער, און פונקט ווי מיר האָבן דאָס באַמערקט לגבי אַ פאָלקישן, כמעט פאָלקלאָרישן, מאָמענט, לאָזט זיך דאָס באַמערקן לגבי אַנדערע מאָמענטן. אַזוי, אַ שטייגער, זײַן ליד: „איר זאָלט נישט מיינען״, וואָס איז אַ מין אַזכּרה פאַר פּאָגראָם־קרבנות. לייענענדיק די סטראָף: „און דאָס בערגל אויפן קבר / ווי שרעקלעך איז עס אויך / פון צעבראָ־כענע הענט און פיס / פון שטיקער פאַרגליווערטן מוח״, הערן מיר נאָענטע אָפּקלאַנגען פון פּאָגראָם־כראָניק און פּאָעזיע, אָבער לייענענדיק די ערשטע צוויי סטראָפן הערט זיך ווי אַן אָפּקלאַנג פון טאָמאַס הודס באַקאַנטן ליד וועגן העמד, וואָס עגנון האָט עס געקאָנט לייענען אין דײַט־שישן אָדער יידישן נוסח, און ווו עס הייסט, אַז נישט לײַוונט ווערט גענייט, נאָר מענטשלעך לעבן און בלוט.

יז

און צוויי דוגמות אין פּראָזע — אַברהם באַנד רעכנט אויס אין זײַן מאָנאָגראַפיע (זז׳ 44—48, 79) פיר סיפּורים, וואָס עגנון האָט זיי אָפּגע־דרוקט סײַ אין יידיש סײַ אין העברעיש: 1) „דער צעבראָכענער טעלער״ — „הפנחא [הפנכה] השבורה״; 2) „רחמנות״ — „צרת הבת״; 3) „די מתּנה״ — „המתּנה״; 4) „אַ בעל־בית״ — „בעל בית״, און ברענגט די דאַטעס פון זייער דרוק, און ער שטעלט זיך אָפּ אויפן חילוק צווישן זיי, וואָס איז ניכּר, כאָטש דער נוסח איז דאָ און דאָ אַ פּרעציז פּאַראַלעלער. ווײַטער יהודית הלוי־צוויק אין איר דאָקטאָראַט (זז׳ 8—10), שטעלט זיך עפּעס לענגער אָפּ אויפן סיפּור „הפנחא השבורה״ אין דרײַ נוסחאות: צו ערשט אין קורצן נוסח, וואָס האָלט נישט מער ווי אַ פופציק שורות און באַגרענעצט זיך אויף אַ מין אַנדעקדאָט („המצפּה״, כ כסלו תּרס״ז) און דער שפּעטערער נוסח, וואָס הייסט „חלומו של יעקב נחום״ (אין געזעמל „יזרעאל״ וואָס עס האָט רעדאַקטירט אַלכּסנדר זיסקינד ראַבינאָ־וויטש, יפו תּרע״ג), וואָס איז אויך נאָך ווײַט פון דער פּערפעקציע ווי מיר האָבן עס דאָרטן אין דריטן נוסח, וואָס הייסט „יתום ואלמנה״ (אין דער צײַטשריפט „רימון״, בערלין תּרפ״ב). אָבער פון באַנדן ווייסן מיר,

אַז עס זענען פאַראַן פיר נוסחאות, און איינער וואָס גייט ייִדיש: „דער צעבראָכענער טעלער" איז אפשר דער פרימאַרער און נישט די דאַטע פון דרוק נאָר אַ שפּראַכלעכער אַנאַליז קאָן אַנטשיידן, וואָס דער מחבר האָט געשריבן פריִער, משמע, צי איז דער העברעיִשער טעקסט אַן איבערזעץ פון ייִדישן טעקסט אָדער פאַרקערט.

מיר ברענגען דאָ, לשם אָריענטאַציע אין דעם פּראָבלעם, אַן אָנטקעגנשטעל פון ביידע נוסחאות לויט דער פּעריאָדיזאַציע פון העברעיִשן נוסח:

1) כאשר בא חיים — נער כבן י"ג שנים, אדמוני, ושתי פיאות מסולסלות לו — הביתה בליל שבת מבית הכנסת אל אמו האלמנה, היה מוחו נטרד מאוד, ראשו היה מלא מחשבות, ודמיונות נלהבים רקדו בראשו הקטן. לא יכול להסיח דעתו אף רגע מכל מה שראה שם בבית הכנסת, ובאזניו עוד צלצלו הניגונים הנעימים, שזמרו ה„משוררים", נערים כמותו, שקסמו בקולותיהם את כל שומע ולפני עיניו עוד רחף מעוף עיניהם של המתפללים, שהעיפו בחיבה יתירה בכל רגע על המזמרים הקטנים הללו. ואין צריך לומר הכבוד שחלקו לחזן! וכי דבר קטן הוא זה?

1) ווען חיימל — אַ ייִנגל פון אַ יאָר דרייַצן מיט רויטע בעקעלעך, מיט צוויי שיינע שוואַרצע געקרייַזלטע פּאהקעלעך — איז אַהיימגעקומען פרייטאָג צו נאַכטס אַהיים פון דער שול צו זייַן מוטער די אַלמנה, איז ער געווען שטאַרק פאַרטראַכט און זייַן מוח איז געווען פאַרנומען מיט פיל מחשבות, און פאַנטאַזיעס האָבן אַרומגעטאַנצט אין זייַן קליין קעפּל.

ס'איז אים גאַרנישט אַרויס פון זייַן קאָפּ דאָס אַלץ וואָס ער האָט געזען דאָרט אין שול. אין זייַנע אויערן האָבן זיך נאָך געטרעלקעט די שיינע ניגונימלעך פון די משוררים — ייִנגלעך אין איין עלטער מיט אים — וואָס האָבן ממש באַצויבערט יעדן איינעם, און פאַר זייַנע אויגן האָבן נאָך געשוועבט די בליקן פון ליבע וואָס די אַלע מתפללים האָבן געוואָרפן אויף די קליינע זינגערלעך, און ווער שמועסט דעם כבוד וואָס דער חזן האָט געהאַט, דאָס איז עפּעס אויך אַ זאַך.

2) ,הקידוש׳ שקידש חיימ׳ל בש־ביל עצמו, ואגב ,הוציא׳ בזה את אמו, הפסיק קצת את הרהוריו, אבל תיכף, כיון שפרס את הלחם והת־חיל לזמר זמירות כמעט נטבע בים של מחשבות. דמיונות התחילו עוב־רים לפניו. נדמה לו, כי החזן מנ־סה אותו ומוצא את קולו נעים ו־חזק — כי באמת היה לו לחיימ׳ל קול נאה, על זה כבר הסכימו כל המתפללים בקלויז, אשר חיימ׳ל היה שר לפעמים בשעת ,השלוש סעודות׳ איזה זמר. הוא מוצא חן בעיני החזן והוא נתקבל במקהלתו.

2) דער קידוש וואָס ער, חײמל, האָט געמאַכט פאַר זיך און אויך מוציא געווען זײַן מוטער האָט אים אַ ביסל מפסיק געווען זײַנע טראַכטערײַען. נאָר באַלד בשעת ער האָט אָפּגעמאַכט די המוציא און אָנגעהויבן צו זינגען זמירות, איז אים ווײַטער באַפאַלן אַ ים מיט מחשבות און פאַנטאַזיען.

אים האָט זיך אָנגעהויבן דאַכטן אַז ער, חײמל, ווערט געפּרוּווט בײַם חזן, און דעם חזן געפעלט זײַן שטימע — ווײַל באמת האָט חײמל געהאַט אַ שיינע שטימע. אויף דעם האָבן שוין מסכּים געווען אַלע חסידים פון דער קלויז וואָס חײמל פלעג דאָרט אונטערהעלפן מיט אַ ניגונדל בײַם שלוש־סעודות — דעם חזן געפעלט, ער ווערט אויפ־גענומען פאַר אַ משורר.

3) שמחתו של חיימ׳ל הקטן אי אפשר לתאר כשראה איך חבריו מציצים עליו בקנאה בשעה שהוא עומד עם החזן אצל העמוד והוא שר.

3) די שימחה פון חײמל קען זיך קיינער נישט פאָרשטעלן, ווען ער האָט געזען מיט וואָס פאַר אַ מין קינאה זײַנע חברים קוקן אויף אים דעמאָלט ווען ער שטייט מיטן חזן בײַם עמוד און זינגט.

4)

4) אײַ וואָלט ער געוואָלט אַז רייזעלע זאָל אויך דאָ זײַן, און אים זען ווי ער שטייט זיך אויבן אָן, און זי זאָל הערן זײַן קול.
אײַ וואָלט ער דאָס געוואָלט.

5) מאד היה חפץ, כי גם בני בית הגביר יהיו שם, לראותו ולשמוע את קולו. מאד התאווה לדבר הזה. כי הגביר היה משטה בו פעם אחת, צבט סנטרו בחיבה והבטיח לו כלה הגונה עם נדוניה רבה, אם יזמר בביתו. ולו בנות... עתה לא ייכלם עוד, כמו אז כשהיה בבית הגביר, וקולו התחיל רוטט ונפסק באמצע מחמת אונסו. הוי! מה מאוס היה דבר זה!

5)

אַצינד וואָלט ער שוין נישט פאַרשעמט געוואָרן ווי דעמאָלט שבת בײַ טאָג בײַ איר פאָטער דעם גביר אין שטוב, ווען ער האָט זיך פאַרכליסנעט אין מיטן זינגען. אײַ האָט זיך דאָס אויסגענומען מיאוס.

6) והשנים חולפות. חיימ׳ל שבע הרבה נדודים ושמו יצא לתהילה בכל הארץ. הוא איננו עוד עוזר אצל אחר, כי הוא בעצמו חזן נודע לתהילה. חזן לפי העת ההיא, קנ־טור, ומכל העולם חולקים לו כבוד. ואז נזכר הוא באמו ובעירו הקט־נה והעניה, במקום שנולד, במקום שעברו שנות ילדותו הנעימים. אז באה מחשבה בלבו, כי צריך לבקר את עיר מולדתו.

6) און ער ווערט עלטער, די יאָרן לויפן אַוועק און אַלע מאָל באַקומט ער אַ גרעסערן שם: זײַן נאָמען קלינגט אויף דער וועלט, ער איז שוין נישט קיין משורר בײַ יע־נעם. ער איז פאַר זיך זעלבסט אַ גרויסער, אויסגערופענער חזן. אַ הײַנטיק מאָדישער חזן, אַ קאַנ־טאָר, און פון דער גאַנצער וועלט האָט ער כּבוד.

און דעמאָלט דערמאַנט ער זיך אין זײַן אָרעמען שטעטל, דאָרט ווו ער איז געבוירן, דאָרט ווו ער האָט זײַנע יונגע זיסע קינדישע יאָרן פאַרבראַכט, דאָרט ווו זײַן מוטער די אַלמנה וווינט. דעמאָלט פאַלט אים אײַן צו באַזוכן דאָס שטעטל.

7) בכל העיירה רעש, מדברים, מרבים שיחה, וכל הדברים רק על אודותיו הם, כל פה מלא תשבחות והכל מהללים אותו. הוא עשה רצון בני העיירה, הבטיח להם לעבור ביום השבת לפני התיבה. מודעות גדולות הדביקו על כל הקירות: ,כי החזן המפואר מר חיים וכו' יתפלל' ומכל כותל הבריק שמו. כבוד גדול היה לו מתפילתו, במוצאי שבת קודש היו אצלו כל חשובי העדה וחלקו לו כבוד.

7) אין גאַנצן שטעטל רעשט זיך, מ'קהלט זיך, און אַלץ פון אים. יעדעס מויל איז פול מיט שבחים, יעדער האַלט אין איין לויבן.

ער האָט צוליב געטון דער שטאָט און האָט צוגעזאָגט שבת צו דאַווענען. גרויסע פּלאַקאַטן האָט מען צעקלעפּט אומעטום אַז דער באַרימטער קאַנטאָר וועט דאַווענען. פון יעדער וואַנט האָט אַראָפּגעקוקט זיין נאָמען.

גרויס כבוד האָט ער געהאַט פון זיין דאַווענען. מוצאי־שבת זענען ביי אים געווען אַלע חשובע לייט פון דער שטאָט און אים פיל ערע צוגעטיילט.

8) עברו ימים אחדים, חיימ'ל נעשה ,לחתן' עם בת גביר העיר. כל נכבדי העיר באו אל התנאים, וכבר כותבים את התנאים: ,למזל' וכו' וכו', ושוברים פנכא... מן קול שבירת הפנכא התעורר חיימ'ל ממחשבותיו. אצלו עמדה אמו ואמרה:

8) עס רוקט זיך איבער אַ פּאָר טעג, חיימל ווערט אַ חתן מיטן שטאָטגבירס טאָכטער.

אַלע נכבדי העיר זענען געקומען צו די תנאים, מ'שרייבט שוין תנאים למזל וכו' און מ'ברעכט אַ טעלער...

פון דעם קלאַפּ פונעם טעלער האָט זיך חיימל אויפגעכאַפּט פון זיין דרימלען. נעבן אים איז געשטאַנען זיין מוטער און האָט אים געזאָגט:

9) — ילדי חביבי! כבר נצרך לאכול יחד מפנכא אחת, כי פנכתך נפלה ונשברה...

מזל טוב!

9) — קינד לעב! מיר וועלן שוין איצט מוזן עסן פון איין טעלער, ווייל דיין טעלער מיט לאָקשן מיט יויך איז איצט אַראָפּגעפאַלן און צעבראָכן געוואָרן...

אַ פאַרגלייך צווישן ביידע נוסחאות באַווײַזט אַ כמעט פולקומע אָפּהענגיקייט צווישן זיי, אַזוי אַז עס איז אוממעגלעך נישט אָנצונעמען, אַז בשעתן שרײַבן האָט ער געהאַט פאַר זיך זײַן פרימאַרן טעקסט און זיך געגעבן מי אים סקרופּולאַט נאָכצופאָלגן. דער אָנטשייד, וואָס איז דאָ געווען זײַן אייגענער מקור און וואָס זײַן אייגענער איבערזעץ, איז נישט לײַכט — עס זענען אָפּן ביידע מעגלעכקייטן. וואָס שייך שפּראַך איז טאַקע, מיט דער גאַנצער סטריקטער עקוויוואַלענציע פון די פּרטים, דער יִדישער נוסח רײַכער, לעבעדיקער, בייגעוודיקער, אָבער דאָס קאָן גיכער געווענדט זײַן אין חילוק צווישן געשריבענער און גערעדטער שפּראַך, וואָס אויף איר האָט נאָך עגנון דעמלט נישט אויספּייעט גובר צו זײַן. און וואָס שייך ווײַטער אינהאַלט, פאַרמאָגט דער יִדיש־נוסח אַ שטעל (פּאַסוס 4) וואָס דער העברעיִש־נוסח האָט אים נישט (דער נאָמען פון גבירס טעכטערל, וואָס דער קליינער חתן האָט זי אין האַרצן ליב און שליסט זי אײַן אין חלום פון זײַן גדולה), פּונקט ווי דער העברעיִש־נוסח פאַרמאָגט אַ שטעל (דער שכנישער פּאַסוס 5), וואָס דער יִדיש־נוסח האָט זי נישט, און הא בהא תליא. און דאָ בעט זיך צו געדענקען, אַז לגבי דעם העברעיִש־נוסח איז געווען דער רעדאַקטער אַן אַנדערער, דער בעל ,המצפה', און לגבי דעם יִדיש־נוסח איז דער רעדאַקטער געווען ער, דער מחבר אַליין.

אָבער איך דערלויב מיר אָנצווײַזן אויף אַ קליינעם חילוק, וואָס האָט, דאַכט זיך, אַ באַטײַט: דער העברעיִש־נוסח לאָזט חיימלען זיך פאַרטראַכטן אין זײַנע פאַנטאַזיעס און דער קלאַפּ פון דעם צעבראָכענעם טעלער פירט אים פון זיי אַרויס; עס הייסט דאָך בפירוש: „מן קול שבירת הפנכא התעורר חיימל ממחשבותיו”, בשעת דער יִדיש־נוסח האָט: „פון דעם קלאַפּ פונעם טעלער האָט זיך חיימל אויפגעכאַפּט פון זײַן דרימלען”. אַגב, אין העברעיִש־נוסח זאָגט די מאַמע: „כי פנכתך נפלה ונשברה”, בשעת אין יִדיש־נוסח הייסט עס: „ווײַל דיין טעלער מיט לאָקשן מיט יויך איז איצט אַראָפּגעפאַלן און צעבראָכן געוואָרן”. דאָס איינע וואָרט: „דרימלען” און דאָס אַנדערע וואָרט: „איצט” זענען נישט אָן באַטײַט, און ער איז, דאַכט זיך, אַ דרײַיִקער:

ערשטנס, שטימט ער מיט דער חלום־טעאָריע (בעיקר ווי עס האָט זי אַנטוויקלט אַ ביטשאַטשער אייניקל, זיגמונד פרויד), אַז אַ דרויסנ־דיקער, בפרט אַקוסטישער, שטער, גלידערט זיך אײַן אין חלום אַרײַן,

און ווי לאַנג ער זאָל נישט זײַן, געדויערט ער באמת קוים עטלעכע סעקונדן. אַזוי איז דער קורצער דויער פון שטער צײַטלעך אידענטיש מיטן קורצן דויער פון אַ חלום אין זײַן עיקרדיקער געשטאַלט, פון אַ דערפילטן ווונטש, אַזוי אַז דער קלאַפּ פון דעם צעבראָכענעם טעלער האָט אי געבוירן דעם ווונטש־חלום ווען אַ שידוך מיט רייזעלען, אי אויפוועקנדיק דעם בעל־חלומות, זײַן חלום אַוועקגעהרגעט.

צווייטנס, נישט דער ענין פאַרטראַכטעניש נאָר דער ענין דרימל פירט צו דעם לעצטן נוסח פון דער נאָוועלע: „יתום ואלמנה", וואָס איז אַבסאָלוט אַנדערש פון ערשטן נוסח, אַזוי אַז ער קער זיך, אינהאַלטלעך און קינסטלעריש, כמעט מיט אים נישט אָן. ער היט אָבער אָפּ צוויי פּרטים: דער ענין פון צוויי טעלערס (קערות) מיט אָן אַנדערן דערקלער (די מאַמע האָט זיי געקריגן פון איר מאַמע צו דער חתונה, דער טאַטע ווײַטער האָט זיך באַנוגנט מיט זיי, ביז דאָס קינד זייערס וועט אויסוואַקסן, ווי איינער וואָס האָט געוווסט, אַז ער וועט דאָס קינד גיך פאַריתומען און ממילא אים איבערלאָזן זײַן טעלער); און דער ענין פון חלום — הייסט דאָך דער לעצטער גלגול פון דער נאָוועלע: „חלומו של יעקב נחום".

דריטנס, כאָטש מיר האָבן אין דעם לעצטן נוסח צו טאָן מיט אַ לעגענדאַרן צוזאַמענשטויס אין חלום, האָבן מיר דאָ די היסטאָרישע געשטאַלט פון דעם געניאַלן, אין פאַמאַרין געבוירענעם חזן ר' ברוך שור, אַן אייניקל פון בעל „תבואות שור" און אַליין אַ גרויסער למדן, וואָס האָט פאַרכּישופט מיט זײַן דרך־נגינה ביז זײַן אין אַכציקסטן לעבנסיאָר און צווישן זײַנע חיבורים איז אויך פאַראַן מוזיק צו דער אָפּערעטע „שמשון הגיבור", — ער איז געשטאָרבן בשעת דער תפילה אין אחרון של פסח, ווען ער האָט, אין סאַמע ברען פון התלהבות, בײַ מוסף געזאָגט סאָלאָ: „ומפני חטאינו", און צוגעקומען צו „אבינו מלכנו גלה כבוד", איז ער אַנידערגעפאַלן און איז מער נישט געווען (זען וועגן אים: ר' בנימין, „על הגבולין", ווינה תרפ"ג, זז' 77—80).

יט

עס איז דער עקסטאַטישער מעמד, וואָס עגנון באַשרײַבט אים עטלעכע מאָל אין זײַנע סיפּורים — אין „הנידחה" גייט אַזוי אויס דער יונגער גרשום, זאָגנדיק פרײַטיק צו נאַכטס שיר־השירים „בהתלהבות איומה ובגבורה נוראה, והיה קורא והולך עד שהגיע לפסוק משכני אחריך נרוצה. וכיון שהגיע לפסוק משכני אחריך נרוצה יצתה נשמתו בטהרה. עדיין

שפתיו מרחשות הביאני המלך חדריו. נפשו יצאה בדברו" („אלו ואלו", תל־אביב תשי"ט, ז' נו). טײַטש: „ער האָט געלייענט שיר השירים מיט מוראדיק התלהבות און שרעקלעכער גבורה, און ער האָט געזאָגט ביז ער איז צוגעקומען צום פסוק: צי מיך צו, נאָך דיר װעלן מיר לויפן, און זײַן נשמה איז אַרויס אין ריינקייט. און זײַנע לעפצן האָבן נאָך געשעפּט־שעט: ער האָט מיך געבראַכט דער קיניג אין זײַנע צימערן. זײַן זעל איז אַרויס װען ער האָט גערעדט". אויך דער יתום, יעקב־נחום, פֿאַרענדיקט זײַן לעבן אין אַ פּריַיטיק צו נאַכטס, װען ער בלײַבט אין דער פֿאַרשלאָסענער שול און זינגט פֿאַר די מתים, װאָס ר' ברוך שור האָט ערשט דאָ געזונגען פֿאַר די לעבעדיקע — ער זינגט פֿאַר זיי לכה דודי און פֿאַרענדיקט מיט די װערטער: קרבה אל נפשי גאלה, טײַטש: דער־נענטער מײַן זעל, לייז זי אויס.

ענלעכס באַגעגענען מיר אויך לגבי קידוש־לבנה — אין סיפּור „חופּת דודים":

פֿאַרבײַ אַ צדיק־נסתּר, װאָס פֿאַרשװינדט װײַל ער איז מפורסם געװאָרן װי אַ בעל־מופת און דער שכן זײַנער דערמאָנענדיק זיך זײַן געזאַנג: „אנה הלך? אנה פנה? הלך האיש ואיננו. גידיו הדקין אשר ריקדו על צוארו בשירו שירי תהילים ישתרגו כנימי הכנור, וקול לא קול אליו ממרחק יגיע, אנה הלך, אנה פנה?" („על כפות המנעול", תל־אביב תשי"ט, ז' תלז). טײַטש: „װוּהין איז ער געגאַנגען, װוּהין האָט ער זיך געװענדט, די דינע אָדערן װאָס האָבן געטאַנצט אויף זײַן האַלדז בשעת ער האָט געזונגען מזמורי תּהלים פֿלעכטלען זיך װי פֿידל־סטרונעס, און אַ שטים־נישט־שטים דערגרייכט אים פֿון װײַטן, װוּהין איז ער געגאַנגען, װוּהין האָט ער זיך געװענדט".

הייסט עס אַז דער הייליקער ייִד זאָגט תּהילים. אָבער די שאלה צו אים איז פֿון שיר השירים, און װען ער װײַזט זיך נאָך אַ מאָל, כּהרף עין, בשעת קידוש־לבנה און מוז פֿון דער װעלט גיין, װײַל אַ מת האָט אויף זײַן ברכה געענטפֿערט אמן: „והאיש קרא קול דודי הנה זה בא. ויפּול מלוא קומתו ארצה" (דאָרט, ז' תמד). טײַטש: „און דער מאַן האָט אויס־גערופֿן די שטים פֿון מײַן געליבטן אָט קומט זי, און ער איז געפֿאַלן אין זײַן גאַנצער הייך צו דער ערד".

דאָס איז די אַסאָציאַטיװע און אַטמאָספֿערישע רעם פֿאַר דעם סוף פֿון „חלומו של יעקב נחום", דאָס איז אָבער העט העט װײַט פֿון „פנחא שבורה" — „דער צעבראָכענער טעלער" — דען דאָרט האָבן מיר דאָס

געזאַנג ווי אַ חלום פון אַ זיווג צווישן באַשאַפענעם און באַשאַפער, און דאָ האָבן מיר אַ האַלב־חלום פון אַ אָרעם משוררל, וואָס איז האַלב משׂכּיליש (אַ באַרימטער קאַנטאָר) און האַלב בעל־בתּיש (אַ שידוך מיטן שטעטלשן גביר). אין „פנחא שבורה" פעלט אַפילו דאָס ליבע־פלעמעלע צו רייזעלען, וואָס האָט אַ בלינק געטאָן אין „דער צעבראָכענער טעלער".

כ

אַוודאי גרייכט דער ענין נישט אַזוי ווייַט ווען מיר האָבן בלויז צווי נוסחאות פון דעם זעלבן סיפּור וואָס דער דערציילער האָט זיך צו אים, אין אַ צייַטיקערן פּעריאָד זייַנעם, נישט אומגעקערט. ווי אַ משל דערצו וועט אונדז דינען דער סיפּור וואָס הייסט אין העברעיִש „צרת הבת" (‚המצפּה', כ"ח חשון תרס"ז) און אין ייִדיש „רחמנות". אַזוי ווי אין ‚המצפּה' גייט דער סיפּור אָן אַ שום איבעררייַס, וועלן מיר ביידע טעקסטן ברענגען לויט די אָפּשניטן אין ‚דער יודישע וועקער':

1) מהימים הראשונים הטובים

1) אַ מעשׂה פון די אַלטע גוטע יאָרן...

2) אחרי ששת ימי המעשׂה של עינוי נפש ועבודה קשה ורבה, זכה זנביל־בעריש החייט הוא ובני ביתו לקבל פּני המלכּה שבת.

2) נאָך זעקס וואָכנטעג פון שווער־רער אַרבעט און ביטערע פּלאָגע־רייַ, האָט ענדלעך זייַנוול־לייב דער שנייַדער, ער און זייַן בני־בית, דערלעבט צו זען בייַ זיך אין דער היים די מלכּה שבת.

3) ליל שבת־קודש.

3) פרייַטאָג צו נאַכט.

4) זנביל־בעריש, היושב ראש ל־שולחן, מזמר בנעימות ‚כּל מקדש' עד שהביאה שׂרה־לאה אשתו את המרק, ובאותה שעה רחל בתם ו־הירש תלמיד לזנביל־בעריש, ש־אחר חתונתו עם רחל הוא עתיד להיות אי"ה אדון לעצמו, התעסקו

4) זייַנוול־לייב זיצט זיך אויבן אָן בייַם טיש און ביז די זייַנוול־לייבעכע דערלאַנגט צום טיש די לאָקשן מיט יויך, שטעפּט זיך אָפּ זייַנוול־לייב דעם ‚כּל מקדש' מיט זייַן בנעימותדיק קול, און דערווייַל איז זייַן טעכטערל רחל שטאַרק

בשיחה נאה בענין אושרם לעתיד לבא אחרי החתונה.

פאַרטרודט אין אַ שמועס מיט הער־שקען, וואָס ער איז לעת־עתּה אַ געזעל ביי איר פאָטער, און נאָך איר חתונה מיט אים וועט ער אַליין פאַר זיך זיין אַ מייסטער, און זיי בײדע האָבן שטאַרק הנאה פון דעם שמועס וועגן דעם גליק וואָס ס׳דער־וואַרט זיי נאָך זייער חתונה...

5) בבית חם, כל זוית מכובדה לכבוד שבת, על השולחן מונחים פרוסות חלה, צלוחית י״ש ועוד דב־רים של אכילה.

5) אין שטוב איז וואַרעם און ליכ־טיק. יעדעס ווינקעלע איז אויסגעקערט, ריין אויפגערוימט לכבוד שבת. אויף דעם טיש ליגן אָנגעלייגט שטיקער קוילעטש, אַ פלעשל בראָנפן און נאָך עסזאַכן.

6) בכל ימות השבוע הם מסתפ־קים במיעוט ואינם חוזרים על דב־רים בטלים הללו, להלעיט את ה־קיבה במיני מאכל. אדרבא, לפע־מים יעברו ימים מרובים ולפיהם לא יבוא שום תבשיל, וכשהקיבה דורשת אכילה, היו הבריות הללו דוחות אותה, מערימות עליה בכל מיני ערמות ומשטות בה וכבר נתרגלו קיבותיהם בכך, ומרגישות בצערן של ישראל.

6) אַזוי אַ גאַנצע וואָך באַגנוגע־נען זיי זיך מיט וויניק עסן, און קוקן זיך וויניק וואָס אום אויף די דאָזיקע שטותים, ,זיך אָנצושיטן דעם בויך מיט עסערייען׳ — אד־רבא, עס מאַכט זיך צייטן וואָס אין זייער מויל קומט נישט אַריין קיין לעפל געקעכטס. און אַז דער מאָגן מאָנט עסן זענען זיי אים מדחה מיט וואָס ס׳לאָזט זיך, נאַרן אים אָפּ מיט פאַרשידענע תירוצים, און ס׳רוב מאַכן זיי אויס אים פשוט חוזק, ווי איינער רעדט: ווי גע־פעלט אייך דאָס? עסן וויל ער גאָר! און אַזוי איז דער מאָגן שוין גע־ווינט געוואָרן צו ליידן הונגער, און פילט מיט, מיט יידישן צער...

7) וכל ימי השבוע הם עובדים, יושבים ועוסקים במלאכתם ועושים מעשיהם כל היום וכל הלילה ב־בית רעוע, שהקור שולט בו. זנ־ביל־בעריש מתקן את ה,יופא׳ של ציפא־ריבא הגבאית, שהבטיחה ,עולם הבא׳ שכר טירחא לאדם זה, אם יהיה אלוקים בלבו וירחם עליה ועל ,יופתה׳. הירש בורר חתיכת ארג, כדי להניח טלאי על גבי טל־אי על בגד קרוע, וחוזר ומוסיף טלאי.

8) ובזוית היו יושבות עקרת ה־בית שרה־לאה ובתה רחל׳ה ו־מורטות נוצות.

9) כך דרכם בששת ימי המעשה.

10) בא יום השבת, באה מנו־חה. והם יושבים סביב לשולחנם. נהנים מסעודת שבת, גם הירש ה־סמוך לשולחן בעל מלאכתו, שב־עוד ימים מעטים יהיה חותנו, נותן שבת והודיה לשמו יתברך על מת־נה טובה זו, שבת, שזיכה בהם את ישראל, והוא יכול עתה לדבר עם רחל׳ה כל צרכו.

7) אַ גאַנצע וואָך אַרבעטן זיי ווי די פערד, בײַ טאָג און בײַ נאַכט אין אַ צעבראָכן שטיבל, וואָס די קעלט איז דאָרטן אַ ווילדער תקיף... זײַנוול־לייב פאַרריכט צי־פע־ריוועס יופּע וואָס זי האָט אים צוגעזאָגט שׂכר־טירחא, מלאכה־געַ־לט דערפאַר, דאָס אייביקע לעבן דערפאַר וואָס ער האָט געהאָט גאָט אין האַרץ און האָט זיך מרחם גע־ווען אויף איר און אויף איר יופּע. הערשקע קלויבט עפּעס אַ שטיקל שמאַטע כּדי ער זאָל לייגן איין לאַטע אויף דער אַנדערער לאַטע אויף אַ געלאַטעט צעריסן מלבוש.

8) און אין אַ ווינקל זיצט די זײַנוול־לייבעכע מיט דער טאָכטער און פליקן פעדערן.

9) אַזוי זענען זיי זיך נוהג אַ גאַנ־צע וואָך.

10) אַז ס׳קומט אָבער שבת, קו־מט מנוחה, און זיי זיצן אַרום דעם טיש, האָבן הנאה פון דעם הייליקן טאָג און פון די ווילע מאכלים וואָס מ׳עסט שבת. אויך הערשקע, וואָס ער עסט בײַ זײַנוול־לייבן אין שטוב, איז אויך זייער צופרידן פון דעם פרײַען טאָג. איצט קען ער רעדן מיט איר וויפל ער וויל.

11) וכבר הגישה שרה־לאה לפ־ניהם את העצמות הנקנות באטליז בתור בשר, והם גורמים אותן ו־מספרים ברשעת הטקסא, העתידה להוקיר את מקח הבשר.

11) מ'האָט שוין דערלאַנגט צום טיש די פּאָר ביינער וואָס מ'האָט געקויפט אין דער יאַטקע אַנשטאָט פלייש און זי קײַען זיי און דער־ציילן זיך אָן שלעכטיקייטן פון דער רישעותדיקער טאַקסע, אַז מ'וועט נאָך טײַערער מאַכן דעם פּרײַז פו־נעם פלייש.

12) — הבלים — אומרת שרה־לאה — אנחנו יכולים להסתפק ו־לחיות גם בלא בשר. אבל הנרות, הנרות, יום השבת קצר ואי אפשר לגמור את כל הסדרה ב„הצאינה־וראינה״, למשל לו־לא דעכו הנרות ולא העשינו כל כך, הייתי יכולה לקרוא עתה מעט, אבל המוכסין, תיפח רוחו, נותן בהם שומן חזיר, והם עשנים ודועכים שלא בזמנם.

12) — עט, שטותים — גיט אַ מאַך די זײַנוול־לייבעכע — פלייש יאַק פלייש! יאַקאָש קען מען לעבן אָן פלייש, אָבער די לעכט, די לע־כט, דער ווינטערדיקער שבתדיקער טאָג איז אַזוי קורץ, אַז ס'איז נישט מעגלעך אויסצולייענען די גאַנצע סדרה צאינה־וראינה למשל. די לעכט זאָלן נישט אַזוי פרי אויס־גיין און אויסטשאַדען, וואָלט איך געקענט שוין איצט אַ ביסל לייע־נען. די טאַקסעניקעס ימח־שמם טוען אַרײַן חזיר־שמאַלץ אין די לעכט, דערפאַר גייען זיי פרי:ער אויס און טשאַדען אַזוי סכּנותדיק.

13) הרבה היו מדברים בגנות הטקסא וכי טוב היה לו האיר הנר עוד קצת לכל הפחות עד שיגמרו ברכת המזון. באותו רגע נפתחה הדלת ברעש, ובחפזון באו הביתה "המלשין" ועמו ה'חוטפים' ואנשי צבא אחדים ומלפני השולחן נלקח הירש, הוא כפרה בעד חתנו של

13) זיי האָבן אָנגעהויבן אַ ביסל צו שמועסן, אַז ס'וואָלט נישט גע־שאַדט, אַז די ליכט זאָלן נאָך אַ ביסל ברענען כדי זיי זאָלן נישט דאַרפן בענטשן אין דער פינצטער. פלוצעם האָט זיך ראַפּטום געטאָן אַ מאַך אויף די טיר און אין איי־לעניש זענען אַרײַנגעקומען די כאַ־

רבי צדוק, אברך משי, שהגיעה עתו לעמוד לצבא.

פערס, מען האָט הערשקען אַוועק־געריסן פונעם טיש. אַ כּפּרה פאַר רב צדוקס אײדעם, אַ זײַדענער יונגער־מאַן וואָס ער דאַרף זיך שטעלן.

14) בבית תאניה ואניה, יללות ובכיות. זנביל־בעריש ואשתו שרה־לאה ורחל׳ה בוכים, מיללים, חרדת אלוקים החרידתם.

14) אין שטוב איז געוואָרן אַ גע־וויין, אַ קלאָגערײַ. זײַנוול־לייב מי־טן ווײַב און רחלע האָבן געיאָמע־רט, געקלאָגט.

15) הנר מעלה עשן ודועך, דועך וכבר כבה אורו, כאילו חס הוא על האבות, שלא יראו בצרת הבת...

15) דאָס ליכט האָט זיך נאָך גע־רייכערט און עס האָט אָנגעהויבן צו ביסעלעך, צו ביסעלעך אין גאַנ־צן פאַרלאָשן צו ווערן, און באַלד איז דאָס פאַרלאָשן געוואָרן אין גאַנצן, ווי עס האָט רחמנות געהאַט אויף די עלטערן, [זיי] זאָלן נישט זען אין דער צרה פון זייער טאָכטער...

כא

קודם־כּל עפּעס וועגן סוזשעט — שוין דער אונטערטיטל אין יידיש־נוסח: „אַ מעשׂה פון די אַלטע גוטע יאָרן״, נאָך מער אין דער שאַרפער איראָניע, וואָס איז נאָך בײַסיקער אין העברעיִש־נוסח: „מהימים הראשונים הטובים״, גייט ער נאָך דעם פּסוק: „אל־תאמר מה היה שהימים הראשונים היו טובים מאלה כי לא מחכמה שאלת על־זה״ (קהלת ז, י), טײַטש: „זאָג נישט וואָס איז געווען וואָס די ערשטע טעג זענען געווען בעסער פון די איצטיקע, ווײַל נישט מחמת קלוגשאַפט האָסטו געפרעגט דערוועגן״. אמת, דער רוב סיפּור, וואָס באַשרײַבט אַן אָרעמע משפּחה פון אַ בעל־מלאכה, האָט נישט געמוזט אָנקומען צו די אַלטע גוטע יאָרן. די ליטעראַ־טור אונדזערע, פון י״ל פּרץ, דוד פּינסקי, אַברהם רייזען און ווײַטער, קען דאָס בילד אין זייער צײַט; ערשט דער סוף פון אונדזער דערציילונג שטעלט

עס אַוועק אין אַ פריִערדיקער צײַט, מיט אירע סימנים: די פליישׁ־טאַקסע און ליכט־טאַקסע, וואָס האָט אָרעמע־לײַט געצוווּנגען גריזשען ביינער און זיצן אין דער פינצטער, און דער רעקרוטן־שאַנטאַזש, וואָס אָרעמע־לײַט האָבן בעל־כּרחו אויסגעפּילט די קוואָטע, און כאָטש דער מחבר באַנוצט זיך מיט טערמינען וואָס גייען אָן אין דער ליטעראַטור אונדזערער וועגן רוסלאַנד, ווו עס האָט זיך געהאַנדלט אין כאַפּן פון ייִדישע קינדער, די קאַנטאָניסטן, איז זיך אונדזער דערציילער מתכוון צום פריִערדיקן עסט־רײַך, וואָס האָט די אַלע דרײַ צרות אַראָפּגעלאָזט אויף אירע ייִדן אין עטלעכע קרוינלענדער: בעמען, שלעזיע און בעיקר גאַליציע. עגנון אַליין האָט זיך נאָך יאָרן צו די טעמעס אומגעקערט — זען זײַן דערציילונג „פייבוש גזלן" (אַרײַן אין זײַן בוך ‚עיר ומלואה', תל־אביב תשל"ג, זז' 280—297) ווו עס ווערט באַשריבן דער ענין פון דער ליכטפּאַכט, איר געשיכטע און אירע גזירות און שיקאַנעס; און זען זײַן דערציילונג „הנעלם" (דאָרט, זז' 448—491), אַ מעשה מיט אַן אַלמנהס אַ ייִנגל, וואָס דער פּרנס האָט אים געלאָזט כאַפּן און אָפּגעבן פאַר אַ זעלנער און ווען ער איז נאָך יאָרן אַהיימגעגאַנגען, האָט אים אויפן וועג אויפגעכאַפּט אַ פּריצה, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין זײַן שיינקייט און ער איז, ווי יוסף הצדיק, בײַגעשטאַנען דעם יצר־הרע און אויף אייביק פאַרשטומט געוואָרן. אמת, דיאַלעקטיש איז „הנעלם" דער בכּיוונדיקער קאַנטראַסט צו זײַן דערציילונג „האדונית והרוכל" (‚סמוך ונראה', תל־אביב תשי"ט, זז' 92—102), וואָס רופט זיך איבער מיט פּרצעס „מאַניש", וואָס דער בולטסטער קאַנטראַסט צו אים איז יעקב פּרעגערס דראַמע „דער נסיון" (1925) וואָס איז לויט אַ העברעיִשן נוסח אויפגעפירט געוואָרן אין תּל־אָביבער טעאַטער ‚אוהל'.

כב

אָבער צוריק צו די צוויי דערציילונגען „צרת הבת" (אָדער „רחמנות") און „הנעלם" וואָס עס טיילט זיי אָפּ אַ היפּשע שטרעקע צײַט, גאַנצע פופציק יאָר, כּדי צו פאַרצייכענען צוויי זאַכן. ערשטנס, אַ וואָגיקן, כאָטש קליינעם, צד־השונה — אין דער ערשטער דערציילונג ווערט די אידיליע פון דער האָרעפּאַשנער משפּחה, און בעיקר די ליבשאַפט צווישן דעם שנײַדערס טאָכטער און זײַן געזעל, צעשטערט פון דרויסן, — דער פּרנס און די מלוכישע מאַכט און זייערע משרתים, די כאַפּערס; אין דער אַנדערער דערציילונג איז פאַראַן נאָך אַ שותּף די ליבע צו צעשטערן, דער רײַכער בעל־מלאכה, וואָס וויל נישט האָבן דעם אָרעמען געזעל, וואָס די

טאָכטער האָט אים ליב, פּאַר אַן אײדעם, און פרײט זיך פון אים פּטור צו װערן. צװײטנס, אַ קלײנעם, כאָטש װאָגיקן, צד־השווה — אין בײדע דערצײלונגען האַנדלט זיך װעגן אַ שנײַדער־ייִנגל, װי מיר האָבן עס אױך אין בוך פון קלעמאַנסאָ Au pied du Sinai — ער באַשרײַבט דאָרט אױך אַ באַזוך אין בוסק װו ער האָט, אַפּנים פון הערמאַן שעפּס' פּאָטער, געהערט אַ מעשׂה־שהיה מיט אַ שנײַדער, װעלכן קהל האָט בעל־כּרחו געלאָזט בינדן אין קײטן און פאַרשיקן אױף יאָרן צו די זעלנער און ער האָט זיך מיטן שטעטל אָפּגערעכנט.

כג

און איצט צום פאַרגלײַך פון נוסח „צרת הבת" און „רחמנות" — דער שינוי פון די קעפּלעך פאַררוקט דעם טראָפּ, כאָטש בײדע אַנטפּלעקן זיך ערשט אין סאָמע סוף, װען בײדע טיטלען פאַרשפּיצן זיך אין אַ מין גראָטעסקן װיץ: די ליכט, האָבנדיק רחמנות אױף טאַטע־מאַמע, פאַרלעשן זיך כּדי זײ זאָלן נישט זען דעם װיסטן מזל פון זײער טאָכטער. בעצם איז דאָ צרת הבת אין זינען פון דער טאָכטערס לײד נישט מער װי אַ װאָרטשפּיל, װײַל גרונטיק מײנט צרה אַ װײַב װאָס איז די ריװאַלין פון איר מאַנס אַנדער װײַב אָדער אַנדערע װײַבער, װי עס איז אָנגעגאַנגען אין דער פּאָליגאַמישער משפּחה, און דער ענין צרת הבת קומט טאַקע פיר אין מסכת יבמות א' ב: „כשם שצרת בתו פטורה, כך צרת צרתה פטורה" אָבער צו ערשט שפּילעריש און שפּעטער ערנצט, האָט זיך דער באַהעפט קאָנסטיטויִרט אין זינען פון צער פון אַ טאָכטער, װאָס מען קאָן מיט איר נישט טאָן קײן שידוך.

כד

פון אַנדערע שינויים צװישן בײדע נוסחאות דאַרף מען אפשר דער־מאָנען, אַז אין ייִדישן נוסח הײסט דער שנײַדער זײַנװל־לײב און אין העברעיִשן נוסח הײסט ער זײַנװל־בעריש, און אױב דער רעדאַקטער פון ,המצפּה' האָט, מחמת עפּעס אַ כּוונה, נישט געהאַט קײן האַנט דערבײַ, האָט אפשר דער מחבר געהאַט אַ כּוונה דערבײַ — אין ,בנערינו ובזקנינו" הײסט דער ביטשאָטשער בירגער־מײַסטער בעריש שטערן גאָר סעבאַסטיאַן מאַנטאַג, און דער עולם רופט אים ר' זײַנװל װאָס זײַן שם־קודש װאָלט באַדאַרפט צו זײַן שמואל. אין ייִדישן נוסח רופט זיך דעם שנײַדערס װײַב ,די זײַנװל־לײבעכע', אין העברעיִשן נוסח טראָגט זי איר נאָמען: ,שרה

לאה׳. דער מנהג אָנצורופן דאָס ווײַב אויפן מאַנס נאָמען קומט פיר אין עגנונס שפּעטערע דערציילונגען — אַזוי, אַ שטייגער, הייסט אין ,אורח נטה ללון׳ חנוכס אַלמנה — החנוכית וכדומה. בדרך־כּלל דערקלערן זיך די שפּראַכלעכע שינויים פון כאַראַקטער אין חילוק פוןביידע שפּראַכן. דאָס איז, אַ שטייגער, בולט דאָרט, ווו מיר האָבן צו טאָן מיט לשון־קודש ווערטער אין ביידע נוסחאות, נישט בלויז פון מין ,בנעימות — בנעי־מותדיק׳, ,נהנים — האָבן הנאה׳, ,דוחות אותה — זענען זיי אים מדחה׳, ,חס הוא על האבות — האָט רחמנות געהאַט אויף די עלטערן׳, אָדער ,התעסקו — פּאַרטרודט׳; דאָס גלײַכן: ,הבלים — שטותים׳, ,מיני ערמות — מיט פּאַרשידענע תּירוצים׳, ,שהקור שולט בו — וואָס די קעלט דאָרט איז אַ ווילדער תּקיף׳. אָבער נישט וויניקער ווען דער העברעיִש־נוסח זאָגט נישט אַלץ וואָס עס זאָגט דער ייִדיש־נוסח: ,אמרת — גיט אַ מאַך׳, ,המרק — די לאָקשן מיט יויך׳ (דאָס האָבן מיר שוין געזען אין פריִערדיקן סיפּור), ,תבשיל — אַ לעפל געקעכטס׳, ,מזמר „כל מקדש״ — שטעפּט ער אָפּ דעם „כּל מקדש״׳, און דאָ געפינען מיר זיך אויף דער ליניע פון פאָלקסהומאָר, וואָס לאָזט יעדן בעל־מלאכה זיך באַנוצן לגבי תּפילה, זמירות וכדומה מיט זײַנע טערמינען. פאַרשטייט זיך, דאָ שפּילט אַרײַן דאָס אידיאָ־מאַטישע ווו ייִדיש איז פעסטער: ,עובדים — אַרבעטן ווי די פערד׳, ,ברעש — ראַפּטום׳; צו מאָל אָן אַ העברעיִשן עקוויוואַלענט: ,פליש יאַק פליש׳, ,יאַקאָש׳; בשעת אַנדערע עקוויוואַלענטן גייען אויף דער ליניע: ,פרוסות חלה — שטיקער קוילעטש׳, ,צלוחית י״ש — אַ פלעשל בראָנפן׳, ,עולם־הבא — דאָס אייביקע לעבן׳. אַ מאָל בלײַבט אַ העברעיִשער באַהעפט אָן אַ ייִדיש־עקוויוואַלענט, ווי אַ שטייגער: ,חרדת אלוקים׳, ווו דער נסמך האָט שוין אין תּנ״ך אָנגעוווירן זײַן ערשטן באַטײַט (גאָט) און איז נישט מער ווי אַ לשון הפלגה.

כה

מיר האָבן דעם העברעיִשן נוסח אָפּירגעשיקט דעם ייִדיש־נוסח, כאָטש די דרוקדאַטע קאָן דאָ נישט אַנטשיידן, ווײַל ביידע נוסחאות זענען געדרוקט געוואָרן אין דעם זעלבן טאָג — ייִדיש אין ביטשאָטש, עברית אין קראָקע, — און כאָטש מיר זענען ווײַט נישט זיכער וועלכן נוסח האָט דער מחבר אָמערשט אָנגעשריבן, און זענען נוטה צו דער סברה, אַז עס איז געווען ייִדיש, נישט פאַרגעסנדיק דערבײַ אַז דער מחבר האָט שוין נאָכן אָנשרײַבן ביידע נוסחאות געקענט זיי, אין אַ קעגנזײַטיקן קאָנטראָל, דורכ־

רעווידירן. אַזוי אַז אויב מיר זעען, אַ שטייגער: ,העשינו — אויסטשאַ־דען׳, איז דער העברעיִשער ווערב, אין זײַן זעלטענערער פּאָרעם, בנין הפעיל, וואָס מיר האָבן נישט אין מקרא און נישט אין משנה, אַ צופאַס צום ייִדיש־ווערב און נישט פאַרקערט; אַנדערש שטייט אפשר בײַ: ,גורמים — קײַען׳, ווו דער עקוויוואַלענט הינקט אַ קאָפּ אונטער, ווײַל גלײַכער איז דאָך: ,לועסים — קײַען׳, אָבער אַזוי ווי עס האַנדלט זיך דאָ וועגן ביינער, האָט זיך פאַרבעטן די אַסאָציאַציע פון פסוק: „יאכל גוים צריו ועצמתימם יגרם״ (במדבר כד: ח) טײַטש: „ער וועט אויפעסן די פעלקער זײַנע פײַנד און זײַנע ביינער וועט ער צעקנאַקן״; ענלעך: „ושתית אותה ומצית ואת חרשיה תגרמי״ (יחזקאל כג: לד) טײַטש: „און דו וועסט אים [דעם בעכער] טרינקען און אויסנאָגן און די שערבלעך צעקנאַקן״. אין וואָרט: ,צעקנאַקן׳ גייען מיר נאָך יהואשן, כאָטש מען וואָלט באַדאַרפט פאַרטײַטשן ,אַנטביינערן׳, סײַ ווײַל ,עצם׳ און ,גרם׳ זענען אידענטיש און מיינען אַ ביין, סײַ ווײַל דער בנין פעל פון גרם מיינט ,אַנטביינערן׳, פּונקט ווי דער פעל פון ,שרש׳ מיינט ,אַנטוואָרצלען׳, דער פעל פון ,לבב׳ מיינט ,אַנטהאַרצן׳ [= אָפּשוואַכן]. קיין בנין קל פון ווערב ,גרם׳ האָבן מיר נישט אין תנך און מעגלעך אַז עגנון האָט זיך אויך באַנוצט מיטן בנין פעל, און די איבעריקע ו׳ איז אַ דרוקפעלער. על־כל־פנים איז ,קײַען׳ נישט דער רעכטער עקוויוואַלענט פאַר ,גרם׳, עס בעט זיך גיכער ,נאָגן׳, ,גריזשען׳ וכדומה. נאָך אינטערעסאַנטער איז דאָס לעצטע געזעץ פון אונדזער דערציילונג: „שלא יראו בצרת הבת — זאָלן נישט זען אין דער צרה פון דער טאָכטער״, ווו דער מחבר גייט סטריקט נאָך דעם לעגיטימען עברית־נוסח בשעת ייִדיש וואָלט זיך באַנוצט מיט אַן אַקוזאַטיוו.

כו

כדאי אויך אויפמערקיק צו מאַכן אויף אַן אינהאַלטלעכן שינוי — אין אָפּשניט 10 (זען ז׳ מ) האָבן מיר אין עברית־נוסח אַ שטעל וואָס איז אין ייִדיש־נוסח קירצער. אויב צו פאַרטײַטשן דעם עברית־נוסח וואָלט ער בערך אַזוי געקלונגען: „אויך הערש וואָס עסט בײַ זײַן מײַסטערס טיש, וואָס אין וויניקע טעג אַרום וועט ער זײַן זײַן שווער, גיט אַ לויב און אַ דאַנק זײַן ליבן נאָמען פאַר דעם גוטן געשאַנק, דעם שבת, מיט וועלכן ער האָט מזכה געווען די ייִדן און ער קאָן איצט רעדן מיט רחלען לויט זײַן פולן באַדאַרף״. שווער צו אַנטשיידן, וואָס האָט גורם געווען צום פאַרבײַט פון דעם קורצן, סעקולאַר שטיפערישן ייִדיש־נוסח אויפן לענ־

גערן, סאַקראַל געהויבענעם עברית־נוסח, אָבער קלאָר אַז דער קירצערער פּאַסט זיך מער פּאַר אַן איצטיקער צײַט, און דער לענגערער פּאַר אַ פריִערדיקער צײַט — און לויט סוף פון סיפּור האַלטן מיר אין יאָזעפינישן פּעריאָד. און טאַקע מעגלעך, אַז דער שינוי באַווײַזט, אַז דעם מחברס רעדאַקציע פון עברית־נוסח איז די שפּעטערע, אַזוי אַז מען מעג אָננעמען, וואָס מיר האָבן אָנגענומען לגבי „פּנחא שבורה — דער צעבראָכענער טעלער", צו ערשט גייט דאָ דאָס גערעדטע ייִדיש, און שפּעטער קומט דאָס געשריבענע עברית.

כז

אמת, די צוויי פּאַרגלײַך־דוגמות פונעם יונגן צווייִשפּראַכיקן עגנון, ווײַזן אָן — מיט אַלע חילוקים צווישן זיי — ווי ווײַט דער מחבר האָט מקפּיד געווען צו דערגרייכן ווי ווײַט מעגלעך, אַ פולווערטיקן צוזאַמענקלאַנג צווישן גלײַכטעמאַטישן העברעיִשן און ייִדישן נוסח. דווקא פון אַזעלכע פּאַראַלעלע דוגמות דרינגען מיר אַרויס צו וואָס פּאַר אַ שפּאַנונג די צווייִשפּראַכיקייט האָט געבראַכט, און ווי די שפּאַנונג האָט זיך סײַ אָפּן, סײַ פּאַרבאַהאַלטן, אויסגעדריקט. דער יונגער מחבר האָט נאָך נישט געקענט מערקן, אַז עס איז בײַ אים מקוים געוואָרן, וואָס ח"נ ביאַליק האָט נאָך יאָרן געזאָגט וועגן רעדן: דהיינו, עברית דאַרף מען שרײַבן, ייִדיש שרײַבט זיך. און די קשיא איז, בעצם, געווען: וואָס זאָל מען טאָן, אַז דאָס וואָס מען דאַרף שרײַבן זאָל זיך שרײַבן. די קשיא גופא איז דער סטימול פּאַר דער תשובה. און דער סוד פונעם סטימול איז אַ מין שטענדיקער מעסט און פּאַרמעסט צווישן דער אייגענער שרײַב־מאַניפּולאַציע איןביידע שפּראַכן, כּדי דעם מרחק צווישן ביידע יכולתן צו פּאַרקלענערן און בטל מאַכן. אונדזער הנחה, אַז דער מחבר האָט זיך אַליין אין ייִדיש פריִער געפּונען איידער ער האָט עס געטאָן אין עברית, לאָזט זיך דאָ לײַכט באַווײַזן. די כּוונה איז נישט לגבי זײַנע שירים, דען פּאָעזיע איז נישט געווען זײַן שטאַרקע זײַט, און אויף וויפל ער האָט זיך פון איר נישט אָפּגעזאָגט, אַפילו ווען ער האָט דערגרייכט די העכסטע שטאַפּלען פון זײַן עברית־פּראָזע, און אַרײַנגעפלאָכטן לידלעך זײַנע, האָט ער זיי געהאַלטן אין שטייגער, וואָס האָט אָפּגעהיטן יסודות און שטריכן פון ייִדיש־פאָלקישן און פאָלקלאָרישן ליד. וואָס שייך פּראָזע — האָט ער ממשיך געווען מענדעלעס מסורה, ווי עס האָבן זי לעבעדיק דערהאַלטן זײַנע יורשים.

און כאָטש אונדזער מחבר גופא פלעגט דאָס פאַרלייקענען און טענהן, אַז זײַן נוסח איז אַ המשך פון היימישן דרך שרײַבן, איז עס אַ קאָפּ צו־געטראַכטער יִחוס, דען עס פרעגט זיך, פאַר וואָס געפינען מיר נישט קיין רעכטע, לא כל שכּן טיפּע, סימנים דערצו אין זײַן גאַנצן שרײַבן פאַר זײַן עליה, נאָר נאָך איר, און איך וואָלט מיך אַפילו נישט צוריקגעהאַלטן די שאלה צו פאַרשפּיצן: פאַר וואָס געפינען מיר דאָס נישט פאַר זײַן באַגעגניש מיט שׂמחה בן־ציון און פאַר דער גאַוועלע „עגונות". אמת, וואָס שייך דעם איבערגאַנג צו די שפּעטערע היסטאָרישע שיכטן פון לשון־קודש און זייער קינסטלערישער אַקטיוויזאַציע, וואָס איז אין אַ אויפ־שטײַגנדיקער ליניע אַנגעגאַנגען אין זײַנע ווערק, האָט ער זיך געפונען אויף אַ פעסטער באַזע פון זײַן אייגענער בקיאות אין די מקורות, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זײַן עליה, און האָט עס, ווי אַן אייביקער לערנער, כּל־ימיו באַרײַכערט, אָבער די עובדא, אַז מען האָט דאָס שוין פאַר אים געטאָן בלײַבט אַן עובדא; און דרך משל וואָלטן מיר געזאָגט: אַוודאי האָט ער נישט באַדאַרפט קויפן בײַ דער גאַנדז האָבער, דען ער האָט זיך גע־קענט שפּײַזן גלײַך פון שײַער און פון פעלד, אָבער דאָס איז נישט משנה די עובדא, אַז אַנדערע האָבן עס שוין לאַנג פאַר אים געטאָן.

אַפילו דער ענין פון דער גרויסער השפּעה פון ספר ‚חמדת ימים' אין זײַן סטיל, זאָל האָבן געווען מער ממש און ווייניקער מיטאָס, פרעגט זיך ווידער אַ מאָל, פאַר וואָס שפּירט עס זיך נישט אין זײַן ערשטן שרײַבפּע־ריאָד. נאָך מער, ער האָט געקאָנט און האָט באַשריבן אַ גאַליצישן שרײַבער, שמואל שיין, וואָס האָט בולטע סימנים פון מענדעלע־נוסח, איז אָבער פון אים נישט מושפּע געוואָרן, און אַדרבא, אין אַ שמועס, האָט ער אָפּגעוואָרפן יענעמס אַרומפּענדלען און אַרומהיפּן צווישן מקרא און לשון־חכמים, און עס איראָניש אַ נאָמען געגעבן Currentstil אויפן מישקל: קורענטשריפט, ווו מען האָט זיך, לויט דער באַקוועמלעכקייט, באַניצט מיט לאַטײַנישע און גאָטישע אותיות, בשעת באַקוועמלעכקייט און סטיל זענען תּרתּי־דסתרי.

כח

דער ענין איז איינער פון די צענטראַל־פּראָבלעמען פון עגנונס שאַפן אין זײַן גאַנג, און ער וואָרט נאָך, אַלץ, פאַרשער זאָלן אים גרונטיק באַהאַנד־לען, אָבער ער איז בפירוש פאַרבונדן מיט דער קשיא וועגן דער שפּאַנונג צווישן זײַן יידיש און זײַן עברית, סײַ אין ערשטן שרײַבפּעריאָד זײַנעם, ווען ער איז געווען, ווי אַ שרײַבער, צווייִשפּראַכיק, סײַ און אפשר בעיקר

נאָך דעם, ווען ער איז, צו גלייַך, מיט אַ ריי שרייַבערס פון דער צווייטער עליה, וואָס זענען מיט זייער עליה, טייל תיכּף, טייל אַ ביסל שפּעטער, געוואָרן איינשפּראַכיק, בלויז עברית־שרייַבערס (יעקב שטיינבערג, דוד שמעונאָוויטש, אַהרן ראובני, אָשר באַראַש וכדומה). יאָ, ש״י עגנון האָט מיט זייַן עליה זייַן יידיש־שרייַבן נישט מער ממשיך געווען, כאָטש ער האָט מסתּמא פּאַר זיך אַליין נישט געקענט פאַרהוילן, אַז ער איז פריִער נישט אומשטאַנד געווען צו שרייַבן העברעיִש וואָס און ווי ער האָט געשריבן יידיש.

אמת, עגנון האָט זיך צו יידיש־שרייַבן מער נישט אומגעקערט, אָבער ער פלעגט בעל־פּה, פּונקט ווי אליעזר שטיינמאַן און פריִער נאָך נחום סאָקאָלאָוו פלעגן טענהן בכּתב אַז ווען דער עברית־שרייַבער וואָלט אין די לעצטע דורות נישט געמוזט אָוועקגעבן דאָס רוב כּוחות זייַנע אויף אויסצוהאַקן און אויסצוטעסען די שפּראַך־כּלים וואָלט די מערכה פון זייַן שעפערישקייט געווען אַ סך רייַכער, ווייַל דאָס רוב סגולות זייַנע האָבן זיך אויסגעשעפּט מחמת דער אויפגאַבּ, פון וועלכער זיי וואָלטן אין אַ גרויסער מאָס פּטור געווען שרייַבנדיק יידיש. איך האָב שוין אָנגעוויזן אויף דער טענה אין מויל פון דרייַ אַזעלכע עברית־ראָטשילדס (זען אין מיין בוך „אבני בדק״, תשכ״ב, ז׳ 37) און געפּרוווט באַווייַזן אַז איפכא מסתברא: דער אייבער־אָנשטרענג האָט זיי נישט אָרעמער, נייַערט רייַכער געמאַכט, אָבער דאָס איז נישט סותר די הנחה, אַז זייער יידיש איז געווען דער פאַרבאַהאַלטענער מאַנער און דערמאַנער פון דער דאָזיקער אויפגאַבּ זייערער, און די דיאַלעקטיק דאַרף נאָך קאָנקרעט און בפּרטות דורכגעפאָרשט ווערן.

כט

עגנון פלעגט זיך דערמאָנען און אויך דערמאָנען זייַן יידיש־פּעריאָד און ער שרייַבט אין אַרייַנפיר צו רובינשטיינס יידיש־נוסח פון „אַ פּשוטע מעשׂה״:

> איידער איך האָב זוכה געווען צו קומען קיין ארץ־ישׂראל האָב איך געשריבן שירים און סיפּורים און כּלערליי אַנדערע זאַכן בלשון יידיש. כּמה מהם זענען געדרוקט. איצט בין איך נישט קיין גרויסער בריה אויף יידיש־שרייַבן. אָבער פאַר אַ שטיקל מבין האַלט איך מיך נאָך.
>
> אין אַ הקדמה צום יידיש־נוסח פון זייַנע „שריפטן אין דרייַ טיילן״,

ווי ער דערמאָנט נישט זײַן ייִדיש־עבר, הייבט ער אָבער אַרויס דעם בעל־מתּרגם אליעזר רובינשטיין:

> ועד כּמה שאני מבין, איז ער אַ בריה, אַ מזיק, איבערצוגעבן מײַן לשון און מײַנע רעיונות, אַ סך מאָל — אַפילו מײַן סגנון, אַז מען קען מיינען, אַז מתּחילת ברייתו איז דער סיפּור געשריבן געוואָרן אויף ייִדיש (ז' 9).

אַז מען קלערט זיך אַרײַן אין די ווערטער, איז עס אַ סך מער ווי אַן אָפּענער אַרויסזאָג פון אַ פאַרדינטן קאָמפּלימענט — עס איז אַ פאַרבאָרגענער מעסטפּרווו צווישן דעם מחבּרס מאַניפעסטער העברעיִשער שפּראַך־ווערקלעכקייט און זײַן לאַטענטער ייִדיש־מעגלעכקייט. דען די עטלעכע יאָר, וואָס ער איז געווען אַ צווייִשפּראַכיקער שרײַבער האָט ער אָפּערירט מיט צוויי מיני שפּראַכסטאַנדאַרדן, אַ שוואַכערן און אָרעמערן, אין העברעיִש, און אַ שטאַרקערן און רײַכערן, אין ייִדיש.

די דעמלטיקע דיספּראָפּאָרציע דערקלערט זיך נישט בלויז מחמת דעם חילוק, וואָס זײַן העברעיִש איז געגאַנגען פון געשריבענעם ספר, פאַר וועלכן ער האָט געהאַט אַן אָפן אויג און זײַן ייִדיש איז געגאַנגען פון גערעדטן שמועס, פאַר וועלכן ער האָט געהאַט אַן אָפן אויער, דען דאָס איז דאָך ביז צו דער רעלאַטיווער נאָרמאַליזאַציע פון העברעיִש געווען אַ כּלל־חילוק, נאָר מחמת דעם, וואָס זײַן העברעיִש־נוסח איז נאָכגעגאַנגען אַ מין שפּעט־השׂכּלה־נוסח, ווי ער איז אַנגעגאַנגען אין דער גאַליציִשער העברעיִשער פּעריאָדיק. און עס איז גענוג דורכצולייענען אונדזער מחבּרס העברעיִשע שירים אָדער סיפּורים, כּדי צו זען, אַז אַפילו אויב ער האָט דעמלט געוווסט וועגן ביאַליקן און אים געלייענט, האָט עס אָבער זײַן פּאָעזיע נישט געוווסט, און אַפילו אויב ער האָט געוווסט וועגן עברית־נוסח פון מענדעלען און אַפילו אים געלייענט, האָט עס אָבער זײַן פּראָזע נישט געוווסט. און אַפילו אויב ער האָט געוווסט וועגן עברית־נוסח פון מענדעלען און אַפילו אים געלייענט, האָט עס אָבער זײַן פּראָזע נישט געוווסט. ערשט קומענדיק אין לאַנד אַרײַן האָט זײַן העברעיִש־פּראָזע געקריגן יענע וויטאַליטעט וואָס זײַן ייִדיש־פּראָזע האָט נאָך פאַרמאָגט בײַ זיך אין שטעטל.

משמע, אַז ערשט דאָ האָט ער דערגרייכט אין העברעיִש די מדרגה, וועלכע ער האָט פאַרמאָגט פריִער אין ייִדיש, און אַזוי ווי ער האָט פון

איצט אָן געשריבן בלויז העברעיִש, איז זײַן אויפשטײַג, וואָס איז געקומען מיט די יאָרן און זייער צײַטיקייט, ניכּר בלויז אין העברעיִש, אָבער דער געהיימער מעסט און פּאַרמעסט צווישן בײדע שפּראַכן האָט זיך ווײַטער געצויגן און אפשר קיין מאָל נישט אויפגעהערט, און לאָזט זיך פּאַרגלײַכן מיטן אָפּענעם מעסט און פּאַרמעסט בײַ מענדעלען, בפרט אַז מיר האָבן פּאַר זיך די זעלבע שיטה — פריִערע און שפּעטערע מדרשים, מיטן צוגאָב פון ספרי מוסר און חסידות, ליווערן די עקוויוואַלענטן פּאַר די תּכונות און באַזונדערקייטן פון לעבעדיקן, דיאַלעקטיש באַוואָרצטן און אידיאָמאַ־טיש צוגעשפּיצטן ייִדיש, און שטײַגן זיי נאָך איבער. אַזוי דאַרף מען טאָקע דיאַלעקטיש פּאַרשטיין דעם אויבן דערמאָנטן זאָג פונעם מחבר: אַז מען קאָן מיינען אַז מתחילת ברייתו איז דער סיפּור געשריבן ייִדיש.

נאָך מער, עס איז אַ ספק צי וואָלט ער אַזוי געזאָגט וועגן אַ מעשׂה־תּרגום פון זײַן פּראָזע אין אַן אַנדערער שפּראַך, וואָס מיינט למעשׂה בלויז דײַטשיש, ווײַל דאָס איז די איינציקע שפּראַך, וואָס ער האָט חוץ אונדזערע צוויי היימישע שפּראַכן, באַהערשט. אַזוי ווי דײַטשיש איז פּאַר אים געווען בלויז אַ שמועס־ און לייענשפּראַך און בעצם, די עיקר־לייענשפּראַך פון דער כּלל־ליטעראַטור, און נישט קיין שרײַבשפּראַך, ווײַל ער האָט אין איר בלויז געשריבן בריוו, און אפשר אויך דאָס דײַטשישע אַנעקדאָטן־ביכל זײַנס, וואָס איז ביבליאָגראַפיש פּאַרצייכנט, אָבער מען האָט עס לעת־עתּה נישט אָפּגעפונען. וואָס שייך ווײַטער דעם אָפּקלײַב פון דײַט־שיש איבערגעזעצטע ייִדיש־שרײַבערס און די באַמערקן צו זיי, איז ער מסתּמא דאָ געווען בלויז דער אָפּקלײַבער. כּללו של דבר, אין דײַטשיש האָט געפעלט די אייגענע מעסט און פּאַרמעסט־שפּאַנונג.

צום סוף לאָזט זיך פרעגן, ווי עס וואָלט אויסגעזען דער מעסט און פּאַרמעסט, ווען דער מחבר זאָל געווען אָנהאַלטן זײַן שרײַבערישע צוויי־שפּראַכיקייט, ווי עס האָבן געטאָן זײַנע מיטצײַטלערס, וואָס זענען געגאַנ־גען קיין אַמעריקע — י״ד בערקאָוויטש, ה׳ סעקלער און צו לעצט בעיקר אַהרן צייטלין. און דאָס איז נישט קיין שאלה לבטלה, שוין מחמת דעם, וואָס נאָך דער ערשטער מלחמה האָט עגנון, געפינענדיק זיך אין פריקרע באַדינגען, אַ קורצע צײַט געפּלאַנט צו גיין קיין אַמעריקע, און אַ מזלדיי־קער ווענד אין זײַן לעבן האָט אים צוריקגעפירט צו זײַן אַלטן און תּמיד יונגן אידעאַל, להלכה און למעשׂה — ירושלים, ווו ער האָט פּאַרבראַכט דאָס רוב שאַפערישע לעבן זײַנס.

ל

צום סוף ווילן מיר דערקלערן, פאַר וואָס מיר האָבן צו די ייִדישע כּתבים, וואָס עגנון איז בפירוש זייער מחבר, געבראַכט אַ היפּשן און וויכטיקן צולאָג, וואָס דער מחבר זײַנער איז אַן אַנדערער. אָבער קודם־כּל זענען מיר מחויב צו באַמערקן אַז די אידענטיפיקאַציע פון עגנונס מחבר־שאַפט אין זײַן פּריפעריאַד איז נישט קיין לײַכטע, און עס איז נישט קיין חידוש וואָס עס טרעפט זיך אַ טעות, און אָט צוויי דוגמות, איינע אַ קלע־נערע און פּשוטערע און איינע אַ גרעסערע, אַ פאַרוויקלטערע.

די ערשטע, קלענערע און פּשוטערע דוגמה — באַנד פאַרצייכנט אין דער ביבליאָגראַפיע זײַנער ווי אַ חיבור פון עגנונען אַ קורצע קאָרעספּאָנ־דענציע פון קאָירא, געצייכנט ,גאַליציאַני׳, און געדרוקט אין פירלעצטן נומער פון ,העת׳ (כח אדר תרס״ז — מאַרץ 14, 1907). אָבער יוחנן ארנון ברענגט עס נישט, ווײַל עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס איז מעגלעך בלויז ווען מיר נעמען אָן, אַז עגנון האָט נישט מיטרעדאַקטירט די דאָזיקע צײַטונג ביז איר סוף, ווי עס איז קלאָר פון זײַנע דערמאָנטע רייד, און אַז ער איז נישט געפאָרן אַהיים אויף פּסח, ווײַל לויט דער קאָרעספּאָנדענציע האָט ער זיך שוין פאַר פּסח געלאָזט קיין ארץ־ישׂראל, און האָט פון קאָריאָ געשיקט יענע קאָרעספּאָנדענציע, וואָס איז אַרײַן אין דעם פירלעצטן נומער פון ,העת׳, ווו עס האָט זיך אויך געדרוקט זײַן סיפּור „עיר המתים״, וואָס זײַנע עלעמענטן חזרן זיך שפּעטער איבער אין אַנדערע סיפּורים זײַנע. און ענלעך די זאַכן זײַנע אין לעצטן נומער (ב ניסן תרס״ז — מאַרץ 17, 1907), ווו דער סיפּור „הגנב״ געצייכנט מיט זײַן פּסעוודאָנים ,מזל׳ [= מזל טוב] און אַ קאָרעספּאָדענציע פון ביטשאָטש, געצייכנט ,עירוני׳ האָבן זיך געדרוקט, ווען ער איז שוין געווען אויפן וועג קיין יפו. באַנד האָט דאָס געקענט אָננעמען מחמת דער סברה, אַז עגנון איז געקומען קיין יפו לג בעומר תרס״ז (מײַ 2, 1907) און נישט, ווי מיר האָבן אין האַנטביכער און ביאָגראַפישע אַרטיקלען וואָס גיבן אָן תרס״ח (1908) און אַפילו תרס״ט (1909). ער שטיצט זיך אויף דער עדות פון עגנונס שוועסטער ראָזע אַפּעלבערג און דבורה ווינער (ז׳ 16). אויך אין זײַן גרויסן אַרטיקל וועגן עגנון אין ג׳ קרעסלס ,לכסיקון הספרות העברית בדורות האחרונים׳ (תשכ״ז) חזרט ער איבער די דאַטע פון עגנונס עליה; ער שרײַבט אָבער, אַז עגנון האָט נאָך פּסח תרס״ז פאַרלאָזט זײַן היימ־שטאָט, משמע, אַז אָנהייב ניסן איז ער נאָך געווען אין גאַליציע, אַזוי אַז

עס פֿאַלט אָפּ דער ענין קאָרעספּאָנדענציע פֿון קאַירא, וואָס איר מחבר איז געווען אַן אַנדערער גאַליציאַנער. וואָס שייך ווײַטער דער דאַטע פֿון עגנונס אָנקום קיין יפֿו, האָט יצחק באַקון באַוויזן אַז זי איז אַ שפּעטערע („על שנת עלייתו של עגנון והמסתעף מזה", ,הפּועל הצעיר', באַנד סא [1968], נומ' 27—28, זז' 23—25).

די צווייטע, גרעסערע און קאָמפּליצירטערע דוגמה — באַנד פֿאַרצייכנט אין זײַן ביבליאָגראַפֿיע די אַרטיקלען אין ,דער יודישע וועקער' געצייכנט ,דרך־ארץ' און באַמערקט מיט אַ רעזערוואַציע: ,מעגלעך געשריבן פֿון עגנון', און באמת איז עס כּמעט נישט מעגלעך, ווײַל ,דרך־ארץ' איז אַן איבערזעץ פֿון ,לעבנסאַרט' און איז טאַקע דער פּסעוודאָנים פֿון אַברהם לעבנסאַרט, אַ יונגן העברעיִש־ייִדישן שרײַבער פֿון סטאַניסלאַוו, וואָס איז טאַקע עלטער געווען פֿון עגנון מיט נײַן יאָר, האָט אָבער מיטגעאַרבעט אין אַלע זשורנאַלן וווּ דער יונגער עגנון האָט געדרוקט זײַנע זאַכן.

משמע, אַז די צוויי שרײַבערס האָבן זיך באַגעגנט סײַ אין לעבן סײַ אין דער ליטעראַטור — אין קראָקעווער ,המצפּה' (וווּ לעבנסאַרט האָט געשריבן וועגן דער פּאָעזיע אין תּלמוד — ווו ער שנײַדט אָן הנחות וואָס זענען אין אונדזערע צײַטן פֿונאַנדערגעוואַקסן אין די פֿאָרשונגען פֿון אַהרן מירסקי און צבי־מאיר ראַבינאָוויטש), אין ביידע לעמבעריקער ,טאָגעב־לאַט', אין סטאַניסלאַווער ,הירדן' און בעיקר אין ,דער יודישע וועקער', וווּ ער האָט אָפּגעדרוקט אַ בינטל פּראָזע־שעדעווערס, דער שמועס־ציקל „משה חקרן", אַ טעמאַטיש פֿאַרביקער דיאַלאָג צווישן דעם שטאָט־שמש, שמואל, וואָס פֿרעגט בלויז קורצע, אַקטועלע קושיות, און צווישן משה חקרן, וואָס ענטפֿערט לענגערע, למדנישע און חקרנישע, געפּילפּולטע און קונציק געקייטלטע תּשובות, און אַנטפּלעקט זיך ווי אַ דרויסנדיק אָפּענע האַרמאָניש אַלטוועלטישע און אַן אינעווייניק פֿאַרבאָרגענע דיווערסאַנטע הײַנטוועלטישע פֿיגור, און רעפּרעזענטירט איינעם פֿון יענעם פֿינגירטע שמועסערס, וואָס אַ טייל פֿון אונדזערע גרויסע שרײַבערס האָבן זיי קאָנסט־רויִרט, כּדי אין אַ פֿאַרפּלעכט פֿון ערנצט און הומאָר, טיפּיש און כאַראַקטע־ריסטיש צו פֿאַרהיימישן זייער אייגענעם קאָמפּליצירטן אַלטער עגאָ.

לא

אברהם לעבנסאַרט איז בײַ זײַן לעבן געווען נענטער באַקאַנט אין זײַנע קאַנטן, און מסתּמא איז ער געווען די בולטסטע פֿיגור אין דער דרום־גאַליצישער גרופּע טאַלאַנטן אין יענע יאָרן. ער איז נאָך זײַן טויט

(תּרס״ט) בסך־הכּל ניַין און צוואַנציק יאָר אַלט, כּמעט פֿאַרגעסן געוואָרן. זײַנע פֿרײַנד האָבן געפּרוּווט אַרויסגעבן זײַנע העברעיִשע ווערק — אָבער דאָס ערשטע בענדל ,כּתבי אברהם לבנסאָרט׳, מיט אַ וואַרעמען אַרײַנפֿיר פֿון יצחק פּערנהאָף (סטאַניסלאָוו תּרע״ב), האָט נישט געהאַט קיין המשך. פֿאַר זײַנע ייִדיש־כּתבים ווײַטער האָט זיך קיינער נישט געזאָרגט. זלמן רייזען, וואָס ברענגט זײַן פּסעוודאָנים, האָט אים אָבער נישט אין זײַן לעק־סיקאָן; גרשום באַדער, אין זײַן לעקסיקאָן, ברענגט אים יאָ — האָט ער אים דאָך געדרוקט אין ,חרמון׳ און אין ,העת׳ און פֿון דאָרט האָט אים ח״ל פֿוקס, מיט אַ צוגאָב פֿון פּרטים און אַ קליינער ביבליאָגראַפֿיע, געבראַכט אין ,לעקסיקאָן פֿון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור׳ (1963). על־כּל־פּנים איז שוין לאַנג צײַט פֿאַר אַ מאָנאָגראַפֿיע וועגן דעם דאָזיקן שרײַבער.

לב

אָבער אומקערנדיק זיך צו די שמועסן אין ,דער יודישע וועקער׳ מוזן מיר אָנווײַזן אויף אַ פּלאָנטער — אמת, די פֿעליעטאָנען „פֿאָליטיק״ און „חרוסת״ זענען געצייכנט: ,דרך־ארץ׳, דאָס גלײַכן זענען בלויז די ערשטע דרײַ געציפֿערטע פֿעליעטאָנען פֿון דער סעריע „משה חקרן״ געצייכנט ,דרך־ארץ׳; ווײַטער גייט אַ פֿעליעטאָן IV אָן אַ חתימה, און נאָך ווײַטער ווערן די פֿעליעטאָנען V—VII געצייכנט ,דער שטאָדט־שמש׳ און אַזוי זענען אויך געצייכנט אַלע איבעריקע זיבן פֿעליעטאָנען וואָס האָבן נישט קיין ציפֿער. און עס פֿרעגט זיך צי האָט דער פֿאַרבײַט פֿון פּסעוודאָנים, און דאָס אין סאַמע מיט פֿון דער סעריע, אַ באַטײַט. איך וויל נישט פֿאַרהוילן אַז כאָטש איך האָב אָפּגעוואָרפֿן די מעגלעכקייט פֿון עגנונס מחברשאַפֿט לגבי „פֿאָליטיק״ און „חרוסת״ און די פּרקים „משה חקרן״ וואָס זענען געצייכנט ,דרך־ארץ׳ האָב איך די מעגלעכקייט, אָדער אַ מאָס פֿון מעגלעכקייט סאָנדירט לגבי די פּרקים, וואָס זענען געצייכנט ,דער שטאָדט־שמש׳. ווי שוין באַמערקט, הייסט דער שטאָט־שמש, וואָס רעגט אָן משה חקרן צו זײַנע שמועסן — שמואל, איינער פֿון עגנונס נעמען און דערצו לאָזט זיך אויך ער דאָך בײַ אַ צוזאַמענטרעף אין קלוב פֿון זשורנאַליסטן־פֿאַראיין אין ירושלים (אָב תּשכ״ג):

נאָך צוויי אָדער דרײַ מאָל האָב איך געשריבן זאַכן וואָס זענען נאָענט צום צײַטונגוואַרג. מײַן לעצטן אַרטיקל האָב איך געשריבן אַ יאָר פֿאַר דער ערשטער מלחמה און ער איז געווען געדרוקט ווי אַ

ליטעראַטיקל אין דער ,הצפירה' מיט דער אונטערשריפט ,שמ"ש'. איך האָב געחתמעט ,שמש', אָבער דער רעדאַקטאָר, וואָס האָט נישט געהאַלטן פון מליצישע נעמען, האָט איבערגעאַנדערשט מיין חתימה און האָט מיט זיין רעדאַקטער־פעדער צעשיט דעם ,שמש' (מעא"ע, זז' 80—81).

איך בין חושד אַז עגנון האָט נישט געחתמעט ,שמש' [= די זון], נאָר ,שמש' [= דער באַדינער], ער וויסט דאָך דעם וואָרטשפּיל — דערמאָנט דאָך עגנון אין זיין ראָמאַן: „ענלעך צו זיי איז געווען רבי דוד זון פון גאון חכם צבי וואָס האָט כּל־ימיו משמש געווען אין רבנות און צום סוף איז ער געקומען אין אַן אָרט, ווו מען האָט אים נישט געקענט און איז געוואָרן אַ שמש און האָט פאַרהוילן זיינע מעשׂים און האָט נישט אַנפּלעקט ווער ער איז, ביז צו זיין פּטירה. דאָס וואָס מען האָט אויסגעקריצט אויף זיין מצבה: ,חבל על שמש גדול שאבד מן העולם'" טייטש: אַ שאָד אויף אַ גרויסן שמש וואָס איז פאַרלוירן פון דער וועלט (,אורח נטה ללון', תל־אביב תש"י, ז' קצ"ו) און פונקט ווי ער האָט געוווּסט דעם מקור פון דעם זאָג וואָס מיינט די שלאַנג אין גן־עדן (סנהדרין נט), האָט ער געוווּסט דעם המשך פון מצבה־נוסח: לא פסק פומיה עד צאת שמשו וטהר גברא (,כתבי הגאונים לר' צבי הארוויץ', פּיעטרקאוו תרפ"ח, ז' 34) טייטש: האָט נישט אויפגעהערט זיין מויל [צו לערנען] ביז עס איז אונטערגעגאַנגען זיין זון און דער מאַן איז ריין געוואָרן.

לג

מיר וועלן פאַרענדיקן מיטן באַמערק, אַז פאַראַן אויך אַ פּרווו פון אַ העברעיִשן נוסח פון „משה חקרן" — אין דערמאָנטן בענדל כּתבים פון אַברהם לעבנסאָרט געפינט זיך אַ סקיצע, וואָס הייסט טאַקע „משה חקרן" און האָט אַלע מעלות פון זיין יידיש־שמועס, און ווו ער געזעגנט זיך מיטן עולם אין קלויז. מיר וועלן דאָ בלויז פאַרטייטשן דעם אָנהייב:

רבותי, עס איז דאָס לעצטע מאָל וואָס מיר שמועסן צוזאַמען, און זעען זיך פּנים־אל־פּנים. איצט וועלן זיך אונדזערע וועגן צעשיידן. איך פאָר אַהין, קיין ארץ־ישׂראל, און איר וועט בלייבן דאָ ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, און איך גאָט ווייסט, צי מיר וועלן זיך נאָך זען אויף דער וועלט; דערפאַר איז כּדאי מיר זאָלן טרינקען לחיים דאָ אין קלויז, ווו מיר האָבן געדאַוונט טאָג־טעגלעך, מער ווי זעכציק יאָר.

פאַרשטייט זיך, אַז אַן גרונטיקערע און שטאַרקערע ראיות איז מײַן דרייסטער רמז אויף אַ קאָנטאַקט צווישן אַברהם לעבנסאַרט און עגנון, אין רעם פון די שמועסן, נישט מער ווי אַ צוגעשפּיצטע טעאָריע, אָבער עס איז נישט קיין ספק, אַז לעבנסאַרט האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף עגנונען אין אַנטוויקל פון שמועס, וואָס שוין אַברהם־יעקב בראַווער האָט אונטערגעשטראָכן זײַן אָריגינאַליטעט לגבי דער פּוילישער gawęda (רפאל ווײַזער ווײַזט אויך אָן אויף לעבנסאַרטס השפּעה אויף עגנונס „הנידח").

און אויב מיר ברענגען די סעריע, געצייכנט ,דרך־ארץ' און ,דער שטאָדט־שמש' ווי אַ צולאָג אין אונדזער איצטיקן בוך, געשעט עס נישט נאָר מחמת אונדזער ווײַט נישט באַוויזענער טעאָריע, נאָר אויך לגופו — כדי צו קאָנפראָנטירן די צוויי פּעיִקסטע פּראָזאַיִקער אין דער גרופּע אַרום ,דער יודישע וועקער' און ,הירדן', דעם יינגערן וואָס איז געוואָרן און דעם עלטערן, וואָס איז געווען אַ מוסטער פון יידישער שמועסערישער פּראָזע.

לד

און צום סוף אַ כּלל־באַמערק צום עגנון־אָפּשאַץ — ער האָט פאַרמאָגט צוויי כּביכול סותרדיקע מידות — אַן אומגעווײַנטלעכן נאַרקיזם און אַן אומגעווײַנטלעכע אויטאָקריטיק. מחמת דער ערשטער מידה האָט ער וואָך געהאַלטן זײַן צוגעבונדנקייט און ליבשאַפט צו אַלץ וואָס ער האָט ווען עס איז געשריבן; מחמת דער אַנדערער מידה האָט ער אין אייביקן געיעג נאָך אַ העכערער, אַלץ העכערער, קינסטלערישער מדרגה, זיך נישט דערלויבט, צוליב דער צוגעבונדנקייט און ליבשאַפט, צו זײַן אַ מקיל און געבליבן דער מחמיר לגבי זײַן מלאכה, איבערחזרניק דעם כּלל־גדול, אַז איעדע מלאכה איז ווי שנײַדערײַ, וואָס האָט נישט קיין גרונט. ווען איך האָב אים געפרעגט, צי וואָלט אים ניחא געווען, מען זאָל צוזאַמענקלײַבן זײַנע יוגנט־כּתבים, און וועלנדיק ממתיק זײַן די שאלה מײַנע, האָב איך געזאָגט, אַז סוף סוף לוחות ושברי לוחות מונחות בארון, האָט ער געגעבן דעם טיפּישן ענטפער: — סײַ אויף די לוחות סײַ אויף די שברי־לוחות זענען געשטאַנען די זעלבע דיברות, ווײַל זיי זענען געווען מעשה־אלהים, און נישט קיין מעשה בשר־ודם, וואָס נישט ווי זײַנע מעשי־נערות זענען זענען זײַנע מעשי־שחרות, און נישט ווי זײַנע מעשי־שחרות זענען זײַנע מעשי־זיקנה, אויב ברוך־הוא העלפט אים און דער שכל קומט מיט די יאָרן. אָבער וואָס שייך מײַנע חטאות־נעורים זענען זיי שוין אַזוי ווײַט, אַז איך

קאָן מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי קערן זיך נישט אָן מיט מיר, אָבער אויך אַזוי נאָענט, אַז איך וויל נישט מאַכן דעם אָנשטעל, דאָס איך קער זיך מיט זיי נישט אָן. דען מיט וועמען קערן מיר זיך מער אָן ווי מיט אונדזערע יונגע יאָרן?

מאמר ב׳:

די לבנה און אירע שטעט

א

ש״י עגנון, וואָס האָט, ביי זיין לעבן, אַרויסגעגעבן מער ווי אַ טוץ געזאַמלטע ווערק זיינע, האָט איבערגעלאָזט אַ נישט קלענערע נחלה פון כתבים, וואָס גייען, נאָך זיין פטירה, באַנד נאָך באַנד אַרויס, און ביז איצט האָבן מיר שוין פון זיי די גרויסע בענד „שירה״ (תשל״א), „עיר ומלואה״ (תשל״ג); די צוויי קלענערע בענד „בחנותו של מר לובלין״ (תשל״ה), „לפנים מן החומה״ (כנ״ל), און דעם גאָר גרויסן באַנד „מעצמי אל עצמי״ (תשל״ו). דער, לעת־עתה, לעצטער באַנד איז אַנדערש פון די פיר פריערדיקע — ער נעמט אַרום זיינע אויטאָביאָגראַפישע פאַרצייכענונגען, מעמואַרן, עסייען און רעדעס וועגן שרייבער און געלערנטע וכדומה, בשעת אַלע איבעריקע געהערן צו זיין עיקר־שרייבן, צו דער בעלעטריסטיק.

ב

דער באַנד „בחנותו של מר לובלין״, פירט אונדז אַריבער אין דער צייט פון דער ערשטער מלחמה, ווען דער מחבר, וואָס איז דאָ דער דערציילנדיקער איך, לאָזט זיך פון בערלין קיין לייפציק, כדי צו קריגן אויפהאַלטרעכט און באַזעצט זיך דאָרט אויף אַ צייט, כדי צו לערנען תורה און פירט עס נישט אויס, איז אָבער אַן עדות פון כלערליי געשעענישן און אַ שאַרפער אָבסערוואַטאָר פון אינטערעסאַנטע טיפּן, וועלכע מיר קריגן צו זען, און האַלט אָן סיי ממשדיקע באַציִען מיט זיינעם אַ לאַנדסמאַן, מר לובלין, וואָס האָט ייִנגלווייז פאַרלאָזט זיין געבוירנשטאָט בעטשאָטש (= בוטשאַטש), און וויל פון איר מער נישט וויסן, פונקט ווי ער האַלט אָן וויזאָנערע באַציִען מיט אַן אַנדערן לאַנדסמאַן זיינעם, מר שטערן, וועלכער האָט קיינמאָל נישט פאַרלאָזט זיין געבוירן־שטאָט, בעטשאָטש, און וויל

וויסן בלויז פון איר און וועגן איר, און איך האָב שוין געפּרוווט אָנווייַזן, אַז דאָס האָט דער מחבר זיך אַליין געשפּאָלטן אין צוויי געשטאַלטן, כדי אויסצובולטן זייַן קאָנטראָווערסאַלקייט לגבי זייַן אייגענער געבוירן־שטאָט.

ג

פאַרשטייט זיך, אַז דער פאַרגלייך צווישן לייַפּציק און בעטשאָטש איז דאָ אַ מין וואָכנגאַנג און כמעט כדרך־הטבע. אָט שפּאַצירט דער דערציילער מיט מר לובלין איבער די לייַפּציקער גאַסן, און אין שמועס דאַרף, פאַרשטייט זיך, דערמאָנט ווערן זייער בשותּפותדיקע געבוירן־שטאָט, אָבער מיר באַקומען צו הערן: „זענען מיר געגאַנגען וויפל מיר זענען געגאַנגען און מיר האָבן גערעדט וואָס מיר האָבן גערעדט. על כל פּנים איז דער וועג נישט געוועזן קיין קורצער און מר לובלין האָט געקאָנט אוספּיִען זיך נאָכצופרעגן אויף אונדזער געבוירן־שטאָט, ער האָט אָבער נישט געפרעגט און איך האָב זי אויך נישט דערמאָנט. און נישט מחמת לייַפּציק, נאָר מחמת דער לבנה אין לייַפּציק. אַזוי ווי איך בין געווױנט געוועזן צו קוקן אין הימל, ווייַל מיר פלעגן אין די יפוער נעכט באַטראַכטן די לבנה און די שטערן, האָב איך אַ קוק געטאָן אויפן הימל און צו מר לובלין געזאָגט: ווען די לבנה פלעגט זיך באַווייַזן אין איר גאַנצער שיינקייט, פלעגט מען, בייַ אונדז אין שטאָט זאָגן: אַ לייַפּציקער לבנה. און אָט איז לייַפּציק און אָט איז די לבנה. כ'בין מסופק, צי אפילו אין די חדשים טבת־שבט וואָלט עמעץ בייַ אונדז אין שטאָט אַזאַ לבנה מקדש געווען" (ז. 30).

אויך נאָכן שמועס, ווען דער דערציילער בלייַבט אין זייַן האָטעל־שטיבל, דערמאָנט ער זיך דעריִנען: „וואָס האָב איך געזאָגט צו מר לובלין, אַזאַ לבנה ווי אין לייַפּציק איז אַ ספק, צי עמעץ, בייַ אונדז אין שטאָט וואָלט נאָך איר פאַרלאַנגט. די געדאַנקען פון מענטשן זענען צעטראָגן, אַלע מייַנע געדאַנקען זענען וועגן יפו. פּלוצעם האָבן זיי מיך פאַרטראָגן „צו דער לבנה בייַ אונדז אין שטאָט" (דאָרט ז. 31). און ווייַטער הערן מיר, וואָס סע האָט זיך אים געחלומט יענע נאַכט: „באַגען גייען און קומען, און אַ סך פאַרשיידענע מענטשן, אַלע גרויסע סוחרים, וואָס זענען, פון ווייַטע לענדער געקומען אויפן גרויסן יריד אין לייַפּציק, ברענגען אַ סך פאַרשיידענע סחורות. אויך איך בין צווישן די געקומענע און מייַן סחורה איז מיט מיר. אָן אָרט פאַר מייַן סחורה האָב איך געפונען, מחמת דער לייַפּציקער לבנה וואָס באַלייַכט נישט מייַן סחורה (דאָרט ז. 32).

ד

בעצם, זעען מיר דאָ די לײַפּציקער לבנה טאָפּלט — אויף־דער־וואָר, ווו זי איז נישט קיין איבעריק גרויסע מציאה; און אין חלום, ווו זי איז אַ מין באַשטאַנדטייל פון די לײַפּציקער גרויסע ירידים („לײַפּציגער מעססע"): ווענמענס סחורה די דאָזיקע לבנה באַלײַכט — איז מצליח, און ווענמענס נישט — נישט. אָבער צוריק צו דער וואָר, כדי צו פרעגן, ווען האָט אייגנטלעך דער דערציילער געזען די לײַפּציקער לבנה, כדי זי צו פאַרגלײַכן צו דער בעטשאַטשער לבנה, און אַרויסצוגעבן אַזאַ האַרבן פּסק, אַז די בעטשאַטשער יידן וואָלטן אַפילו אין די ווינטער־חדשים, טבת־שבט, אַזאַ לבנה נישט מקדש געווען. דער לייענער ווייסט, אַז דער גאַנצער ראָמאַן איז, בעצם, דעם דערציילערס געדאַנקען, ווען ער איז געבליבן אין מר לובלינס ביורא און עס נישט געקאָנט פאַרלאָזן, און דאָס דייקא אין אַ פרײַטיקדיקן טאָג, ווען עס געפאַלט דער יאָרצײַט פונעם רמב"ם, וואָס דער דערציילער האָט אים איצט, קעגן זײַן יאָר־יערלעכן מנהג, נישט געקאָנט פראַווען. אַזוי ווי דער טאָג פון דעם יאָרצײַט געפאַלט, י׳ טבת, און דער דערציילער דערמאַנט, אַז ער איז שוין אַקעגן פיר חדשים אין לײַפּציק (ז. 34), קומט אויס, אַז דער שמועס איז פירגעקומען אין חודש אלול, וואָס האָט באַדאַרפט דערמאָנען דעם זאָג: אַן אלולדיקע לבנה, וואָס מיינט דייקא אַ טרויעריקע און פאַרוואָלקנטע לבנה, אַזוי אַז ס׳איז נישט אַקוראַט אַ דאַטע פאַר אַזאַ שטאַרקן קאָנטראַסט.

ה

ווען דער לײַפּציקער לבנה אין עגנונס דערמאָנטן ראָמאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט זײַן פרײַנט, דער געלערנטער ר׳ אברהם יעקב בראַווער היסטאָריקער און געאָגראַף. („מאזנים", טבת תשל"ח, ז׳ 55). ער פרעגט, וואָס האָט עפּעס די לבנה, וועלכע באַלײַכט די גאַנצע ערד, אַ באַזונ־דערע־מחזקות מיט דעם סאַקסאָנישן כרך לײַפּציק, און ער מיינט, אַז עגנון, צוגלײַך מיטן רוב בני דור זײַנע, האָט, ווײַזט אויס, נישט געוווסט דעם פּירוש פונעם זאָג וועגן דער לײַפּציקער לבנה, און עס איז אַ ספק, אויב היַינט־צו־טאָג איז פאַראַן אַ מבין, וואָס ווייסט דאָס צו דערקלערן. דען באמת פאַרנעמט לײַפּציק אַ וואַזשנע פּלאַץ אויך אין אַנדערע זאָגן, ווי אַ שטייגער: אַ לאַפּסקער סוחר, אַ לאַפּסקער סחורה, וואָס האָט געמיינט אַ שבח, וואָס בעסערס קאָן גאָרנישט זײַן. צו די באַרימטע לײַפּציקער ירידים

זענען אַ סך ייִדן געפּאָרן, בעיקר פון מזרח־איראָפּע. סע קאָן זײַן אַ ספק, צי אין עגנונס יוגנט־יאָרן זענען נאָך, אין זײַן שטאָט, געווען לײַפּ־ציקער סוחרים און לײַפּציקער סחורה, אָבער די ווערטלעך און זאָגן זענען געבליבן. ער, בראַוער גופא, האָט דעם זאָג: אַ לאַפּסקער לבנה בלויז איינמאָל אין זײַן לעבן געהערט פון זײַנס אַן אַלטיטשקן רבין אין קאַלוש, אין מזרח־גאַליציע — עס איז געווען אין אַ פאַרוואָלקנטן אָוונט אין חודש טבת, אָדער שבט אין יאָר תרנ״ו (1896), האָבן די חסידים אין קלויז געהאַט גרויס עגמת־נפש, הלמאי עס איז שוין באַלד אַוועק אַ האַלבער חודש און זיי קענען די לבנה נישט מקדש זײַן; פּלוצעם האָט זיך דער הימל אויסגעלײַטערט, און יענער אַלטיטשקער האָט זיך דערפרייט און אַ זאָג געטאָן: אַ לאַפּסקער לבנה. מער האָט בראַוער דעם זאָג נישט געהערט, נישט ווען ער האָט סטאַביל געוווינט אין גאַליציע (ביז 1905 און נישט ווען ער האָט דאָרט אומסטאַביל געוווינט (1912—1914). מעגלעך, באַמערקט ער, אַז דער זאָג האָט זיך נישט דערהאַלטן אין קיין שום בוך, און עגנון האָט אים אָפּגעראַטעוועט. לײַפּציק הייסט סלאַוויש ליפּסק, וואָס איז מסתמא דער פּרימאַרער, ווענדישער, נאָמען. וויאַרום עס איז געוואָרן לאַפּסק, איז אַן ענין פאַר ייִדיש־פאָרשערס, און מעגלעך, אַז עגנון האָט שוין נישט געהערט לאַפּסק נאָר לײַפּציק, און דאָ האָט משפּיע געווען די דײַטשישע השכלה אויפן לשון פון ציבור.

צום סוף באַמערקט בראַוער, אַז רוב לאַפּסקער סחורה, וואָס מען האָט געבראַכט קיין גאַליציע, איז געווען גאַלאַנטעריע, און האָט גאָר געש־טאַמט פון אנדערע דייטשישע שטעט; פּאַליאַקן האָבן זי גערופן נאַרימ־בערגער (נירנבערגער) סחורה, און אַזוי איז אויך געווען פאַרצייכנט אויף די שילדן פון ייִדישע געוועלבער.

ו

צו בראַווערס באַמערקן לאָזט זיך קודם כל זאָגן אַז דער אַרויסזאָג לאַפּסק איז חל, קודם כל אויף צענטראַל־און־דרום־ייִדיש, און גייט אויף דער ליניע: דײַטש — דאַאַטש; לײַט — לאַאַט; שרײַבן — שראַאַבן; די סמ״ך וואָס מיר האָבן אויך אין לאַטײַנישן: ליפּסיא, האָט בראַוער דערק־לערט, און סע לאָזט זיך נאָך צוגעבן, אַז אויך אין מערב־ייִדישן דיאַלעקט האָבן מיר צו טאָן מיט לאַיפּסיק, און אַזוי איז עס אויך אָנגעגאַנגען אין מזרח־ייִדישן דיאַלעקט, אַ שטייגער אין ווילנע — אברהם ליאָן־דאָר, אין זײַן באַרימטן בריוונשטעלער ברענגט, אין אַ בריוו פון אַ סוחר, אליעזר

שמערל דוב אייל־קלאהר, „ווען איהר נאַר געלד וואָלט צו שיקן וואָלט מען קענען אין לײַפּסיק צעהען מאל זוי פיל בעקומען" (ווילנע, 1851, ז' 122).

ז

יאָ, בראַוּוער האָט אַ טעות מיינענדיק, אַז בלויז עגנון האָט דעם זאָג וועגן דער לאַפּסקער לבנה אין אַ בוך, און אַזוי־אַרום אים אַפּגעראַטעוועט. מיר האָבן אים פריִער ביי — ח. נ. ביאַליק. אין זײַן אויטאָביאָגראַפישן בריוו צו יוסף קלויזנער, געשריבן אין קעשענעוו, תמוז תרס"ג (1903), געדרוקט אין ספר ביאַליק, וואָס איז אַרויס לכבוד זײַן זעכציק־יאָריקן יובל, אַרײַן אין ביאַליקס בריוו, וואָס פישל לאַכאָוּוער האָט אַרויסגעגעבן (תרצ"ח, ב' ז. קנ"ז קע"ג). שפּעטער אַרײַן אין אַ ביבליאָפיל ביכעלע „פּרקי חיים בארבע גירסאות", (אָן דרוקיאָר, ז"ז ט"ו וכו') דערציילט וועגן די ספּ־רים וואָס זענען אים, אַ פּאַריתומט און געטרודפט ייִנגל, געווען אַ שטיק פריידי און נחמה: „און דאָרט אין לאַנד פון ספרים, האָב איך געהאַט אַ סך באַקאַנטע, און אַ סך אויסטערלישע און וווּנדערלעכע שטעט האָב איך דאָרט געזען: די שטאָט לעמבעריק און מרת פּעסיל באַלאַבאַן — ווער איז די פרוי באַלאַבאַן? מסתמא אַ רײַכע און וואַזשנע פרוי, און האָט פיר זין: אַלע בכבודע און בײַכיקע, מיט צעוואַקסענע בערד און שטאַלטנע, וווינען אין אַ שטוב פול ספרים און שפּאַרן זיך אין דברי הלכה, רויִק און איידל, מיט הנאה און עושר וכבוד. מוצאי שבת קומען זיך, אין זייער הויז, צונויף די לעמבעריקער פײַנע־בריות, איידעלע און צעפּעשטשעטע ייִדן, אַ קופּערנער סאַמאָוואַר זידט אויפן טיש און אַ טוץ אויסגעבלאַנקטע גלעזער שטייען און בלישטשען. קוקט איינער אַרויס דורכן פענצטער: „זעט, אַ לײַפּציקער לבנה", מחיה נפשות! לאָמיר אַרויסגיין, זי מחדש זײַן".

פישל לאַכאָוּוער באַמערקט וועגן פּעסיל באַלאַבאַן: אַ באַזיצערין פון אַ דרוקערײַ אין לעמבעריק, אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונ־דערט, וואָס האָט אַרויסגעגעבן סידורים, מחזורים וכדומה, און איר נאָמען איז געווען פאַרצייכנט אויפן שער־בלעטל פון די ספרים. דער זון פון פּעסיל באַלאַבאַן איז דער באַרימטער ייִדישער היסטאָריקער פּראָפעסאָר מאיר באַלאַבאַן. און וועגן דער לײַפּציקער לבנה: דער לײַפּציקער דרוק איז געווען קלאָר און שיין, און אַנדערע דרוקערײַען פלעגן פאַרצייכענען אויפן שער־בלאַט פון זייערע ספרים: כמו שנדפס בלײַפּציג; און לויט דעם: אַ לײַפּציקער לבנה — אַ קלאָרע און אַ שיינע.

יצחק בערקמאַן, וואָס האָט אַרויסגעגעבן, פאַר שולן און אַליינלערנערס, אַ געפינטלט בוך „הספרות העברית החדשה״, גיט אָפּ דעם גאַנצן פערטן באַנד דער שאַפונג פון ח. נ. ביאַליק (וואַרשע, תרצ״ט) און ברענגט דאָרט די דערמאָנטע ציטאַטע פון ביאַליקס בריוו און שטעלט אַרײַן אין קלאַמערן, לאַכאָווערס ביידע באַמערקן, וואָס האָבן, אַזוי אַרום, געקאָנט אַרײַן אין אַ גרעסערן רשות הרבים, ווען נישט די מלחמה וואָס איז, אין אַ קורצער צײַט אַרום, אויסגעבראָכן.

ח

די צוויי באַמערקן פאַרדינען אויך צוויי באַמערקן. ערשטנס, אַז מאיר באַלאַבאַן איז אַ זון פון מרת פעסיל באַלאַבאַן, ווייסט נישט קיין שום לעקסיקאָן, און מסתמא האָט ער דאָס ער אַליין אויך נישט געוווסט. צווייטנס, אַז דער ענין לײַפּציקער לבנה נעמט זיך פון לײַפּציקער דרוק, פּאַסט זיך טאַקע צו דער סיטואַציע, וואָס ביאַליק האָט זי זיך אויסגעפאַנטאַזירט, און מעגלעך אַז זי האָט לאַכאָווערן סוגערירט צו זײַן פּירוש. אגב, אין מײַן מאמר וועגן חיים טאַרטאַקאָווער האָב איך דערמאָנט, אַז ווען ער איז געווען אין יאָר תרס״ח (1908) בײַ ביאַליקן אין אָדעס, האָט ער אים שטיפעריש געפרעגט: און וואָס טוט פעסיל באַלאַבאַן די לעמבעריקער דרוקערין (אין מײַן בוך „אלופי ומיודעי״, תשל״ב, ז. 73) און מאיר האַרטינער האָט מיר דערציילט, אַז ווען ער איז, בשעת דער ערשטער מלחמה, געווען אין אָדעס, האָט אים ביאַליק שטיפעריש געזאָגט: און למען השם, לאָזט גריסן מרת פעסיל באַלאַבאַן אין לעמבעריק.

ט

אין מײַן געבוירן־שטאָט, בראָד, זענען די באַציִען מיט לײַפּציק אָנגעגאַנגען ביז נאָך דער ערשטער מלחמה — איז דאָך דאָרט געווען אַ היפּשע בראָדער קאָלאָניע, ממש אַ קהילה מיט אירע בתי־מדרשים, צומערשט פון רײַכע, שפּעטער אויך פון אָרעמע, און מיר געפינען זיי אויך היפּש אין עגגונס דערמאָנטן ראָמאַן, אָבער אין בראָד פלעגן בלויז אַלטע יידן נאָך זאָגן: ער איז געפאָרן קיין לאַאַפּסק, דער כלל־עולם האָט געזאָגט: לײַפּציק, און דאָס עלטערע וואָרט האָט געלעבט בלויז אין זאָג: ס'איז מאַאַן (מײַן) לאַאַפּסק, אין זינען: דאָס איז מײַן פּרנסה, הכנסה, שפע. און מסתמא איז דער זאָג געווען פאַרשפּרייט אין אַנדערע ערטער. אין דערמאָן מיך, אַז מײַן פאָלקסשול־לערער, עפּשטיין, וואָס איז געקומען צו אונדז פון זאַליש־

טשיק (= זאַלעשטשיקי), פלעג זיך פּאָפּראַווען די דאַליע זײַנע, וואָס ער האָט די תּלמידים זײַנע, סײַ זיי האָבן עס באַדאַרפט סײַ נישט, צוגעגרייט פאַר דער גימנאַזיע, און דערפאַר געקריגן אַ לײַטישן שכר, און אַז אַ מוטער פון אַן אויסגעצייכנטן תּלמיד האָט זיך אַקעגנגעשטעלט, האָט דער לערער געזאָגט: אָבער ייִדענע, דאָס איז דאָך מײַן לאָאַפּסק.

י

וואָס שייך ווײַטער דער לאָפּסקער לבנה האָב איך וועגן איר קיינמאָל נישט געהערט אין מײַן געבוירן־שטאָט, און דאָס מחמת אַ פּשוטן טעם — אונדזער שטאָט האָט אַליין פּרעטענדירט צו האָבן אַ באַזונדערע לבנה, און מענדל זינגער האָט מיר דערציילט, אַז אַמאָל איז אַראָפּגעקומען אַ ייִד אין אונדזער שטאָט אַרײַן, שוין אין דער צײַט פון איר ירידה, האָט אָבער געוואָלט זען, פאַרוואָס האָט מען זי אַזוי גערימט; אָבער וואָס דער באַגלייטער זײַנער האָט אים געוויזן, האָט עס אים געלאָזט קאַלט; ווען דער גאַסט איז געקומען אין האָטעל אַרײַן, איז שוין געווען נאַכט, האָט אים דער באַגלייטער אַ פרעג געטאָן: אָבער וואָס זאָגט איר נישט צו אונדזער בראָדער לבנהלע? דערצו וויל איך צוגעבן, אַז בײַ אונדז אין שטאָט איז געווען אַ ייִד וואָס מען האָט אים גערופן: בענטשע מיט דער לבנה. איך האָב אים נאָך קינדווײַז דערכאַפּט, אַ גרײַז־גראָער ייִד, וואָס האָט נאָך אַלץ געטריבן זײַן האַנדל: געגאַנגען פון שטוב צו שטוב מיט אַ שטרויען קויבערל לימענעס און נישט גערוט, ביז ער האָט די גאַנצע סחורה אויספאַרקויפט. דעם צונאָמען האָט ער זיך אײַנגעקויפט מחמת אַ מעשה שהיה, און מען פלעגט אים כמעט יעדן טאָג פרעגן דערי־בער, האָט ער גענומען דערציילן: איינמאָל האָב איך פאַרענדיקט מײַן מסחר און זיך געלאָזט אַהיים, פלוצעם זע איך אַז די לבנה באַגלייט מיך און דאָס ביז צו דער שוועל; טראַכט איך מיר, אַז מען דאַרף דאָך זײַן אַ מענטש, האָב איך זי צוריקבאַגלייט און אַזוי האָבן מיר זיךביידע באַגלייט, אַ גאַנצע נאַכט. אַז ער האָט פאַרענדיקט, האָט מען זיך געמאַכט שטוינען: אַזאַ מיוחסת און אַזויפיל דרך־ארץ?! פלעגט ער צושמייכלען און זאָגן: וואָס, איר שפּילט זיך מיט דער בראָדער לבנה?

יא

ווי מיר זעען, האָט בראָד געהאַט אַ פּרעטענסיע צו פאַרמאָגן איר אייגענע לבנה, אָבער אויך אָדעס האָט זי געהאַט, און איך האָב שוין

אַרויסגעזאָגט אַ השערה, אַז מעגלעך, אַז אַז אַלץ גייט פון בראָד — נאָך דעם ווי זי האָט באַגרינדעט אַ מין קאָלאָניע אירע סײַ אין אָדעס סײַ אין לײַפּציק, האָט זי זיי מזכה געווען מיט איר לבנה. אַז די דרײַ שטעט האָבן געהאַט אַזאַ פּרעטענסיע, איז קלאָר פון די פאַרשפּרייטע ווערטלעך, ווי סע האָבן זיי געבראַכט פּרילוצקי־לעהמאַן אין זייער אָנאָמאַסטיש געזעמל.

מאמר ג׳:

און אַז איר וועט שוין יאָ וויסן

א

דאָס בינטל כתבים, וואָס ש״י עגנון האָט אין זײַנע יונגע יאָרן פּובליקירט, אין יִדיש־לשון, אין דער גאַליציאַנער רעגיאָנאַלער, פּראָווינציעלער און לאָקאַלער פּרעסע (אין סטאַניסלאַווער „יודישעס וואָכענבלאַט״, אין לעמבעריקער „טאָגעבלאַט״ און „יודישער פאָלקס־קאַלענדאַר״, און בעיִקר אין ביטשאַטשער „דער יודישע וועקער״) און וואָס אַנטהאַלטן שירים, סיפּורים, פעליעטאָנען און אַנעקדאָטן, געפינען זיך איצט אין דרוק, און וועלן בקרוב דערשײַנען אין דער ביכער־שורה, וואָס עס גיט אַרויס די יִדיש־אָפּטיילונג פון ירושלימער העברעיִשן אוניווערסיטעט און דער קאָמיטעט פאַר יִדיש־קולטור אין ישראל. וואָס שייך דער כלל־שאלה וועגן באַטײַט און ראָל פון די דאָזיקע כתבים, וואָס דער מחבר האָט געשריבן צווישן זײַן פופצנטן און נײַנצטן לעבנסיאָר (תרס״ג—תרס״ו), און וואָס זענען בלויז אין דער דערמאָנטער פּרעסע געדרוקט געווען (צווישן תרס״ג און תרע״ב), באַמי איך מיך צו ענטפערן אינעם אַרײַנפיר צום בוך. וואָס שייך ווײַטער גרעסערע און קלענערע טייל־פּראָבלעמען, וועלן זיך פאָדערן טיילאַרבעטן און איך נעם אָן, אַז די עגנון־פאָרשערס וועלן זיי נאָכקומען.

ב

איינס פון די טייל־פּראָבלעמען איז דאָס אָרט, וואָס עס פאַרנעמט אין זײַנע יוגנטלעכע יִדיש־כתבים דאָס ווערטל און גלײַכווערטל, און איך וויל אָנווײַזן אויף אַ דוגמה, וואָס וואָלט זיך נישט אַזוי געמערקט, ווען דער מחבר זאָל זיך מיט איר נישט געווען באַנוצן פאַר אַ פּאָענטירטן פינאַל פון זײַנער אַ באַלאַדע „אַ פּשוטע מעשה״ (אַ נאָמען, וואָס עס טראָגט

שפּעטער זײַן באַקאַנטער ראָמאַן „סיפּור פּשוט"). די דאָזיקע באַלאַדע האָב איך איבערגעדרוקט אין מײַן אַרבעט וועגן ש"י עגנונס ייִדיש־געשריבענע יוגנט־לידער („הפּועל הצעיר", ה' אב תשי"ח, „די גאָלדענע קייט" 1949, באַנד 4), אויסגעברייטערט אין מײַן אַרבעט „עגנונס שאַפן אין ייִדיש", וואָס קומט צום סוף פון בוך „אַ פּשוטע מעשה" אין ייִדיש־נוסח פון אליעזר רובינשטיין (פאַרלאַג „דער קוואַל", ניו־יאָרק, תשי"ח, ז"ז 201—280), און מיט כמה צוגאָבן אין מײַן אַרבעט „ש"י עגנונס קאַפּיטל ייִדיש", וואָס קומט צום סוף פון בוך: ש"י עגנון — שריפטן אין דרײַ טיילן, און אין ייִדיש־נוסח פון אליעזר רובינשטיין (פאַרלאַג „המנורה", תשכ"ט, ז"ז 589—605) און איז אַרײַן אין מײַנע ביכער „ש"י עגנון — מסה עיון, חקר" (פאַרלאַג פון הקיבוץ המאוחד, תש' ז"ז 139—154), „היימישע כתבים" (פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב, באַנד 1, ז"ז 79—95).

די דאָזיקע באַלאַדע, וואָס האָט זיך צומערשט געדרוקט אין „דער יודישע וועקער" (יאָר 3, נומער 59, ט"ו שבט תרס"ז) איז אַ מעשה וועגן אַ ביז גאָר אָרעמער, הונגעריקער משפּחה, וואָס דער טאַטע איז אַוועק האַנדלען, און די קינדער פרייען זיך, אַז ער וועט ברענגען פּירות לכבוד דעם ראש השנה לאילנות, וואָס געפאַלט דעם טאָג. אָבער שטאָט דעם ברענגט מען אים, דעם טאַטן, אַ טויטן, און דער סוף פון ליד גייט:

וואָס איז געשען מיט די קינדער
וואָס לאָזן זיך אויס פאַר הונגער?
און אַז איר וועט שוין יאָ וויסן
וועט זיי ווערן גרינגער?

די צווייַ לעצטע שורות זענען אַ באַקאַנטער, ביטערער און סאַרקאַס־טישער זאָג, וואָס פלעגט גאָר אָפט באַנוצט ווערן אין כלערליי פּריקרע און ווייטיקדיקע, משונהדיקע און פּראָבלעמאַטישע סיטואַציעס און לעבט אין פאָלקסמויל און קומט אויך פיר אין דער ליטעראַטור.

ג

און אָט צוויי גאָר נישט ווײַטע דוגמות. עליע שעכטמאַן „אָפן שיידוועג", 1930, ז. 32):

ליגט ער אהרן משה, אין שטיבל, אַף דעם באַנקבעטל ליגט ער,
זײַן געל פּנים איז אײַנגעהילט אין געדיכטע קוטשמעס רויך, וואָס

קאַטשעט זיך פון זײַן מאַכאָרקע־ציגאַר. לאַנג ליגט ער אַזוי, ברייט צעעפנט די אויגן.

— טאַקע דאָס איז ער, אַהרן משה פוקס?

ער בלײַבט אַ רגע פאַרקלערט, טע ציטערען בײַ אים די וויעס. קנייטשט זיך זײַן זאַפּערנער פּנים, שטרענגט ער אָנעט דעם גאַנצן ווילן זײַנעם.

— אויס, מער טראַכט ער ניט. אַז ער וועט זיך דערמאַנען, וועט אים ווערן גרינגער?

ענלעך מאיר חרץ (**„אין פרעמדן גן עדן", תשל"ד, ז. 19**):

נעבן דאַך פון אונדזער נידעריקער כאַטע
איז געשטאַנען און געקוקט מײַן הויכער טאַטע,
און געוויזן מיטן פינגער אויפן קוימען,
האָט מײַן פעטער אים געפרעגט:
„וואָס דאַרף עס הייסן?"
האָט מײַן טאַטע געענטפערט: „אַלע ווייסן"
איך פאַרשטיי ביז היַינט ניט יענעם פינגער,
ווען כ׳פאַרשטיי, עס וואָלט געווען מיר גרינגער?

אָדער אברהם קאַרפּינאָוויטש (**„בײַם ווילנער דורכהויף", תשכ"ז, ז. 65) וועגן אַ הפקר־מיידל, וואָס האָט אַפּגעראַטעוועט אַ רעוואָליוציאָנערן בחור פון זײַנע נאָכיאָגערס און ער האָט איר געשריבן אַ דאַנק־ליד, און אַז ער איז אַוועק בענקט זי נאָך אים.**

— — — די לבנה, טאַקע ווי סיאָמקע האָט געשריבן, איז געשוווּמען צו די ווײַטע וועלטן. לייקע האָט נאָכגעפאָלגט איר הוידען זיך איבער די צעריסענע וואָלקן־כוואַליעס.

— און אַז איך וועל שוין וויסן, ווו ער איז אַוועק, וועט מיר ווערן גרינגער? **שפּילן אַ ליבע האָט זיך מיר פאַרגלוסט, קאַלט איז מיר געוואָרן... זאָל ער נאָר פּרוּוון קומען נאָך אַ מאָל אַהער...**

ד

אָבער וואָס עס איז באַזונדערס אינטערעסאַנט פאַר ש"י עגנונס גאַנג, איז זײַן פּרוּוו פון אַ העברעיִשן נוסח פאַר דעם זאָג. אַזוי לייענען מיר בײַ אים („תמול שלשום", תשי"ז, ז. 603).

ועתה אשאל אתכן, כלום יש בעולם עיר קדושה ויקרה וחביבה כירו־שלים ולמה באות עליה פורעניות כל כך הרבה, ולא די בכל אותן הצרות שמצויות לבוא עליה, אלא שאין לנו מים לשתות, או אשאל אותך כלום יש בעולם אומה נאה כישראל, ואף על פי כן אנו מוכים ולוקים. יאמר לך אדם כל מיני טעמים, כלום ירווח לך?

טײַטש: און איצט װעל איך אײַך פרעגן, איז דען פֿאַראַן אַ הייליקע, טײַערע און ליבלעכע שטאָט װי ירושלים, און פֿאַרװאָס קומען אויף איר אַזוי פיל שלעק, און נישט גענוג די צרות, װאָס קומען געװײנטלעך אויף איר, האָבן מיר נישט קײן װאַסער צו טרינקען, אָדער איך װעל דיך פרעגן, איז דען פֿאַראַן אויף דער װעלט אַ שענער פֿאָלק װי די ייִדן, און פונדעסטװעגן װערן מיר געפּלאָגט און געשלאָגן און אויב עמעץ װעט דיר זאָגן כל מיני טעמים, װעט דען דיר גרוימער װערן?

דער שרײַבער גייט דאָ נאָך דעם פּסוק (איוב, ל״ב, כ׳): „אדברה וירווח לי אפתח שפתי ואענה״. **טײַטש: איך װעל רעדן װעט מיר גרוימער װערן, איך װעל עפענען מײַנע ליפּן און ענטפערן. און כדאי צו געדענקען, אַז, אין פֿאָלקסמויל, האָט מען שטאָט בניחותה געזאָגט בתמיהה: אדברה — וירווח לי? טײַטש: און אַז איך װעל יאָ רעדן־װעט מיר גרוימער װערן? נאָך מער, עס איז געװען אַ װאָרט־שפּיל:** אדרבא וירווח לי, **און אויך דאָס — סײַ בניחותא סײַ בתמיהא.**

אָבער דער מחבר גייט אויך נאָך דעם ייִדיש־װאָרט, דעם ייִדיש־װערט. אין זײַן באַקאַנטער נאָװעלע „תהילה״ („עד הנה״, תשט״ו, ז. קפ״ח):

> התחלתי מדבר עמה על תילי ואמרתי לה, אפשר שתספר לי משהו עליה. ענתה לי, אם אספר, כלום יקל לי, או כלום יקל לה?

טײַטש: איך האָב אָנגעהויבן רעדן מיט איר װעגן טילען און האָב איר געזאָגט: אפשר װעט זי מיר עפּעס דערציילן װעגן איר, האָט זי מיר געענטפערט: און אַז איך װעל דערציילן, װעט מיר גרינגער װערן, אָדער עס װעט איר גרינגער װערן?

מאמר ד׳:

עגנון נוסח יידיש

וועגן חיים גורט און זיין אַרום

א

איך נעם מיר רשות מײַן אַרײַנפיר צו ש״י עגנונס דערציילונגען, וואָס חיים גורט האָט אויסדערוויילט און פאַרייִדשט, און וואָס זענען אַרויס אין בוך „אַלט און נײַ״ (פאַרלאַג „ישראל-בוך״, תשל״ח), אָנצוהייבן מיט אַ מעשׂה שהיה כּך היה: צוויי ברידער, וואָס זענען אַוועק פון אונדזער דאָרף, בראָד ישן, און זענען פאַרוואָגלט געוואָרן ערגעץ-ווײַט-ווײַט, און מען האָט זיי פאַרגעסן, האָבן זיך אָבער פלוצים געיאָוועט אויף אַ צוויי-דרײַ טאָג, און זענען שבת געקומען אין בית-מדרש אַרײַן — צוויי הויכע זקנים, דאַר און קוואַר, ממש הויט און ביין, אַזוי אַז מען האָט אַרויסגעזען די בולטע שטשאָקעס פון די גלאַט-געגאָלטע באָקן, האָבן, אָבער, בעיקר בײַ אונדז, יונגוואַרג, אויסגענומען מיט זייערע געפּאַסטע געקעסטלטע הויזן און זייערע הויכע ברוינע צילינדערס. בלויז די עלטסטע דרײַ ייִדן, וואָס האָבן יעדער איינער געהאַלטן איבער די הונדערט, האָבן עפּעס מער גע־וווּסט וועגן די געסט, און האָבן זיך מסתּמא נישט געחידושט, וואָס מען האָט זיי געמוזט אויסלײַען טליתים, און ווען מען האָט דעם עלטערן פון די צוויי ברידער אויפגערופן צו דער תּורה, האָט ער מער נישט געקענט מאַכן די ברכה, נישט אויסנווייניק און נישט אינעווייניק, אַזוי אַז דער גבאי פון דער עמידה האָט אים געמוזט פירזאָגן, וואָרט בײַ וואָרט, ווי עס איז זיך נוהג דער מסדר-קידושין, פירזאָגנדיק דעם חתן דעם הרי את. אָבער דער איבעריקער עולם, טאַטעס און קינדער, איז געווען כּולו חידוש, און כּדי די געסט נישט מבייש צו זײַן, האָט ער זיך נישט דער־לויבט, וואָס עס האָבן זיך דערלויבט די דרײַ עלטסטע מתפּללים — אַ פינטל מיטן אויג, אַ האַלבן קרעכץ, אַ שעפּטש: אוי, אַזאַ ייִד שפּאַרט אָן עק וועלט; און אין בית-מדרש איז געווען שטיל ווי אין אויער. ערשט נאָכן דאַווענען, ווען די צוויי ברידער האָבן זיך נישט געלאָזט פאַרבעטן צו דער שבתדיקער סעודה בײַם גבאי, און האָבן זיך געלאָזט אין דער נאָענטער שטאָט אַרײַן, בראָד, וווּ זיי זענען איינגעשטאַנען אין האָטעל גאָט (אַזוי האָט דער בעל-בית געהייסן), האָט דער עולם אויפן וועג אַהיים — אַ שמאָלע און לענגלעכע סטעזשקע צווישן פעלדער — זיך צעשמועסט, ווי

ער פלעגט דאָס טאָן אַ יעדן שבת, וועגן כּלערליי ענינים און בעיקר וועגן די צוויי ברידער און זיך בעיקר געחידושט, ווי עס איז זיי איינגעפּאַלן זיך צו פאַרוואַלגערן וויַיט־וויַיט, ווו זיי זענען אַזוי פון ייִדישקייט אָפּגעפרעמדט געוואָרן. דאָ האָט זיך, ווי געווינטלעך, מיט אַ מענטאָרישן טאָן, אַריַינגעמישט אונדזער היימישער משׂכּיל — אַ ייִד מיט אַ לאַנגער באָרד און אין אַ לאַנגן שוואַרצן ראָק און אַ נאָך שוואַרצערן האַלב־צילינדער, און גענומען אויסבריַיען, אַז ייִדן מוזן זיַין צעשפּרייט אומעטום, דען אַזוי האָט דאָך געטענהט ר׳ מנשה בן ישׂראל אין זיין ספר „מקוה ישׂראל — (און דאָס איז גאָר אַ וואַזשנע ספר, אַ סימן אַז ר׳ משה מענדעלזאָן אַליין האָט עס איבערגעזעצט), — און האָט אויסגעפירט: אַזוי לאַנג עס איז נאָך דאָ אַ ווינקל אויף דער וועלט אָן אַ ייִדן, קאָן משיח נישט קומען, און קאָנקלודירט: היַינט וויַיטער, אַז ייִדן געפינען זיך אַפילו אין אויסטראַליע, מעג ער שוין קומען.

דער באַטאָן פון וואָרט: אַפילו, האָט געמיינט: באמת עק וועלט. איז עס דאָך דער סיַי ייִנגסטער סיַי וויַיטסטער וועלט־טייל אויפן ערד־קיַילעך.

ב

אָט די מעשׂה שהיה האָב איך דערציילט, ביַי דער ערשטער באַגעגעניש מיט חיים גורט, ווען ער איז געקומען פון אויסטראַליע — אַזש פון אויסטראַליע — זיך באַזעצן ביַי אונדז אין לאַנד (1958), תּחילת אין ירושלים און שפּעטער אין תּל־אָביב, ווו ער איז אויך נפטר געוואָרן (1975). ביַי דער באַגעגעניש האָב איך געהאַט דריַי טעותים. ערשטנס — געזען אַ מאַן פון אַ ברייטלעכער און נידעריקער סטאַטור, די אויגן אונטער דיקלעכע גלעזער, וואָס האָבן געקוקט שאַרף אָבער מיד, ווי עס איז דער בליק פון די, וואָס האָבן איביק צו טאָן מיט די קליינע אותיות, האָב איך אים געהאַלטן אַ סך עלטער פון מיר, און ערשט שפּעטער האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער איז ייִנגער מיט פיר יאָר. צווייטנס, פון זיַין חיתּוך הדיבור, וואָס האָט געהאַט אַ בפירוש ליטווישע דאָמינאַנטע, האָט ער זיך מיר אויסגעוויזן אַ ליטוואַק, און ערשט שפּעטער האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז ער איז געבוירן (1906) אין סאַמע האַרצן פון פּוילן — בזשעזשין, פון וואַנעט עס האָט געשטאַמט זיַין מוטער, (משפּחת הערשנבערג, פון וועלכער עס האָט אויך געשטאַמט דער באַרימטער מאָלער שמואל הירשנבערג), און האָט זיך געכאַוועט אין שטעטל גלאָווא, וואָס אין איר סביבה, אין דאָרף קוזשעלאָק, האָט זיַין זיידע געהאַט אַ גוט, און זיַיענדיק אַ פּאַרמעג־

לעכער בן־תורה, האָט ער געהאַלטן גוטע מלמדים פאַר זײַנע צוויי זין; און איינער פון זיי איז געווען חיימס פאָטער, בערל גורט. דריטנס, האָב איך, לויטן רושם פון זײַן למדנישן געדאַנקען־גאַנג און דעם אופן זיך אויסצודריקן, און אַפילו לויט זײַן שרײַב־סטיל, אים, אין דער געוויינלעכער טיפּאָלאָגיע, פאַררעכנט פאַר אַ מתנגד, און ערשט שפּעטער האָב איך פאַרנומען, אַז דער זיידע איז גאָר געווען אַ חסיד, און אַ גראָדזשיסקער דערצו, און פלעגט, יאָר־יערלעך, פאָרן צום רבין אויף ימים נוראים, מיטנעמענדיק זײַנעביידע זין.

וואָס שייך חיימס כּלל־ביאָגראַפיע, — לאָזט זי זיך נישט אָפּזוכן אין לעקסיקאָן, וואָס האָט אים מיט אומרעכט איבערגעהיפּערט. וועלן מיר זיך באַנוגענען מיט אירע עיקר־שטריכן: נאָך אַ קינד, איז אים די מאַמע פּרי געשטאָרבן, און ער האָט זיך געדאַרפט כאָוועון ביי זײַן מאַמעס אַ שוועס־טער, איז אָבער גיך צוריק צום טאַטן, קיין גלאָוונאָ, און אַזוי ווי דער טאַטע האָט פאַרלוירן זײַן ירושה אין קוזשעלאָק און איז בדיל־הדל געוואָרן, האָט אים דער יונגעטשקער חיים געמוזט צוהעלפן צו דער פּרנסה. אָבער דאָס האָט נישט פאַרמינערט כּהוא־זה זײַן אײַנגעבוירענע תּאווה צו לערנען, און ער האָט טאַקע געלערנט — גמרא בײַ אַ מלמד, תּנ"ך בײַ זיך אַליין, און תּנ"ך האָט שוין ממילא געפירט צו השׂכּלה־ליטעראַטור, מאָדערנע ליטעראַטור. אויך אין כּלל־לימודים איז ער צומערשט געווען, ווי אַ סך פון זײַן דור, אַן אויטאָדידאַקט, אַזוי ווײַט, אַז ער האָט זיך דערוועגט צו זײַן אַ לערער אין שטעטל לובראַניעץ, פון וואַנעט ער איז צוריקגעקו־מען קיין גלאָוונאָ און באַשלאָסן זײַנע לימודים צו סיסטעמאַטיזירן — איז ער אַוועק אין העברעיִשן סעמינאַר אין גראָדנע, וואָס ער האָט געמוזט נאָך אַ יאָר, מחמת זײַן לינקער פּאָליטישער אַקטיווויטעט, פאַרלאָזן, און איז אַוועק קיין ווילנע, וווּ ער האָט געלערנט, ווי אַ פרײַער הערער אין עטלעכע אינסטיטוטן. ווײַזט אויס, אַז דאָס ווילנער יאָר זײַנס האָט אויף אים געהאַט אַ היפּשע השפּעה, און עס איז גרײַלעך מעגלעך, אַז אַלע מײַנע דרײַ טעותים וועגן אים, האָבן אַ שייכות דערצו.

ג

ווידער צוריק אין גלאָוונאָ, האָט ער חתונה געהאַט (1931) מיט מרת פרידע קאָוואַדלאָ, וואָס לויטן נאָמען ווײַזט עס אָן אויף אַן אָפּשטאַם פון קאָוואַליעס אָדער אײַזן־סוחרים, אָבער איר טאַטע איז געווען דער שטעטלשער שוחט און חזן. זעקס יאָר שפּעטער (1937) האָט ער עמיגרירט

קיין אויסטראַליע, ווו ער האָט זיך, עטלעכע יאָר, פאַרנומען מיט לערערײַ, בעיקר לעקציעס אין ייִדישער און העברעיִשער ליטעראַטור, און שפּע־טער זיך גענומען צו אַן אַנדערער פרנסה — פּאַק־פּאַפּיר, צומערשט ווי אַן אַרבעטער, דערנאָך ווי אַ סוחר. איצט איז דער לערער־שבעל־פּה געוואָרן אַ לערער שבכתב — בעיקר ווי אַ ייִדישער איבערזעצער פון דער העברעיִ־שער ליטעראַטור — סײַ דער אַלטער (תהלים), סײַ דער נייער (ביאַליק, עגנון, שאָפּמאַן וכדומה). זײַן פאַרבונד מיט דער שאַפערישער ייִדיש־לי־טעראַטור האָט זיך געשטאַרקט מכּוח זײַן פרײַנדשאַפט מיט דער גרופּע ייִדיש־שרײַבער, וואָס האָבן געשאַפן אַ ליטעראַטור־צענטער אין אויסטראַ־ליע, וועלכער פאַרדינט אַ באַזונדערן אויפמערק — אויף אַ ייִדן־אינדזעלע פון עפּעס איבער דרײַסיק טויזנט, אַ ייִדיש־אינדזעלע, מיט שרײַבערס, ביכער, צײַטשריפטן, טאָג־בלעטער. דער זעניט איז געווען אין די פּערציִקער יאָרן, און אַז מען בלעטערט, אַ שטייגער, נאָך אין זאַמלבוך „צושטײַער" (מעלבורן, 1944), געפינט מען נעמען פון שרײַבערס, וואָס אויסטראַליע איז פאַר זיי געווען אַ מין מקלט־לילה, אָבער עס זענען בולט די, וואָס זענען געווען פאַר זיי און געבליבן נאָך זיי, און האָבן דאָס ייִדיש־אינדזעלע מיט כּל אמצי־כּוח געשטאַרקט. צו זיי געהערן בעיקר די צוויי קרעפטיקע פּראָזאַיִקערס — פּנחס גאָלדהאַר, וואָס האָט אַפילו אָנגעהויבן ווי אַ ליריקער, האָט אָבער זײַן עיקר־כּוח אַנטפּלעקט ווי אַ דערציילער, און דאָס ווי אַ באַוווסטזיניקער, בכּיוונדיקער דערציילער אויף דער נײַער יונגער און קליינער ייִדן־יבשה און וועגן איר, און האָט זיך טעמאַטיש ערשט שפּעטער אומגעקערט צו דער אַלטער היים, און עס פּאַסט אויף אים דעם אָפּשאַץ פון צווייטן פּראָזאַיִקער, הערץ בערגנער, וואָס ענדיקט אַזוי זײַן מאָנאָגראַ־פיע וועגן אים: „גאָלדהאַר האָט מיט זײַן שאַפן דער ערשטער אַרויפגעש־טעלט אויסטראַליע אויף דער מאַפּע פון דער ייִדישער וועלט־ליטעראַטור און זיך אַלײן פאַרשאַפט אין איר אַ חשוב אָרט".

רעדנדיק וועגן חיים גורטס פרײַנדשאַפט מיט די ייִדיש־אויסטראַלישע שרײַבערס, דאַרף מען געדענקען, אַז דער לאָדזשער פּנחס גאָלדהאַר איז פריִער פון אַנדערע געקומען קיין אויסטראַליע — (1928) נײַן יאָר פאַר חיים גורט, און דער צד־השווה צווישן זיי איז אָבער, אַז זיי זענען ביידע געקומען פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, בשעת דער רעדעמער הערץ בערגנער איז געקומען אַהין מיט אַ יאָר שפּעטער, און דער דריטער וואָגי־קער פּראָזאַיִקער, דער יונגעטשקער ביאַלאָ־פּאָדליאַסקער יאָסל בירשטיין — מיט נאָך אַ יאָר שפּעטער. מיר האָבן בכּיוון דערמאָנט דעם דרײַלינג,

ווײַל ער איז מרמז אויף דער טעמאַטישער צוויי־רעלסיקייט פֿון דער דאָזיקער ליטעראַטור, בעיקר פֿון איר פּראָזע, דאָ און דאָרט, — בײַ די ערשטע צוויי פּראָזאַיִקער, עליהם השלום, בעיקר פּוילן און אויסטראַליע, בײַם דריטן פּראָזאַיִקער, זאָל לעבן, קומט צו ארץ־ישׂראל, בעיקר דער קיבוץ, ווו ער האָט זיך באַזעצט. מיר האָבן, לעבן זיי און צווישן זיי, דערמאָנט חיים גורט, כּדי אויסצובולטן אָן אַנדערע צוויי־רעלסיקייט — און דאָס אויפֿן איבערזעצערישן פּראָנט — בשעת פּנחס גאָלדהאַר האָט זיך באַמיט צו פֿאַרייִדישן נאָוועלעס פֿון דער ענגליש־אויסטראַלישער ליטעראַטור און זיי זענען, מיט אַן עסיי זײַנעם וועגן דער דאָזיקער ליטעראַטור, אַרײַן אין זײַנע געזאַמלטע שריפֿטן (1949, ז. 323—448), וואָס זענען אַרויס צוויי יאָר נאָך זײַטן פּטירה, האָט זיך חיים גורט באַמיט צו פֿאַרייִדישן די העברעיִשע ליטעראַטור, אַזוי אַז דער באַמי אויסצובריי־טערן דאָס אויסדרוק־יכולת פֿון ייִדיש כּלפּי־פּנים, זענען זיך משלים. דען אויב דאָס פֿרעמדע און ווײַטע דאַרף ווערן אייגנס, איז דאָך אַ קל וחומר, אַז דאָס היימישע און נאָענטע טאָר נישט ווערן פֿרעמד. בפֿרט אַז דאָס אויער לגבי דער ענגליש־אויסטראַלישער ליטעראַטור איז, אין דעם קליי־נעם ייִדיש־צענטער, געווען און געבליבן אָפּן — איך בין מסתּמא נישט דער איינציקער ייִדיש־לייענער, וואָס פֿאַרדאַנקט זײַן ידיעה וועגן דער דאָזיקער ליטעראַטור די דאָרטיקע שרײַבערס, און דאָס אַפֿילו ביז איצט — זע די עסייען פֿון יצחק קאַהן, דעם וואָגיקסטן קריטיקער, וואָס אין דעם דאָזיקן ייִדיש־צענטער, וואָס מיר הערן זיך עד היום, מיט אַן ערנצטן אויער, צו צו זײַנע אַרבעטן.

אָבער צוריק צו דער איבערזעצערישער צוויי־רעלסיקייט: ווי ווײַט די צוויי פֿאַרשיידענע באַמיִען זאָלן זיך נישט משלים זײַן, איז פֿאַראַן צווישן זיי אַ גרויסער חילוק, בעיקר הלכה־למעשׂה. אין פֿלוג דאַכט זיך, אַז דאָס פֿאַרייִדישן דאָס פֿרעמדע און ווײַטע, ווי עס איז, למשל, אַ נאָוועלע פֿון הענרי לאָוסאָן, דאַרף אָ׳רײלי איז שווערער ווי צו פֿאַרייִדישן אַ נאָוועלע פֿון שאָפּמאַן אָדער עגנון, אָבער באמת איז עס נישט אַזוי, און פֿון שמועסן מיט חיים גורט האָב איך אָפּגעלערנט, ווי ווײַט ער האָט זיך אין דעם ענין אַרײַנגעקלערט און אים פֿאַדראָבנע נאָכגעגאַנגען, אויפֿן גרונט פֿון אַ דורכ־קוק און אַנאַליז פֿון די איבערזעץ־שיטות אין דער רעם פֿון אונדזער אייגע־נער צוויי־שפּראַכיקער ליטעראַטור. מילא, — האָט ער געטענהט — ווען מענדעלע אָדער זלמן שניאור האָבן זייער אייגענעם ייִדישטעקסט געגעבן אַ העברעיִשן נוסח, זענען זיי דאָ געווען די בעלי־בתּים פֿון זייער אייגענער

שאַפונג און האָבן זייער רעכט, לויט זייער ווילן, טעם און יכולת, אויסגע־
נוצט, כּדי צו שאַפן אַ רעלאַטיוו אַדעקוואַטן פּאַראַלעל; אַפילו י. ד. בער־
קאָוויטש איז דעם וועג געגאַנגען, דען כאָטש ער איז נישט געווען דער
בעל־הבית פון שלום־עליכמס כּתבים, האָט אים אָבער זײַן שווער אויסגעש־
טאָט מיט אַזעלכע פּלעניפּאָטענציעס, אַז ער האָט נישט געמוזט זײַן, וואָס
מיר אַנדערע זענען מחויב צו זײַן — סײַ געטרײַע סײַ ראַפינירטע שמשים;
געטרײַע, ווי עס פאָדערט די שפּראַך, פון וועלכער מיר זעצן איבער;
ראַפינירטע, ווי עס דערלויבט די שפּראַך, אין וועלכער מיר זעצן איבער.
און עס קלינגט ווי אַ פּאַראַדאָקס, ס׳איז אָבער פּאָרט אַזוי: דאָס ווײַטע
און פרעמדע איז לײַכטער איידער דאָס נאָענטע און היימישע, בפרט
ווען עס האַנדלט זיך אין צוויי שפּראַכן פון איין פאָלק, וואָס האָבן דורות־
לאַנג געהאַט באַזונדערע פונקציעס, און די באַזונדערקייט האָט זיך אויס־
געדריקט אין זייערע צוויי ליטעראַטורן. און צו דער שווערקײַט קומט נאָך
צו אַן אַנדערע — דער בײַט פון די איבערזעץ־מעטאָדעס אין די לעצטע
דורות, — שטאָט אַ פּעריאָד קעגן אַ פּעריאָד, אַ פּאַסוס קעגן אַ פּאַסוס,
פאָדערט זיך, אַלץ מער און מער, אויב נישט אַ וואָרט קעגן אַ וואָרט,
וואָס פירט, גאָר אָפּט, צו אַן אומזין — טאָ דאָס מינימאַלסטע סינטאַק־
טישע טיילעכל קעגן מינימאַלסטן סינטאַקטישן טיילעכל, און חיים גורט
האָט זיך פאַרופן אויף כאַראַקטעריסטישע, צומאָל פּיקאַנטע, דוגמות.

און דאָ איז אַ חוב צו באַמערקן, אַז בײַ אַזאַ אײַנשטעל איז עגנון פאַר
זײַן איבערזעצער בכלל, און פאַר זײַן פאַרייִדישער בפרט, אַ קאָמפּליצירט
פּראָבלעם. אַוודאי האָט חיים גורט געדענקט, אַז עגנון איז, כאָטש בלויז
עטלעכע יאָר, אַלײַן געווען אַ צווייִשפּראַכיקער שרײַבער, האָט אָבער נישט
נאָכגעזוכט זײַנע ייִדיש־כּתבים, נײַערט די איינציקע נאָוועלע, „טויטן־
טאַנץ״, וואָס איך האָב אים געגעבן, איז פאַר אים גענוג געווען, זיך אין
דעם קאָמפּלעקס צו אָריענטירן. נו, יאָ, — האָט ער געזאָגט — עס איז
אַ פּראָדוקט פון אַ ייִנגן בחור, און ווען עס וואָלט נישט געווען זײַן
לעצטע ייִדיש געשריבענע זאַך, און ווען ער וואָלט ווײַטער געבליבן צוויי־
שפּראַכיק, און זיך געראַנגלט צו דערגרייכן, אין ביידע, דאָס העכסטע
סטיליסטישע שלימות, כּדי זיך דערגרונטעווען, אין ביידע, צו די טיפסטע
שפּראַכלעכע מקורים, וואָלטן מיר, איבערזעצער, פּטור געווען פון אַלעמען,
אָבער אַזוי ווי ער האָט עס געטאָן בלויז העברעיִש, האָט ער זײַן ייִדיש־
איבערזעצער, געגעבן אַ צו האַרטע נוס צו קנאַקן, אַ שטייגער ער וואָלט

אים, דער איבערזעצער, קונדסיש אַ צווינקער געטאָן: און איצט טו דו, וואָס איך האָב נישט געטאָן.

דאָ האָט חיים גורט אַ שמייכל געטאָן און דערמאָנט אַ בתמיהה, ווי מיר האָבן זי ביי קהלת: מה האדם אשר יבוא אחרי המלך, טײַטש: וואָס איז עס דער מענטש וועלכער קומט נאָכן קיניג. עס איז די קשיא, וועלכע איך האָב געפּרוווט צו פֿאַרענטפֿערן אין מײַנס אַ וואָרט לכבוד עגנון, אין הויז פון אונדזער נשיא, זלמן שזר. איך האָב די קשיא געבראַכט, ווי זי גייט אָן אין דער מליצה: מי יבוא אחרי המלך, טײַטש: ווער קומט נאָכן קיניג און געענטפֿערט: השליש אשר המלך נשען על ידו, טײַטש: דער אַדיו־טאַנט וואָס דער קיניג שפּאַרט זיך אָן אויף אים; און דער נמשל צו אונדזער משל איז דער קריטיקער און דער איבערזעצער.

ד

אַוודאַי, נישט לײַכט צו זײַן אַ שליש ביי אַזאַ מלך ווי עגנון — בפרט נאָך אַז וואָס שייך איבערזעצערס, איז ער געווען אַ גרויסער מפונק. איר געפינט צווישן זײַנע איבערזעצערס אין פֿאַרשיידענע שפּראַכן (זע די ביבליאָגראַפיע פון יוחנן ארנון, תשל״א, ז״ז 82—95), פֿאַרשווינען פון פֿאַרמאַט, ווי עס זענען, אַ שטייגער, געווען דײַטשיש — גרשם שלום, מאַקס שטראַוס, קאַרל שטיינשנײַדער; פויליש — יהושע טילעמאַן, ענ־גליש — י. מ. לאַסק, שוועדיש — מרדכי ערנפּרייז וכדומה. וואָס שייך ווײַטער יִדיש, האָבן מיר דאָך דעם גרויסן אויפטו פון אליעזר רובינשטיין, וואָס לאָזט זיך נישט לײַכט פֿאַרקאָנקורירן, און אויב חיים גורט, וואָס האָט דאָס געוווסט, האָט זיך אַרײַנגעלאָזט אין אַזאַ געראַנגל, האָט ער עס געטאָן, מאָדולירנדיק אַ באַקאַנטן זאָג, אַזוי צו זאָגן: אין שני תורגמנים מתנבאים בסגנון אחד, וואָס מיינט, בערך, אַז צוויי איבערזעצערס, כאָטש זיי ברענגען אַפֿיר דעם זעלבן אמת, ברענגען זיי אים אַנדערש, און אַז עס וועט קומען די צײַט, ווען די עגנון־קריטיק, וואָס איז ממש אויסגעוואַק־סן צו אַ מין וויסנשאַפֿטלעכן צווײַג, וועט זיך נעמען אויך צו זײַן בת־קול אין יִדיש, וועלן מיר מסתמא וועגן דער אַנדערשקייט קריגן אַ סך אינטערעסאַנטס צו הערן.

ה

חיים גורט האָט זיך, דאָ אין לאַנד, דערוואָרבן פרײַנד און פֿאַר־ערערס — צווישן זיי זענען, בעיקר, געווען שמואל הוגא בערגמאַן, און

יצחק צימערמאַן, וואָס האָבן זיך דעמלט, צוזאַמען מיט מיר, באַמיט אַרום דער צײַטשריפט פאַר רעליגיעזן געדאַנק „פּרוזדור"; אַליעזר שטיינמאַן, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט זײַנע גרויסע אַנטאָלאָגיעס (חז"ל, חסידות), און פון די ייִדיש־שרײַבערס, בעיקר ישעיהו שפּיגל און לייב ראָכמאַן, די גרויסע עדות פון אונדזער אומקום און אונדזער אויפקום דאָ. איך האָב מיך תּמיד געפרייט אויף אַ שמועס מיט אים, און לויט זײַן בקשה, אים געהאָלפן שליסן קאָנשאַפט מיט ש"י עגנון, און אַ שאָד, וואָס די שמועסן צווישן זיי זענען נישט אויפגעצייכנט געוואָרן. אָבער איך האָב אַמאָל עגנונען אַ פראַגע געטאָן וועגן די דאָזיקע צוויי גרעסערע פּרווון אים צו פאַרייִדישן, האָט ער אַ שמייכל געטאָן: ווײַזט אויס, אַז, להבדיל בין קודש לחול, אין דער ליטעראַטור, גילט איצט אַ פאַרקערטע הלכה: אחד מקרא ושניים תּרגום, אָבער ווער עס איז דאָ אונקלוס און ווער יונתן בן עוזיאל, זאָלט איר, קריטיקער, זיך דאַרן דעם קאָפּ, און אַנטשיידן.

[אלול תשל"ח]

מאמר ה':

ש"י עגנון און אַרום

אַנטאָלאָגיע נוסח אליעזר רובינשטיין

א

דער לייענער וואָס האָלט אַ וואָך אויג אויף די ווערק און שרײַבער, וועלכע ווערן איבערגעזעצט אויף ייִדיש, ווייסט, אַז דאָס איז אַ פּראָצעס, וואָס האָט זיך לעצטנס אײַנגעשמעלערט, אַזוי אַז אַ ראָמאַן, אָדער אַ פּאָעמע, וואָס ווערט איבערגעזעצט פון אַנדערע שפּראַכן אויף ייִדיש, ווערט אַלץ זעלטענער. דאָס דערקלערט זיך מסתּמא דורך דער סוקצעסיווער פאַר־מינערונג פון יענעם טיפּ לייענער, וואָס האָט געפילט אַ באַדערפעניש צו האָבן די גאַנצע ליטעראַרישע, בעיקר בעלעטריסטישע לעקטור זײַנע, אין מאַמע־לשון, פּונקט ווי עס דערקלערט זיך דורכן סוקצעסיוון פאַרשווונד פון יענעם טיפּ שרײַבער, וואָס פאַרמאָגט דעם נאַטירלעכן צוואַנג און דעם קינסטלערישן שווונג און דאָס שפּראַכלעכע יכולת די ווערטן פון אַנדערע שפּראַכן וואָס, אַממעגלעכסטן אַדעקוואַט, צו פאַרייִדישן. עס וואָלט כדאַי געווען צו האָבן אַ פולן ביבליאָגראַפישן רעיִסטער דערוועגן, אָבער ווי

אַ קלאָרער רמז אויף דער דאָזיקער פּראָבלעמאַטיק קאָן אונדז דינען דער אויסגעצייכנטער רעפעראַט פון מרדכי ליטווין (אַליין אַ ברילִיאַנטער פּאַריזער דישער פון פראַנצויזישער פּאָעזיע), וואָס ער האָט געהאַלטן בײַם ירושלימער ייִדיש־קאָנגרעס (זע באַריכט, תל־אביב, תשל״ז, ז״ז 170—190).

ב

אַ באַזונדערע קאַטעגאָריע אין דעם קאָמפּלעקס בילדט, פאַרשטייט זיך, דער ענין פאַרייִדישן פון דער עלטערער שפּראַך אונדזערער — לשון קודש, לשון עברי, וואָס האָט זיך זײַן באַזונדערע, קאָליריקע געשיכטע. איז דאָך די אַלטע, אייביק יונגע, שוועסטער־שפּראַך, אין וועלכער דאָס רוב ליטעראַטור פונעם פאָלק איז געשאַפן געוואָרן, געווען דער גרויסער מקור פון פאַרייִדישטע איבערזעצן און באַאַרבעטונגען, וואָס האָבן געטראָגן דעם חותם און כאַראַקטער פון אַן אָריגינעלער איבערפאָרעמונג, וועלכע איז, מכוח אירע מיטלען, טאָן און טאַמבער, נוסח און סטיל, געוואָרן ווי אַ שאַפונג פאַר זיך, מיט אירע אייגענע קינסטלערישע און עסטעטישע וואַלאָרן. די ליניע האָט זיך, בעצם, געצויגן אויף ביז די שפּעטערע דורות — ביז חסידות און השכלה, ווי צו די איבערגעזעצטע טעקסטן אין תחום פון מוסר, כראָניק, היסטאָריע, האַגיאָגראַפיע, סיפּורי־מעשיות, זענען צוגעקומען עניינים פון בילדונג, — אַנטדעקונגען, רייזעס, פאָלק־מעדיצין וכדומה. אָבער ערשט שפּעטער, מיטן אויפקום פון דער נײַער מאָדערנער ליטעראַטור, איז דאָס פּראָבלעם געוואָרן סײַ קאָמפּליצירטער סײַ ספּעציפישער — עס האָט זיך גענומען האַנדלען אין איבערזעצן ממש: ווערט פאַר ווערט, און צומאָל אַפילו וואָרט פאַר וואָרט. אַ סך האָט דאָ משפּיע געווען דער גראַנגל פונעם צוויי־שפּראַכיקן העברעיִש־ייִדישן שרײַבער צו דערגרייכן אַן אייגענע אַדעקוואַטקייט. און כאָטש דאָ האָט זיך געהאַנדלט וועגן וועג פון ייִדיש־טעקסט צום אייגענעם וויטאַל־גלײַכווערטיקן און גלײַכוואָגיקן העברעיִש, ווי מיר האָבן עס מאָנומענטאַל־קלאַסיש בײַ מענדעלע, און שפּעטער בײַ אַנדערע, וואָס האָבן דערגרייכט אַ מין אייגענע קאָנגעניאַליטעט — ז. שניאור אין זײַנע צומערשט ייִדיש־געשריבענע ראָמאַנען וועלכע ער האָט שפּעטער אַדעקוואַט פאַרהעברעיִשט, דעסגלײַכן י. ד. בערקאָוויטש אין זײַנע צומערשט ייִדיש־געשריבענע זכרונות, וועלכע ער האָט שפּעטער סטריקט פאַרהעברעיִשט האָט דער דערגרייכטער הויכער סטאַנדאַרט, ווי אַ מוסטער, אויך משפּיע געווען אויף דעם פאַרקערטן פּראָצעס — אויף דעם איבערזעצערישן גאַנג

פון העברעיִש אויף ייִדיש. און גענוג דורכצוקוקן גרעסערע אויפטוען ווי עס זענען, אַ שטייגער, די פּאָעזיע־אַנטאָלאָגיעס פון י. י. שוואַרץ און מרדכי יאָפּע, כדי דאָס אויפצוכאַפּן.

ג

אַוודאי דאַרף מען געדענקען, אַז לגבי די דערמאָנטע אויפטוען האָט אויך משפּיע געווען דער נסיון פון ייִדיש־איבערזעצן, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן פון דער פּאָעזיע אין אַנדערע שפּראַכן — ווי אַ דוגמה די האַרטס־טע נוס, וואָס האָט זיך עד היום, סײַ העברעיִש סײַ ייִדיש, נישט געלאָזט לײַטיש צעקנאַקן: די ליריק פון הײַנריך הײַנע — ווו מען דאַרף גובר זײַן אַ סך שוועריקייטן, כדי צו דערגרייכן אַ פּאַראַלעל־צופּאַס, אייגנטלעך אַ קינסטלערישע אילוזיע פון אַ פּאַראַלעל־צופּאַס. און דאָס נישט בלויז אין סינטאַקס, ריטם, מעטרום, גראַם, נאָר אויך, און צומאָל בעיקר, אין אָפּקלויב פון די שפּראַכלעכע קאָמפּאָנענטן, זייער ניוואָ און טעמפּעראַמענט. נישט אומזיסט זענען די ערשטע איבערזעצן געווען פּאַראָדיעס, און נישט אומזיסט האָבן זיך די גרויסע בויער פון דער מאָדערנער ייִדיש־ליריק געקלאָגט אויף זייער אייגענער שפּראַך (י. ל. פּרץ, יהואש). אויב אַזוי, וואָלט זיך, אין פלוג, געקאָנט דאַכטן, אַז פּאַרייִדישן פון פּראָזע, איז נישט אַזאַ שווערע הלכה, בפרט אַז לגבי אַן אַנטשיידנדיקן עלעמענט, האָט ייִדיש, ווי אַ רײַכע און בויגיקע שמועס־שפּראַך, געהאַט אַ בפירוש איבערגעוויכט לגבי העברעיִש, ווי אַ שריפט־שפּראַך, וואָס איז ווי אַ טאָג־טעגלעכע שמועס־שפּראַך ביז מיט אַ צוויי דורות צוריק, געלעגן אין די וויקעלעך. אָבער דאָס איז אַ טעות, און אַפילו אַ טעות גמור, בעיקר לגבי דער ייִדיש־איבערזעצערײַ פון הויכראַנגיקער פּראָזע און איר שפּראַכלעכער דיאַלעק־טיק, וואָס איז סײַ המשך סײַ חידוש. המשך אין גײַסט פון דער כאילו־הנחה, וואָס שוין די העברעיִשע השכלה־ליטעראַטור האָט באַטריבן: שרײַבן פּראָזע, גלײַך העברעיִש וואָלט געווען אַ שמועס־שפּראַך, און זיך באַמיִען דאָס צו טאָן, אַפילו אין אַ פּאַראַדאָקסאַלן שפּראַך־שטייגער — אין ביבליש־מליצישן נוסח; חידוש אין גייסט פון אַ כמעט־ממש־הנחה, ווי די נײַערע העברעיִש־ליטעראַטור האָט באַטריבן: זײַן סײַ חלוץ סײַ באַגלייטער פון אויפלעב פון העברעיִש, ווי אַ שמועס־שפּראַך; אַ חלוצישקייט וואָס איז חל, אַפילו און צו מאָל בעיקר, אויף שרײַבער, וואָס האָבן גאָר אין דעם כוח און דער מעגלעכקייט פון העברעיִש צו ווערן אַ שמועס־שפּראַך נישט געגלייבט אָדער נישט געצייגט — ווי בולטע משלים מענדעלע, אחד־העם,

אָדער שמעון בערנפעלד (און אויף אים דווקא האָט מ. י. בערדיטשעווסקי געזאָגט, אַז אויב העברעיִש וועט ווערן אַ פּאָלקום לעבעדיקע שפּראַך, וועט עס זײַן דער בערנפעלדישער נוסח). אַ באַגלייטשאַפט, וואָס איז חל אַפילו, און צו מאָל בעיקר, אויף שרײַבער, וועלכע האָבן געהאַט שאַרפע רעזערוואַ־ציעס לגבי דעם דרך און דער שיטה פון דעם דאָזיקן אויפלעב, זענען אָבער מיט זייער שאַפערישן אויפטו אַן אָרגאַנישער טייל פון אים — ווי בולטע משלים דוד פרישמאַן, ח. נ. ביאַליק, אָדער ש״י עגנון. ווו און ווי־אַזוי עס איז דער באַגעגן־פּונקט פון די צוויי דרכים — דער ערשטער, וואָס גייט פון לעבן אין דער ליטעראַטור אַרײַן, דער אַנדערער, וואָס גייט פון דער ליטעראַטור אין לעבן אַרײַן, איז אַ גרויסע קשיא, וואָס כדי זי צו פאַרענטפערן, פאָדערט זיך אַ פּרטימדיקער אַנאַליז, וואָס וואַרט אויף אירע פאָרשער.

ד

וואָס מיר קאָנען שוין הײַנט, און בעיקר צו אונדזער איצטיקן ענין, זאָגן, איז, אַז דאָס פאַרייִדישן פון העברעיִשע פּראָזע־ווערק, וואָס די דיאַלעקטישע געשפּאַנטקייט פון די צוויי דרכים האָט אויסגעצײַטיקט, לאָזט זיך mutatis mutandis פאַרגלײַכן מיטן דורותדיקן שאַפערישן אַנשטרענג פון פאַרייִדישן דאָס גרעסטע ווערק וואָס מיר פאַרמאָגן — דעם תנ״ך. דען די פאָדערונגען, וואָס עס שטעלט די אַנטיקע העברעיִשע ליטעראַטור, דער תנ״ך, און בעיקר די פאָדערונג פון דער מאַקסימאַלסטער געטרײַשאַפט צו דער מסורה און איר קדושה, שטעלט, בעצם, די מאָדערנע העברעיִשע ליטעראַטור אין אירע הויכשטאַפּלען, און בעיקר די פאָדערונג פון דער מאַקסימאַלסטער געטרײַשאַפט צו דער קונסט און איר עובדא, און סײַ דאָרט סײַ דאָ וואָלט דאָך די קירבהשאַפט צווישן ביידע שפּראַכן, דער עלטערער, פון וועלכער מען איבערזעצט, און דער ייִנגערער, אין וועלכער מען איבערזעצט, באַדאַרפט צו פאַרהעלפן, פאַרגרינגערן, פאַר־לײַכטערן; אָבער אַזוי איז עס בלויז להלכה, און נישט למעשה. אדרבה, דאָ איז די מאַניפּולאַציע שווערער, פאַרוויקלטער. אַפילו ווער עס איז בודק, אין די עיקר־שטריכן, די געשיכטע פון פאַרייִדישן חומש, תהלים, לא כל שכן ספרי־נבואה און תנ״כישע ספרי־חכמה, זעט באַשײַנפּערלעך, ווי צום ערשט האָט געהערשט אַ מעכאַנישע צוגעבונדנקייט צום לשון־קודש־וואָרט און זײַן פאָרעם און סינטאַקס, ווי זיי קומען פיר אין מקור, און וואָס שפּעטער, קריגט אויך די געזעצמאָסיקייט פון ייִדיש איר רעכט, און

עס בויט זיך אַ סינטעז, ווי מיר מערקן אים שוין בײַ ר׳ יקותיאל בליץ און ר׳ יוסף וויצנהויזן, און באַוווּנדערן אים בײַ יהואש. עפּעס ענלעכס פאָדערט די מאָדערנע הויך־קינסטלערישע מאָדערנע העברעיִשע פּראָזע און פּאָעזיע, און מיר האָבן אין געזעמל, וואָס ליגט איצט פאַר אונדז — ראיות ברורות דערצו.

ה

נאָר איידער מיר רעדן וועגן תרגום, איז נייטיק אַ קאָפּ אינפאָרמאַציע וועגן מתרגם, ר׳ אליעזר רובינשטיין, וואָס כאָטש ער איז, בפרט אין דער ראָל פון אַן איבערזעצער, נישט קיין פּנים חדשות, קאָנען מיר זיך נישט לאָזן אינפאָרמירן דורך אַן אַרײַנקוק אין אַ יִידישן ליטעראַטור־לעקסיקאָן, דען וואָס שייך זלמן רייזנס לעקסיקאָן, איז דאָך דאָס אות רי״ש אַרויס, ווען אונדזער מתרגם האָט געהאַלטן פאַר בר־מצווה; וואָס שייך ווײַטער דעם לעקסיקאָן פון דער נײַער יִדישער ליטעראַטור וואַרטן דאָך, כידוע, די לעצטע דריי אותיות פון אלף־בית שוין יאָרן אויף זייער פּובליקאַציע און האָבן זיך ערשט שפּעט דערצו דערוואָרט. וועלן מיר דעם בלויז פאַר־ריכטן מיט אַ שטיקל במקום, אַזוי צו זאָגן: ר׳ אליעזר רובינשטיין איז געבוירן געוואָרן אין דער צײַט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה (1917) אין סאָקאָלאָוו־פּאָדליאַסק, וואָס איז באַקאַנט מיט איר רבין, פון דער קאָצקער גזע (האָט משפּיע געווען אויף זײַנע חסידים זיך צו באַזעצן אין ארץ־ישראל), און ווו עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ געזעלשאַפטלעכע און קולטורישע דיפערענציאַציע, ווי זי איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען אין שטעט־טלשן לעבן אין קרוין־פּוילן. די רובינשטיינס דאָ האָבן געפּירט אַ שטוב אין גייסט פון תורה ומסורה, אָבער שוין אָפן פאַר חיבת־ציון און אהבת הספר והבוך. דער פאָטער איז געווען פון די אָנפירער פון „מזרחי״, און ציוניזם איז געווען די נאַטירלעכע אַטמאָספער פון דער משפּחה, וואָס איז זיך אויף דער בשותּפותדיקער באַזע אידעאָלאָגיש פונאַנדערגעגאַנגען — אליעזר איז געגאַנגען אין טאַטנס דרך, און בשעת זײַנע שוועסטער און דער ברודער זענען געווען אין „השומר הצעיר״, איז ער געווען פון די באַגרינדער פון „השומר הדתי״, און שפּעטער געווען אין לאַגער פון „תורה ועבודה״. אויך די דערציונג איז געגאַנגען אויף דער ליניע — נאָכן חדר און „יבנה״ איז אַפילו געקומען די פּאָוושעכנע, אָבער נאָך איר בעיקר פאַר אַ לערער, אַ מומחה מופלג בלשון עברי, ר׳ לייבל פּאַאיאַנס וואָס ער איז עד היום אַ בר־סמכא פון totius hebraitatas. דאָ האָט זיך

געפּעסטיקט זײַן נטיה צו לייענען און צו לערנען, ווי ער האָט עס באַטריבן פון פּיק אויף. אויך איז געווען, ווי ער דערמאָנט, אין שטוב אַלמערס ספרים און בי־כער, און בעיקר האָט זיך אים אײַנגעקריצט אין זכרון דער רושם פון די בענד „התקופה״, וועלכע ער האָט געלייענט, תמידים כסדרם, און דאָרט און דעמאָלט, בײַם טאַטן אין שטוב, האָט ער אויך געמאַכט די ערשטע קאָנטאַ־שאַפט מיט די סיפּורים פון ש״י עגנון, אַ קאָנטשאַפט וואָס האָט זיך אַנט־וויקלט צו אַ לעבנסלאַנגען ראָמאַן, אַדער ווי ער זאָגט: איך האָב מיך פאַרליבט אין אים. און דאָרט און דעמאָלט האָט ער שוין גענומען פּרווון די פּען זײַנע — סיי העברעיִש (אין טשודנערס וואַרשעווער „בדרך״), סיי ייִדיש.

ו

אָבער דאָ קומט די צווייטע מלחמה און אירע גרוילן — די משפּחה לאָזט זיך מיטן שטראָם פּליטים, פאַרוואַלגערט זיך קײַן בוכאַרע, אויך דאָ דערהאַלט זי איר כאַראַקטער, און אין איר שטוב געפינען אויך אַ וואַרעמע היים עלנטע מלחמה־פּליטים. (פאַראַן דערוועגן וואַרעמע זכרו־נות פון אידאַ קאַמינסקאַ־מירון) און נאָך דער מלחמה פירט דער וועג צוריק קיין פּוילן, און ר׳ אליעזר פּרווט, אויף אירע חורבות, צווישן די צוריקגעקומענע, אויפלעבן די „תורה ועבודה״, באַגרינדט און רעדאַק־טירט דאָס „מזרחי״־בלאַט „אונדזער וועג״, ביז ער לאָזט זיך קײַן ארץ־ישראל (1949), וווהין עס איז געקומען די משפּחה, טאַטע־מאַמע און געשוויסטער. דאָ ווײַטער איז שוין זײַן וועג מער באַקאַנט דעם דשות־הרבים, ער אַרבעט אין משרד הדתות, משרד הפּנים (סעקרעטאַר פון שר ר׳ משה חיים שפּירא), משרד הסעד און באַטייליקט זיך אַקטיוו אין גע־זעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן, און מיר דערלויבן זיך אַרויסצוהייבן דרײַ פּונקטן, וועלכע האָבן געפירט צו אונדזער קאָנטשאַפט און זי דער־פירט צו אונדזער פרײַנדשאַפט. ערשטנס, דער וויכוח קעגן דעם שילומים־אָפּמאַך מיט דײַטשלאַנד, בעיקר מחמת דעם חשש פאַר נעגאַטיווע מאָראַ־לישע קאָנסעקווענצן; אַ חשש, וואָס האָט זיך, לײַדער, באַשטעטיקט ווײַט מער ווי מיר האָבן פאָרויסגעזען. צווייטנס, דאָס מסירות פאַר גרונטיקע ווערטן פון אונדזער קולטור, בעיקר אין שפּראַכלעכן תחום העברעיִש ווי איר פונדאַמענטאַלער ווערט, ייִדיש ווי איר אינטעגראַלער ווערט; אַ מסירות וואָס האָט אונדז דערפירט צו אַ פאַקטישן און פּראַקטישן פּועל־יוצא, ווי עס שפּיגלט זיך אָפּ אין אונדזערע מעשים. דריטנס, די ליב־

שאַפֿט צו דער לעבעדיקער העברעיִשער ליטעראַטור, וואָס איך האָב זיך משתדל געווען צו זײַן איר פּרשן און ער — איר מתורגמן.

וואָס שייך זײַן מלאכה פֿון אַ מתורגמן איז בײַ אים מקויים געוואָרן ראשיתו מזער — דער אָנהייב איז אַ ווינציקער, ואחריתו ישגה מאד — און זײַן סוף איז גאָר אויסגעוואַקסן. איך ווײַס נישט מיט וואָס ער האָט אָנגעהויבן, אָבער דער ערשטער פּרווו, פֿון וועלכן איך ווייס, איז געווען יצחק ווערפֿלס (רפֿאלס) ביכל וועגן פֿאָלקלאָר, וואָס ער האָט איבערגעזעצט און געלאָזט גיין אין המשכים אין דערמאָנטן פּאַריזער „אונדזער וועג". אין לאַנד ווײַטער האָט ער ממשיך געווען מיטן איבערזעץ פֿון ש"י עגנונס סיפּורים, וועלכע זענען געגאַנגען אין „די גאָלדענע קייט". חוץ אים און פּאָר אים זענען דאָרט געווען איבערזעצן פֿון צוויי עגנונישע נאָוועלן — (איינע פֿון יוסף פֿאָלק און איינע פֿון אַ. צפֿנת). די ביז גאָר געלונגענע איבערזעצן זײַנע האָבן אים איינגעקויפֿט אַ נאָמען, בעיקר נאָך דעם עס האָט זיך געמאַכט אַ שעת־כּושר אַרויסצוגעבן אַן איבערזעץ פֿון עגנונס אַ ראָמאַן „סיפּור פּשוט" אין בוך־טאָוולען. ומעשה שהיה כך היה: ישראל לאָנדאָן, אַ זעצער, און שפּעטער אַ דרוקער, צום ערשט אין ווין און צו לעצט אין ניו־יאָרק, אַליין אַ געלעגנטלעכער יידיש־שרײַבער, אָבער אַ שטענדיקער יידיש־ענטוזיאַסט, האָט באַגרינדעט אַ פֿאַרלאַג, וועלכן ער האָט אָנגערופֿן אויפֿן נאָמען פֿון ווינער יידישן פֿאַרלאַג, ווו ער האָט געאַר־בעט, אונטער דער רעדאַקציע פֿון משה זילבורג: „דער קוואַל" — און לויט זײַן פּלאַן, וואָס אַ היפּשער טייל פֿון אים איז מקויים געוואָרן, האָט ער כּולל געווען דרײַ סעריעס ביכער — אין סעריע האָט אַרומגענומען די פּראָזע־שײַנדלעך פֿון דור: זלמן שניאור („דער ממזר"), אַברהם משה פֿוקס („די נאַכט און דער טאָג"), יצחק באַשעוויס („מײַן טאַטנס בית־דין־שטוב"), ווי אויך די פּאָעזיע־שײַנדלעך — ה. לייוויק („לידער צום אייביקן"), אַברהם סוצקעווער („גײַסטיקע ערד"), רעפּאָרטאַזש — יעקב פּאַט („שמועסן מיט שרײַבער אין ישראל"); די אַנדערע סעריע, וואָס האָט אַרומגענומען שרײַבערס, בעיקר די שפּיצן פֿון דער העברעיִשער פּראָזע, און עס זענען דערשינען ש"י עגנונס, „אַ פּשוטע מעשה" אין אליעזר רובינשטיינס יידיש־נוסח, חיים הזז'ס „דער טײַך גייט", אין לײַב אַליצקיס יידיש־נוסח, (ניו־יאָרק, תשכ"ד—1964), אהרן ראובניס „ירו־שלים אין שאָטן פֿון שווערד" אין זײַן אײַגענעם יידיש־נוסח (דאָ דערלויב איך מיך אַ באַמערק, וועלכן איך האָב שוין געבראַכט, און וויל אים איצט איבערחזרן: ווען איך האָב דעם מחבר געגראַטולירט צו זײַן געלונגע־

נעם אייגענעם איבערזעץ, נאָך אַזוי פיל יאָרן, וואָס ער האָט אַוועקגע־לייגט די ייִדישע־פּען, האָט ער מיר מגלה געווען: „וואָס שייך דעם קאָמ־פּלימענט, בין איך מוכן אים איינצוקאַסירן, אָבער דער אמת איז, אַז דער ייִדיש־נוסח איז דער אָריגינאַל און איך האָב אים געלאָזט ליגן, און דער העברעיִש־נוסח וואָס איך האָב אַרויסגעגעבן, איז מײַן אייגענער אי־בערזעץ, אַזוי, אַז דער אָריגינאַל איז איצט, מיט אַ פֿאַרשפּעט פֿון פֿערציק יאָר אַרויס)". די דריטע סעריע האָט באַדאַרפֿט אַרומנעמען ווערק פֿון שרײַבער, וואָס דער בעל ה„קוואַל" האָט זיי געהאַט אַ סך צו פֿאַרדאַנקען אין זײַן ווינער תקופֿה (משה גראָס־צימערמאַן, מענדל זינגער), אָבער מחמת זײַן פּטירה, איז עס דערצו נישט געקומען.

ז

אליעזר רובינשטיינס עגנון־בוך האָט געהאַט אַ גרויסן המשך — ער איז דאָס בוך „שריפֿטן אין דרײַ טיילן", (תל־אביב, תשכ"ט—1969), וואָס איז לכבוד דעם נאָבעל־פּרײַז, וואָס עגנון האָט באַקומען, אַרויס מיט דער הילף פֿון דריטן נשיא פֿון מדינת ישראל ר' זלמן שזר עליו השלום. ש"י עגנון האָט נאָך בײַ זײַן לעבן זוכה געווען, אַז מען האָט זײַנע ביכער אַרויסגע־געבן אין כלערליי שפּראַכן — זע די היפּשע ביבליאָגראַפֿיע פֿון יוחנן ארנון, (תשל"א, ז"ז 82—95), אָבער דאָס בוך „שריפֿטן אין דרײַ טיילן" איז דאָס רײַכסטע און גרעסטע צווישן זיי. וואָס שייך דער בראַוווּר פֿון רובינשטיינס מלאכה — האָט שוין די קריטיק, ובראשה ש"י עגנון גופֿו, געזאָגט איר בראַוואָ, און אויך די פּרעמיעס וואָס זײַן אַרבעט האָט אים צוגעשאַנצט: פּרס „די גאָלדענע קייט" (1966), פּרס שפּירא (1970), פּרס פֿון ייִדישן שרײַבער־פֿאַראיין אין ישראל (1973), פּרס מאַנגער (1976), זענען מעיד דאַרויף. און כדי זיך נישט איבערצוחזרן, פֿאַרווײַז איך אויך מײַנע מאמרים דערוועגן („הצופה" — ה' סיון תש"ל, „ידיעות אחרונות" — כ"ז סיון תשל"ו, — אַרײַן אין מײַן בוך „ארחות ושבילים", כרך ג', תשל"ט, עמ' 174—178), ווי אויך מײַן נאָכוואָרט צו „אַ פּשוטע מעשה" און זײַן אויסברייט צו „שריפֿטן אין דרײַ טיילן" (אַרײַן אין מײַן בוך „היימישע שריפֿטן", תשל"ג, באַנד 1, ז"ז 79—95).

אויך אין געפֿלאַנטן געזעמל האָבן מיר אַ המשך צו זײַנע עגנון־איבער־זעצן — זעקס קלענערע און גרעסערע פּרקים פֿון די בענד, וואָס עגנון האָט אַרויסגעגעבן בײַם לעבן („אלו ואלו", „על כפות המנעול", „עד הנה",

„האש והעצים״) ווי אויך פון אַ באַנד, וואָס איז אַרויס נאָך זײַן פּטירה („עיר ומלואה״), און עס דערוואַרט אונדז נאָך דער דרוק פון אַ גאַנצן ראָמאַן זײַנעם („בדמי ימיה״), און מיר האָפן אים ווי אַמגיכסטן צו זען. אין איצטיקן אָפּקלײַב קריגן מיר אויך אַ מוסטער פון רובינשטיינס געראַנגל מיט חיים הזז׳ס פּראָזע — די נאָוועלע „אש בוערת״, („אַ פײַער ברענט״) פונעם בוך „אבנים רותחות״, פונקט ווי ער האָט פאַרקאַנקורירט די שפּעטערע יידיש־איבערזעצערס פון עגנון און צווישן זיי אַזאַ אויסגעצייכנטן מײַסטער ווי חיים גורט, אַזוי פאַרקאַנקורירט ער די שפּעטערע יידיש־איבערזעצער פון הזז, און צווישן זיי אַזאַ אויסגעצייכנטן מײַסטער ווי לייב אָליצקי. יאָ, דער חידוש פון איצטיקן געזעמל איז, וואָס רובינשטיין טרעט אין אים אַריבער דרײַ שוועלן. ערשטנס, די שוועל פון נוסח אשכנז, איבערזעצנדיק אַ נאָוועלע פון מאַרקאַנטן מאַעסטראָ פון נוסח ספרד, יהודה בורלא — „כאחד הקדמונים״ (פון זײַן בוך „רשפים״, תשכ״א); צווייטנס, די שוועל פון בעלעטריסטיק, איבערזעצנדיק צוויי פּרקים פון אברהם קריב — די מעמואַריסטישע עסיי „ליטא מכורתי״ (וואָס איז שוין אַרויס — צוזאַמען מיטן העברעיִשן אָריגינאַל — אין בוך־פאָרעם (תשכ״ב) — און די קריטישע עסיי „שני בחירים״ — וועגן שלום עליכם און ביאַליק (פון זײַן בוך „מיתרים ומערכות״, תשל״ב), איין פּרק פון זלמן שזר — „החוט המשולש״, וואָס דער נשיא האָט געלייענט אויף דער פײַערלעכער מסיבה, וועלכע איז פּירגעקומען אין בית הנשיא, ירושלים, לכבוד דער גרינדונג פונעם איציק מאַנגער־פּרײַז פאַר ליטעראַטור־שאַפונג אין יידיש; אַ עסקיז פון פיל־סטרוניקן פּאָעט נתן אַלטערמאַן, וועגן מײַסטער אברהם שלאָנסקי — צו זײַן זעכציקסטן געבוירן־טאָג און אַ דערמאָנונג („בלע־דיו״) פון אַן אַנאָנימער אַלמנה פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה. דריטנס, די שוועל פון פּאָעזיע — איבערזעצנדיק צוויי לידער פון דער צאַרטער ליריקערין דליה ראַוויקאָוויטש, פון איר בוך „הספר השלישי״.

וועלן מיר היימעשלעך פאַרענדיקן: יישר כוח.

[טבת תשל״ט]

II

אַ גוטער ייִד

וועגן ר׳ לייב ראָכמאַן

אַ הספּד־וואָרט אין היכל שלמה

א

עס איז מסתמא נישט קיין צופאַל, וואָס די נעקראָלאָגן וועגן ר׳ לייב ראָכמאַן רעדן וועגן דעם שרײַבער, וואָס ער איז גריילעך געווען — ליגן דאָך פאַר אונדז זײַנע ביכער: די ערשטע צוויי, וואָס זענען אַרויס מיט יאָרן פריִער. צומערשט: „און דײַן בלוט זאָלסטו לעבן״ (1949), וואָס איז אַרויס אויך אין העברעיִשן נוסח פון חנוך קלעי (1961); שפּעטער „מיט בלינדע טריט איבער דער ערד״ (1968), וואָס איז אויך אַרויס אין העברעיִשן נוסח פון א. ד. שפיר (1976), און לסוף דער באַנד דערציילונגען „דער מבול״, וואָס איז אַרויס עטלעכע טעג פאַר זײַן פּטירה, און פונקט ווי ביידע פריִערדיקע ביכער, וועט אויך דאָס דריטע בוך האָפנטלעך האָבן אַ גרויסן אָפּקלאַנג. נאָך מער, די ליטעראַטור־קריטיק וועט ערשט איצט נעמען דאָס רעכטע וואָרט צו אַ רעכטן אָפּשאַץ, אָפּשטעלנדיק זיך, נישט ווי ביז איצט, אויף יעדן בוך באַזונדער, בסמוך זײַן דערשיינען, נאָר ווי אויף אַ כוללות, בפרט אַז עס וועט נאָך צוקומען אַ פערט בוך, און עס וועלן זיך אפשר אָפּזוכן זײַנע אָנהייבן, אַזוי אַז עס וועט זיך, פול און אויסשעפּיק, פאַר־גאַנצן דער קריטישער סך־הכל פון דער דאָזיקער ליטעראַטור־געשטאַלט.

איך האָב דערמאָנט די ביז־איצט פאַרהוילענע אָנהייבן זײַנע, נישט בלויז מחמת אינפאָרמאַטיוון אינטערעס, אויף וועלכן איך גופא בין אַ שטיק בעלן — האָב איך דאָך ביז דער שוועל פון דער היטלערישער מלחמה אָנגעהאַלטן אַ פעסטן קאָנטאַקט מיט די ייִדיש־שרייבערס אין פוילן, בעיקר מיט די אָנהייבער, וואָס האָבן מיר זייערע ביכלעך צוגעשיקט, און איך האָב זיי צוגעשטעלט די היגע אָפּרופן, פאַר וועלכע איך האָב געזאָרגט, און לייב ראָכמאַן איז, פאַרשטייט זיך, צווישן זיי נישט געווען, און דער נאָמען זײַנער האָט מיך דערגרייכט ערשט נאָך דער מלחמה, בעיקר ווען ער האָט מיר, פון פּאַריז צוגעשיקט זײַן בוך „און דײַן בלוט זאָלסטו

לעבן". איך געדענק, אַז ווען איך האָב צומערשט געהערט זײַן משפּחה־נאָמען, האָט זיך מיר געבאָמבלט: רויך, ראַוך, ראַך, ווי אַ באַצייכן פון פעלצוואַרג און געקלערט, אַז ער שטאַמט מסתמא פון פעלצהענדלערס אָדער פעלצמאַכערס, אָבער דער איינציקער ראָכמאַן, וואָס איך האָב פון פריִער געקענט, האָט זיך געווערט קעגן אַזאַ אויסטײַטש, און האָט זײַן נאָמען, אויף לשון קודש, אויסגעלייגט מיט אַ חי"ת, גלייך עס וואָלט געמיינט רחמן, און אויף דער קשיא, וויאַרום איז דער פּתח געוואָרן אַ קמץ קטן האָט ער געענטפערט: עלעהיי, מיר זאָגן: סלחן ומחלן לשבטי־ישורון.
איך דערצייל דאָס, כדי אונטערצושטרײַכן אַז דער נאָמען האָט בײַ מיר לכתחילה קיין אַסאָציאַציע נישט געוועקט, און כדי אַרויסצוהייבן, ווי ווײַט זײַן ערשטער בוך האָט אין מיר דערוועקט דעם אינטערעס צו זײַן שרײַבערישן סטאַרט, אַ זאַך וואָס האָט מיך אַנומלט פונסנײַ אינטריגירט, אַרײַנלייענענדיק זיך אין גרויסן ספר־זכרון וועגן זײַן געבוירן־שטאָט, מינסק־מאַזאָוויעצק, וואָס זײַן שוואָגער און אח־לגורל, אונדזער האַרציקער פרײַנט, ר' אפרים שעדלעצקי זאָל לעבן, האָט פאַראַיאָרן אַרויסגעגעבן. דער ספר לאָזט אונדז באַשײַנפּערלעך דערקענען די אינטענסיווע טיף־ייִדישע געדיכטעניש פון יענער קהילה, וווּ ר' לייבל איז געבוירן און אויפגעוואַקסן, און עס האָט זיך אָבער אַמאָל געבעטן אַ שליסל צו זײַנע אָנהייבן.
דאָס חשיבות פון זײַנע פאַרהוילענע אָנהייבן שטעקט נישט בלויז דאַרינען, וואָס זיי זענען, ווי ס'איז דער דרך פון אָנהייבן, מרמז, ווי וואָלט זײַן שרײַבעריש מהות אויסגעזען ביי אַן אַנדערן בי־אָגראַפיע־גאַנג, — ווען ער וואָלט, אַ שטייגער, פאַר דער מלחמה אַוועק פון דער היים, קיין מערב אָדער קיין מזרח, ווי עס האָבן געטאָן נישט ווייניק ייִנגלעך פון זײַן דור און סביבה; דאָס חשיבות באַשטייט אויך, און, אפשר, בעיקר, דאַרינען, וואָס די אָנהייבן וואָלטן קלאָר געמאַכט, וואָס זענען, בעצם, זײַנע גרונטיקע עלעמענטן, וואָס וואָלטן זיך דערהאַלטן, ווי־אַזוי די בי־אָגראַפיע זײַנע זאָל נישט געווען זײַן.

ב

יאָ, עס איז זיכער נישט קיין צופאַל, וואָס די קורצע נעקראָלאָגן רעדן וועגן דעם שרײַבער, אָבער מעגלעך, אַז עס איז נאָך ווייניקער צופאַל, וואָס שוין אין די דאָזיקע לעת־עתהדיקע, קורצע אָפּשאַצן, שלענגלט זיך דורך אַן אַנדערער פאָדעם, וואָס רעדט וועגן פאַרשוין, ווי אַ מענטש און אַ ייִד, וואָס דער פּרט, שרײַבער און ליטעראַטור, איז בלויז איינע פון

זײַנע עמאַנאַציעס, און וואָס בולטער דער דאָזיקער פּאָדעם וועט ווערן, און וואָס ענגער ער וועט זיך פֿאַרפֿלעכטן, וועט אַלץ דאָמינאַנטער דערשײַנען די כאַריזמאַטישע געשטאַלט, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין אַ פּנים־אל־פּנים באַגעגעניש, בעיקר בײַ זײַן טיש, בײַ זיך אין שטוב, און איר באַזונדערער אַטמאָספֿער, וואָס ער און מרת אסתּר האָבן אויסגעבויט, — די אַטמאָספֿער פֿון אַלטער ייִדישקייט, וואָס בלײַבט תּמיד נײַ. ער האָט דעם טיש געפֿירט נישט ווי עס געשעט געוויינטלעך, מכּוח אַ מין נייטראַליטעט, וואָס פֿאַרגלעט דאָס קאָנטראַווערסאַלע פּונעם פּילפּנימדיקן עולם; אדרבה, ער האָט פֿאַרמאָגט פֿעסטע און קלאָרע עיקרים, וואָס זײַן באַציִ צו זיי איז געווען אַבסאָלוט און קנאָאיש, און האָט זיך פֿאַר זיי אײַנגעשטעלט, און אַ ראיה דערצו איז זײַן באַציִ צו די גרויסע ווידעראַנאַנדן, וואָס האָבן אויפֿגערודערט דעם ציבור, אָנגעהויבן מיטן ויכּוח קעגן די דײַטשישע געלטער, ווי ער האָט געזאָגט אַ בפּירושן לאו און פֿאַרענדיקט מיט דער מחלוקה איבער דער גאַנצקייט פֿון ארץ־ישׂראל, ווו ער האָט געזאָגט אַ בפּירושן הן. די קלאָרקייט און פֿעסטקייט איז אים אויך בײַגעשטאַנען ווי אַ מאמין אין כּוח פֿון ארץ־ישׂראל צו פֿאַרזיכערן דעם קיום האומה און ווי אַ כּופֿר אין כּוח פֿון גלות עס צו טאָן, און זײַן לעצטער באַזוך דאָרט, אין אַמעריקע, האָט אים אין דעם קאַטעגאָרישן אויפֿטייל פֿון אמונה און יאוש באַשטאַרקט. דאָס זענען ענייִנים, וועגן וועלכע עס וועט נאָך אויסקומען צו רעדן, און איך האָב זיי איצט בלויז בקיצור געשטרײַפֿט, כּדי אויסצומײַדן אַ טאָפּעלן אָפּטישן טעות.

ג

ערשטנס, אַזוי ווי בײַ יענעם טיש אין יענער שטוב איז מקוים געוואָרן אַ מאָדולאַציע פֿון ר׳ יוסי בן יועזר'ס זאָג: יהי ביתך בית ועד לשרײַבערס, און איז, מחמת דעם, געוואָרן אַ שם־דבר אין ירושלים און אויסער איר, האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז דאָס איז דער אײנציקער קרײַז, וואָס האָט זיך אַרום דעם טיש געשאַרט, און אַזוי האָט מען פֿאַרזען די אַנדערע טיפֿן און קרײַזן, כּלערליי ייִדן פֿון אַ גאַנץ יאָר, יונג און אַלט, וואָס האָבן דאָ פֿאַרקערט אויס און אײַן, און געוווּג איבערצולייענען די נאָוועלע פֿון יחזקאל קאָרנהענדלער, וואָס הייסט: לייב, וואָס טראָגט אַלע סימנים פֿון אַ מעשׂה שהיה, כּדי צו פֿאַרשטיין ווי ווײַט די פּלוראַליטעט און פּאָלאַריטעט פֿון דעם עולם אײַנגייערס האָט געגרייכט. און מסתּמא איז אויך לגבי אַנדערע קרײַזן דאָ מקוים געוואָרן וואָס מיר האָבן אין שרײַבער־קרײַז דאָ איבערגעלעבט — ווײַטע און דערווײַטערטע זענען דאָ נענטער געוואָרן, פֿרעמדע

און אָפּגעפּרעמדטע זענען דאָ היימישער געוואָרן. צווייטנס, איך האָב ר׳ לייבלען אָבסערווירט אויף אַ לאַנגער צײַט־שטרעקע, אַ פּאָר און צוואַנציק יאָר, זײַט מיר זענען געווען נאָענטע שכנים אין קרית־יובל, ווו ער האָט, אין צוויי קליינע שטיבלעך און קליינעם גערטנדל, שוין אויפגעשטעלט אַ מין זעיר־אַנפּין פון צעגיעלניאַנאַ 1, וואָס האָט זיך אויסגעברייטערט אין רחוב יורדי הסירה 2.

ד

און איך האָב מיך שוין דעמלט געפרעגט: וואָס איז דער ייִד, און האָב לאַנג געטראָגן אַ תשובה אין האַרצן, אָבער זי ערשט אַרויסגעזאָגט ברבים, נאָך דעם ווי זײַנע נאָוואָמינצקער לאַנדסלײַט, וואָס האָבן זיך מיט אים באַקענט ערשט אין ירושלים, — יעקב קאַפּליעוויטש (ישורון קשת), יעקב קויפמאַן (אליאב), און אויך ווער עס האָט אים געקענט פון פריִער, יחיאל האָפער, האָבן זיך אַרויסגעזאָגט וועגן אים און דער צד השווה פון זייער אַרויסזאָג לאָזט זיך אַזוי סומירן: נו יאָ, דער ראַכמאַן פאַרמאָגט בפירוש עפּעס פון אַ גוטן ייִדן, ער פראַוועט טיש, טוט עס אָבער מיט אַזאַ מין איידלקייט, אַז עס דאַכט זיך, גלײַך ער ווייסט נישט דערפון. וואָס מער איך האָב זיך אין אים אַרײַנגעקוקט און אַרײַנגעהערט, האָט זיך דער קוק אין מיר געשטאַרקט, און פאַריאָרן ווען שרײַבער־קרײַזלעך אין פּאַריז האָבן מיך פאַרבעטן און זיך מיט ליבשאַפט נאָכגעפרעגט נאָך לייבלען, האָב איך געענטפערט: ר׳ לייבל? אַוודאי איז ער אַ שרײַבער, אַ גרויסער שרײַבער, על כל פּנים אַ גרעסערער ווי די ליטעראַטור־קריטיק האָט זיך געכאַפּט, נישט פאַרשטייענדיק דעם עיקר גערעאַנגל אין זײַן בוך „מיט בלינדע טריט איבער דער ערד“, אָבער בעיקר איז ער אַן אדמו״ר, וואָס דער פּילפּנימדיקער עולם בײַ זײַן טיש האָט אים, אין אַ שטומער הסכמה, געקריינט. ווען איך האָב אַזוי געענטפערט סײַ יענע שרײַבער אין פּאַריז סײַ יעקב מײַטליסן אין לאָנדאָן, האָב איך נישט געוווסט, אַז די היגע פּאַריסאָווער חסידים זענען געקומען צו ר׳ לייבלען און געזאָגט: מיר האָבן נישט קיין רבין, זייט איר אונדזער רבי.

ה

אין פלוג דאַכט זיך אַז וואָס איך האָב דאָ דערציילט פאַרענטפערט די קשיא, צי ער אַליין האָט געוווסט וועגן דער שטומער הסכמה, אָבער דוכט זיך, אַז יאָ, און כדאי דורכצולייענען אַ פּאַסוס אין זײַן דערמאָנטן בוך, ווו ער ברענגט

אַרויס די געדאַנקען, וואָס האָבן אים באַפאַלן, ווען ער האָט זיך געזעגנט אַן אָפּגעראַטעוועטן, און וואָס די דערהרגעטע שאַרן זיך צו אים: „דווקא אויף אים איז געפאַלן דער גזר צו בלייַבן; טראָגן אין זיך זיי אַלע אויף ווייַטער! פאַר וואָס האָט מען אים אויסגעקליבן? ער האָט נישט קיין כוח דערצו: עס איז פאַר אים פאַרהוילן. — ער האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז אויף אים געפאַלן אַ האַרבע שטראָף — נישט צו פאַרטראָגן, פאַר וואָס איז ער פאַרטריבן געוואָרן פון צווישן זיי אַלע? ער האָט באַצייַטנס געדאַרפט אַנטלויפן. — אַן אויסטערלישער געדאַנק איז אים דורך: וואָס וואָלט געווען, ווען די שטאָט ווייסט די אַלע יאָרן, פון זייַן קינדהייט אָן, אַז פון זיי אַלע וועט ער איינער אַליין בלייַבן? וואָלטן זיי אים געזאָלבט? וואָלט מען אים אָפּגעשיידט צו גאָט? מען וואָלט אים געהייליקט, צו אים געדינט? — ווען מען דערוויסט זיך דאָס אין געטאָ — וואָס פאַר אַ יאוש און אויסזיכטסלאָזיקייט וואָלט אַלעמען באַפאַלן! מען וואָלט אים שטיל פייַנט געהאַט. אפשר וואָלט מען אים באַלאַגערט; זייַנע חברים וואָלטן אין דער נאַכט אים דערמאָרדעט? און מעגלעך — בעת אַ שקיעה אין געטאָ וואָלט אַ זקן און אַ מיידל געקומען צו אים בעטן, ער זאָל זייערע גופים דערהאַלטן אין זיך; ער זאָל זייער זכר נישט אָפּטאָן פון זיך אויף אייביק. זיי וואָלטן געקומען צו אים, ווי צו אַ צדיק.״ (ז. 79). עס זענען, דוכט זיך, צו קלאָרע דיבורים, מען זאָל דאַרפן מאַכן אַ פּירוש אויף זיי, און זיי ווערן נאָך קלאָרער איצט, ווען ר׳ לייבל איז נסתלק געוואָרן, און מיר קלערן זיך, כדרך חסידים, אַרייַן אין זייַנע הנהגות און מדרגות. יאָ, זייַן לעצט בוך, וואָס איז אַרויס ביי זייַן לעבן, האָט ער געהייליקט זייַן מוטער אַזוי צו זאָגן: „דעם אָנדענק פון מייַן מאַמען רבקה בלומע הי״ד וואָס האָט אַלע האָפענונגען געלייגט אויף מיר — לייבל״. וואָס זענען געווען די האָפענונגען פון אַ יידישער מאַמע, אין אַ משפחה, וואָס האָט זיך געוואָרעמט אין ליכט פון ייִד הקדושס אַן אייניקל — מעגלעך אַ ייִד אַ שרייַבער, אָבער זיכער אַ ייִד אַ צדיק. און אַזוי ווי אירע האָפנונגען זענען דערפילט געוואָרן, ווען מיר אונדזער קורץ הספד-וואָרט פאַרענדיקן: זכר צדיק לברכה.

[אלול תשל״ח]

דער עלטסטער יונג־ישראל־שרײַבער
שלמה װאַרזאַגער

אמר המחבר: פֿאַראַן, לפּחות, פֿיר טעמים, װאָס דערװעקן דעם חשק צו שרײַבן װעגן שלמה װאַרזאַגער. ערשטנס, האַנדלט זיך דאָך װעגן אַ יונגן, קרעפּטיקן שרײַבער, װאָס האָט אונדז דערלאַנגט, חוץ צװיי בענד פּאָעזיע, פֿיר בענד פּראָזע, װוּ ער דערציילט דעם גורל פֿון אַ דור, פֿירנדיק אונדז פֿון היים (כעלעם) צו היים (רמת־גן) מיטן דגש אויפֿן װאָגל און װאַנדער, אין דער מיט — קאַזאַכסטאַן. צװייטנס, האָט ער, דער יונגער, אַלץ יונגער דערציילער, זיך אָנומלטן אַריבערגעכאַפּט איבער דער שװעל פֿון זעכציק יאָר, און אין עלטער־רײַסטער פֿון פּרקי־אָבות שטייט פּאַרט: בן שישים לזיקנה, און װי עס דערקלערט ר׳ אַנשל לוי אין זײַן אַלט־יידיש־מדרש (אַרויס איצט אין אַן אַקאַדעמישער עדיציע פֿון יעקב מײַטליס): „אונ׳ צו זעכציג יאָרן היישט איינר איין זקן, דען ער היבט אַן גראָ צו װערדן״ און באמת װער עס קוקט זיך אײַן אין אונדזער דערציילערס קאָנטערפֿיי, זעט אַ פֿעסטן יאָדעריקן פֿאַרשױן, װאָס דער װאָגנס נעמט זיך בײַ אים װײַסלען. דריטנס, דאָ נישט לאַנג איז אַרויס אַ מין אַנטאָלאָגיש געזעמל פֿון זײַן פּראָזע, אין עברית־נוסח פֿון משה יונגמאַן (9 סיפּו־רים, אויסגאַב מ. ניומאַן, תשל״ט), אַ פֿענצטערל, אָדער אַפֿילו אַ פֿענצטער צו דער היגער, בעיקר יונגער לייענערשאַפֿט. פֿערטנס, אַזוי װי איך האָב אַפּירגעשיקט אַ װאָרט װעגן מחבר און זײַן חיבור פֿאַר די לייענערס פֿונעם העברעיִשן תּרגום, װיל איך עס, מיט אַ שטיקל צולאָג, אונטערטראָגן דעם לייענער פֿון ייִדישן מקור.

א

שלמה װאַרזאַגער (װאַרזאַגער) געהער צום לעצטן דור ייִדיש־שרײַבערס, װאָס גלות־פּוילן האָט אַרויסגעגעבן, און ער איז געבוירן און זיך געכאַװעט אין אַן אַלטער און חשובער קהילה, קהילת חלמא (כעלעם), װאָס איז איבער פֿיר הונדערט יאָר געװען אַ װאַזשנער ייִדישער לעבנס־צענטער, און געװען באַרימט אויפֿן פֿעלד פֿון תּורה און דעת, און האָט

צווישן אירע רבנים, געהאַט פּאַרשוינען פון גרויסן פּאַרנעם און גרויסער
פּאָפּולאַרקייט — גענוג צו דערמאָנען אַז זײַענדיק אַ וואַזשנע קהילה האָט
זי געוויילט אַ מנהיג־מדינה, אַזוי אַז אירע רבנים און דיינים זענען געזעסן
אין ועד אַרבע הארצות און צו מאָל אַפּילו בראָש. ר׳ צבי הלוי איש האָרוויץ
אין זײַן בוך לתולדות הקהילות בפולין רעכנט אויס צוואַנציק רבנים —
צווישן זיי ר׳ אליהו בעל־שם, וואָס האָט געמאַכט אַ גולם לויטן ספר יצירה
(ווי עס דעפינירט זײַן אייניקל דער חכם צבי אין זײַן גמרא־לשון; דברא
גברא), און אַרום אים האָבן זיך, בעצם, געשפּינט די אַגדות, וואָס מען
האָט צוגעשריבן, אָדער אַפּילו צוגעטשעפּעט, דעם מהר״ל פון פּראָג; ר׳
שמואל איידלש, דער באַרימטער מהרש״א, וואָס איז דאָ געווען רב צען
יאָר; ר׳ יצחק הלוי, דער ברודער און דער רבי פון ר׳ דוד סגל, דער בעל
טורי זהב און אַנדערע גדולים, וועגן וועלכע עס ווערט אויך פאַרציילט
אין ספר זכרון וואָס די כעלעמער לאַנדסלײַט האָבן אַרויסגעגעבן און ווו
מיר האָבן היפּשע פּרקים פון אַלע אירע תקופות ביזן חורבן. אַזוי ווי זי
איז אַן אַלטע קהילה, וואָס איר וויטאַליטעט האָט זיך דערהאַלטן ביז צו
אירע שפּעטסטע יאָרן — האָט זי אויך פאַרירשנט אַ היסטאָריש באַוווסט־
זײַן, וואָס איז לרוב געבונדן מיט אַ היסטאָריש אַחריות. און דאָס שפּירט
זיך אויך אין תחום וואָס אינטערעסירט אונדז איצט — דער
תחום פון ליטעראַטור און ליטעראַטן, וואָס זענען דאָ אויס־
געוואַקסן, בעיקר אין ייִדיש־לשון, סײַ מיר זוכן זיי מיט אַ דור צוריק, אַ
שטייגער דער שרײַבער און דערציילער אליעזר בלום, באַקאַנט אונטערן
נאָמען ב. אַלקוויט, פון די באַגרינדערס פון דער אינטראָספּעקטיווישער
(אינזיכיסטישער) גרופּע אין אַמעריקע; סײַ מיר זוכן זיי אין איצטיקן דור,
און דאָס נאָענט, אַפּילו גאָר נאָענט, — אַ שטייגער, דער דיכטער יעקב־
צבי שאַרגעל, פון די בויערס פון ייִדיש־ליטעראַטור־צענטער בײַ אונדז,
און זײַן ברודער, דער דיכטער הלל שאַרגעל, און אויב צושטעלן צו זיי
מענטשן פון דער דריטער עליה, וואָס זענען נאָך געקומען קיין ארץ־ישׂראל,
זייערע שטאָטסלײַט וואָס זענען שוין געקומען אין מדינת־ישׂראל, איז
כּדאַי צו דערמאָנען פּײַוול זיגעלבוים, וואָס איז אָבער געקומען פון דרום־
אַפריקע, און איז דער מחבר פון אַ ראָמאַן וועגן זולו־שבט און פון אַ
מאָנאָגראַפיע וועגן זײַן משפּחה, און זייער הויפּט, זײַן ברודער, דער באַרימ־
טער פירער פון בונד, שמואל זיגעלבוים, באַקאַנט מיטן נאָמען ש. אַרטור;
ווי עס איז כּדאַי צו דערמאָנען יעקב בעקער, דער רעדאַקטער פון דער
תל־אָביבער צוויי־וואָכנשריפט ישׂראל־שטימע, און אַהרון אַהרון שלמה

וואַרזאַגער, וואָס האָט אין זײַן געבוירן־שטאָט געלערנט סײַ לימודי־קודש (חדר, ישיבה), לימודי חול (גימנאַזיע) און פון די ייִנגלשע יאָרן האָט ער זיך אינטערעסירט פאַר ליטעראַטור און געפּרוּווט אַליין שרײַבן.

ב

דער ערשטער פּרווו איז, ווי שוין אָנגעוווּנקען, געגאַנגען אויף דער ליניע פון פּאָעזיע, דאָס ערשטע ליד האָט ער פאַרעפנטלעכט אין זעכצנטן לעבנסיאָר, אָבער דאָס ערשטע בוך זײַנס איז אַרויס שפּעטלעך — ערשט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען ער, און זײַן משפּחה, האָבן איבערגעלעבט אין סאָוועט־רוסלאַנד, וווּהין זיי האָבן זיך, כּמעט אין דער לעצטער מינוט, געראַטעוועט, האַרט מיטן באַפאַל פון היטלער אויף פּוילן און אַרײַנדראַנג ביז צו אירע מיזרח־גרענעצן. עס איז דאָס בוך לידער: זײַן (מינכען 1948), וואָס האָט געלאָזט אָנגעמען, אַז דער וועג זײַנער וועט זײַן פּאָעזיע, אָבער דער אַנטוויקל זײַנער איז געווען אַן אַנדערער, און ער האָט אים אַרויפגעפירט אויפן שטראָז פון פּראָזע, וואָס האָט ביז איצט, אָדער: לעת־עתה, אויסגעצײַטיקט פיר ביכער, וואָס צו מייסטן איז דער נאָמען זייערער, ווי זײַן בוך לידער, איינוואָרטיק־איינטראַפּיק, אָדער ווייניק־טראַפּיק: ברויט, זאַמד, גורלות, יאָרן, און איעדער ספר איז אַ פּרשה פאַר זיך, קלאָרער געזאָגט: אַ סטאַציע אין לעבנסגאַנג פון זײַן מחבר, און נאָך קלאָרער געזאָגט: אַ סטאַציע אין לעבנסגאַנג פון אַ דור, און דער לייענער פון דעם מין טעטראַלאָגיע לייענט די מגילה פון דור און זײַנע צוויי פּאַלוסן — דער פּאַלוס פון אומקום און דער פּאַלוס פון אויפקום.

ג

בשעת דאָס ערשטע פּראָזעבוך ברויט (1960) באַשרײַבט לרוב דאָס לעבן אין זײַן געבוירן־שטאָט, דאָס משפּחה־לעבן פון בעקערס, וואָס גענערן זיך מיט גרויס מי און מאַטער, און צום טייל דאָס לעבן אין אַ ווײַטן פּליטים־יישוב אין קאַזאַכסטאַן, באַשרײַבט דאָס צווייטע בוך זאַמד (1963) בלויז די פרעמד און די ווײַט, די מוטשעניגע פון פאַרוואָגלטע וואָס באַמיִען זיך צו דערהאַלטן בײַם לעבן, און נישט אַלע האַלטן אויס די שווערע מערכה און פאַלן אַוועק; בעת די טעמעס פון די לעצטע צוויי ביכער גורלות (1967) און יאָרן (1973) באַוועגן זיך אויפן וועג צו אונדזער לאַנד און אין אים גופא.

דער לייענער, וואָס לייענט די ביכער לויט זייער סדר, זעט באַשײַנ־פּרעלעך דעם כּוח פון מחבר צו פאַרשטאַרקן די אַלץ וואַקסנדיקע יסודות פון זײַן דערציילערישקייט, אַזוי אַז יעדעס בוך איז פעסטער און געבונ־דענער פון זײַן עלטער ברודערל, אָבער עס איז אויך מודה, אַז די עצם־יסודות זענען שוין געגרונטפעסטיקט, צו מאָל עפּעס געקווענקלט, צו מאָל מער עלעמענטאַר, אין זײַן ערשטן בוך, און די צײַט האָט געטאָן אירס. דער באַגריף און טערמין: צײַט איז חל נישט בלויז אויפן עלטערגראַד און זײַן וואַקסנדיקער צײַטיקייט, נאָר אויך (און אַפילו בעיקר) אויף דער תּקופה און איר שטורמישקייט, וואָס האָט אויסגעריסן דאָס פאַרפלאַנצטע און דאָס ביסל וואָס האָט זיך אָפּגעראַטעוועט איז אומברחמנותדיק פאַרוואָגלט און פאַרוואָרפן געוואָרן און וואָס עס האָט די יסורים און לײַד איבערגעטראָגן, האָט זיך, אין אַ נײַעם וואַנדער און וואָגל, דערטראָגן צו אַן אַנדערן, בעיקר נײַעם קיבוצישן קיום. ווער עס איז בודק דעם גאַנג און וועג פון אונדזערע שרײַבערס, וואָס האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט פון קאַטאַקליזם, מוז זיך אָפּשטעלן אויף זייערע ראַנגלענישן — אַ טייל פון זיי, אין אַ געמיש פון ווילן און גזירה, קערן זיך שאַפעריש אום צו דעם וואָס איז געווען פאַרן חורבן אָדער ביזן חורבן און באַמיִען זיך אויפצושטעלן די טויזנט־פּנימדיקע לעבנס־פּאַנאָראַמע פונעם געוועזענעם, וואָס איז מער נישטאָ; אַ טייל פון זיי, אויך אין אַזאַ געמיש, דערוועגן זיך שאַפעריש אַרײַן אין עצם־חורבן און צייכענען די טויזנט־פּנימדיקע גרויזיקע מראה פון גרויליקן אומקום, און דער צד־השווה איז זייער אָפּגעשלאָסנקייט לגבי דעם וואָס עס איז נאָך דאָ אָדער שוין דאָ, כּביכול זייער אייגן לעבן איז ווי דער גרונט־תּוכן פון זייער שאַפן און ווי דער כאַראַקטער פון זייער טעמע, אַזוי אַז די פּרוּוון זייערע זיך, דאָ און דאָרט, פון דער אָפּגעשלאָסנקייט אַרויסצורײַסן זענען ווי שטיפקינדער פון זייער אייגענער פּען.

ד

און אַ סך מער ווי דאָס איז געזאָגט לגבי דיכטערס ,וואָס דאָס צײַטלעך־און אָרטלעך־נאָענטע באַהערשט זיי, איז עס געזאָגט לגבי דערציילערס, וואָס די נאָענטקייט לאָקערט נישט אין אַזאַ מאָס אויף זיי, און דאָס לאָזט זיך גאָר שאַרף מערקן בײַ שרײַבערס, וואָס טראָגן ביידע קרוינען, פון פּאָעזיע און פון פּראָזע, און סײַ דאָס ליכט סײַ דער שאָטן פון די קרוינען זענען אַנדערש און צו מאָל דיאַמעטראַל פאַרשיידן. און דערפאַר דאַרף מען, לגבי שלמה וואָרזאָגער, אונטערשטרײַכן זײַן איבערגאַנג פון דער פּאָעזיע, וואָס

אין אים וויַיזט אויס, געווען בלויז אַ מין פּראָוויזאָרישער דורכגאַנג צו פּראָזע, וואָס איז אים, גרייַלעך, געוואָרן אַ שטענדיקער באַשטאַנד, און דער איבערגאַנג מיינט זיך אָפּזאָגן פון דעם רעכט פון דער פּאָעזיע און זיך איינשפּאַנען אין חוב פון דער פּראָזע — ברייט און טיף געשטאַלטיקן וואָס און ווי עס איז פּאַר דער קאַטאַסטראָפע געווען און וואָס און ווי עס איז נאָך דער קאַטאַסטראָפע געוואָרן, און דאָס אין ספּעקטרום פון דער ביאָגראַפיע פון אַ יתום און זיַינע איבערלעבענישן, וואָס ברייט זיך אויס און טיפט זיך איַין צו אַן עפּאָכאַלער כּלל־ביאָגראַפיע.

אַז אַזוי באַטראַכט אונדזער דערציילער די עובדא פון זיַין שרייַבן איז קלאָר פון דעם געפיל פון זיַין שייַכות, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין זיַין איַינשליסן זיך אין דער גרופּע יונג־ישׂראל, די יונגע שרייַבערס וואָס האָבן געפילט דאָס באַדערפעניש פון אַן אַנדערער צוגעהעריקייט, ווי עס האָבן געהאַט די ייִדיש־שרייַבערס, וואָס זענען געווען עלטער פון זיי אין יאָרן און שרייַבן. די עצם דערשייַנונג פון אַזאַ חבורה, וואָס האָט געפונען אַ היפּשן אָפּקלאַנג אין דער ייִדיש־ליטעראַטור און פּרעסע, וואָס לאָזט זיך נישט זאָגן וועגן דער העברעיִש־ליטעראַטור און פּרעסע, פאַרדינט אַ באַזונדערן באַהאַנדל, אַפילו איצט, און אפשר בעיקר איצט, ווען זי איז שוין לאַנג נישט מער פאַראַנען, אָבער אירע חברים זענען אָרגאַניש פאַרוועבט מיט אונדזער היגן קולטור־פענאָמען, און מיר האָפן צו געפינען אַ שעת־הכּושר זיך באַריכות פאַדראָבנע אָפּצושטעלן. אָבער איצט באַנוגענען מיר זיך מיטן באַמערק, אַז מיר האָבן דעם ענין דערמאָנט, כּדי צו באַטאָנען, אַז שלמה וואָרזאָגער איז געווען דער עלצטער חבר אין דער גרופּע, און האָט שוין געהאַלטן ביַי זיַין פיר און פערציקסטן לעבנסיאָר און דאָס באַדערפעניש צו לייזן די באַזונדערקייט פון אַ יונגן ייִדיש־שרייַבער אין דער היגער, בעיקר העברעיִשער, קולטור־ווערקלעכקייט, ווי אַ טייל פון דער פּאָליטישער, געזעלשאַפטלעכער, ווערטשאַפטלעכער ווערקלעכקייט אין אַן אייגענער מדי־נה, האָט אים געבראַכט צום באַשלוס פון אַזאַ אָנגעהעריקייט. און דוכט זיך אַז די באַזונדערקייט, ווי די גרופּע האָט זיך געפילט און פאַרשטאַנען, איז כּלל נישט פאַרשטאַנען געוואָרן אָדער, לפּחות, נישט לייַטיש פאַרשטאַנען געוואָרן אין דער ליטעראַטור וועגן איר, און עס איז וויַיט נישט קיין פּאַראַדאָקס, אויב איך זאָג, אַז דווקא אירע שטאַרקסטע סימפּאַטיקערס אין גלות, באַזונדערס אַ. לעיעלעס, נ. ב. מינקאָוו, און אַפילו מלך ראַוויטש, וואָס האָבן די עיקר־פּראָבלעם פון דער גרופּע נישט פאַרשטאַנען, שוין מחמת דעם וואָס זיי האָבן עס אַליין נישט געלעבט, אָבער די אויטאָראַ־

טיווקייט פון די וועטעראַנען איז זיי בײַגעשטאַנען אַז דאָס קול זייערס האָט זיך געלאָזט הערן, כאָטש מער ווי זיי האָבן דעם וועג פון דער גרופּע גע־קלערט האָבן זיי אים פֿאַרנעפּלט.

ה

איצט, נאָך אַ היפּש בינטל יאָרן, ווײַזט זיך דער גאַנצער ענין אויס ווײַט און פֿאַרגעסן, אָבער דער רושם זײַנער האָט זיך נישט אויסגעוועפּט, בעיקר אַז דער אינסטינקט פון דער גרופּע חברים איז זיי בײַגעשטאַנען, לויט זייער וועג און זייערע וועגן, זײַן פֿאַרשיידן און אַנדערש. פֿאַר וואָר, ווער עס וועט זיך דערגרונטעוועז צום סוד פון דער באַזונדערער גײַסטיקער אַוואַנטורע, וואָס דריקט זיך אויס אין זייער עצם־שאַפן אין אונדזער לאַנד, דאָס יִידיש־שאַפן, אין דער כּלל־ווערקלעכקייט פון עברית־שאַפן — צי מיט איר, צי בײַ איר, צי קעגן איר — שיידט ממילא פונאַנד דרײַ כוואַליעס, שרײַבער־כוואַליעס, וואָס זענען אַהער געקומען און זיך אויף שטענדיק באַזעצט, פון זינט דער צווייטער עליה און ווײַטער.

צווישן די ערשטע עולים פון דער צווייטער עליה זענען געווען שרײַ־בערס, וואָס זייער שרײַבן איז געווען פריִער טאָפּל־שפּראַכיק; קומענדיק אַהער זענען זיי געוואָרן איינשפּראַכיק און געשריבן בלויז עברית; נאָך זיי, פון זינט דער דריטער עליה און ווײַטער, זענען געקומען צוויי כוואַליעס, יעדע און איר שפּראַכלעכע באַזונדערקייט, דאָס רוב — עברית, דער מיעוט — יִדיש, און נאָך וויניקער האָבן אָנגעהאַלטן אַ צוויי־שפּראַכיקייט, און דער צד־השווה צווישן די צוויי אָפּגעטײלטע מחנות איז געווען זייער באַצי צום שפּראַכנקאַמף, וואָס זײַן עיקר־באַזע איז געווען די מחלוקה וועגן די ווידעראַנאַנדיקע היסטאָרישע און אַקטועלע אָריענטאַציעס, און צווישן די לאַגערן האָט געהערשט אַ טאָפּעלע אָפּגעפרעמדטקייט, וואָס דאָס קווענקל־געזעץ האָט זי נאָך פֿאַרלענגערט נאָך דעם וואָס דער טאָפּל־פּנימדיקער קאָ־טאַקליזם האָט דעם גאַנצן קאַמף מיט דער מלחמה אָפּגעווישט, דען אַזוי פירט זיך שוין דאָס קווענקל־געזעץ (נישט אומזיסט הייסט עס אויך: פויל־קייט־געזעץ, „טרעגהייטס־געזעץ”), אַז געבײַען, וואָס די ווערקלעכקייט האָט זיי געלאָזט אין דער לופטן, מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ באַשטאַנד אויפן באָדן, בפרט ווען דאָס געזעגענען זיך מיט דעם וואָס איז געווען און איז מער נישטאָ, מיינט אַ געזעגענען זיך מיט אַ גרויסן טייל פון דער אייגענער שאַפערישער אויטאָביִאָגראַפיע. און דאָ איז דער אַנטשיידפּונקט, ווו עס גייען זיך פונאַנדער אַלט און יונג, און פון דעם שטאַנדפּונקט איז געווען

באַרעכטיקט דער נאָמען יונג־ישׂראל, וואָס האָט מרמז געווען אויפן יונגן און נײַעם אין דער יונגער און נײַער ווערקלעכקייט. ווער עס וויל זיך דערויף אָפּשטעלן, איז גוט ער זאָל אַדורכקוקן דעם פּראָגראַם פון דער גרופּע, אָבער נאָך בעסער ער זאָל אַרײַנקוקן אין שאַפערישן תּוכן און ריכטונג פון אירע חברים, און אויב ברענגען באַווײַזן, טויג דערצו דער גאַנצער מנין זייערער, איטלעכער לויט זײַן וועג. און אויב זיך באַנוגענען מיט בולטע דוגמות, בפרט אין דער פּראָזע, און איר פאַרשיידנקייט, זענען זיך נישט ענלעך יאָסל בירשטיין און צבי אײַזנמאַן פון איין זײַט און שלמה וואָרזאַגער און אַברהם קאַרפּינאָוויטש פון דער אַנדערער זײַט, בעיקר די צוויי לעצטע, וואָס פורעמענדיק די פאַרשיידענע וועלטן וואָס זיי האָבן דורכגעלעבט, היטן זיי אָפּ איטלעכער אַן אַנדערן סדר פון באַהאַנדל — דער אַ כראָנאָלאָגישע גראַדליניקייט, דער אַ סעריאַלן היפּער, און דער צד־השווה באַשטייט אין פולן פאַרמעסט מיטן לעבן, מיט די געשטאַלטן, סיטואַציעס, נישט אויסטיילנדיק צווישן דער פריִערער וועלט, ווי אַן עיקר, און דער שפּעטערער וועלט, ווי אַ טפל, ווײַלביידע זענען אַן עיקר, פּונקט ווי דער גאַנצער וועג איז דער עיקר.

ו

וואָס שייך שלמה וואָרזאַגערס פּראָזע, וואָס שפּאַנט אַרויף פון שטאַפּל צו שטאַפּל, איז רעכט מיר זאָלן זיך צוהערן צו די שפּעטערע קריטיק־אָפּרופן, וואָס רעאַגירן אויף זײַנע שפּעטערע ביכער (אָנגעהויבן פון יצחק טורקאָוו־גרודבערג און פאַרענדיקט מיט שמעון קאַנץ), אָבער עס איז כמעט נישט איבערצוהיפּערן די פריִערדיקע, בפרט פריסטע קריטיק־אָפּרופן, וואָס האָבן שוין אין ערשטן בוך ברווּט דערשנאַפּט די פעיִקייטן פון מחבר — דאָס יכולת צו פורעמען לעבעדיקע געשטאַלטן און באַשרײַבן לעבנס־באַדינגען און צייכענען פּסיכאָלאָגישע מעמדים מכוח אַ שפּאַנונג פון אַ אומסקרופּלדיקער אָבסערוואַציע, מכוח אַ באַזונדערן סינטעז פון אַ באַזאַכט פאַרשטאַנעניש און אַ געפּיליקע אויפגערודערטקייט. כדאַי אַרויסצוהייבן אַז יהושע ראַפּאָפּאָרט, דער אַדוואָקאַט פון בית שמאי אין דער ייִדיש־ליטעראַטור־קריטיק, וואָס האָט מחמיר געווען מיט גרויסע פירמעס, און איז נישט תּמיד מיט זײַן ניין־זאָג גערעכט געווען (אַזוי איז ער, פולקום אומגערעכט געווען לגבי אַהרן צייטלין, יחיאל האָפער, אויב דערמאָנען צוויי דוגמות וועגן וועלכע איך האָב געבראַכן אַ לאַנץ), האָט אָבער מיט זײַן יאָ־זאָגן כמעט תּמיד געטראָפן אין פּינטל — און אַז עס האָט אים, אין אויסטראַליע,

דערגרייכט דאָס בוך ברויט האָט ער צום מחבר, וועלכן ער האָט נישט געקענט, געשריבן אַ בריוו מלא שבחים, בעיקר פאַר זײַן יכולת מיט ווייניק ווערטער, אַפילו מיט שטילשווײַגן צו זאָגן אַ סך — אַ מידה, וואָס די ייִדיש־פּראָזע באַנייטיקט זיך אין איר. פון באַזונדערער חשיבות איז אויך דער אָפּרוף פון יעקב גלאַטשטיין, וואָס האָט אונדזער מחבר געקענט ווי אַ דיכטער, און באַקומענדיק זײַן בוך ברויט, האָט ער דעם מחבר געמאָסטן לויט זיך אַליין — פּאָעזיע ווי די עיקר־שאַפונג, פּראָזע ווי אַ זײַטיקע שאַפונג — און האָט אין זײַן קריטיק אויסגעבולט צוויי פּונקטן, איינער לגנאַי — דער כאַראַקטער פון פאַרגעדענקטן אמת, וואָס ער קומט אים אָן שווער גובר צו זײַן זײַן אייגענעם רווישטאָף; איינער לשבח — די גרויסע ווירטואָזיש־קייט אין באַנוץ פון טאָג־טעגלעכן ייִדיש־לשון, און אפשר האָט אויך דאָ גלאַטשטיין אַרויסגעהויבן זײַן אייגענע מידה — די דאָזיקע ווירטואָזישקייט איז דאָך דער גרעסטער דערגרייך פון זײַן אייגענער דיכטונג אין איר צײַטיקסטער מדרגה.

נאָך עפּעס, גלאַטשטיין האָט ווי פּירויסגעזען דעם אָפּקלײַב פון שלמה וואָרזאָגערס 9 סיפּורים — זאָגט ער דאָך אין זײַן אָפּרוף, אַז ברויט איז געבויט אין קאַפּיטלען, וואָס אַיעדעס פון זיי איז אַ קאָמפּאָזיציע פאַר זיך. מעגלעך אַז ער האָט זיך משער געווען, אַז דאָס איז אַ גרונט־כאַראַקטער פון וואָרזאָגערס פּראָזע־אויפבלי. באמת באַשטעטיקט ער זיך אין זײַנע קומענדיקע ביכער, אַזוי אַז ער האָט געקענט אַרויסגעבן אַן אָפּקלײַב פון ניין פּרקים פון זײַנע ביכער, און יעדער פּרק זאָל מסוגל זײַן צו מאַכן דעם רושם פון אַ געשלאָסענער נאָוועלע.

מיר ווייסן נישט, ווי וועט גיין דער המשך פון דער פּראָזע — צי וועט ער גיין אין וועג פון איין סאָרט שרײַבערס אונדזערע, וואָס לאָזן זייערע כתבים לויטן מישקל ראשון, אָן שינויים און אָן תּיקונים, אָדער אויפן וועג פון אַנדערן סאָרט שרײַבערס אונדזערע, וואָס קערן זיך אום צו זייערע כתבים, פּערפּעקציאָנירן זיי, און באַשענקען זייער בכור מיט דער קינסטלע־רישער רײַפקייט פון זייער בן־זקונים.

ז

און צו לעצט אַ וואָרט וועגן דעם איבערזעצער פון בוך 9 סיפּורים — משה יונגמאַן, אַ צווייִשפּראַכיקער שרײַבער, מיט אַן אינטערעסאַנטן שפּראַכ־אויפטייל — ווי אַ שאַפער, אַ פּראָמינענטער ייִדיש־דיכטער, ווי אַן איבערשאַפער, אַ וואַגיקער איבערזעצער, סײַ פון ייִדיש אין העברעיִש —

זע זײַן בריהשאַפט לגבי פּראָזע, אי בעלעטריסטישע (ראָזאַ פּאַלאַטניק, מנוחה ראָם) אי מעמואַריסטישע (מלך ראַוויטש), סײַ פון העברעיִש אין ייִדיש — זע זײַן בראַוור לגבי פּאָעזיע (אַברהם שלאָנסקי). ער ווייסט גוט אַז די איבערזעץ־מסורה פון ייִדיש אין עברית איז אַ קאָנטראַרע — פון איין זײַט די מסורה פון מענדעלע וואָס לגבי זיך אַליין, און וואָס עס האָט זי ממשיך געווען י. ד. בערקאָוויטש לגבי שלום־עליכם, די וואָס באַזירט אויף אַ הויכן שפּראַכסטאַנדאַרד, וואָס טראָגט אין זיך די סכּנה פון קלאַסיציסטישער געפּרווירנקייט, פון דער אַנדערער זײַט דער אויפלען קעגן דער שיטה אין נאָמען פון אַ וויטאַלערן שפּראַכסטאַנדאַרד, וואָס טראָגט אָבער אין זיך די סכּנה פון פּאָפּוליסטישער איבערגעטשאַדעטקייט, און ווער עס וויל אויסמײַדן בײדע סכּנות, ווי עס טוט יונגמאַן, איז מקיים וואָס חז״ל זאָגן וועגן יענעם וואָס שטייט צווישן אַ שטעג פון שניי און אַ שטעג פון פײַער: יהלך באמצע — ער גייט אין דער מיטן. יישר כּוחו.

[תשל״ט]

יִדישקייט און אירע קאָלעקטיווע ווערטן

וועגן משה שטאַרקמאַן

א

אויב נאָכגיין דעם אָנגענומענעם מנהג, און זיך לאָזן, קודם־כל, אין כוללדיקע, כאָטש אויבנאויפיקע שטריכן, אינפאָרמירן וועגן פּאַרשוין און זײַן אויפטו, לויט פּובליקירטע בּיאָ־ביבּליִאָגראַפישע, לעקסיקאַלע ידיעות, וועלן מיר לגבי משה יוחנן שטאַרקמאַן, זיך געפינען אין אַ שטיקל מצודה. אמת, ער פאַרמאָגט שוין אַן ערך אין לעצטן, פערטן באַנד פון זלמן רייזענס לעקסיקאָן פון דער יִדישער ליטעראַטור און פּרעסע, האָט אָבער נאָך נישט קיין ערך אין נײַעם לעקסיקאָן פון דער נײַער יִדישער ליטעראַטור, וואָס ער, שטאַרקמאַן גופא, איז געווען איינער פון זײַנע רעדאַקטערס; ווײַל, ווי באַקאַנט, האָט דער דאָזיקער לעקסיקאָן דערגרייכט זיבן בענד, און זיך אָפּגעשטעלט, אַזוי אַז עס זענען, לאַנג נישט אַרויס די לעצטע פיר אותיות פון אלף־בית. און דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ גרויסע נפקא־מינה, ווײַל, ווען רייזענס דערמאָנטער באַנד איז אַרויס (1929), איז שטאַרקמאַן, וואָס איז געבוירן געוואָרן מיט דרײַ־און־צוואַנציק יאָר פריִער (1906), און איז מיט קאַרגע נײַן יאָר צוריק (1920), זייענדיק נאָך אַ יִינגל, וואָס איז קוים אַריבער די שוועל פון בר־מצווה, געקומען קיין אַמעריקע, ווו ער האָט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, נישט בלויז דעביוטירט אין דער יִדישער ליטעראַטור און פּרעסע, נאָר אַפילו שוין דערשנאַפּט זײַן וועג אין זײַנע עיקר־ריכטונגען, כאָטש נאָך ווײַט געווען, זיך משער צו זײַן, וואָס עס קאָן און זאָל זײַן זייער אויסמאָס און פּראָפּאָרציע.

אמת, וואָס מיר לייענען אין רייזענס ערך איז, ווי אָן אָנזאָג, נישט ווייניק — לערנען מיר דאָך אָפּ, אַז אין די זיבן יאָר, זײַט ער האָט, אַ זעכצן־יאָריק יִינגל (1922), אָנגעהויבן שרײַבן, האָט ער פאַרעפנטלעכט דערציילונגען, פעליעטאָנען, מאמרים, קינדער־מעשהלעך, אין כלערליי בלעטער און זשורנאַלן פון כלערליי ריכטונגען און זשאַנערן („פרייהייט", „יִדישעס טאַגעבלאַט", „דער קונדס", „דאָס אידישע פאָלק", „פרײַע אַרבעטער שטימע", „דער אַמעריקאַנער", „יוגנט־זשורנאַל", „באַגינען", „די

פעדער" וכדומה). נאָך מער, ער איז געווען דער ניו־יאָרקער קאָרעספּאָנ־דענט פון דער צייטונג, אויף וועלכער ער האָט זיך מסתמא געכאָוועט אין דער אַלטער היים — דאָס לעמבעריקער ציוניסטישע „טאָגבלאַט", און האָט געמאַכט אַ פּרווו פון רעדאַקטערשאַפט — איז ער דאָך אַ קורצינקע צייט (1925), געווען סעקרעטאַר פונעם רעדאַקטער פון דעם אָרטאָדאָקסישן „דאָס אידישע ליכט", און דאָרט האָט ער אויך אָנגעהויבן זײַן גרעסערע איבער־זעצערישע אַרבעט (מאיר לעהמאַנס ראָמאַן „יאַקאַבינאַ"), און וואָס איז נישט ווייניקער חשוב: ער האָט זיך שוין דעמאָלט פאַרשניטן אויפן פאַרשערישן וויסנשאַפטלעכן וועג, — מיר הערן, אַז ער גרייט אַ מאָנאָגראַפיע וועגן אברהם מיכל שאַרקאַנסקי, וואָס איז שוין מיט יאָרן צוריק (1907) געשטאָרבן אין משוגעים־הויז, אָבער זײַנע פּיעסן, אין מעלאָדראַמאַטישן נוסח, וואָס האָבן אויסגעדריקט אַ פּרימיטיווערן שטאָפּל פון דער יִדיש־דראַמע, האָבן זיך נאָך געהאַלטן אויף די ברעטער, און זײַן לעבן און שאַפן האָבן גרייכער געקענט אינטריגירן דעם יונגן פאָרשער פון דער יִדיש־דראַמע, פאַר וועלכער ער האָט געהאַט אַ באַזונדערן אינטערעס, ווי עס באַווײַזן זײַנע שפּעטערע אַרבעטן.

און נאָך צוויי פאַרשוינען אין דער אַמעריקאַנער יִדיש־ליטעראַטור און פּרעסע, האָבן אים דעמאָלט באַזונדערס אינטערעסירט — אַ באַרימ־טער יִדיש־אַמעריקאַנער דיכטער, ווי עס באַווײַזט זײַן אַרבעט וועגן מאָ־ריס ראָזענפעלדס אָנהייבן (אין פּנקס פון דער אַמעריקאַנער סעקציע פון ייִוו"אָ), און אַ באַוווסטער יִדיש־אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער אידעאָ־לאָג און פּובליציסט, ווי עס באַווײַזט זײַן אַרבעט וועגן פיליפּ קראַנצס באַגעגענישן (אין דריטן באַנד פילאָלאָגישע שריפטן פון ווילנער ייִוו"אָ).

ב

נאָך כאַראַקטעריסטישער איז דער אָנווײַז, אַז שטאַרקמאַן האָט זיך באַמיט אַרום אַ גרעסערן פּלאַן — צוגרייט פון אַ פולער ביבליאָגראַפיע וועגן דער נײַעסטער יִדיש־ליטעראַטור (זײַט מענדעלע און ווײַטער), און כאָטש ער האָט אַזאַ כוללדיק ווערק נישט אַרויסגעגעבן, האָט אים דאָס אײַנגעזאַמלט מאַטעריאַל — און אַזאַ זאַמלער איז ער געווען כל ימיו — שפּעטער געדינט אין זײַן אייגענער, פאַרצווײַגטער פּובליציסטישער, קריטישער און וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. די דאָזיקע אַרבעט זײַנע, וואָס האָט באַזירט אויף זײַן אומדערמידלעכער לעקטור פון דער העברעישער און יִדישער ליטעראַטור און פּרעסע און וועגן איר, האָט אים געמאַכט פאַר

איינעם פון אירע בקיאים. און אַז מען גיט נאָך צו, דאָס אין יענער צײַט, האָט ער געהאַט אַ פּאָסטן אין ייִדישן אָפּטייל פון דער באַקאַנטער ניו־יאָרקער שטאָט־ביבליאָטעק (פּאַבליק לייברערי), וועלכן עס האָט שוין, זײַט עטלעכע יאָר (פון 1923), אָנגעפירט יהושע בלאָך, פאַרשטייען מיר, אַז ער האָט געהאַט אַ גוטן שעת־הכושר זײַן פּלאַן לײַטיש אונטערצובויען.

וואָס איז געווען פאַר די ערשטע זיבן יאָר פון זײַן שריפטשטעלערײַ, איז אַ קשיא, אויף וועלכער רייזענס ערך ענטפערט בקיצור: אַ געבוירנער אין גרויס־מאָסט (לשון קודש: מאָסט רבתי, אוקראַיִניש: מאָסטי וועליקי, פויליש: מאָסטי וויעלקע), וואָס מיינט גרונטיק אַ בריק, בריקן, מסתמא אויפן טײַך ראַטאַ, וואָס גייט דאָרט פאַרבײַ. עס איז געווען אַ שטעטל מיט אַ בעיקר ייִדישער באַפעלקערונג, און האָט נאָכן חורבן פון דער קהילה און אויסראָטן פון אירע ייִדן, אַ פיר טויזנט גוייִשע אײַנוווינער (1959). עס געפינט זיך צווישן בעלז, פון צפון־זײַט און זשאָלקיעוו, פון דרום־זײַט, און פאַר איינעם וואָס איז דאָרט אין די לעצטע דורות געבוירן געוואָרן, מיינט עס: צווישן אַ שטאָט מיט אַ בולטער יראיש־חסידישער מסורה (ר׳ שלום רוקח און זײַן דינאַסטיע), און אַ שטאָט מיט אַ בולטער למדניש־משכילישער ירושה (ר׳ צבי הירש חיות, ר׳ נחמן קראָכמאַל), אָבער דער קליינער משה האָט דאָ נישט פאַרבראַכט די גאַר קינדערשע יאָרן זײַנע — ביז זיבן יאָר זײַנע האָט ער געלעבט אין אַ דאָרף אין די קאַרפּאַטן, ווו דער פאָטער איז געווען אַ שענקער און אַ משגיח איבער וואַלד־אַרבעטער, און איז, מסתמא נישט פאַר צופיל ווילטאַג, אַהין פאַר־וואָגלט געוואָרן. דאָס ייִנגל איז צוריק קיין מאָסט (1913), ווו ער איז געגאַנגען אין חדר, אין דער רעגירונגס־שול, אויך אין אַ העברעיִשער שול. לגבי דעם המשך פון לימודים, נאָך זײַן עמיגראַציע קיין ניו־יאָרק — ווערן אויסגערעכנט די פּאַבליקסקול, די באַראָן־הירש־פּאַך־שול, דער ייִדי־שער לערער־סעמינאַר.

ג

עד־כאן וואָס מיר האָבן געלייענט אין רייזענס, כמעט פופציקשורהדיקן ערך, און וואָס מיר האָבן פון זײַנע פּרטים אַרויסגעדרונגען און אָפּגעע־לערנט. אָבער ווען מיר האָבן צומערשט דעם ערך געלייענט, איז אונדז געווען אַ חידוש צווישן דעם פּאַבליק־סקול און צווישן דעם לערער־סעמי־נאַר צו זען דערמאָנט אַ גראַדואירטע באַראָן־הירש־סקול, וואָס מיינט נישט אַ גאַליציִשע, נאָר אַ ניו־יאָרקער אינסטיטוציע, פּונקט ווי עס איז פאַר

אונדז געווען אַ חידוש דער ענין העברעיִשע שול אין מאָסט, וואָס נ. מ. געלבער, דערמאָנט זי נישט אין זײַן געשיכטע פון גאַליציש ציוניזם, און נישט אין לייסטער פון די העברעיִשע שולן, פונקט ווי ער דערמאָנט נישט דאָס שטעטל אין לייסטער פון ציוניסטישע לאָקאַל־גרופן.

אָבער וואָס מיר קאָנען נישט קאָמפּלעטירן, לויטן נײַעם, נישט דער־גאַנצטן ייִדישן ליטעראַטור־לעקסיקאָן, קאָנען מיר טאָן לויט אַ בריוו פון שטאַרקמאַן גופא, און דאָס פון אַ סך שפּעטערער דאַטע (7 יולי 1957 — עס איז אַ תשובה וועגן ביאָגראַפישע ידיעות בנוגע זיך אַליין.

קודם כל האָבן מיר דאָ די גענויע געבוירן־מעטריקע — 25 סעפּ־טעמבער 1906, און דאָס געבוירן־אָרט, וואָס האָט באַלאַנגט צו עסטרײַך, שפּעטער צו פּוילן, און איז איצט אַ טייל פון סאָוועטישער מערב־אוקראַיִנע. ער דערמאָנט זײַן דערציִונג — חדרים, לערנען „פּאַר זיך" אין בית־מדרש, אַ פּוילישע מלוכה־שול, און שטרײַכט בעיקר אונטער דעם אויטאָדידאַק־טישן כאַראַקטער פון זײַן בילדונג, און זאָגט, אַז ער האָט ממש „געוויקט אין אַלע לשון־קודשדיקע, נײַ־העברעיִשע און ייִדישע ביכלעך, וואָס זענען מיר געקומען אין האַנט אַרײַן, אַרײַנגערעכנט אַלע ייִדישע טעאַטער־פּיעסן, וואָס דער פּשעמישלער פּאַרלאַג, אַמקרויט עט פרײַנד, האָט אַרויסגעגעבן אויפן יסוד פון סופליאָרישע קאָפּיעס, און זיך געלערנט שרײַבן דעם ליטעראַרישן נײַ־העברעיִש".

פון די פּרטים לערנען מיר בעיקר אָפּ צוויי זאַכן — ערשטנס, אַז ער איז שוין געקומען קיין אַמעריקע כמי שמילא כרסו מיט אַ ים לעקטור; צווייטנס, אַז אין דער לעקטור איז גאָר בולט דער דראַמאַטיש־טעאַטראַ־לער עלעמענט, אַזוי אַז עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס זײַנע ערשטע פאָרשערישע אַרבעטן זענען פון דעם תחום. אַזוי־ווי ער רעכנט נישט אויס קיין העברעיִשע שול, וועלן מיר דערמאָנען וואָס עס האָט אונדז איבערגעגעבן זײַן לאַנדסמאַן, ד"ר יעקב ראָט, אַ ייִדישער גלאָבטראָטער, וואָס האָט זיך באַזעצט אין פּאַריז — איינמאָל, איז צו זיי קיין מאָסט, געקומען מיטן זשאָלקווער שטראָז, אַ יונגערמאַן, וואָס האָט געהאַלטן אַ לאַבן־ברויט, אײַנגעוויקלט אין אַ בלאַט־צײַטונג, און געזאָגט, אַז ער וויל עפענען אַ העברעיִשע שול, און די יוגנט האָט זיך צוגעכאַפּט דערצו, און דער יונגערמאַן, וואָס איז געווען אַ בעל־פּועל אין קנעלן, האָט געשמאַק געלערנט אַ צוויי טוץ ייִנגלעך, דאַרונטער משה שטאַרקמאַן אָבער נאָך אַ קורצער צייט האָט דער יונגערמאַן גענומען אַ לאַבן ברויט, עס אײַנגע־וויקלט אין אַ בלאַט־צײַטונג, און זיך געלאָזט צו פוס אויפן זשאָלקווער

שטראַז, און די שול איז געבליבן אָן אַ לערער. האָט ער, יעקב ראָט, אָנגעגורט די לענדן און ממשיך געווען די שול — און אַזוי אַרום איז ער געוואָרן משה שטאַרקמאַנס העברעיִש־לערער און האָט עס מיט צופֿרידנ־קייט דערמאָנט. הייסט עס, אַז נאָך דאָ, אין מאָסט, האָט זיך אויסגעפֿיקט שטאַרקמאַנס אַקטיווע צווישפּראַכיקייט, בשעת די איבעריקע שפּראַכן וואָס ער האָט געקענט — דײַטשיש, פּויליש, און מסתמא אויך אוקראַיִניש (לפּחות ווי אַ שמועס־שפּראַך) האָבן בײַ אים געשפּילט אַ פּאַסיווע ראָל, פּונקט ווי שפּעטער, זײַן ענגליש, וואָס ער האָט אויסגעצייכנט באַהערשט, האָט אים היפּש געדינט בעל־פּה — רעפֿעראַטן, לעקציעס — אָבער גאָר ווייניק בכתב, און מיט רעכט האָט עס עזריאל נאַקס אונטערגעשטראָכן.

ד

וואָס מיר ווילן צו דעם דאָזיקן אונטערשטרײַך צוגעבן איז, אַז עס איז נישט קיין אָפּטע דערשײַנונג לגבי אײנעם, וואָס איז אַ בר־מצוה־ייִנגל געקומען קיין אַמעריקע, און זײַן העכערע בילדונג געקריגן אין ענגלישע לערן־אינסטיטוציעס. עס איז מסתמא כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַ באַזונדערן טיפּ און מענטאַליטעט פֿון דער מזרח־אייראָפּעיִשער עמיגראַציע־כוואַליע פֿון פֿאַר און עפּעס נאָך דער ערשטער מלחמה. אָם נאָענטסטן איז, דאַכט זיך, די דוגמה פֿון דעם, מיט גאַנצע צוואַנציק יאָר עלטערן משה נאַדיר (יצחק רייז), וואָס איז אויך, זײַענדיק אַ בר־מצווה ייִנגל, געקומען קיין אַמעריקע. אָבער מיר האָבן דאָ אַ צד השווה און אַ צד השונה. וואָס שייך דעם צד השונה — דער נאַראַיעווער משה (יצחק) האָט נישט געוווּסט, אַז עס איז דאָ אַ ייִדישע ליטעראַטור און האָט זיך, ערשט פֿיר יאָר שפּעטער, דערוווּסט דערפֿון און געפֿונען אַ קאָנטאַקט צו איר: דער ייִנגערער מאָסטער משה (יוחנן) האָט עס יאָ געוווּסט און געפֿונען תּיכף דעם קאָנטאַקט. דער צד השווה — ביידע זענען געקומען מיט זייערע מאַמעס קיין אַמעריקע, צו די טאַטעס זייערע, וואָס זענען שוין דאָ פֿריִער געווען — דעם עלטערנס טאַטע, אַ זלאָטשעווער, וואָס האָט געהאַט כלערליי מלאכות און ווייניק ברכות — אַ תּבואה־סוחר, אַ האָניק־סוחר, אַ דײַטשיש־לערער, האָט עמיגרירט עפּעס פֿריִער פֿאַרן ווײַב און קינדער; וועגן ייִנגערנס טאַטע הערן מיר פֿון דערמאָנטן בריוו: „1920 געקומען קיין אַמעריקע, — מיט דער מאַמען. דער טאַטע איז אַוועק קיין אַמעריקע ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווײַל ער איז געווען אַ רעזערוויסט אין דער עסטרײַכישער קאַוואַלעריע, און מורא געהאַט אַז מען וועט אים מאַכן פֿאַר אַ גענעראַל".

ה

דער הומאָריסטישער טאָן דאַרף אונדז נישט פאַרשטעלן אַ פּאָר וואָגיקע עובדות — ערשטנס, אַז דער פאָטער איז געווען אַן עסטרײַכישער זעלנער און דאָס אַ קאַוואַלעריסט, אַ סאָרט באַרימטן מיליטער (דראַגאָנער, אולאַנער — אגב, אין זשאָלקעוו, איז געשטאַנען אַן אולאַנער־רעגימענט), צו וועלכן מען האָט ייִדן זעלטן צוגעטיילט, און ווו עס האָבן געדינט פיזיש שטאַרקע פאַרשוינען; צווייטנס, אַז דער פאָטער איז אַוועק פון מאָסט לפּחות פאַר אויגוסט 1914, משמע ער האָט זײַן זון משה איבערגע־לאָזט אַ קינד פון אַכט יאָר, בלויז אין יאָר נאָך זייער פאַרוויַילן אין די קאַרפּאַטן. קומט אויס, אַז אויב ער מיט דער מאַמע האָבן זיך דעמאָלט אומגעקערט קיין מאָסט — האָט זיך דאָס ייִנגל געכאַוועט אַ גוטע זעקס יאָר, — דערונטער די ערשטע וועלט־מלחמה, די רוסישע אינוואַזיע, דער אוקראַיִנישער (פּרעדקאַרדאַני) אינטערוואַל, די פּוילישע אַנעקסיע, — אַן אַ טאַטן. דאָס האָט זיך זײַנע חסרונות — בעיקר דעם אויספעל פון אַן אויטאָריטאַטיווער השגחה; האָט זיך אָבער אויך זײַנע מעלות — דער הכרח פון שטעלן זיך אויף זיך אַליין, און נאָכגיין אַ גוטן אינסטינקט. דערוועגן הערן מיר טאַקע אין בריוו־המשך: „פון קינדוויַיז־אָן, געווען אונטערן אײַנדרוק, אַז יעדער אמתער ייִד דאַרף שרײַבן ספרים און זינט איך געדענק זיך ,צי איך מיטן שרײַב־שטאָק׳, אָבער ערשט 1922 געזען די ,פרוכט פון מײַן פען׳, אין דער פאָרעם פון סקיצן און איבערזע־צונגען פון דערציילונגען״.

די צווי, אין אָנפיר־צייכנס, געבראַכטע פראַזעס, גייען פון לשון־קודש: די איינע פון שירת־דבורה: מושכים בשבט סופר; און ער גייט דאָ נאָך יהואָשן, וויַיל די עלטערע איבערזעצערס האָבן: רוט, שטאָב און נישט שטאָק; די אַנדערע: פרי עטי, אַ משכילישע מליצה, וואָס האַלט זיך ביז איצט (אבן־שושן ברענגט אַ דוגמה ערשט פון אחד־העם).

מיר ווײַזן דאַרויף אָן, וויַיל עס איז מרמז אויף אַן עברי־טייטש־נטייה, וואָס האָט געפונען אַ בולטן אויסדרוק נישט בלויז אין זײַנע אַרבעטן, בעיקר וועגן טײַטש־חומש, נאָר אַפילו אויף זײַן העברעיִשן פען־נאָמען — חזקוני, וואָס, אין פלוג, איז עס אַ פּיקאַנטער איבערזעץ פון שטאַרקמאַן, אָבער די פּיקאַנטעריע באַשטייט אויך דערינען, וואָס חזקוני איז דער נאָמען פון ר׳ חזקיהו ב״ר מנוח׳ס פירוש אויף תורה און רש״י, וואָס איז אַ וואָגיקער, אויב נישט דער וואָגיקסטער מקור פון דער „צאינה וראינה״.

ו

ווען זײַן לעבנס־גאַנג אין אַמעריקע הערן מיר עפּעס מער פּרטים ווי בײַ רייזען: „געלערנט ענגליש אין פּאַבליק־סקול, הײַסקול, גענומען אַ צאָל קורסן אין סיטי־קאָלעדזש, געווען געהילף־סעקרעטאַר פון ייִדישער געזעלשאַפט, גענומען קורסן אין ייִדישן לערער־סעמינאַר, ווו ש. ניגער, יעקב שאַצקי, עליהם השלום, און יודל א. יאָפע האָבן מיר געהייסן אויפהערן זיך דרייען אַ קאָפּ מיט „שטודירן״, און בעסער נעמען צו פּאָרשט־אַרבעט, ווײַל איך האָב די דאָזיקע לערער מײַנע „פּאַרבליפט״ מיט מײַנע „פּענאָ־מענאַלע״ ידיעות בנוגע געשיכטע פון ייִדישער ליטעראַטור און פּרעסע״.

די קשיא, צי די אויטאָאיראָניע, וואָס שטעקט בעיקר אין די אָנפּיר־צייכנס („פּאַרבליפט״, „פּענאָמענאַלע״), איז אַ געשפּילטע אַדער אַ נישט־געשפּילטע, איז, לויט מײַן סברה, מחייב אַ טאָפּעלע תשובה: אי דאָס, אי דאָס. און מײַן סברה שטיצט זיך אויף דעם, וואָס איך האָב פאַרנומען פון אים, משה שטאַרקמאַן גופא — אין מײַן רעפעראַט בײַם ייִוואָ־באַנקעט אין ניו־יאָרק (ג׳ טבת תש״ל), וואָס איך האָב אָפּגעדרוקט סײַ ייִדיש (אין מײַן בוך „היימישע כתבים״, צווייטער טייל, תשל״ג, ז״ז 432—442), סײַ העברעיִש (אין מיין בוך „אבני מפתן״, דריטער באַנד, תשל״ב, ז״ז 343—352), האָב איך געפּרווּט פּראָפּאַגירן דעם געדאַנק, אַז מען זאָל דעם ייִדישן טערמין: ייִדיסטיק, אויסבײַטן אויף אַן אייגענערעם, היימישערן טערמין: חכמת־ייִדיש; דען פּונקט ווי יודאַיִסטיק רופט זיך היימעשלעך: חכמת־ישראל, אַזוי דאַרף זיך ייִדישיסטיק, וואָס איז איר אָרגאַנישער טייל, רופן: חכמת־ייִדיש. משה שטאַרקמאַן איז אין אַ שמועס מיט מיר, בסמוך מײַן רעפעראַט, אויף דעם פּירלייג אײַנגעגאַנגען, פּשוט, ווײַל ער אַליין באַציט זיך אַזוי דערצו הלכה־למעשה, און — האָט ער דאָך זײַן פאָרשערישן און קריטישן באַמי, אין ייִדיש און אַרום ייִדיש, תמיד באַטריבן אין באַוווסטזײַן פון אַ שייכות צו אַ גרויסן, טאָטאַלן קולטור־קאָמפּלעקס, און וואָס עס האָט אים געפעלט — איז טאַקע די דאָזיקע נאָמענקלאַטור.

מעגלעך, אַז אין אַזאַ גרויסער רעם — האָט ער געזאָגט — ווערט עס עפּעס סקוטשנע, ווײַל מען זעט, אַז לויט די אויפטועך און אויפטוערס אין דער עלטערער, און ממילא גרעסערער, רעם פון דער מאָדערנער יודאַיִס־טיק, זײַט ר׳ יום טוב ליפּמאַן צונץ און ר׳ שלמה יהודה לייב ראַפּאָפּאָרט, זעען זיך די אויפטוען פון דער ייִנגערער און ממילא קלענערער, רעם פון דער מאָדערנער ייִדישיסטיק, צניעותדיקער אויס, ווי מיר האָבן זיך געוווינט,

פראָווענדיק אַ שבת פאַר זיך; אָבער די גרויסע כוללדיקע רעם איז די אָרגאַנישע אַטמאָספער, וואָס נעמט אַרום אונדזער כוללדיק היסטאָריש און אַקטועל וויסן וועגן זיך אַליין פון בראשית ברא עד עצם היום הזה. נו יאָ, — האָט ער ממשיך געווען — אויף אַ גרעסערער, טאָטאַלער מאָפּע וויַיזן זיך די פּאָזיציעס אויס אין אַנדערע פּראָפּאָרציעס, און אַ סך גרויס־וואַרג שטעלט זיך אַרויס ווי קליינוואַרג, אָבער מען קאָן נישט לייקענען, אַז מיר דאַרפן זען די דערשיינונגען, נישט ווי אונדזער ווונטש רעדט אונדז אָן, זיי צו זען, נאָר ווי דער אמת איז אונדז מחייב זיי צו באַטראַכטן. דו וויסט — האָט ער פאַרענדיקט — מיט אַ דור אָדער צוויי דורות צוריק האָבן זיך אויך אין מאָסט אַרומגעדרייט עילויים און עילויטשעקלעך, און דער עולם לערנערס האָט פון זיי הנאה געהאָט און, קלאַסיפיצירנדיק זיי, געמליאָסקעט: דער ראובן איז דאָך אַ בקי, אַ סיני ממש, אַזוינס און אַזעלכעס, און דער שמעון ווייטער איז דאָך אַ חריף, אַן עוקר־הרים ממש, און דער לוי איז גג על גג, וכדומה ודומה לדומה. איינמאָל איז פאַרביי־געגאַנגען דער מאָסטער רב, און געהערט אַזאַ באַרימעכץ, האָט ער אַ זאָג געטאָן: אוי, קינדערלעך, קינדערלעך, איר האָט אַפּנים פאַרגעסן, אַז אין בערזשאַן זיצט ר׳ שלום מרדכי שוואַדראָן און אין גרויס־ראַדימישל — ר׳ שמואל ענגל, און אין סניטין — ר׳ אברהם מנחם מענדל הלוי שטיינבערג, אין אין יאַזלאָוויץ ר׳ מאיר אַראַק, און קיין עין הרע נאָך און נאָך; און ווי לאַנג איז עס, אַז אין לעמבעריק זענען געזעסן ר׳ יצחק שמעלקיש און פאַר אים ר׳ יוסף שאול נאַטאַנזאָן און ביי אונדז אין מאָסט ר׳ שמריה שטיקלער; אוי קינדערלעך, קינדערלעך...

דאַכט זיך, אַז דער דאָזיקער אַנעקדאָט באַרעכטיקט אונדזער סברה, אַז שטאַרקמאַנס אויטאָאיראָניע איז געווען סיַי אַ געשפּילטע, — וויַיל פאַרגליכן מיט די אָדעפּטן פון זיַינע דערמאָנטע דריַי לערערס האָט ער באמת דערשטוינט מיט זיַין אַלזיַיטיקן בקיאות אין דעת־ייִדישקייט; סיַי אַ נישט־געשפּילטע, — וויַיל, פאַרגליכן מיט די קאָריפייען פון אַ גרעסערן, ברייטערן אינטערעסן־תחום אין דעת־ייִדישקייט, לא כל־שכן מיט די גאוני־תורה והוראה, אויך פון די לעצטע דורות, האָט ער פאַרשטאַנען דעם חוב פון עניוות.

ז

אָבער צוריק צו דער אינפאָרמאַציע, וואָס עס אַנטהאַלט זיַין אויטאָביִאָגראַפישער בריוו — צו די ביַי רייזען אויסגערעכנטע זשורנאַליסטישע

פּאָזיציעס קומט צו זײַן שטענדיקע מיטאַרבעט (זינט 1933) אין „טאָג“, וואָס האָט נאָכן צונויפֿגיסן מיטן „מאָרגן זשורנאַל“ געהייסן „טאָג מאָרגן זשורנאַל“ — ער פֿאַרצייכנט, אַז ער איז געווען דער נייעס־רעדאַקטער אין די יאָרן פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה, — דערמאָנט זײַן אָנטייל אין די מערסטע פּובליקאַציעס פֿון ייִוואָ און אין צײַטשריפֿטן, ווי „די צוקונפֿט“, „די גאָלדענע קייט“, „פֿרײַע אַרבעטער שטימע“ „דער אידיי־שער קעמפֿער“, „דער וועקער“, „קולטור און דערציִונג“, „פּיאָנערן פֿרוי“. ער דערמאָנט אויך זײַן העברעיִשן פֿאַרמעג, אויסרעכנדיק די וויכטיקסטע בימות, וווּ ער האָט מיטגעאַרבעט — „ספר השנה ליהודי אמעריקע“, „מצודה“, „סורא“, „הדואר“, „בצרון“ און אַ צאָל צײַטונגען אין ישראל. פֿון זײַן מיטרעדאַקטערשאַפֿט הייבט ער אָפּ די זאַמלביכער „המשך“ (1939—1943), די „המשך־אַנטאָלאָגיע“, פֿון דער ייִדיש־פּאָעזיע אין אַמע־ריקע (תשי״א), די רעדאַקטערשאַפֿט פֿון ייִדיש־אָפּטייל אין נײַן בענד פֿון דרײַ־שפּראַכיקן (העברעיִש, ייִדיש, ענגליש) יאָרבוך פֿון אַמעריקאַנער יידישן ביכער־ראַט, און אַחרון־אַחרון — די מיטרעדאַקטערשאַפֿט אין לעק־סיקאָן פֿון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור.

ח

עס איז, פֿאַרשטייט זיך, דער אַחרון אַחרון אין זײַן בריוו, אָבער ווײַט נישט אין זײַן לעבן. אמת, זײַן אָנטייל אין דערמאָנטן לעקסיקאָן נעמט אַרום אַלע זיבן בענד (אין ערשטן ווי דער רעדאַקציע־סעקרעטאַר פֿון זײַנע לערערס, ניגער און שאַצקי, אין אַלע איבעריקע ווי אַ מיטרעדאַק־טער), און ציט זיך צוועלף־דרײַצן יאָר (1956—1968), אָבער נאָך דער דאַטע פֿון זײַן אויטאָביִאָגראַפֿישן בריוו, האָט ער געלעבט און געווערקט אַכצן יאָר, אין וועלכע ער האָט מקיים געווען חי הוא יודך, און זיי זענען, ווי אַלע זײַנע יאָרן, געווען פֿול דינאַמיק, אַקטיוויטעט, אַזוי אַז עס קומט נאָך צו אַ היפּשער און פֿאַרביקער שטויס פֿון זײַנע פֿיל־טעמאַ־טיקע פּובליקאַציעס. אַז עס וועט אַמאָל אַרויס אַ פֿולע ביבליִאָגראַפֿיע זײַנע — און ער, וואָס האָט זיך אַזוי געפֿלײַסט מזכה צו זײַן פֿאַרשווינען און אויפֿטוען, האָט עס ערלעך פֿאַרדינט — וועט זיך ערשט אַרויס־ווײַזן, ווי ווײַט עס איז דער היקף, וואָס זײַן שרײַבן האָט געגרייכט. ווי אַן אילוסטראַציע דערצו וויל איך אַרויסהייבן צוויי דוגמות — ערשטנס, מײַן פֿריִעסטע קאַנשאַפֿט מיט זײַן שרײַבן איז געווען זײַן שטענדיקע רובריק וועגן דער לעבעדיקער ליטעראַטור אונדזערער, און איר צוויי־

אָדער דרייַ־שפּראַכיקייט — געווען אַזעלכע גרויסע פּרוון פאַר אים (פּרץ ווירניק) און קלענערע נאָך אים (מרדכי יאָפּע), אָבער ער האָט עס געטאָן אין אַ פולער האַרמאָניע פון שפּילערישער לייַכטקייט און סטריקטער פּרע־ציזקייט, און איך, און מסתמא אויך אַ סך אַנדערע לייענער, האָבן באַדויערט, וואָס ער האָט נישט ממשיך געווען. כאָטש ער האָט אונדז פאַרגיטיקט מיט סעריעס פון אינטערעסאַנטע, באַלערנדיקע טעמעס. צווייטנס, נאָך זייַן פּלוצימדיקער, אומגעריכטער פּטירה, אויפן שוועל פון ימי שנותינו, האָט מען ערשט געגומען רעכט שטוינען און באַדויערן, ווי דער טאַלאַנ־טירטער, געבילדעטער און רעכטער תלמיד חכם האָט צעזייט זייַנע אַרבעטן, און האָט זיך נישט געזאָרגט לפּחות אַ לייַטשישן אָפּקלייב אַרויסלאָזן אין ביכער־טאָוולען, און עס איז אויפגעקומען דער געדאַנק עס, לזכר אים און זיין ווערק צו טאָן, און זייַן לעבנס־באַגלייטערין, די איידעלע מרת רחל שטאַרקמאַן, האָט אויף זיך גענומען, אַזאַ אָפּקלייב צוצוגרייטן, און האָט עס אויך, מיט גרויס מסירות און באַהאַוונטקייט אויסגעפירט — האָט בלויז דער אָנבליק, מה דאָך דער דורכקוק פונעם אָפּגעקליבענעם מאַטעריאַל געמאַכט דעם בפירושם רושם פון embarras de richesse (דער קלאָפּאָט פון עשירות). און אַזוי איז דער רושם פון יעדן, וואָס האָט דאָס געזעמל לוסטרירט, און לכל־לראש פון אונדזערע ליבע פריינט, יצחק יאַנאַסאָוויטש, מרדכי חלמיש, אברהם אקנער, יעקב יאָזעליט, וואָס האָבן באַשטימט דעם דרך פון ערשטן אָפּקלייב, וואָס ליגט איצט פאַר אונדז, און נעמט אַרום דרייַ גרויסע רובריקן:

ערשטנס, פאָרשונגען וועגן יידיש־וואָרט אין די פאַראייניקטע שטאַטן (אָנהייבן און אָנהייבער, אויפטוען און אויפטוער, לאַנגיאָריקע פּובלי־קאַציעס, זייער גאַנג און סך־מכל); צווייטנס, אָפּשאַצן פון עטלעכע דריי־סיק שרייַבערס, צומייסט יידישע און עטלעכע העברעישע, און זייערע ווערק, — פּאָעטן, דערציילערס, עסייַסטן, אַ גרויסער דורכמאַרש פון אונדזער ליטעראַטור, בעיקר אין צפון־אַמעריקע, און צום טייל אין ארץ־ישראל; דריטנס אַן אָפּקלייַב פון אַכט עסייען וועגן גרויסע פיגורן פון מיטלעלטער ביז הייַנט, אין כלערליי תחומים (פרשנות, פּאָעזיע, פילאָזאָ־פיע, פּובליציסטיק, היסטאָריאָגראַפיע, פּעדאַגאָגיק), אַ רייַכע אַנטאָ־לאָגיע פון שטאַרקמאַנס כתבים וואָס זייַענדיק אַ מעט מהרבה, בעט זי זיך: המשך יבוא.

די נאָענטע פריינט פון משה שטאַרקמאַן, צו וועלכע איך האָב דעם כבוד זיך צו פאַררעכענען (במשך לאַנגע יאָרן איז צווישן אונדז אָנגעגאַנגען

אַ בריוו־אויסטויש, וואָס האָט כמעט נישט איבערגעהיפּערט קיין וואָך, און זײַנע בריוו סײַ צו מיר, סײַ צו אַ סך אַנדערע, זענען אַ מין כראָניק פון אונדזער ליטעראַטור), האָבן געקלערט אים, צו זיין שבעים, מכבד צו זײַן מיט אַ יובל־שריפט ווי ער האָט דאָס מכבד געווען אַנדערע, — אַרויס־געבנדיק ספרי־יובל ווי, אַ שטייגער, „עטרת שלמה", לכבוד שלמה ביקל; „חסד לאברהם", לכבוד אברהם גאָלאָמב; דאָס בעריש־ווײַנשטיין בוך וכדומה.

ט

בעצם, איז משה שטאַרקמאַן געווען אַן אינסטיטוציע, אויף וויפל אַזאַ, וואָרט, וואָס זײַן באַטייט איז אַ גאָר נאָענטער קרוב פון שטייען, פּאַסט זיך פּאַר אַ געשטאַלט, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אין שטענדיקער עלאַסטישער רירעוודיקייט און פלאַטערנדיקער באַוועגטקייט — אויב איך מעג מיך סומך־זײַן אויף מײַן אָבסערוואַציע, ווען איך האָב זיך אים נײַגע־ריק צוגעקוקט, בשעת די לענגערע שמועסן אונדזערע אין ירושלים און תל־אביב, בײַ זײַנע פיר היגע באַזוכן, און בעיקר בשעת די אָפטע באַגע־גענישן מיט אים אין ניו־יאָרק, קומט מיר אַן שווער אים צו זען, אין מײַן זכרון און דמיון, אַ זיצנדיקן, — אָדער איך זע אים אַ הויכן, געשטרעקטן, אין אַ לייכטן צי אַ שווערן, אָבער אָפענעם מאַנטל, שפּרײַזן איבער גאַס און שטראָז, אָדער שטייענדיק־נישט־שטייענדיק פאַרן לעקציעפּולט, — ווי אַ מין perpetuum mobile. אוודאי האָב איך געוווסט, אַז די אומגעהייערע מאָס פון זיין לייענען און שרײַבן, וואָס האָט פאַרשלונגען אַן אומגעהייערע מאָס פון צײַט, האָט געפאָדערט אַ טיש און אַ שטול, אָבער דער האַביטוס זײַנער האָט זיך מיר און אנדערע אײַנגעקריצט, ווי אַ באַוועגלעכע אינס־טיטוציע, און אַ מאָלער וואָלט אים מסתמא פיקסירט אין זײַן שפּרײַז אויפן סײַ באָענטסטן סײַ ווײַטסטן וועג, וואָס דאָס יידישע ניו־יאָרק מאַכט די לעצטע צוויי דורות — פון ברוקלין קיין מאַנהעטן, אַ יאָרנלאַנגער שפּרײַז, וואָס מיינט, בעצם, אַן אָנשטרענג, אויף דעם דאָזיקן איבערגאַנג, צו דערהאַלטן די קאָלעקטיווע יידישע ווערטן, וואָס פאַרמינערן זיך אויף דער קליינער און דאָך אַזוי גרויסער שטרעקע. ווען איך האָב, אין אַ שמועס דערוועגן, באַנוצט דעם ביז באַנאַליטעט פּאָפּולאַרן משל וועגן דעם יידן אויפן צעשטורעמטן ים, וואָס וואַרפט קודם כל, אין די כוואַליעס, טלית און תפילין, האָט ער אַנטקעגנגעשטעלט אַן עלטערן, גרונטיקערן משל: מה־דאָך, השם־יתברך הייסט אברהם אבינו גיין קיין כנען, וואָס איז

באַשטימט צו זײַן דאָס לאַנד פון זײַן פאָלק, זאָגט דער מדרש, לויט אַן אוראַלט פאָלקס־ווערטל: מבית לבית — חלוק; מאתר לאתר (אָדער: מעיר לעיר) — נפש, משמע: אַז מען ציט זיך איבער פון איין הויז צום אַנדערן, פאַרלירט מען אַ העמד; אַז מען ציט זיך איבער פון איין אָרט צום אַנדערן (אָדער: פון איין שטאָט אין דער אַנדערער) פאַרלירט מען אַ נפש; און אויב לגבי דעם איבערגאַנג פון אור־כשדים קיין ארץ־ישראל אַזוי; בײַם איבערגאַנג פון אַ מער ייִדישן צו אַ מער גויִשן יישוב, לא כל שכן. דאָ — האָט ער פאַרענדיקט — קאָן מען פאַרלירן נישט בלויז אַ נפש, נאָר דאָס נפש.

אמת, ער האָט געפונען אַ שטיקל טרייסט אין די נײַע ייִנגע ייִדישע יישובים לעבן די גרויסע שטעט, כאָטש ער האָט נישט פאַרלייקנט דאָס, וואָס איך האָב דערציילט פון מײַן דעזאילוזיאָרישער אָבסערוואַציע אין לאָנדאָן, ווו דאָס ייִדישע ווײַטשעפּל צעפאַלט זיך שוין זײַט יאָרן, און וואָס שייך די נײַע ייִדישע יישובים, איז אַ חילוק צווישן סטאַמפאָרד, ווו עס פּולסירט נאָך ייִדיש, און צווישן גאָלדערס־גרין, ווו עס שאַלטע־וועט שוין בלויז ענגליש. און דאָס איז, ווײַזט אויס, אַ מין געזעצ־מאָסיקייט, און האָט נישט צו טאָן מיט אָפּטימיזם אָדער פּעסימיזם, נאָר מיט אכזריותדיקער מאַטעמאַטיק. איך ווייס נישט, אויף וויפל שטאַרקמאַן איז ווײַט געווען אָדער נאָענט געווען צו דעם געדאַנקען־גאַנג, און עס איז אפשר נישט קיין נפקא מינה לגבי זײַן אַקטיווער שטעלונג: דער חוב לגבי דער לעבעדיקער ייִדישקייט און אירע קאָלעקטיווע ווערטן; אַ חוב, וואָס אָפּטימיזם פאַרלײַכטערט אים נישט און פּעסימיזם דערשווערט אים נישט, ווײַל דאָ אַנטשיידט דאָס אחריות פון אַן אינטעגרירטן ייִד לגבי אַנדערע ייִדן, קיבוצים און יחידים, פאַרשטייט זיך, אויב און אויף וויפל ער גלייבט אין המשך פון אַ פולווערטיקן ייִדישן קיום אין גלות.

און וואָס שייך שטאַרקמאַנס ייִדישע אינטעגרירטקייט, האָט זי פאַר־מאָגט אַ שלל עלעמענטן — דער רעליגיעזער, וואָס האָט זיך נישט באַנוגנט מיט שטייגער פון מאָדישן טראַדיציאָנאַליזם, נאָר געווען פאַראַנקערט אין עולם־האמונה און עולם־המצוות; דער היסטאָרישער — דער בונד צווישן ייִדישן פאָלק אין זײַן גאַנג פון ווײַטסטן אַמאָל ביזן נאָענטסטן איצט, ווי איין גרויסע קייט, ווו איר רעטעניש און באַשייד קומען זיך צונויף אין אחרית כראשית, ווי אַ לעבעדיק באַגעגעניש פון ווײַטן מיטאָס און נאָענטער אוטאָפּיע; דער קולטורישער — אַ פאַרבונד מיט דער טאָג־טעגלעכער שאַפונג פון פאָלק אין אַלע דורות, און אַ וויטאַלע שייכות צו אַלע

אירע אַנטפּלעקונגען, להלכה ולמעשה, דערונטער אירע אייגענע היימישע שפּראַכן, לויט זייער היסטאָרישן מהות און אַקטואַלן באַטײַט; דער פאַל־קישער — ליבשאַפט צום פאָלקלאָר אין ברייטן זינען, אָן דער נטייה צו זײַן פעטישיזאַציע.

י

די אַלע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך בײַ אים, נישט ווי מיר האָבן עס גאָר אָפט, דיסהאַרמאָניש צוזאַמענגעשטויסן, נאָר ווי מיר האָבן עס זעל־טענער, האַרמאָניש צוזאַמענגעגאָסן, האָבן געשאַפן די דאָזיקע באַזונדערע דערשײַנונג פון משה שטאַרקמאַן, וואָס וואַרט נאָר אויף אַן אויסשעפּלעכע מאָנאָגראַפיע, וואָס וועט דערגאַנצן די פּרוּוון פון אַרבעטן וועגן זײַן לעבן און ווערק, וואָס זענען נאָך זײַן פטירה פאַרעפנטלעכט געוואָרן — אין ספר־זכרון פון זײַן געבוירן־שטאָט, מאָסט רבתא, ווו אויך איך האָב, אין מײַן מאמר: על הני תרי צנתרי דמוסט רבתי, געשריבן וועגן די וויכטיקע צוויי שרײַבער, וואָס דאָס שטעטל האָט אַרויסגעגעבן: יעקב ראַפּאַפּאָרט און משה שטאַרקמאַן (אַרײַן אויך אין מײַן בוך: ארחות ושבילים, ערשטער באַנד, תשל״ח, ז״ז 345—355), און ווו איך דערמאָן די וואָס האָבן, צו שבעה און שלושים, געשריבן וועגן אים — זײַנע פריינד און פאַרערערס (עזריאל נאַקס, שמשון אָפּטער, אברהם גאָלאָמב, שמשון דונסקי, רחל קאָרן, אליהו שולמאַן). מיר ווילן האָפן, אַז מיט דער אַרויסגאָב פון די געקליבענע שריפטן וועט זיך אויפפרישן און באַנײַען דער אינטערעס אין דעם דינאַמישן פאַרשוין און זײַן קאָליריקן ווערק, ותהי משכורתו שלימה.

[כ״א חשון תשל״ט]

אַ וויכוח און זײַן ייִחוס

אַ וואָרט בײַם צוטיילן די שמרי־פּרעמיע

א

ר׳ שניאור זלמן רובאַשאָוו, וואָס די ראשי־תיבות זיינע פאַרצווירנען זיך אין ליבלעכן נאָמען שזר, דער דריטער נשיא אונדזערער, האָט האָלט געהאַט שמועסן, וואָס פאַרמאָגן די שאַרפקייט פון אַ וויכוח און די ערלעכקייט פון אַ מחלוקה, אָבער נאָכן סיום פון אַזאַ מין ווידעראַנאַנד, פלעגט ער אַ זאָג טאָן: הער זיך איין ידידי היקר, אַזוי ווי דו קענסט מיך און מײַן ייִחוס, און איך קען דיך און דײַן ייִחוס, איז לאָמיר זיך נאָר אַ דערמאָן טאָן ווי־אַזוי איז געווען דער שטעל און באַצי פון מײַנע און דײַנע טאַטעס, זיידעס, עלטער־זיידעס אין די גרויסע מחלוקתן במשך פון דורות, וואָס נעמען אַרום די לעצטע תקופה אין לעבן פון אונדזער פאָלק — אָנגעהויבן מיט שבתי צבי און די מלחמה צווישן זײַנע אָנהענגער און קעגנער, ביז צו דער מחלוקה פון ר׳ יעקב עמדין און ר׳ יונתן אייבעשיץ, און דער שפּעטער־דיקער מלחמה צווישן מתנגדים און חסידים, און משכילים און זיי ביידע, ביז העט אין די נעענטערע, מאָדערנערע צייטן, עד עצם היום הזה. און נאָך איידער דער בעל־פּלוגתא האָט זיך רעכט פונאַנדערגעקליבן, האָט שוין שזר אויפגעכאַפּט דעם פאָדעם און מיט אַ שמייכל פאַרענדיקט: הייסט עס אַז מיר קריגן זיך שוין נישט דאָס ערשטע מאָל, און אונדזער הײַנטיקער וויכוח האָט שוין אַ לײַטישע באָרד, און פלעגט פאַרענדיקן: אָבער אַזוי־ווי נאָך די אַלע, אַלע וויכוחים, שטייען מיר, ברוך השם, דאָ און איצט, אין איין מחנה, איז אַ סימן אַז די אַלע ווידעראַנאַנדן זענען געווען אַ מחלוקת לשם שמיים. ווײַל וואָלט עס נישט אַזוי געווען, וואָלטן מיר דאָ און איצט נישט געשטאַנען צוזאַמען.

כדי דעם אויספיר זיינעם צו פאַרשטיין, דאַרף מען נעמען אין באַטראַכט, אַז שזר איז געווען צופיל אַקטואַלער אַקטיוויסט, ער זאָל אָננעמען אַזאַ פאַרשוין וואָס שאַנעוועט זיך, זאָל זיך לאָזן אויפן צעברויזטן ים פון לעבן אָן אַן אייגענער וועסלע, אָן אַ באַנעם, אָן אַן אידעאָלאָגיע, אָן אַ פּראָגראַם, ער איז אָבער אויך געווען צופיל היסטאָרישער אָבסערוואַטאָר, ער זאָל נישט האָבן פאַרשטאַנען, אַז פונקט ווי נעכטיקע שטעלונגען, און זייערע

צוזאַמענשלוסן און צוזאַמענשטויסן, האָבן אַוודאי מיטבאַשטימט, אָבער ווייַט נישט אַנטשידן וועגן מהות און פּנים פונעם הייַנט, אַזוי ווען די הייַנטיקע שטעלונגען און זייערע צוזאַמענשלוסן און צוזאַמענשטויסן אפשר מיטבאַש־טימען, אָבער ווייַט נישט אַנטשיידן וועגן מהות און פּנים פון מאָרגן; נייַערט מיר האָבן קיין ברירה נישט און מוזן נעמען אַ שטעלונג, ווי עס הייסט אונדז — שׂכל און געפיל, ממשות און אידעאַל, חלום און וואָר, אינטערעס און האָפנונג און אַלע איבעריקע צואַנאַנדערדיקע און ווידעראַנאַנדעדיקע פּאָרלעך.

ב

איך האָב שזר׳ס באַמערקן פּיראויסגעשיקט, ווייַל זיי האָבן אַ שייכות צו אונדזער הייַנטיקער אימפּרעזע, וועלכע האָט צו טאָן מיט יקרא דשכבא — אריה שמרי עליו השלום, און מיט יקרא דחיי — יעקב צבי שאַרגעל שיאריך ימים ושנים, און וואָס וואַרפן אַ באַזונדער ליכט אויפן משא־ומתן, וואָס איך האָב דאָ פּירגעבראַכט. זייער שטעל און באַצי צו אַ גרויסער מחלוקה אין די לעצטע דורות, די מחלוקה וואָס טאַקע שזר האָט אָנגערופן: ריב הריבות, דאָס געקריג איבער אַלע געקריגן, — דער שפּראַכן־קאַמף, צווישן עברית און ייִדיש, ווי ער האָט זיך אים געוויזן אין זייַן אייגענעם צוזאַמענ־פּראַל צווישן זיך ווי אַן אַקטואַלער אַקטיוויסט, און צווישן זיך ווי אַ היסטאָ־רישער אָבסערוואַטאָר. דען ער, שזר, האָט דעם וויכוח גוט געקענט, ממש מבשרו חזה, האָט אים אַליין מיטגעלעבט און דורכגעלעבט, און אים אויך געלייזט — איז ער דאָך געווען אַ צווייִשפּראַכיקער רעדנער און שרייַבער, פּראָגראַמירער און פּאַרשער, און האָט אַפילו אויסגעדריקט זייַן הסכמה צום שפּראַך־פּאַרטייל, ווי איך אַליין האָב אים פּאַר זיך גופא אויסגעטייַטשט: לויט דער פּראָפּאָרציע פון שיעור און ראָל, וואָס איעדע פון אונדזערע צוויי שפּראַכן האָבן געשפּילט אויף דער כלל־מאַפּע פון אונדזער געשיכטע און קולטור. אין דעם ליכט האָט ער אויך געפּרוווט פּאַרשטיין דעם ייחוד הלשון, סיי פון רוב שרייַבער ביי אונדז אין לאַנד, וואָס שרייַבן בלויז עברית, סיי פון מיעוט שרייַבער ביי אונדז אין לאַנד, וואָס שרייבן בלויז ייִדיש. און פּונקט ווי ער האָט פּאַרשטאַנען דעם מוז פון די, האָט ער פּאַרשטאַנען דעם מוז פון די אַנדערע, אלא אין דער רעם פונעם כלל־קוק, אַז דער חשבון הכולל, וואָס אונדזער בשותפותדיקער מאָרגן וועט מאַכן, לאָזט די באַזונדערע חשבונות אונדזערע מיטבאַשטימען, אָבער ווייַט נישט אַנטשיידן.

נאָך עפּעס; ווי איך האָב שוין געבראַכט אין זייַן נאָמען (אין מייַן בוך „אבני בדק", תשכ"ב, ז׳ 77) האָט ער אויך פּאַרשטאַנען דעם דרך

פונעם מיעוט אָדער פונעם יחיד, ברענגענדיק משלים פון אַן אַנדערער ספערע: נעם צו ביי שלמה לביא די זיכערקייט, אַז עין חרוד איז נישט בלויז אַ פונקט, אָדער דער פונקט, נאָר דער גאַנצער קרייז, און דו נעמסט ביי אים צו די נשמה פון זיין אויפטו; נעם צו ביי יצחק גרינבוים די זיכערקייט, אַז קעמפנדיק אין פוילישן סיים, קעמפט ער נישט בלויז פאַר אַ פונקט, פאַר דעם פונקט, נאָר פאַר דעם גאַנצן קרייז, ביסטו מבטל זיין כוח; ענלעך מנחם מענדל אוסישקין, וואָס דער קרן קיימת איז פאַר אים אַ וועלטקוק, אַז אַפילו ליטעראַטור און קונסט זענען אירע שמשים. ס'איז ווי דאָס מקיים זיין איין מצוה, כאָטש סיי מלכתחילה סיי בדיעבד געהערט זי צום חשבון פון תרי"ג.

נאָך מער, אַהער געהער אַריין די דיאַלעקטיק וואָס נעמט אין באַטראַכט דעם מיעוט און דעם יחיד — דער יידיש־שרייבער אין ארץ־ישראל, און רעדנדיק פון די צוויי בולטע דוגמות, די צוויי בעלי שי"ן: יעקב צבי שאַרגעל און אריה שמרי, ווילט זיך מיר דערציילן ווי איך האָב זיי געזען אויפן אָרטלעכן און צייטלעכן פאָן פון זייער לעבן און שאַפן — דעם אין פתח־תקוה און דעם אין עין־שמר.

ג

וואָס שייך יעקב צבי שאַרגעל האָב איך שוין, רעדנדיק וועגן אים (אין מיינע ביכער: „אבני מפתן", כרך ג', תשל"ב, ז"ז 109—119 און „טויערן און טירן", תשל"ט, ז"ז 126—143), זיך אָפּגעשטעלט אויף זיין כוח, אַקטיוו און באַוווסט צו געהערן צו אַ דרייאיקן מיעוט. איצט וויל איך דאָס נאָר אויסבולטן און זאָגן, אַז ער האָט עס שוין, היפּש איבער ווי אַ יובל יאָרן, געטאָן אין פתח־תקוה, וואָס איך האָב געקענט פון דער נאָענט און האָב עס יאָרן־לאַנג אויסגעמיטן, ווייל אירע שיינע בעלי בתים האָבן אונדז געלאָזט הונגערן, און אַ טייל פון אונדז איז צוריק אַוועק אין גלות, און עס איז פון זיי קיין שׂריד און פּליט נישט געבליבן. ערשט מיט יאָרן שפּעטער האָט מיך שאַרגעל ממש אַריינגענאַרט אין דער אַנדערער, איבער־געאַנדערשטער פתח־תקוה, ווו ער האָט אויסגעהאַלטן און דורכגעהאַלטן, ביז די אַרבעטער האָבן איבערגענומען די שטאָט אין זייערע הענט, און ער איז געוואָרן איר קולטור־פרנס, ממשיך זייענדיק דאָס וואָס ער האָט אָנגעהויבן — שטאַרקן, ביי זיך און ביי אַנדערע, דעם מעמד און אויסבוי פון יידיש, ווי עס באַווייזן זיינע זשורנאַלן און ביכער־פאַרלאַג און בעיקר — זיינע אייגענע ביכער, ווי מיר האָבן דאָס געהערט פונעם מויל פון אונדזער ליבן פאָעט שלמה רויטמאַן, אין נאָמען פון דער זשורי.

וואָס שייך ווידער אריה שמרי — ווײַזט זיך די זאַך אויס קאָמפּלי־צירטער. שוין מחמת דעם וואָס ער האָט געאַרבעט און געשאַפן אין עין־שמר, און אַ קיבוץ איז סײַ אָרגאַניש, סײַ מעכאַניש אַ סך מער הערמעטיש־געשלאָסן, ווי עס איז אַ שכונה־קוואַרטל אין אַ קאָלאָניע, און זײַנען דאָרט נישט בלויז אַ מיעוט, נאָר אַ יחיד, וואָלט באַדאַרפט זײַן שווערער, אָבער שמרי האָט זיך געפילט, מחמת זײַן פּסיכאָלאָגישער און מענטאַלער פעסט־קייט, גלײַך ער וואָלט געווען דאָרט אַ רבים, דער רבים. עטלעכע פון זײַנע אָפּשאַצערס, ואני בתוכם, שטרײַכן אונטער זיין וואָטום סעפּאַראַטום אינעם קאָלעקטיוו פון „השומר הצעיר״, ווו ער איז אַ מין בן־יחיד, אַ יידיש־פּאָעט, בלויז יידיש־פּאָעט, צווישן אַן עברית־ציבור ווו עס געפינען זיך אויך באַוווסטע עברית־שרײַבער.

ד

די דאָזיקע יחידישקייט ווערט דאָ אונטערגעשטראָכן נישט אַזוי לגבי קיבוץ — האָט דאָך, למשל, אין גבעת־השלשה געלעבט און געשאַפן אברהם לעוו. האָט מען אָבער געזאָגט: מילא, אַ פּאָעט וואָס קומט פון די רעכטע אָדער לינקע פּועלי־ציון איז נישט אַזאַ חידוש. אָבער איינער וואָס קומט פון „השומר הצעיר״, בלײַבט אין אים און שאַפט אין אים, ווי געשיקט זיך דאָס? אמת, דער צולאָג, וואָס טשעפּעט צו צו ,השומר הצעיר׳ אַ יידיש־פּאָביע, איז אַ צוגעטראַכטער. אָט האָב איך זיך אויך געכאָוועט אין „השומר הצעיר״ פון זײַנע אָנהייבן, און מיר זענען טאַקע געווען אנשים עברים, און דאָס בלב ונפש; מיר האָבן געהאַלטן, און האַלטן ווײַטער, אַז דער אויפלעב פון עלטסטן לאַנד און דער אויפלעב פון דער עלטסטער שפּראַך זענען דער שענצטער און בעסטער זיווג פון אונדזער פאָלק, אָבער מיר האָבן ליב געהאַט יידיש, גערעדט יידיש, געלייענט יידיש, און בעיקר — געזונגען יידיש, און מיט דער צײַט אויך געשריבן יידיש, און אַזוי איז עס געווען אין־ס׳רוב שטעט און שטעטלעך, אַפילו אין די גרויסע שטעט, ווו מען האָט אונטערגעזינדיקט מיט פּויליש. אַוודאי וואָלטן חברים פון „השומר הצעיר״ גוט געטאָן, ווען זיי זאָלן זיך אַרײַנלאָזן אין אַ שטיקל שטודיע דערוועגן — דאָרט וואָלט זיך, אַ שטייגער צוערשט געפרעגט: ווי האָבן זיך דאָס אין ליטע, אין „השומר הצעיר״ דאָרט, גענומען אַזעלכע פײַנע יידיש־דיכטער, אָנגעהויבן פון יעקב גאָטליב און פאַרענדיקט מיט דוד וואָלפּע? דערנאָך וואָלט זיך געפרעגט: צי איז עס טאַקע אַ צופאַל, וואָס אין ערשטן קיבוץ, פון „השומר הצעיר״, בית אלפא, געפינען זיך

אָדער האָבן זיך געפונען דריי ייִדיש־דיכטערינס: רבקה באַסמאַן, רחל פישמאַן, שרה שבת, און אַ שלום־עליכם איבערזעצער, אריה אהרוני? אַזאַ שטודיע וועלן מסתמא נישט איבערהיפּערן נישט די „ישראל־שטימע" און נישט „ישראל־בוך" וואָס האָבן אַ שייכות צו אָט דער קשיא.

ה

אָבער, בעצם, האָבן מיר דאָך אַ גרונטיקערן דערקלער דאַרויף, און דאָס אין די סאַמע פּאָעטישע ווערק פון אריה שמרי. עס זענען די דריי געשטאַלטן וואָס ער האָט געשאַפן, ווי אַ תשובה אויף דער טיפּישער שזר־קשיא: ווו זענען מיר געשטאַנען נעכטן, ווו שטייען מיר הײַנט, ווו וועלן מיר שטיין מאָרגן, קודם כל די לאַפּידאַרע געשטאַלט פון לייזער ציפּריס, וואָס איז אי דעם פּאָעטס אַלטער־עגאָ אי זײַן היפּער־עגאָ, ווי דער איינער און איינציקער פון די ל"ו, וואָס האָט זיי פּאַרלאָזט און געגאַנגען באַוווסט און בכיוון באַשטימען אַן אַנדערן גורל דעם פּאָלק אין זײַן לאַנד, און האָט אים באַזונגען אין מאַמע־לשון. שפּעטער די תשובה וועגן נעכטן אין דער געשטאַלט פון צדיק ר' מאירל, אין זײַן היימשטאָט, און זײַן שורש אין חסידות, ווי מיר האָבן עס אין דער פּאָעמע „פונקען פון תיקון", וואָס איז, בעצם, דער ייִחוס־בריוו פון לייזער ציפּריס. און אַז מען נעמט זיך לײַטיש דערגרונטעווען צו די וואָרצלען פון דער פּאָעמע, וועט מען נישט קאָנען אויסמיידן צו פרעגן, פון וואַנען האָבן זיך אין יענע קאַנטן — קאָלושין, נאָוואָמינצק, פּאַריסאָוו גענומען אַזעלכע געשטאַלטן ווי ר' יהודה לייב אשלג, דער בעל פּנים מאירות און פּנים מסבירות און הסולם, ווי ר' לייב ראַכמאַן, אָדער ר' אברהם יהושע העשל (אגב, אַ חבר פון „יונג ווילנע") און וואָס האָבן צו־טאָן מיט שמריס געשטאַלט, וואָס וואַקסט, בעצם, אַרויס פון נעכטן און הײַנט און ווײַזט אָן אויפן מאָרגן, די געשטאַלט פון עטיען קאַבע, אין זײַן פּאָעמע „דאָס ייִנגל פון דיזשאָן". ווי אַרום די דרײַ געשטאַלטן וואַקסן זיך צוזאַמען, ווי דער צוזאַמענגאַס פון נעכטן, הײַנט און מאָרגן, דאָס איז אַ קשיא, וואָס די תשובה אויף איר וואַרט אויף אַ מאָנאָגראַפיע, וואָס מיר האָבן בלויז אָנגעוואָרפן רמזים פון איר דיספּאָזיציע. און אַז מיר וועלן, האָפנטלעך, בעזרת השם, זיך נעמען דערצו, כדי טאָקע משלים צו זײַן דאָס וואָס מיר האָבן געזאָגט וועגן דיכטער פון עין־שמר רמזדיק (זע מיין בוך „היימישע כתבים", באַנד 1, תשל"ג, ז"ז 140—144) וועלן מיר דאָס ברייטער און קלאָרער מפרש זײַן.

[חשון תש"ם]

III

צווישן הי און דאָרט

אַ וואָרט בײַם וועלט־ראַט פאַר ייִדיש־קולטור אין ישראל

א

ווי איר ווייסט, האָט, לויטן פּראָגראַם, דער אַרײַנפיר צו אונדזער איצטיקן צוזאַמענקום באַדאַרפט זײַן אַ מין דיאַלאָג, ווו עס האָט געזאָלט צערשט גיין דער שמועס פון הרב ד״ר אַרטור הערצבורג, וועגן דער השפּעה פון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום אין צפון־אַמעריקע און דערנאָך דער שמועס פון מײַן ווייניקייט וועגן דער צענטראַליטעט פון ייִדישער קולטור אין מדינת ישראל. איך בין געערן מודה, אַז איך האָב מיך געפרייט, סײַ אויפן פּאַרטנער פון שמועס, סײַ אויפן סדר פון שמועס.

ב

איך האָב מיך געפרייט אויפן פּאַרטנער פון שמועס, ווײַל עס וואָלטן זיך דערגאַנצט צוויי קוק־ווינקלען. זײַנער — אין גײַסט פון ר׳ יהודה הלויס זאָג: לבי במזרח ואנוכי בסוף מערב, משמע: זײַן האַרץ איז אין ירושלים און איר אַרום און ער גופא איז אין ניו־יאָרק און זײַן אַרום; מײַנער — אין אַ היפּוכדיקן נוסח: אנוכי במזרח ולבי בסוף מערב. משמע: איך גופא בין אין ירושלים און אַרום איר און מײַן האַרץ איז אין ניו־יאָרק און אַרום איר. אָבער פאַראַן אַ חילוק צווישן די צוויי לבבות — בשעת זײַן לבי טראָגט זיך אויף ליכטפליגל פון האָפנונג און גלויבן קיין ירושלים, טראָגט זיך מײַן לבי אויף שאָטן־פליגל פון זאָרג און צווײַפל קיין ניו־יאָרק. פון־דעסטוועגן וואָלטן זיך מסתמא די בײדע לבבות היפּש צונויפגעטראָפן, און נישט בלויז מחמת אונדזער ביידנס בשותפודיקן ראשית, אונדזער וויג אין האַרצן פון דער גרויסער, געוועזענער יבשה פון ייִדן און ייִדישקייט אין מזרח־אייראָפּע, און אונדזער דאָרטיק וויג־ליד, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט געזאַנג פון חסידות, וואָס האָט זיך געצויגן פונעם חוזה, נוסח לובלין, צום שר־שלום, נוסח בעלז; נאָר בעיקר מחמת אונדזער בשותפותדיקן תכלית, ווי מיר האָבן עס אין לאַפּידאַרן זאָג פונעם נביא: כל הכתוב לחיים — בירושלים, און דאָס וואָרט לחיים מיינט, סײַ

היסטאָריש סײַ אַקטועל, אַ גאַנץ און פול ייִדיש לעבן ווי עס איז הײַנט־צו־טאָג, פאַר אַ גרויסן, קאָמפּאַקטן ייִדישן כלל, נאָר מעגלעך אין דער ווערקלעכקייט, וואָס איר פאָקוס איז ירושלים.

ג

איך האָב מיך געפרייט אויפן סדר פון שמועס — איך בין טאַקע נישט יענער רבי, ווי עס איז געווען ר׳ נפתלי מיעליצער, וואָס האָט נישט געקאָנט זאָגן קיין פּשטל, האָט אָבער געקאָנט אָפּפרעגן אַ פּשטל; און אַז מען האָט אים געפרעגט, וואָס וועט זײַן, אַז מען וועט אים, אין דער פמליא של מעלה, פאַרבעטן צו זאָגן אַ פּשטל, האָט ער געענטפערט, אַז ער וועט זיך ווענדן צו כביכול, אַזוי צו זאָגן: רבונו של עולם, דו ביסט דאָך אַן אבי הרחמים, זאָג נאָר, בגודל חסדך, אַ פּשטל, איך וועל עס שוין אָפּפרעגן. אָבער איך בין מודה, אַז איידער צו זאָגן אַ פּשטל איז מיר בילעכער צו הערן אַ פּשטל, פאַרשטייט זיך נישט פון מלך מלכי המלכים, נאָר פון אַ מלך בשר ודם, ומאן מלכי — רבנן, טײַטש, און ווער זענען די קיניגן, אונדזערע רבנים, און עס אָפּפרעגן.

אָבער צו אונדזער לײַד איז עס דערצו נישט געקומען, און מיר האָפן, אַז דער מלאך רפאל וועט זיך צואײַלן און אונדזער ליבן פרײַנט שיקן אַ רפואה שלימה, און מיר וועלן, מיט אַ נידחה, אונדזער שמועס במהרה בימינו מקיים זײַן.

ד

דערווײַל בין איך מחויב זיך צו באַדאַנקען, נישט בלויז דערפאַר, וואָס מען האָט מיר געגעבן דאָס וואָרט צו אַ מין סאַלאַ, נאָר בעיקר דערפאַר, וואָס מען האָט מיר געגעבן אַ וואָרט בכלל; דען ווען דער קאָמיטעט פון ייִדיש וואָלט נאָכגעגאַנגען מײַן קאָפּ, וואָלט זיך דער וועלט־קאָנגרעס נאָך לאַנג נישט געווען צוזאַמענגעקומען, און עס וואָלט קיין וועלט־ראַט נישט געווען, און ממילא וואָלטן מיר הײַנט דאָ נישט צוזאַמען געזעסן. און כאָטש איך ווייס, אַז אַ זאַך, וואָס איז געשען, לאָזט זיך נישט מאַכן אומגעשען, און דער קאָנגרעס איז געווען אי גראַנדיאָז אי האַרציק, און דאָס געשעענע איז דאָס רעאַלגעגעבענע, וויל איך עפּעס, בדיעבד, זאָגן דערוועגן, בפרט אַז מען האָט מיר, בײַ כלערליי באַגעגענישן, סײַ דאָ סײַ אין גלות, גע־שטעלט פינף קשיות: וואָס איך קלער וועגן ייִוואָ און זײַן דרך; וואָס איך קלער וועגן אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס און זײַן פּערספּעקטיוו;

וואָס איך קלער וועגן גרויסן יידישן ווערטערבוך און זײַן המשך; וואָס איך קלער וועגן נײַעם לעקסיקאָן פון דער יידישער שפּראַך און זײַן סיום; ואחרון־אחרון: וואָס איך קלער וועגן קאָמיטעט אין ישראל און זײַן גאַנג. וועל איך בסיעתא דשמיא, ענטפערן בכתב אויף די ערשטע פיר קושיות, און קודם כל ענטפערן בעל פה בלויז אויף דער לעצטער, דער פינפטער, ווײַל דאָ איז דאָס אָרט און איצט איז די צײַט דערצו, און אײַנוועגס וועל איך בקיצור אויך ענטפערן אויף דער באַגלייט־קשיא: אין וואָס איז, בעצם, באַשטאַנען מײַן אָפּאָזיציע, וועגן וועלכער פרײַנט יצחק קאָרן האָט געשריבן, אַז איך האַלט זי אויף אַ קליין פײַערל.

ה

ערשטנס, בין איך געווען און בין דערפאַר, אַז מיר זאָלן הייסן: קאָמיטעט פאַר יידיש, שפּראַך און ליטעראַטור, און נישט צושטעלן: פאַר יידישער קולטור, בפרט אַז מען האָט עס איבערגעזעצט: תרבות יהודית. דען קולטור, רבותי פון אַ קאָלעקטיוו, אַ נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו, איז אַ גרויסער קאָמפּלעקס, ווו עס געהערן אַרײַן אַ סך קאָמפּאָנענטן: נישט בלויז שפּראַך, ליטעראַטור, קונסט, נאָר אויך, און צומאָל בעיקר, אַרבעט און מי, עקאָנאָמיק און פרנסות; געזעלשאַפט און דערציונג; דינים און משפטים; רעזשים און אַדמיניסטראַציע; מסורה און מנהגים, ווי זיי רעאַליזירן זיך, אין שטוב און אין דרויסן, אין שטאָט און אין דאָרף, אין דער וואָכן און יום־טובים, אין שמועס און אין סטראָי, אויף אַ באַשטימטן קאָמאַסירטן שטח, ווי מיר האָבן עס אין דער פרעמד געהאַט; דאָס יידישע שטעטל אין אייראָפּע, דאָס יידישע שטאָט־פערטל אין אַמעריקע, און ווי מיר האָבן עס, אין אַ פולער מאָס, איצט, אין דער היים, אין מדינת ישראל.

אַוודאי ווייס איך, אַז סײַ גרויסע יחידים, סײַ גרויסע פאָרמאַציעס האָבן דעם ענין קולטור פאַרשמעלערט צו די אַזוי־גערופענע גײַסטיקע ווערטן, פריִער רעליגיעזע און שפּעטער וועלטלעכע, און האָבן געגלייבט, אַז מען קאָן זיי, אויך אָן די איבעריקע קאָמפּאָנענטן אויפהאַלטן, און דער קאָלעקטיוו זאָל זײַן אַ קאָלעקטיוו ממש, אָבער עס געהערט אַ ים תמימות דערצו, נישט צו זען אַז די ווערטן פון וועלכע עס איז, בעצם, געבליבן אין ווערט, די שפּראַך, האָבן אויך בײַם העראָישסטן אָנשטרענג געקאָנט בלויז באַשרענקען, און דאָס אין אַ שאַרף אַראָפּשטייגנדיקער ליניע, דעם פּראָצעס, וואָס האָט זיך שוין באַוויזן, צווישןביידע וועלט־מלחמות, אין דער מעטראָפּאָליע, אין מזרח־אייראָפּע, און האָט זיך אויסגעצײַטיקט אין

איר גרעסערער קאָלאָניע, אין די אַמעריקעס, — עס איז די סתירה צווישן דרך פון כלל, געטריי צו בלייבן די היימישע, אייגענע ווערטן, און בעיקר דער שפּראַך, און זיי צו דערהאַלטן, און צווישן דרך פון יחיד, זיך אַלץ מער צו אַנטהיימישן, אַנטאייגענען, אַנטפרעמדן; אַ פּראָצעס, וואָס זיין בולטסטער סימן איז דאָס אַלץ זיך מער שטאַרקנדיקע פאַקטום, אַז דער רוב יידן אויף דער וועלט, רעדן מער נישט קיין אייגענע שפּראַך, וועלכע עס האָבן בעיקר געירשנט רוסיש, ענגליש און צום טייל שפּאַניש.

אַזוי גייט עס צו נישט בלויז אין דעם איינעם גרויסן יידן־ישוב, אין מערב, נאָר אויך אינעם אַנדערן גרויסן יידן־ישוב, אין מזרח; משמע, אַז אין ביידע בלאָקן, ווי קאָנטראַר די רעזשימען זאָלן נישט זיין, ברענגען ענלעכע סיבות צו ענלעכע קאָנסעקווענצן — דער איבערגאַנג אין די גרויסע שטעט; די אַטאָמיזאַציע פון די קאָמאַסירטע יידישע ישובים; די קאָנצענטראַציע אין אַקאַדעמישע און קוואַזי־אַקאַדעמישע פאַכן, די דענאַציאָנאַליזאַציע דורך געמישטע חתונות, וואָס זייער פּראָצענט האַלט אין איין וואַקסן, ברענגען צו אַ געוואַלטיקער דעקאַלעקטיוויזאַציע, ווו אויך די בעסטע אָנשטרענגען (און אין מזרח־בלאָק איז פאַר זיי קיין רעכטלעכער היתר נישטאָ) זענען אַ צו שוואַכע דאַמבע דעם פּראָצעס אויפצוהאַלטן, בפרט נאָך אַז די עיקר־אָנשטרענגען (און אין מערב־בלאָק איז דאָ פאַר זיי דער פולסטער רעכטלעכער היתר), ליגן אויף די פּלייצעס פון אַן אומנאָרמאַלן עלטער־רייסטער, ווו גרופּקעלעך יונגע ווערן בטל בששים צווישן אונדזערע ווייסע און גראָע קעפּ.

ו

צוויי־טנס, מיר זאָלן אַפילו אָננעמען, אַז קולטור מיינט בלויז, אָדער בעיקר, שפּראַך, און מיר זאָלן באַשליסן נישט צו שטוינען ווי אַרום פאַר־מאַציעס, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט מאַסן, האָרעפּאַשנע מאַסן, זייערע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע נויטן, און זענען, מיין אָדער ווייניקער, נוטה געווען צו אַ היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישן קוק, זענען אין אַזאַ רוחניות־פּאַראַדאָקס איינגעגאַנגען, — וואָס זאָל טאָן אַ ייד, וועלכער קלערט, ווי יצחק לייבוש פּרץ האָט געקלערט, און דאָס אין סאַמע ברען פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ, אַז העברעיש איז די נאַציאָנאַלע שפּראַך און ער לעבט, אין פאַרשיידענע, באַשטימטע פּראָפּאָרציעס, ווי עס האָבן געלעבט מענדעלע און שלום־עליכם, פרישמאַן און סאָקאָלאָוו, י. ל. פּרץ און ביאַליק, שניאור און ראובני, אין ביידע שפּראַכן, — צי געפינט ער

זיך טאַקע אין צווײ באַזונדערע קולטורן: משמע, ער לייענט „מאָז־נים" לעבט ער אין איין קולטור, בשעת ער לייענט „די גאָלדענע קייט" לעבט ער אין אַן אַנדערער קולטור; בשעת ער ווערט נתפּעל פון מאַנגערס אַ ליד — לעבט ער אין איין קולטור, בשעת ער ווערט נתפּעל פון אַלטער־מאַנס אַ ליד — לעבט ער אין אַן אַנדערער קולטור; בשעת ער באַוווּנדערט חנה ראָווינאַ — לעבט ער אין איין קולטור; בשעת ער באַוווּנדערט ליאַ קעניג — לעבט ער אין אַן אַנדער קולטור. און עס קומט אויס, אַז לאו די וואָס דער באַגריף קולטור איז געוואָרן פאַרשמעלערט אויף איין קאָמפּאָנענט זײַנעם, האָט דער עצם טערמין קולטור זי געשפּאָלטן אין צווײ קולטורן, אַ זאַך וואָס נישט אונדזערע זיידעס האָבן געוווּסט דערפון און נישט אונדזערע אייניקלעך זענען מחויב דערפון צו וויסן. אלא מאַי, אין דער מיט צווישן זיידעס און אייניקלעך, זענען געווען די טאַטעס. האָט דאָך שוין דער נביא געזאָגט, אַז מען וועט מער נישט טענהן: האבות אכלו בוסר ושני הבנים תקהינה, טײַטש: די טאַטעס האָבן געגעסן אומ־צייטיקס און די ציין פון די זין וועלן ווערן האַליק. לאָמיר־זשע לאָזן צו רו די דעזאָריענטאַציע פון די טאַטעס, וואָס האָבן דאָס פאָלק געשפּאָלטן היסטאָריש, אידעיִש, פּאָליטיש, גײַסטיק־קולטוריש, אַזוי אַז שטאָט צו זײַן איין פאָלק, וואָלטן מיר געוואָרן, לפּחות, אַ האַלב טוץ פעלקער, און לאָמיר זיך צווּוענדן צו דער רעאָריענטאַציע וואָס דערהייבט אונדז איבער די מחלוקתן פון נעכטן און אייערנעכטן און זייערע עליו השלומדיקע רודימענטן, און שטאַרקט אונדז צו די אויפגאָבן פון הײַנט, מאָרגן און איבערמאָרגן, צו פאַרזיכערן, סײַ אין ברייטערן, נאַטירלעכן, טאָטאַלן זינען, סײַ אין ענגערן קינסטלעכן און פאַרטיאַלן זינען, אַ הימל איבערן קאָפּ און אַ באָדן אונטער די פיס.

פרעגט זיך, אַז אויב דער באַשיידענער כלי, ווי עס איז אונדזער קאָ־מיטעט, איז באַשטימט עפּעס אַ ראָל אין דעם פאַרזיכערונגס־באַמי, האָט דער קאָמיטעט זיך טאַקע באַדאַרפט, מיט אַזאַ אימפּעט, לאָזן אויפן אויס־געטראָטענעם שליאַך פון אַן אַלוועלטלעכן קאָנגלאָמעראַט, אָדער באַדאַרפט די עיקר ענערגיע אינטענסיוו קאָנצענטרירן אויפן היגן פראָנט, צווישן היגן עולם, אין שטאָט און דאָרף, אין קיבוץ און מושב, און בעיקר צווישן דער היגער יוגנט, נוסח אַשכנז און נוסח ספרד, כדי יִדיש צו פאַרזיכערן דעם אינטערעס, וואָס עס קומט איר, ווי איינעם פון די וואָגיקע עלעמענטן אין דער כלל־גייסט־קולטור אונדזערער, וואָס באַ־דאַרף צו דינען ווי אַ דוגמה פון אַ זה ראה וקדש, אויף וויפל דאָס איז

מעגלעך, פאַר ייִדן־יישובים אויף דער וועלט. איך וויל נישט פאַרלייקענען, אַז איך גופא האָב אַ שווערע אַלערגיע צו אַלוועלטלעכקייטן, און זייער אַקומולאַציע, און איך גופא האָב, אין מײַן לעבן, געהערט בלויז צו צוויי אַלוועלטלעכע באַוועגונגען — די ציוניסטישע אַלוועלטלעכע אָרגאַניזאַציע און די חלוצישע אַלוועלטלעכע אָרגאַניזאַציע, וואָס זייער אויפגאַב איז געווען אונדז, וואָס מער און וואָס גיכער, פון אונדזער אַלוועלטלעכקייט צו באַפרײַען. און וואָס שייך דעם קאָמיטעט, האָב איך אים געוואָרנט פאַר אַ פּאַכאַפּנעם דעמאָנסטראַטיוון אַלוועלטלעכן אויסברייט אײדער ער האָט זיך הי לײַטיש באַפעסטיקט, מכוח אַ געדולדיקער און אָרגאַניזאַטאָרישער אַרבעט, כדי צו דערצײַען און מאָביליזירן אַ ייִנגערן קאַדער, וואָס אָן אים בלײַבט דער גאַנצער ענין אָן אַ פּערספּעקטיוו, אָן אַ מאָרגן. זעען מיר דאָך וואָס עס טוט זיך אין און אַרום די גופים, וואָס זענען אַקטיוו פאַרן דער־האַלט פון אונדזערע היימישע, אייגענע שפּראַכן אין דער וועלט — פון סאָרט אַלוועלטלעכער ייִדישער קולטור־קאָנגרעס פון איין זײַט און פון סאָרט ברית עברית עולמית פון דער אַנדערער זײַט — אַ ציבור שרײַבערס און טוערס, וואָס שטייען לרוב נישט ווײַט פון דער שוועל פון זיבעציק, אָדער האָבן זי שוין איבערגעשפּאַנט, אין עלטער פון פּענסיע אָדער איר שכנות, און דער צד השווה זייערער, אַז זיי האָבן דעם רוב אַקטיוואַ זייערע נישט פאַר זיך, נאָר נאָך זיך, און קאָנען זיך נישט באַרימען מיט אַ לײַטישן יונגן נאָכוווקס.

ז

אָבער אַזוי ווי דער קאָמיטעט אונדזערער איז אַ דעמאָקראַטיש, אָדער כמעט דעמאָקראַטיש, על כל פּנים אַ פאָרמאַל־דעמאָקראַטיש געבײַ, אַנט־שיידט דער רוב, און ער האָט מײַנע אַרגומענטן נישט אָנגענומען און אַזוי ווי נישט איך קאָן און נישט איך וויל מאַכן שבת פאַר זיך, נעם איך, אין אַ געמיש פון לכּורחי און לרצוני, ווי אַ מין סובלאָקאַטאָר, אָן די געשע־פענע באַזע, בפרט אַז דער עיקר זענען די מעשים, די אויפטוען, אַז ווי באַשיידן זיי זאָלן נישט זײַן, איז זייער געדולדיקע התמדה און זייער באַשטאַנדיקער וווקס אַ גאַראַנטיע, אַז זה הקטן גדול יהיה — צי זענען עס די ביולעטינען „פאָלק וועלט און מדינה״; צי זענען עס די העפטן „ביי זיך״, וואָס דאַרפן זיך אויסברייטן און אָפטער דערשײַנען; צי איז עס די ביכער־סעריע, ווערק פון שרײַבערס־עולים פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס דאַרף סוקצעסיוו קריגן אַ כּלל־פּרצוף און אַרומנעמען שרײַבערס פון אַר־מעטום, צי איז עס אַ בשותּפותדיקער אויפטו מיט אַנדערע אינסטיטוציעס

ווי עס איז דער יידיש־אָפּטייל בײַם ירושלימער אוניווערסיטעט, אַרויס־צוגעבן אַקאַדעמישע עדיציעס פון יידישע ליטעראַטור־ווערק, אַרום וועלכע עס באַמיט זיך אַ קרײַז פון יונגע יידיש־פאָרשער, וואָס איז פּעיִק דעם אויפטו צו פאַרברייטערן און פאַרטיפן און עס איז מסתמא נישט די איינציקע מעגלעכקייט פון קאָאָפּעראַציע. איך האָב בכיוון אויסגעבולט די טראַנספּאָרטאַבלע אויפטוען, וואָס קאָנען דירעקט באַדינען דעם עולם אין גלות, נישט ווײַל איך פאַרשטיי נישט דאָס חשיבות פון אויפטוען, וואָס זייער השפעה אויפן גלות איז אַן אומדירעקטע, ווי דער פּלאַן אײַנצופירן יידיש־לימוד אין די העכערע קלאַסן פון די היגע מיטלשולן; דער פּלאַן אויסצוברייטערן יידיש־לימוד אין אַלע היגע אוניווערסיטעטן, וכדומה.

ח

איך טו עס, כדי נישט צו פאַרטושן דעם חילוק צווישן הי און דאָרט און כדי נישט לאָזן פאַרגעסן, אַז דאָס זענען, בעצם, צוויי אַפּערעס. דען דאָ האַנדלט עס זיך וועגן באַצי צווישן צוויי אייגענע, היימישע שפּראַכן, איינע פון אַ לענגערן און איינע פון אַ קירצערן היסטאָרישן מאַרשרוט, און דאָרט האַנדלט עס זיך וועגן עצם־באַשטאַנד פון אַן אייגענער שפּראַך לגבי דער אויבערהערשאַפט, וואָס איז כמעט געוואָרן אַן אַליינהערשאַפט, פון דער פרעמדער שפּראַך, און דאָס שאַפט אַ דיאַמעטראַלן חילוק צווישן די אויפגאַבן הי און די אויפגאַבן דאָרט. און דער דאָזיקער חילוק לאָזט זיך נישט אַזוי לײַכט איבערבריקן.

איך האָב, בײַ מײַן לעצטן באַזוך אין אייראָפּע, געפּרוּווט נאָכשפּירן, אויב דער קאָמיטעט האָט דאָרט עפּעס אויפגעוועקט — — איך האָב עס נישט באַמערקט אין לאָנדאָן, כאָטש איך האָב דאָרט געטראָפן אַ יוגנט־איניציאַטיוו, און ווייס נישט, צי זי האָט אַ המשך. איך האָב עס אָבער בפירוש באַמערקט אין פּאַריז, בײַ עטלעכע אימפּרעזעס, און בעיקר בײַם יידיש־קאָלאָק אין דער סאָרבאָן, וואָס ווערט, ווי עס ווײַזט אויס, האָבן אַ המשך, און דאָס אין אָקספאָרד. מען טאָר דאָך נישט פאַרגעסן (און די דינים־וחשבונות אויף אונדזער וועלט־ראָט האָבן עס קלאָר דערמאָנט), אַז אַ יעדער ישוב האָט זיך זײַנע פּראָבלעמען, וואָס זענען מחייב פּאַסיקע באַשיידן, און אַלץ לאָזט זיך, באין אופן, נישט מאַכן לויט דער זעלבער, צענטראַלער, לא כל שכן צענטראַליסטישער, קאָפּיטע.

אָבער איך קער מיך אום צו אונדזער הי און אונדזערע באַדערפעענישן, וואָס זענען מסוגל צו שאַפן טראַנספּאָרטאַבלע אויפטוען, און דערפאַר שטעל

איך מיך נישט אָפּ אויף די היגע קלובן (איך וועל עס טאָן, אויך כדי אַרויס־צוברענגען מײַנע פּרינציפּיעלע, אויך גערנטאָלאָגישע, רעזערוואַציעס) — און באַנוגנדיק זיך מיט עטלעכע דוגמות, דערמאָן איך דעם פּלאַן פון שלמה גראָדזענסקי, עליו השלום, אַרויסצוגעבן אַ גרויסע, אויסשעפּנדיקע אַנטאָלאָגיע: וואָס האָט יידיש געזאָגט וועגן זיך אַליין; איך דערמאָן דעם פּלאַן פון אהרן ברתיני, זאָל לעבן, אַרויסצוגעבן אַ יידיש־העברעישן ווערטערבוך, וואָס זאָל מכוון זיין פאַר די באַזונדערע, אָבער גאָר קאָמפּליצירטע באַדערפענישן פון דעם איבערזעצער פון דער יידיש־ליטעראַטור; לסוף דערלויב איך מיר צו דערמאָנען מיין פּלאַן אַרויסצוגעבן אַ בוך וועגן דער געשיכטע פון חכמת־יידיש, ווי איך רוף אָן די יידיש־וויסנשאַפט.

ט

נו יאָ, פּלאַנען פעלן נישט, מען דאַרף זיי נאָר ווען און קאָנען אויס־פירן; פאַר וועלן זענען מיר, אַלטע, גענוג, בתנאי מיר זאָלן זיך נישט מעשה־ווונטש אָדער מעשה־גזירה, האַלטן בחינת אני ואפסי עוד; פאַר קאָנען מוזן מיר האָבן יינגערע, און אויב מיר וועלן באמת וועלן האָבן יינגערע — וועלן זיי זיין.

[כ״ה תמוז תשל״ח]

ייִדישער חן

אַ וואָרט בײַ דער ייִוואָ־אויסשטעלונג אין בית התפוצות

א

צום גורל און צום כאַראַקטער פון אַן אַלט, באַוווסטזיניק פאָלק, ווי־מיר זענען עס, געהער זײַן פעסטער זכרון, און דאָס נישט בלויז אין נעגאַטיוון זינען — אַז עס פאַרגעסט נישט זײַן געשיכטע אין אַלע אירע גלגולים, אין וואַנדל פון צײַטן און וואָגל פון ערטער, נאָר בעיקר אין פּאָזיטיוון זינען — אַז עס געדענקט אַלע זײַנע נסיונות און האַלט לעבעדיק אַלע זײַנע ווערטן, אַזוי ווײַט, אַז ווען טיילן אָדער גרופּן אין אים ווילן האָבן אַ קירצערן מאַרשרוט פון געשיכטע, און אַ מינדערן עול פון ירושה, איז אויב זיי קריגן נישט קיין חרטה דאַרויף, ענדיקט עס זיך לרוב דערמיט, וואָס זיי פאַלן אָפּ, פריִער אָדער שפּעטער, ווי דאַרע צווײַגן פון אַ בוים, וואָס בליט ווײַטער פון אייביקייט צו אייביקייט.

ב

אַזוי אַרום איז גאָר פאַרשטאַנדלעך די תמיהה און דאָס תרעומת, וואָס לאָזט זיך, פון צײַט צו צײַט, הערן: ווי קאָן מען און ווי מעג מען עס איבערהיפּערן טויזנט יאָר פון אונדזער געשיכטע, איר ירושה און קולטור. פאַרשטייט זיך, אַז איך מיין נישט יענע בעלי־תמיהה און בעלי־תרעומת, וואָס דערלויבן נישט אַנדערע איבערהיפּערן טויזנט יאָר, אָבער זיי גופא שנײַדן זיך פון אָט דער ירושה אַרויס דאָס, וואָס עס טויג זיי און נאָך דעם אָפּקלײַב היפּערן זיי גאַנץ געשמאַק איבער דאָס איבעריקע, שוין אָפּגעשמועסט פון יענע, וואָס דערלויבן טאָקע נישט אַנדערע אי־בערצוהיפּערן די צוגעטעסטע כביכול־נחלה פון די טויזנט יאָר, בשעת זיי די צוטעסערס, גופא, היפּערן איבער צוויי און דרײַ טויזנט יאָר און מער, פון אונדזער געשיכטע, איר ירושה און מסורה, אירע עיקרים און ווערטן, און פילן נישט, אַז זיי מאַכן מיט דער סעלעקטיווער מאַכערײַקע פון דעם לעבעדיקן זכרון, זיך אַליין צום גענאַר.

ווי אַ דוגמה פאַר אַ רעכטן אמתן זכרון, אין אילוסטראַטיוו דערציִערי־שן זינען, וויל זייַן דאָס הויז ווו מיר געפינען זיך איצט, מיט זייַן שטענ־דיקער כלל־עובדא, וואָס רופט זיך בית התפוצות, וואָס לעבט אויף דעם פּלאַסטישן זכרון פונעם לעבן פון כל שבטי ישראל, ווי זיי האָבן געלעבט, געוועבט, אין אַלע דורות און לענדער — באַשטאַנד־טיילן פון איין גרויסן היסטאָרישן אָרגאַניזם, וואָס רופט זיך עם ישראל. און דאָס כאַראַקטעריס־טישע דערבייַ איז, וואָס דאָס הויז געפינט זיך איך אַ שטאַט, אַ לאַנד, אַ מדינה, ווו די עלטסטע עלעמענטן פון אונדזער געשיכטע זענען די יינגסטע יסודות פון אונדזער ווערקלעכקייט. אין דעם ליכט דאַרף מען אויך זען דעם שפּיגל, וואָס שמייכלט, פריילעך און אומעטיק, ערנצט און פאַרשייַט, איצט אַראָפּ פון די דאַזיקע ווענט — דער חן פון יידישן פּנים, פון דער יידישער שטוב, פון דער יידישער גאַס אין מזרח־אייראָפּע, ווי עס האָבן זיי במשך פינעף און זיבעציק יאָר, פּיקסירט, דורך דער לינדז פון פּאָטאָ, ליבהאָבערס און פּאַכלייט, און דער ניו־יאָרקער יידיש־וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט (ייִוואָ) האָט זיי געזאַמלט און איצט פאַר אונדז, לויט זייַן אָפּקלייַב, געבראַכט, און דער בית־התפוצות האָט אָט דעם אָפּקלייַב, דאָ און איצט, געבראַכט פאַר אונדז, אַז מיר, קינדער פון אַלע שבטי ישראל, וואָס געפינען זיך אין אונדזער אייגענער היים, זאָלן אונדזערע אויגן און אונדזער האַרץ זעטיקן מיטן חן פון יידישן פּנים, און מיר טוען עס באהבה, און אַפילו ווען פּרטים לאָזן זיך באַנוגענען מיט דער שמחה פון כלה כמו שהיא, לאָזן מיר גערן דעם כלל מיטרייַסן מיט דער פרייד פון כלה נאה וחסודה.

ג

ווי אַלץ, האָט אויך דאָס פאַרשטאַנדעניש פאַר דער דאַזיקער באַזונ־דערער יידישער שיינקייט — איר געשיכטע.

אויב מען וויל איז זי יונג, אַפילו גאָר יונג, אויב מ׳וויל איז זי על־טער, אַפילו גאָר אַלט. זי איז יונג — דער פאָטאָ איז מחייב איר נישט איבעריק לאַנגן עלטער, און אונדזער איצטיק געזעמל האָט נישט קיין וויזואַלן דאָקומענט פון פאַר 1864; זי איז אָבער עלטער, אויב מיר נעמען אין באַטראַכט נישט בלויז די פאָטאָגראַפיע, נאָר אויך די איקאָנאָגראַפיע, בעיקר דעם קינסטלערישן באַנעם, פון אונדזערע מאָלערס. דען מען דאַרף געדענקען, אַז זיי, די מאָלערס, זענען עס געווען די אַנטדעקערס פון דער שיינקייט פון אונדזער פּנים. געגנוג אויסצובולטן דרייַ פון זיי, מיט עטלעכע

דורות צוריק — מאָריץ דניאל אָפּנהיים, יוסף ישׂראלס, משה דוד (מאוריצי) גאָטליב. קוקט זיך אײַן אין זייערע געמעלן און דערמאָנט אײַך, אַז זיי האָבן אַנטפּלעקט דאָס שײנקייט פון אונדזער פּנים, לאַנג איידער אונדזער ליטעראַטור האָט עס געטאָן. דען זי, די ליטעראַטור אונדזערע, האָט נאָך דעמלט געשטעקט אין דער השׂכלה, וואָס איז געווען אַ מסופּקדיקער מבֿין און אַ קנאַפּער מומחה אויף דער שײנקייט פון אונדזער לעבן און זײַנע אַנטפּלעקונגען. יאָ, נאָך די דאָזיקע אַנטדעקערס זענען געקומען אַנדערע, שפּעטערע — און ווער געדענקט דאָס נישט דאָס בוך פון אַרנאָלד צווייג און הערמאַן שטרוק — Das ostjüdische Antlitz וואָס זײַנע מחברים, דער שרײַבער און דער מאָלער, האָבן זיך, ווי אַ סך אַנדערע דײַטשישע ייִדן, באַגעגנט, ווי דײַטשישע זעלנער, מיטן לעבן און געשטאַלטן פון ייִדישן שטעטל, און דורכגעזאַפּט פון איר טיפער שײנקייט, האָבן זיי גע־טראָגן איר קלאַנג און פאַרב ווײַט און ברייט.

אָבער די גרעסטע, כאָטש באַשיידענע, אַנטדעקערס, זענען געווען עפּעס פריִער — ווען מען האָט אין ירושלים באַגרינדט דעם „בצלאל" און צווישן זײַנע ערשטע לערערס זענען געווען באַרימטע מאָלערס און סקולפּ־טאָרן פון פּוילן און אירע קאַנטן, האָבן זיי אויך אַנטדעקט דאָס פּנים פון כלערליי, און כמעט פון אַלע איבעריקע ייִדישע שבֿטים, וואָס האָבן זיך געפונען אין ירושלים.

ד

וואָס שייך דעם איבערגאַנג פון די פאַרבן פון דער פּאַלעטרע צום פּאָטאָ פון דער לינדז, און וואָס ער האָט אויסגעצײַטיקט, איז כדאי צו געדענקען, אַז אויך ער האָט אַ שטיקל געשיכטע, און פון זײַנע פּירגייערס וויל איך בלויז דערמאָנען ד"ר אבֿרהם שוואַדראָן (שרון) וואָס האָט כמעט זײַן גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן דעם אויפּטו זײַנעם — דאָס גראַנדיאָזע געזעמל פון אויטאָגראַפן און פּאָרטרעטן פון גדולי ישׂראל וואָס געפינט זיך אין רשות פון דער ירושלימער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק: פאַרשוינען פון ייִדישן אָפּשטאַם פון אַלע דורות אין אַלע לענדער, אין אַלע צווײַגן פון לעבן, גײַסט, קולטור — אַ געוואַלדיקע דעפּילאַדע פון אונדזערע ענערגיעס און טאַלאַנטן, וואָס האָבן, מיטן כּוח פון זייער באַוווסטער און אומבאַוווסטער ייִדישער ירושה, דערהויבן דעם מענטשלעכן מין. איך האָב אים יאָרן געהאָלפן און אים אָבסערווירט, בעיקר ווען ער האָט געקריגן אַ נײַעם פּאָר־טרעט און ער האָט זיך ממש צעלאַכטן און אַ זאָג געטאָן: בן פּורת יוסף.

אַמאָל האָב איך אים בשעת מעשה באַמערקט און געפרעגט: דאַכט זיך, אַז דוד המלך איז אויך געווען אַ שיינער יונגערמאַן. האָט ער געענטפערט: דווקא יוסף הצדיק — ווײַל דאָס פּנים זײַנס האָט זיך פאַרירשנט, אַ סימן האָסטו, אַז די גמרא דערציילט וועגן ר׳ יוחנן, וואָס איז אָפּנים געווען אויסנעמלעך שיין, פלעגט ער זיצן ווו די ווײַבער גייען פון טבילה, זיי זאָלן זיך פאַרקוקן אויף אים, ווײַל מזרע דיוסף קאתי, טײַטש: ער שטאַמט פון יוספס געבערד.

אָבער דער שענסטער באַשרײַב פון אונדזער חן איז פאַרט שיר־השירים, וואָס דער מדרש טײַטשט אים אויס אויף כנסת־ישראל, און דאָרט הייסט עס: שחורה אני ונאוה כאהלי קדר כיריעות שלמה — שוואַרץ, בין איך און שיין ווי די געצעלטן פון די טאָטערן, ווי די פוירהענג פון שלמה. און מיר האָבן דאָך געקנעלט אין חדר: שוואַרץ פון דרויסן, מחמת דעם שאָטן פון גלות, און שיין פון אינעווייניק מחמת דעם ליכט פון בית המקדש. דאַכט זיך, מען דאַרף נישט קיין בעסערע דעפיניציע פאַר אונדזער הײַנטיקער אימפּרעזע.

ה

צום סוף אַ מעשה שהיה: ווען מײַן טאַטע, עליו השלום, איז דאָס ערשטע מאָל געווען אין ירושלים, און איך האָב אים געפירט אין די יידישע פערטלען, האָט ער זיך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט, באַגריסט אַ ייִדן און אים אַנטקעגן געטראָגן דעם שלום עליכם. האָב איך אים געפרעגט: קענסט דען דעם ייִדן; האָט ער געענטפערט: קינד מײַנס, אויף דעם פּנים האָבן געהאָרעוועט זיבן הונדערט יאָר, קומט אים אַ שלום עליכם.

[ט״ו אדר תשל״ט]

מקורות און גלגולים

מאמר א׳:

אין ליכט־שאָטן פון חז״ל

אמר המחבר: דער פרס בני מרדכי, וואָס צעפּאַלט זיך אויף צוויי פּרסים, איינער אויפן נאָמען פון י. ל. פּרץ דער אַנדערער אויפן נאָמען פון ה. לייוויק, ווערט אָבער צוזאַמען פאַרטיילט, האָט באַוויזן ביידע פּרעמירטע האַיאַר, יצחק יאַנאַסאָוויטש און מיך, צו זאָגן אַ וואָרט וועגן די צוויי גרויסע שרייַבערס, און איך ברענג דעם עיקר פון מייַנע אויספירן וועגן אַ ליד פון י. ל. פּרץ („ר׳ חנינא בן דוסא״) און וועגן אַ ליד פון ה. לייוויק („דאָרטן ווו די צעדער״) און זייער שייכות צו מקורות פון חז״ל.

א

י. ל. פּרץ האָט זייַנע פּאָעמע „ר׳ חנינא בן דוסא״, געשריבן און אָפּגעדרוקט אין זיין פריִען שאַפנס־פּעריאָד (צומערשט אין „דער אידישער האַנדעס־קאַלענדאַר״, אונטער דער רעדאַקציע פון יונה בערנאַס, וואַרשע, 1891, ז״ז 79—83), און שפּעטער אין זייַנע געזאַמלטע שריפטן, אָנגעהויבן פון דער יובילעאום־אויסגאַבע (וואַרשע ל״ג בעומר תרס״א, טייל II ז״ז 11—15), ווו דאָס ליד מיטן אונטערקעפּל: אַ תלמודישע זאַגע, גייט אַרייַן אין ציקלוס: ראָמאַנטיק, כאָטש דער באַהאַנדל פון דער אגדה איז ווייַט נישט ראָמאַנטיש. דער מקור געפינט זיך אין קראַנץ פון אַגדות און מעשיות וועגן יענער גרויסער און ווונדערלעכער געשטאַלט פון איינעם פון ערשטן דור תנאים, וואָס איז געוואָרן אַ שם־דבר פון הייליקייט און עניוות. י. ל. פּרץ באַנוצט זיך מיט צוויי לעגענדעס אין מסכת תענית, און כדי בולטער צו זען, וואָס איז געווען דער סוסטראַט, וועלכן ער האָט געהאַט פאַר זיך און ווי־אַרום ער האָט אים באַהאַנדלט, איז כדאַי קודם־כל צו ברענגען דעם מקור, וואָס גייט אַרמיש, און ביאַליק־ראַווניצקי האָבן אים פאַרהעברעיִשט און שפּעטער פאַריידישט („די יידישע אגדות״, פּאַטאַקאַפּישער איבערדרוק, ניו־יאָרק 1948, באַנד, א׳, ז״ז 81—82) און קלינגט אַזוי (אויסלייג פאַראיצטיקט):

אַלע ערב שבת פלעגט חנינא בן דוסאָ'ס ווײַב, גלײַך מיט אַלע שכנות, אײַנהייצן אין אויוון און אַרײַנוואַרפן אַהין אַן אָפּגעברענט רייכערדיק שײַטל האָלץ. איז דאָרט געווען אַ שלעכטע שכנה, טראַכט זי זיך: „וואָס הייסט עס, איך וויס דאָך, אַז די האָבן גאָרנישט אויף שבת, מען דאַרף אַרײַנגיין כאַפּן אַ קוק, צו וואָס הייצט מען דאָרטן". גייט זי און קלאַפּט אָן אין טיר. ווערט ר' חנינאָ'ס פרוי שטאַרק פאַרשעמט און באַהאַלט זיך אין צווייטן חדר. געשעט אַ נס, און די שכנה איז אַרײַן, געפינט זי דעם אויוון פול מיט חלות און די מולטער פול מיט טייג. הייבט זי אָן צו רופן: „דו! דו! כאַפּ גיכער דעם באַקשויפל: די חלה ווערט צוגעברענט". ענטפערט יענע פונעם חדר, „דאָס בין איך טאַקע געגאַנגען נעמען".

איינמאָל זאָגט דאָס ווײַב ר' חנינאן: „ביז ווי לאַנג וועלן מיר נאָך אַזוי אָפּקומען?"

— „וואָס קאָן מען מאַכן?" פרעגט ער בײַ איר.

— „בעט אויס בײַ גאָט, ער זאָל דיר שענקען, וואָס עס איז פון יענעם גוטס, וואָס איז באַהאַלטן פאַר די צדיקים אויף יענער וועלט".

האָט ער מתפלל געווען, האָט זיך באַוויזן אַ מין האַנט און האָט אים אַ וואָרף געטאָן אַ פיסל פון אַ גאָלדענעם טיש; בײַנאַכט האָט ער געזען אין חלום, ווי אַלע צדיקים אין גן־עדן זיצן יעדער בײַ אַ גאָלדענעם טיש, אַ דרײַ־פוסיקן טיש, נאָר ער מיט זײַן פרוי — בײַ אַ צוויי־פוסיקן. ווי ער האָט ערוואַכט [דערוואַכט], דערציילט ער דער פרוי דעם חלום און זאָגט איר: „ווי מיינסטו, ס'וועט דיר זײַן איינגע־נעם, אַז אַלע צדיקים וועלן זיצן אַרום דרײַ־פוסיקע טישן, נאָר איך מיט דיר — בײַ איין טיש מיט איין פיסל ווייניקער?"

— „ביסט טאַקע זייער גערעכט, מײַן מאַן — ענטפערט זי — זײַ זשע ווידער מתפלל, מען זאָל דאָס פיסל צוריק נעמען".

האָט ער מתפלל געווען און מ'האָט עס צוגענומען צוריק.

„דער לעצטער נס — האָבן די חכמים אויף דעם געזאָגט — איז נאָך אַ גרעסערער פאַרן ערשטן — ווײַל אַזאַ קבלה האָבן מיר פון אייביק אָן, אַז פון הימל גיט מען אַמאָל, אָבער צוריק נעמען — קיינמאָל נישט".

ב

אַזוי די אגדה, נוסח ביאַליק־ראַווניצקי, וואָס פאַרמאָגט עטלעכע קליינע אָבער כאַראַקטעריסטישע אָפּווײַכן פונעם מקור, וועלכע פאָרדינען אַ באַזונ־

דערן באַהאַנדל. אַנדערש שטייט עס מיט פּרצ׳ס ליד — עס פאַראַנדערשט מתחילה די כאַראַקטעריסטיק פונעם תנא און זיַין וויַיב, פאַרבײַט די פּראָ־פאָרציעס פון זייער ראָל, און פאַרשיבט בעיקר די צענטראַלקייט פון זייער אַקטיוון און פאַסיוון באַצי צום עיקר־המעשה. דער ראַדיקאַלער שינוי ווערט קלאָר, פון סאַמע ערשטן פּרק:

א וויַיב האָט געהאַט ר׳ חנינא בן דוסא / זיַין זכות זאָל אונדז ביַישטיין, הלוואַי! / הערט איר אַ ריַיטערקע, אָבער אַ גרויסע, / עס זאָל איר ניט זיַין צו קיין גנאַי! // — עס פליִען די קולות פון מויל איר ווי פייגל / : „חנינא גיב עסן, גיב שיך!״ / ווו זאָל ער נעמען, עס פלאַמט שוין איר אייגל, / עס פליט שוין אַ „רוח״ נאָך אַ „רוח״. // וואָס טויג מיר דיַין תורה? דו לערנסט גאָר אַ וווּנדער, / וועסט קריגן דאָרט שליפעס און טרעסן! / שלינג־און־שלאַנג גיי איך אַרום מיט די קינדער / חנינא בן דוסא, גיב עסן״. / / אַצינ־דערט געדענקען עסביידע אין פריידן / זיי זיצן און קוועלן און לאַכן! / און ר׳ חנינא פאַרציילט אין גן־עדן: / „זי פלעגט עס גאָר קונציק צו מאַכן״.

שווער צו זאָגן, אַז דער דיכטער האָט צו אַזאַ אַנידערשטעל פון ר׳ חנינאס וויַיב געהאַט, אַפילו אַ מינימאַלן אָנהאַלט אין דער אגדה, — אַ ריַיטערקע, אַ שעלטערקע, אַ כעס׳ניצע, וואָס מאַכט, בעצם, חוזק פון איר מאַן וואָס איז דאָ אַ לערנער אַ בטלן און וועט דאָרט זיַין אַ גענעראַל („שליפעס און טרעסן״). און די קומענדיקע פּרקים גייט עס סיי שאַרפער סיי ווייכער: אמת, זי איז אַ יידיש וויַיב — זי האָט אים, דעם מאַן אירן ליב, בפרט ער איז אַ קראַנקער, אַ הוסטנדיקער. אָבער זי איז אַ יידישע מאַמע — קוים פעלט אַ קינד עסן און עס פּישטשעט און הוסט מחמת קעלט, ווערט זי אַ חיה נוראה, זי וויַיזט אים אַפילו אַ האַנט. און דער שפּיץ איז אום אַ דאָנערשטיק, פאַרן קורצן פריַיטיק, און זי האָט נישט ווו צו באָרגן, און ער, דער שלימזל, פאַרדינט נישט קיין דריַיער, און וועט שוין פאַרפוילן אין קלויז, און זי, די מאַמע, ריַיסן צוויי פּיצלעך ביַי דער פאָלע, דאָס דריטע זויגט און דאָס פערטע וויל אויך שוין פון בויך אַרויס, און זי פאָדערט, אַז די תורה זיַינע זאָל איצט געבן ברויט. האָט ער דאָך אַלע שליסל צום הימל, און אויב ער וועט זיך נישט באַמיִען, וועט ער האָבן אַ פינצטערן שבת. זי פאַרשליסט פאַר אים די טיר, פאַרגליַיזט ער די אויגן, און שוין ליגט אַ פוס, אַ קאַלבס־פוס אויפן טיש. אָבער צומאָרגנס האָט זי

חרטה אויף איר נאַריש מויל פון אַ ייִדענע, און דערציילט, אַז עס האָט זיך איר געחלומט, אַז זיי זענען ביידע געזעסן אין גן־עדן, ער אויפן שטול און זי אויפן פוסבענקעלע, צווישן די אָבות און אמהות, נאָר פון זייער כסא האָט געפעלט אַ פּיסל, און די אמהות, רחל מיט לאה משמע, האָבן געקוקט מיט רחמנות און געשוויגן, און די שפחות, בלהה מיט זילפּה משמע, האָבן מיאוס געשמייכלט:

האָסט אויפגעפרעסן דעם פוס

און זי, ר׳ חנינאס ווײַב, פאַרענדיקט:

„זאָל מען ניט טײַטן אויף מיר די פינגער / אַ טרער לאָז, אַ מאַך נאָר דײַן שפּיל! / זאָלן מיר אַלע דאָ שטאַרבן פאַר הונגער / און דאָרט זאָל ניט לאָמען דײַן שטיל״.

ג

אַז מען פאַרגלייכט דעם לאַנגן טעקסט פון ליד מיטן קורצן טעקסט פון דער אגדה, זעט מען, וויפל פרײַקייט פון באַנעם און אינטערפּרעטאַציע י. ל. פּרץ האָט זיך דאָ גענומען, — ער ווייסט, ווען דאָס איז געווען, — אין דער גרעסטער בהלה, וואָס אַ ייִדענע לעבט איבער צוגרייטנדיק דעם שבת, אַ טאָג פאַרן קורצן פרײַטיק; ער ווייסט וויאַזוי עס איז געווען — ער מאַכט פון גאָלדענעם טיש אַ גאָלדענע שטול, ווײַל אַזוי גייט די כלל־מסורה וועגן גן־עדן, און אַזוי האָבן מיר עס, סײַ אין דער נאַיִווער סײַ אין דער סאַטירישער ליטעראַטור (זע, שטייגער, פאַר פּרצ׳ן — דאָס ליד וועגן גאָטס באַנקראָט פון וועלוועלע זבאַזשער, און נאָך פּרצן — ש״י עגנונס ייִדישע דערציילונג „גילדענע שטולן״), און דער פאַרבײַט לאָזט זיי ביידע זיצן נישט בײַ איין טיש, נאָר, לויט דער פאָלקס־מסורה, אים אויפן שטול און זי אויפן פיסבענקעלע. עס ווײַזט אויך, ווי אַרום דאָס נס איז געשען — עס איז נישט אַראָפּגעפאַלן קיין גאָלדענער פוס, וואָס מען האָט געקאָנט פאַרקויפן און מאַכן אַ רײַכן שבת, אויב נישט רײַכע שבתים, נאָר אַ קאַלבס־פוס, כביכול גרייט צום קאָכן און עסן, אַזוי אַז אַפילו דער געשעפטלעכער צד פונעם נס איז אַ ריינער מיקח־טעות, אַזוי אַז עס איז אַ ספק, צי צוליב דעם קליינעם פרעס דאָ לוינט זיך מוותר צו זײַן אויף אַ גאַנצער שטול, דערצו אַ גילדענער שטול, דאָרט. אָבער נישט דאָס איז דער געדאַנקען־גאַנג פון דער ייִדענע, וואָס פּרץ ווייסט אַקוראַט איר

נאָמען, און ער איז נישט קיין אַרמישער נאַר אַ ייִדיש־אַשכנזישער און האָט זיך אויסגעפּיקט פונעם גראָם: חנינא — גרינע (פון אַ גראַם האָט זיך אפשר אויך אויסגעפּיקט דער קאַלבספּוס: רגל עגל), — עס גייט בעצם נישט אין תענוג פון אַ באַקוועם זיצן אויף דער גאַנצער שטול, עס האַנדלט זיך אין עגמת נפש, וואָס די אמהות וועלן פאַרשאַפן מיט זייער רחמנות און די שפחות מיט זייער חוזק, זעענדיק, ווי די ייִדענע מוז זיך מיט איר מאַן באַמבלען אויף דער לאָמער שטול. בעצם, פאַרענדיקט זיך דאָס ליד, וואָס מרת גרינע, וואָס האָט אָפּגעלאָכט פון איר חנינא, און וואָס איז דאָ אַ בטלן און וועט דאָרט זיין אַ גענעראַל, איז, אין איר סאַרקאַסטישן פינאַל, מוותר אויפן דאָ צוליבן דאָרט, אַ ווייַבערישער נוסח פון אַברהם רייזענס קלויזניק („עסן טעג און שלינגען טרערן / שלאָפן אויפן פויסט דעם האַרטן / טייטן דאָ דעם עולם הזה / און אויף עולם הבא וואַרטן”).

בדרך כלל איז פּרץ׳ס אינטערפּרעטאַציע אַ פּרוּוו פון אַ רעאַליסטישן באַנעם פון גורל פון דער ייִדישער פרוי און אירע נויטן, ווי עס איז געווען טיפּיש אין די לעצטע דורות: דער מאַן, דער בטלן, דאָס ווייַב — די פּרנסה־פאַרזאָרגערין, איז אָבער פאַרט פאַרגלייבט אין יענער וועלט, אַזוי אַז די לעצטע צוויי שורות פון ליד זענען, לפּחות, טאָפּלפּנימדיק — איין פּנים איז געווענדט צו דער ריינסטער תמימות, איין פּנים איז געווענדט צום שאַרפסטן חוזק. וואָס שייך דעם דיכטער גופא, וועט ער זיך ערשט שפּעטער, אין זיינע חסידישע און פאָלקס־מעשיות כאַפּן, אַז מער ווי עס האַנדלט זיך דער צדקת אין גאָלד פון שטול, האַנדלט זיך איר וועגן שלימות פון שטול, אָבער דאָס איז שוין אַ פּרשה פאַר זיך.

ד

יאָ, אַנטייטנדיק אויף פּרץ׳ס שינויים האָבן מיר איבערגעהיפּערט איין שינוי — לויט ביאַליק־ראַווניצקיס נוסח האָט ר׳ חנינא געזען אין חלום דעם לאָמען גאָלדענעם טיש, לויט פּרץ׳ס נוסח האָט עס זיין ווייַב געזען אין חלום דעם לאָמען גאָלדענעם שטול, און דאָ איז פּרץ לעגיטימער — אין דער גמרא הייסט עס: חזיא בחלמא, משמע: געזען אין חלום, און רש״י מאַכט: דביתהו, משמע: זיין ווייַב. און אַזוי גייט עס ביי אַ סך באַאַרבעטער פון דער לעגענדע, זע, אַ שטייגער, אַברהם טענדלאַו Das Buch der Sagen und Legenden (1842 ביז 1873), אַזוי האָט עס אויך ר׳ זאב יעבץ אין זיין ביבליש־קלאַסישן „שיחות מני קדם”, וואָס איז אַרויס אַ גוטע פּאָר יאָרן איידער י. ל. פּרץ האָט זיין ליד אָפּגעדרוקט, און מעגלעך,

אַז מיר האָבן דאָ טאַקע אַ שטילן ווידעראַנאַנד צווישן י. ל. פּרץ און „דעם „ירושלימער בער", ווי ער האָט אָנגערופן זאב יעבצן.

ה

וואָס שייך וויַיטער ה. לייוויק'ס ליד, גייט עס אויף דער ליניע פון אַקטואַליזאַציע פון אַן אַלטן, חז"לישן מאָטיוו, און עס איז נישט קיין סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע, נאָר פּאָליטיש־נאַציאָנאַלע אַקטואַליזאַציע — סיַי אין נאָמען פון ליד, סיַי אין זיַין תוכן. דער נאָמען פון לייוויקס ליד: דאָרטן ווו די צעדער, פּאַראָדיזט אויפן באַקאַנטן דיַיטש־יִדישן ליד Dort wo die Zeder וואָס עס האָט, אין יאָר 1890, מחבר געווען דער לעמבעריקער יונגער ציוניסט, ד"ר יצחק פעלד, און וואָס איז, מיט בער־טאָלד קאָנטי'ס מעלאָדיע און צוויי יאָר שפּעטער, צוזאַמען מיט אַלפרעד נאָסיג'ס Słuchajcie, bracia, pieśni [= הערט, ברידער, דאָס ליד] געוואָרן די הימנע פון לעמבעריקער ציוניסטישן פאַראיין „ציון", און שפּעטער געוואָרן איינע פון די ציוניסטישע הימנעס בכלל, בעיקר נאָכדעם ווי זי איז איבערגעזעצט געוואָרן סיי אין העברעיִש (דער ערשטער האָט זי איבערגעזעצט ר' שמואל וואָלף גוטמאַן, שפּעטער רב אין לעמבעריקער טעמפּל, — אַ ברודער פון פּעיִקן שוישפּילער יִדל (יוליוס גוטמאַן) — האָט זיך אָבער נישט דורכגעזעצט, ווייל עס זענען געקומען אַנדערע, בעסערע נוסחאות, סיַי אין יִדיש (די בעסטע איןביידע לשונות איז פון פסח קאַפּלאַן). דער תוכן פון לייוויקס ליד גייט נאָך דעם מאָטיוו פון טיטוס און דעם מוק, ווי ער ווערט געבראַכט אין דער גמרא (גיטין נ"ו ע"ב), וואָס מען האָט געלערנט תשעה באב, אויך אין די חדרים פון די קלענערע קינדער, און אונדזערע מאַמעס האָבן עס געלייענט אין צאינה וראינה. איך האָב מיך אויפן פאַרשפּרייט פון דעם מאָטיוו ברייטער אָפּגעשטעלט אין מיַין מאמר: צווישן טיטוס און יתוש (אין בוך: אַ וואָרט באַשטייט, תשל"ה, ערשטער באַנד, ז"ז 152—162) און וועל מיך, בשעת־כושר, דערצו אומקערן, כדי צוצולייגן אַ קאַפּיטל.

ה. לייוויק האָט דעם מאָטיוו צום שטאַרקסטן אַקטואַליזירט, און כדי דאָס צו פאַרשטיין, איז גענוג עס דורכצולייענען, פּירוסשיקנדיק בלויז אַ באַמערק, אַז ער לאָזט דעם מאָטיוו זיך אויסלעבן אין דער צייַט פון דער גרעסטער שפּאַנונג צווישן אונדזער היגן יִשוב און דעם ענגלישן מאַנדאַטאָר. דאָס ליד גייט אַריַין אין אַ ציקל, וואָס הייסט אויך: דאָרטן

ווי די צעדער (אַלע ווערק, לידער, בוך איינס, ניו־יאָרק, 1940, ז״ז 563—564) און קלינגט:

דאָרטן ווי די צעדער / דאָרטן ווי אויך דאָ / יאָמערט די גאולה / שלאָגט די צוועלפטע שעה. // אויף די ווײַסע שטיינער / זיבן רויטע שטראָמען — / בלוט אין אונדזער גאָרטן / בלוט אויף אונדזער נאָמען. // טיטוס שפּאַנט פון לאָנדאָן / זײַן געווער — באַטרוג / אין זײַנע געהירן / פּיקט נאָך ניט דער מוק // וואָס איז פאַר אים עמק? / וואָס ירושלים / שקרדיקע קלאַנגען, / מאַכטרויב צו פאַרשרײַען. // אויף דעם גוף פון פעלקער / טאַנצן זיי געפּאָרט / טאַנצן זיי געאָרעמט — / היטלער און דער לאָרד. //
און דעם לאָרדס צילינדער / דריבלט זיך אַ דריבל — / ווען דער לאָרד דערבײַ נאָך / קושט זיך מיט דער ביבל. // פון די אַלטע בלעטער / שרײַט אַרויס אַ קול: / שנאָבל־מוק, ווו ביסטו? — / קום צום צווייטן מאָל. // קום און דרינג אַרײַן, / דורך טויערן און טירן / גלײַך אין סאַמע טיף / פון לאָרדישע געהירן. // טיטוס קומט פון לאָנדאָן / מוק — פון עין חרוד, / מוק — פון גבת, פון חולה / מוק — פון כפר גלעד. // אויף שפּיץ פון אַקער, / אויף שפּיץ פון פעדער — / דאָרטן ווי דער מדבר, דאָרטן ווי די צעדער.

ו

ווער עס האָט איבערגעלייענט מײַן דערמאָנטן מאמר, ווייסט, ווי פאַרשיידן עס איז דער באַנוץ מיט דעם דאָזיקן חז״ל־מאָטיוו. אָבער קיין דוגמה גלײַכט זיך נישט צו לייוויקס מאַניפּולאַציע, סײַ מצד איר בילדלעכקייט, סײַ מיט איר דרייסטקייט, און בעיקר מצד דער אַקטואַליזאַציע.

[אייר תשל״ט]

מאמר ב׳:

אתם נצבים אָדער: וואָס אין אַ הלצה פאַרבאַהאַלט זיך

א

„דאָס פאָלק און זײַן אוצר — מעשיות, משלים אין פאָלקסטימלעכן פאָעטישן לבוש״, — אַזוי הייסט דאָס בוך פון משה קאַפּשטיין, וואָס איז

איצט אַרויס אין פֿאַרלאַג „שלום" (ניו־יאָרק—תל־אביב 1979). פֿון דער קורצער הקדמה, וואָס באַצייכנט דאָס בוך ווי אַן „אַדאַפּטירטע זאַמלונג פֿאַרן מיטלערן לייענער", אַ סאָרט „מילון כיס" — אין אַ פֿאָלקסטימלעכן, לייכטן לבוש, איז קלאָר, אַז אויב דער מחבר איז פֿאַרן לייענער אַ פּנים חדשות, איז זיין חיבור מעיד, אַז ער איז אַ זקן שקנה חכמה־און־חכמות, און האָט דערלאַנגט אַ קאַליריקן אָפּקליַיב, דעם עולם לייענערס, וואָס קאַיכעט זיך אין היימישן און פֿאַרהיימישטן פֿאָלקלאָר.

דער מחבר ברענגט, אין זיין פֿירוואָרט, אַ ראיה פֿאַר זיין שיטה, ווי ער רופֿט זי אָן: געדיכט־לבוש — פּושקין. אָבער ווי סוגעסטיוו די ראיה זאָל נישט זיַין, איז מיר שווער בייַצוקומען דעם ספֿק, צי דאָס, וואָס טויג פֿאַר דער אגדתא און סקאָזקע אָדער פֿאַר דעם משל, וואָס זענען פּאָעטיזירט געוואָרן, און גאָר היפּש אויך אין אונדזער ליטעראַטור, טויג פֿאַרן אַנעקדאָט, דער הלצה, דעם וויץ; דען עס דוכט זיך מיר פֿאַרט, אַז דער בעסטער וועג איז ווי מעגלעך אַמנאָענטסטן און אַמגענויסטן איבערגעבן דעם טעקסט, ווי און וויאַזוי ער ווערט דערציילט אין לעבעדיקן שמועס. איך זאָג עס נישט, כדי צו באַרעכטיקן דעם דרך, וועלכן איך האָב אָפּגעהיט אין מייַנע צוויי אַנעקדאָטן־געזעמלען; איך זאָג עס מחמת דער גרונטיקער פֿאָדערונג, וואָס דער אַנעקדאָט שטעלט זיַין פּיקסירער — עס איז די פֿאָדערונג פֿון אויטענטישקייט אָדער, לפּחות, זיַין מאַקסימאַלע אילוזיע.

אַוודאי, אין כלל בלא יוצא — אַזוי, אַ שטייגער, האָראַצי סאָפּרין (יאָ, אַזוי הייסט ער נאָך זיין עלטער־עלטער־זיידן, דעם צדיק, ר' הערש זשידיטשויווער), האָט אַרויסגעגעבן פּויליש אַ בוך פֿון אים איבערדערציילטע אַנעקדאָטן: Przy szabasowych świecach משמע: ביי די שבתדיקע ליכט (לאָדזש, 1966), וואָס האַלט כמעט דריַי הונדערט זיַיטלעך און איז אָנגעשפּיקעוועט מיט אַ שפּע לאַכוואַרג, פּונקט ווי ער האָט געגראַמטע אַנעקדאָטן (וואַרשע, 1966), וואָס האַלט נאָר זעכציק זיַיטלעך, אָבער דער אמתער חן שטעקט אין קלענערן געזעמל. אַוודאי איז דאָס אויך געווענדט אין שפּראַכחילוק — בדרך כלל קאָן זיך דער יידישער הומאָר אין פֿרעמד־שפּראַכיקן לבוש נישט אַרויסבאַפֿריַיען פֿון אַ מין אויטאָקאַריקאַטור (איך האָב מיך דאַרויף אָפּגעשטעלט אין מיַין בוך „היימישע כתבים", באַנד 2, בעיקר ז"ז 509—511). אָבער נישט ווייניקער איז עס געווענדט אין דער וואָרעמער פֿאַרשווינלעכער נאָטע, פֿונעם פֿאַרדיכטער, אָדער איבערדיכטער. וויל איך מודה זיַין, אַז אַזאַ נאָטע שפּריצט אָפּיר אויך פֿון ר' משה קאָפּשטיינס סטיליזאַציע, וואָס האָט זיך געהיט פֿאַר אַ גענערעלן אויפּצווינג

פון גראַם, און האָט זיך גאָר אָפּט באַנוגנט מיט אַן אַנגראַמיקער ריטמיזאַ־ציע פון דער שורה.

אָבער פּאַרט מעגלעך, אַז אַ געטרײַישאַפט צום פּראָזאַישן שמועס־נוסח, וואָלט נאָך מער אויסגעבולט דאָס דערציילערישע יכולת פונעם בעל־האוצר, אַזוי אַז בײַ אַ ויתור אויפן דאָזיקן אָנשטרענג, וואָלט מקוים געוואָרן דער זאָג: .Weniger wäre mehr gewesen

ב

דאָס בוך פאַרמאָגט אַן אויטאָריטאַטיוו און אינסטרוקטיוו נאָכוואָרט פון אַ מומחה, פּראָפ׳ דב נוי גיט אַ שיעור וואָס איז אַ מועט המחזיק את המרובה, וועגן דעם אוצר; און דער לייענער וועט גוט טאָן, אויב ער וועט דאָס נאָכוואָרט מאַכן פאַר אַ פּירוואָרט, דען עס וועט אים בײַשטיין בײַם עצם־לייענען פון בוך, און העלפן אויפכאַפּן זײַנע עלעמענטן. באַזונדערס וועט אים צולײַכטן די דוגמה פון אַן אַנאַליז פון איין אַנעקדאָט — עס איז נישט קיין בכיוונדיק אויסגעזוכטע, נאָר ממש אַ צופאַליק אויסגעקליבענע, לויט אַ באַשטימטער צאָל — דער אַנעקדאָט, וואָס ווערט געבראַכט אויף זייט 77, און דער אויסקלויב ווערט דערקלערט מכוח זײַן פאָרמוליסטישער צאָל־באַזונדערקייט ווי מיר האָבן זי אין פּסוקים (בראשית ד׳ כ״ד, עזרא ח׳ ל״ה וכדומה), און איך בין זיך משער, אַז עס האָט אַ שייכות צו דער סאַקראַלקייט פון דער ציפער 7, וואָס גייט דאָ געפּלט, און בדידי הוות עובדא — ווען פּראָפ׳ דב נוי האָט גערעדט, לכבוד מיין זיבעציק־יאָריקן יובל אין ירושלימער אוניווערסיטעט, האָט ער אַנאַליזירט דריי נומערן פון מיין אַנעקדאָטן־בוך — נומער 7, נומער 77, נומער 777.

דער איצטיקער אַנאַליז זײַנער איז חל אויף אַ סיפּור־מעשה, וואָס איז באַקאַנט, נישט בלויז בײַ יידן, און עס ווערן דערמאַנט זײַנע וואַריאַנטן אין כלערליי געזעמלען (מנואל שניצער, נתן אוזובעל, א. א. דרויאַנאָוו, חיים שוואַרצבוים, נפתלי גראָס) און אָנגעוויזן אויף די כלערליי חילוקים צווישן זיי — עס איז ממש אַ באַרג קשיות, וואָס דער פאַרגלײַך רופט אַרויס, און דער לייענער קאָן זיך נישט אָפּהאַלטן פון שטוינען אויף דער שפע פּראָבלעמען, וואָס עס אַנטהאַלט אַזאַ קליינער צופאַליקער אַנאַליז פון איין פאָלקלאָר־עלעמענט, אין איין אַנעקדאָט, און ער ווערט ווי פאַרבעטן צו פּרווון אָנווענדן דעם מעטאָד לגבי די איבעריקע אַנעקדאָטן, אויף וויפל ער קען אַנדערע נוסחאות זייערע, און ער וועט דערפון האָבן סײַ פאָלקלאָריסטישע הנאה, סײַ וויסנשאַפטלעכן נוצן.

און איך דערלויב מיר דאָס צו אילוסטרירן מיט אַן אַנאַליז פון אַן אַנדערער דוגמה, וואָס איז נישט ווײַט פון דער אַנאַליזירטער דוגמה — זי קומט, פשוט, פיר מיט איין נומער פריִער, אויף זײַט 76, אַ צאָל וואָס האָט נישט קיין פאָרמוליסטישן באַטײַט, (כדאי צו דערמאָנען, אַז דאָס איז, לויטן רמב״ם, די צאָל טרפות ונבלות). דער אַנעקדאָט ווײַטער איז מײַנס אַן אַלטער באַקאַנטער — איך האָב מיך שוין פּאַדראַבנע אָפּגעשטעלט אויף זײַן מאָטיוו און פאַרגליכן זײַנע וואַריאַנטן, (אין מיין בוך „יריד השעשו־עים״, פּרק: גם לבדיחה אָב, 1964, ז״ז 15—19) און איך וויל מיך איצט דערצו אומקערן.

ג

ר׳ משה קאַפּשטיינס אַנעקדאָט הייסט: „האַלט דעם פּיסק, ישיבה קלאָץ״. און זײַן נוסח קלינגט אַזוי:

— אתם ניצבים — ראשיכם, מלכיכם —
פון וואו קומען מלכים אין דער מדבר?...
— עס שטייט דאָך ניט „מלכיכם״!
— האַלט דעם פּיסק!
— דרך ארץ!
דו ישיבה קלאָץ! — שרייט דער מגיד:
אָט איך וועל אײַך זאָגן גאָר אַ געהויבענעם תירוץ.

דוכט זיך, אַז לאַקאַנישער וואָלט דער נוסח נישט געקאָנט זײַן, אָבער די סיטואַציע איז קלאָר: אַ מגיד שטייט פאַר אַן עולם, און דרשעט וועגן פּרשה ניצבים. אָבער שטאָט אָנצוהייבן מיטן ערשטן פּסוק, ווי ער שטייט ממש אין דער פּרשה: „אתם ניצבים היום כולכם לפני ד׳ אלהיכם ראשי־כם, שבטיכם, זקניכם ושוטריכם כל איש ישראל״ (טײַטש: איר שטייט הײַנט איר אַלע פאַרן אייבערשטן אײַער גאָט, אײַערע אויבער־לײַט, אײַערע שטאַמען, אײַערע עלטסטע, אײַערע אויפזעערס, אַ יעדער מאַן פון ישראל), הייבט ער אָן: אתם ניצבים היום לפני ד׳ אלוהיכם ראשיכם מלכיכם וכו׳ (טײַטש: אײַערע אויבער־לײַט, אייערע קיניגן וכו׳); און פרעגט: וואָס האָבן געהאַט מלכים צו טאָן אין דער מדבר? אָבער איידער ער אויספיעט נאָך צו פאַרענטפערן די קושיא, שלאָגט אים איינער, ווײַזט אויס אַ ישיבה־בחור, איבער, אַז דאָס וואָרט מלכיכם, איז גאָר נישטאָ אין פּסוק, אַזוי אַז די קשיא איז קיין קשיא נישט. צעשרײַט זיך אויף אים דער

מגיד, הייסט אים שווייגן און האָבן דרך־ארץ, און רופט אים ישיבה־קלאָץ, און גרייט זיך זאָגן אַ גאָר געהויבענעם תירוץ אויף דער קשיא, וואָס איז, בעצם, נישט מער ווי אַ פינגירטע קשיא, בערך דאָס, וואָס מען רופט אַ קלאָץ־קשיא. און עס שטעקט מסתמא אַ באַזונדערער עוקץ, וואָס דער מגיד, פאַרלויפנדיק דעם וועג יענעם גערעכטן פרעגער, רופט גאָר אים ישיבה־קלאָץ, כאָטש באמת הייסט דער מגיד דער פרשה האַלטן פּיסק און האָט ממילא נישט קיין דרך ארץ פאַר דער תורה, און שטעלט העכסטנס אַנידער די טענה פונעם ישיבה־בחור ווי אַ נידעריקן תירוץ און זיין אייגענעם אויסגעטראַכטן דרש פאַר אַ געהויבענעם תירוץ.

האָב איך אין מיין דערמאָנטן מאמר אָנגעוויזן אויף צוויי אַנדערע נוסחאות פונעם אַנעקדאָט. ערשטנס, י. ח. ראַוויניצקי („יידישע וויצן", נומער 309) — אַ מעשה מיט אַ מגיד וואָס האָט געזאָגט אין זיין דרשה, אַז אין פסוק שטייט: אתם ניצבים היום כולכם לפני ד' אלהיכם ראשיכם, שבטיכם, זקניכם ומלכיכם. פרעגט זיך: וואָס פאַר מלכים האָבן דעמלט געהאַט די בני ישראל, ביים לעבן פון משה רבנו, און אין דער מדבר; האָט זיך איינער פון עולם אָנגערופן, אַז דאָס וואָרט מלכיכם ווערט גאָר נישט געבראַכט אין חומש, האָט דער מגיד געענטפערט אַז דאָס איז אַ נישט־שלעכטער תירוץ אויף דער קשיא, אָבער ער האָט דערויף אַ בעסערן, קלוגערן און שאַרפערן תירוץ, און ער איז טאַקע ממשיך: הערטזשע, רבותי. צווייטנס, א. א. דרויאַנאָוו מעשה מיט אַ מגיד, וואָס האָט געדרשעט שבת, פרשת ניצבים, און האָט געשטעלט אַ האַרבע קשיא: אתם ניצבים היום כולכם... ראשיכם, שבטיכם ומלכיכם... מילא, אויבער־לייט און שבטים איז ניחא, זיי זאָלן זיין בלשון־רבים, אָבער אַ מלך איז דאָך בלויז איינער, פאַרוואָס־זשע שטייט: מלכיכם אין לשון רבים. איז איינער פון עולם אויפגעשפרונגען און אויסגערופן: רב מגיד, אין דער תורה שטייט גאָרנישט מלך בכלל, נישט לשון רבים און נישט לשון יחיד. האָט דער מגיד געענטפערט: דאָס איז אַ שיינער תירוץ, נאָר איך האָב אַן אַנדערן תירוץ, אַ שענערן דערפון.

ר' משה קאָפּשטיין ברענגט אַ טייל פון דער ביבליאָגראַפיע (ז' 197) פון זיינע מקורים, סיי בעל־פה סיי בדרוק, און צווישן זיי דערמאָנט ער נישט י. ח. ראַווניצקי און דרויאַנאָוו, אַזוי אַז עס לאָזט זיך אָננעמען, דאָס ער האָט זיין אַנעקדאָט פון אַן אַנדערן מקור, וואָס איז אויך קענטיק פון זיין נוסח. דער צד השווה פון אַלע דריי נוסחאות איז דער באַנוץ

מיטן וואָרט מַלכֵּיכם וואָס איז נישטאָ אין פּסוק, גלייך עס וואָלט דאָרט יאָ געווען. ביי ראַווניצקי און דרויאַנאָוו, ווי דאָס לעצטע וואָרט אין דער ריי, וואָס שטימט נישט צו דער גראַדאַציע, ווײַל מלכים דאַרפֿן צו זײַן די ערשטע, ביי קאַפּשטיין ווי דאָס צווייטע וואָרט אין דער ריי, וואָס איז נענטער צו דער גראַדאַציע, אָבער אַלץ נישט בראש. דער צד השונה, איז די עצם קשיא אויפֿן וואָרט. בײַ ראַווניצקי איז עס אַ כראָנאָלאָגישע קשיא: דער ערשטער מלך פֿון ישראל, איז דאָך געווען שאול בן קיש, און ווי איז עס מעגלעך, אַז ער און די וואָס זענען געקומען נאָך אים („מלכים"), זאָל משה רבנו זאָגן צו זיי: אתם ניצבים היום, משמע: איר שטייט הײַנט; ווײַטער בײַ דרויאַנאָוו איז עס אַ לאָגישע קשיא: פֿאַר ראשים און שבטים (די זקנים, עלטסטע, די הייפּערט ער איבער) פֿאַסט זיך לשון־רבים, ווײַל זיי קאָנען שטיין איינער לעבן אַנדערן, פֿאַר מלכים פֿאַסט זיך נישט קיין לשון־רבים, ווײַל זיי קענען בלויז זײַן איינער נאָכן אַנדערן, און ווי אַרום האָט משה רבנו געזאָגט צו זיי: אתם ניצבים היום. אָבער בײַ קאַפּשטיין איז עס נישט קיין צײַטלעכע נאָר אָרטלעכע קשיא: וואָס האָבן מלכים געהאַט צו טאָן אין דער מדבר, ווען מיר ווייסן אַקוראַט, ווער עס זענען דאָרט געווען די נאַטאַבלען. און דאָ וואָלט איך נאָך באַמערקט, אַז אַלע דרײַ מיני מגידים האָבן נישט באַמערקט, אַז דאָס וואָרט מַלכֵּיכם געפֿינט זיך, אין גאַנץ תנ"ך, בלויז איין איינציק מאָל, און דאָס ביי ירמיה הנביא (מ"ד כ"א) און ווי אַרום האָבן זיי עס, די מגידים, אַריבערגעטראַגספּאָר־טירט אין חומש אַרײַן, און זיך פֿאַרעקשנט גלײַך עס וואָלט פּאַרט טאַקע געווען און געוואָרט אויף זייער קשיא און זייער תירוץ.

און דאָ בעט זיך אַ זאָג וועגן צד השווה פֿון עצם עקשנות און וועגן צד השונה פֿון זייער רעאַקציע אויפֿן צוהערער, וואָס האָט זיי געשטערט מיט זײַן באַמערק, אַז די קשיא איז קיין קשיא נישט. בשעת סײַ בײַ ראַווניצקי סײַ בײַ דרויאַנאָוו, איז דער מגיד מודה, אַז עס איז אַ תירוץ, אַפֿילו אַ שיינער תירוץ, נאָר ער האָט אַ בעסערן, האָבן מיר בײַ קאַפּשטיין אַ קאַטעגאָרישן אָפּלען, וואָס איז מכבד דעם בעל הבאַמערק מיט ביזוי־ בזיונות. דאָס איז מעיד, אַז מיר האָבן פֿאַר זיך אָדער אַ טעמפּערן אָדער אַ שלויערן טיפּ פֿון די צוויי אַנדערע מגידים, וואָס זענען נאַיִווער אָדער נאַרישער פֿון אים: אויב טעמפּער — איז זײַן ווילדע רעאַקציע נישט קיין חידוש, אויב שלויער — איז זי אויך נישט קיין חידוש, סײַ אַזוי, סײַ אַזוי איז די היסטעריע זײַנע כמעט נאַטירלעך.

ד

אָבער דאָ קומט אַ קאַרדינאַלע קשיא — נאָך דעם ווי מיר האָבן, צי אַ סך צי ווייניק, געלאַכט, לייענענדיק אָדער הערנדיק דעם עצם אַנעקדאָט, איז גרייַלעך מעגלעך, אַז מיר זאָלן שטוינען נישט אַזוי אויפן מגידס קשיא, נאָר אויף איר עצם מעגלעכקייט, ווייַל די הנחה פון איר מעגלעכקייט איז דאָך מחייב דאָס פאַראַן־זייַן פון אַ מגיד, וואָס קאָן נישט זייַן טיפּיש, ווי אַ הלצה נעמט דאָס געוויינטלעך אָן: עס איז דאָך אַ מגיד, וואָס זייַן חריפות איז מאַקסימאַל — ער איז גרייט צו ברענגען אַ תירוץ אויף אַ קשיא, וואָס איר באַזע איז בטל ומבוטל, אָבער זייַן בקיאות איז אַפילו נישט מינימאַל — ער פאַרגרייַזט אַ פּסוק, וואָס עס ווייסט אים אַ חדר־ייִנגל און וואָס ליגט אויף דער צונג פון יעדן מעביר־סידרה, נאָך מער, ער וויל זייַן פּוסטע דרשה אויסברייַען, אין סאַמע פּרשה ניצבים, וואָס ער האָט זי אַ טאָג פריִער אַליין מעביר געווען און בלויז מיט אַ פּאָר שעה צוריק געהערט לייענען פון ספר. אָבער אפילו מיר זאָלן אָננעמען די מעגלעכקייט, מה־גם אַ טיפּישע מעגלעכקייט פון אַזאַ משונה מגיד, מוזן מיר זיך אַרייַנטראַכטן, פאַרוואָס האָט אים די הלצה געלאָזט זיך פאַרעקשנען אין זייַן קשיא, אויך נאָך דעם מען האָט אים באַוויזן, וואָס איז גאָר לייַכט געווען, אויפמישנדיק דעם חומש, אַז זי האָט נישט קיין האַפט, אַזוי, אַז דער באַווייַז, אַז דאָס וואָרט מלכיכם געהער גאָר נישט אַרייַן אין פּסוק, איז פאַר אים אַ תירוץ, וואָס איז שוואַכער און מינדערער פון זייַן אייגענעם, שענערן און שאַרפערן תירוץ. און אויב מיר וועלן זיך אַרייַנטראַכטן, וועלן מיר באַמערקן, אַז נישט בלויז דער הלצה נאָר אויך דער חקירה איז דאָ עפּעס געווען קשה.

ערשטנס, האָט געמוזט אויפפאַלן דער חילוק צווישן משה רבנו און יהושע אין זייער לעצטן ווענד צום פאָלק און אירע פירערס, — דער רבי רעכנט קודם־כל אויס פיר אויבער־גרופּן: ראשיכם, שבטיכם, זקניכם, שוטריכם. וועגן דעם תלמיד ווייַטער, הייסט עס: „ויקרא יהושע לכל ישראל לזקניו לראשיו ולשופטיו ולשוטריו" (יהושע כ"ג, ב'), „ויקרא לזקני ישראל ולראשיו ולשופטיו ולשוטריו ויתיצבו לפני האלהים" (דאָרט כ"ד א). משמע, ער האָט נישט בלויז אַן אַנדערן סדר: צומערשט דאָס פאָלק און שפּעטער זייַנע הויפּט־אויבער־גרופּעס, נאָר האָט אויך אַ גרופּע, וואָס משה רבנו האָט זי איבערגעהיפּערט, דערמאָנט ער דאָך, משה, כלל נישט קיין שופטים, משמע: ריכטערס, און ווער ווי משה רבנו האָט אונדז צוגעוווינט צו זען די שופטים און שוטרים ווי אַ שטענדיק זיך דערגאַנצנ־דיק פּאָרל.

צווייטנס, לויט אונדזערע גרויסע פּרשנים ווענדט זיך משה רבנו בלויז צו דרײַ אויבער־גרופּן, טײַטשט דאָך רש״י: ראשיכם שבטיכם — ראשיכם לשבטיכם, משמע די אויבערע פון (צו) די צוועלף שבטים. און דער רמב״ן האַלט עס פאַר אַ סמיכות: וטעם ראשיכם שבטיכם — ראשי שבטיכם. אַזוי האָבן עס אויך די עלטערע טײַטשן — ר׳ יקותיאל בליץ: דיא אויברשטין פון אייערי גישלעכטין; ר׳ יוסף וויצנהויזן: אייארי הויבט העריין פון אייארי געשלעכטר; ענלעך דער מגישי מנחה: אייער הייבט העריין צו אייער גישלעכט.

דער לאַדינאָ־טײַטש גייט אויך דעם דרך. אַנדערש יהואש, וואָס ווײַכט אָפּ דערפון און טײַטשט ווערטערלעך, אויסרעכנדיק צוויי באַזונדערע גרופּן: אײַערע הויפּט לייט, אייערע שבטים, אָבער אין זײַן בוך „הערות צום תנ״ך״ שרײַבט ער: „אייניקע לייענען ראשי שבטיכם, די הויפּטלײַט פון אייערע שבטים״. נאָך עפּעס: דער תרגום־השבעים (סעפּטואַגינטאַ) האָט פאַר די צוויי ווערטער איין וואָרט: אַרכיפילו, און קיטטעל־קאַלע נעמען אָן: ראשי־שבטיכם אָדער טאַקע: שופטיכם. דער סך־הכל פון דעם אַלעמען איז אַ הנחה אַז פּרשה ניצבים האָט, אין דעם פּסוק, געהאַט אַן אַנדערע מסורה. אַזוי אַרום זעען מיר, אַז דער צד השווה צווישן דער הלצה און דער חקירה איז אַ צוגאָב פון אַ וואָרט, אלא מה די חקירה וואָס איז מחויב אָפּצוהיטן די מאָס, ווײַזט אָן אויפן וואָרט שופטיכם און די הלצה וואָס איז נישט מחויב אָפּצוהיטן די מאָס, האָט געלאָזט דאָס וואָרט שופטיכם אַוואָנסירן אויף מלכיכם, און האָט אַרויסגעבוירן די פּאַראַדאָקסאַלע דרשה.

דריטנס, וואָס מיר האָבן שוין דערמאָנט, דער פאַרשיידענער סדר פון די אויבער־גרופּן אין מויל פון די דרײַ מגידים, — דער סדר אין פּסוק איז דאָך, לויט די מפרשים, אַ באַגרינדטער, רש״י זאָגט: החשוב חשוב קודם, משמע: דער סדר גייט לויט דער חשיבות, און אבן עזרא ברענגט אַן ענלעכן טעם, אָנרופנדיק די ראשי שבטים — נשיאים. אַנדערש האָבן מיר געזען, די צוויי ערשטע מגידים, וואָס היטן נישט אָפּ דעם סדר חשיבות, ברענגען מלכיכם צולעצט. דער דריטער מגיד ווײַטער ברענגט מלכיכם די צווייטע אין דער ריי, און בעצם זעצן זיי זיך אַלע דרײַ אויס אַ טאָפּעלעם חוזק — לא די וואָס זיי פאַרגרײַזן אַ פּסוק, וואָס אַ ייִד פון אַ גאַנץ יאָר וואָלט נישט געטאָן, פאַרגרײַזן זיי עס אין סאַמע אָנהייב פּרשה, פאַרגעסנדיק ווי דער סדר גייט אין תנ״ך. אַזוי בײַ ירמיהו: מלכיהם שריהם וכהניהם ונביאיהם (ב׳ כ״ו), אָדער בײַ נחמיה: ואת מלכינו שרינו

כהנינו ואבותינו (ט׳ ל״ד), משמע: די מלכים נאָפּערעד. אַזוי פירט זיך עס, בעצם, עד היום, און זע, אַ שטייגער אַ שפּעטע דוגמה, ווי עס ברענגט ר׳ משה סאַראַגוסי: „אין לך דבר שבפי כל העולם ובלבם, כמו אותה אמונה הרעה, שנזרקה בפי כל ובלבם, המה מלכיהם כהניהם ונביאיהם פה אחד עונים ואומרים שכבר בא עת קיבוץ גלויות״ (מאיר בניהו: תשובות בעניני שבתאות וכו׳, סיני, תשרי תש״ד). טײַטש: נישט פאַראַן אַ זאַך וואָס אין מויל פון עולם און זייער האַרצן, ווי יענער בייזער גלויבן, וואָס איז אַרײַן אין אַלעמענס מויל און האַרצן, זייערע מלכים, כהנים און נביאים, וואָס זאָגן איינשטימיק עס איז שוין געקומען אַ צייט פון קיבוץ־גלויות. מלכים מיינט דאָ, מסתמא, רבנים לויטן זאָג: מאַן מלכי? רבנן.

וואָס שייך ווײַטער דער גלײַכצײַטיקייט פון עטלעכע מלכים, האָט מען דאָס שוין געפרעגט לגבי דעם וואָרט מלכיא אין ספר דניאל. אַזוי, אַ שטייגער, פרעגט זיך אין אַ יידיש־געשריבענעם פראַנקיסטישן כתב־יד (ירושלימער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק, סי׳ 2921): „איז דאַך מדקדק צו זײַן וואָס הייסט וביומייא די מלכייא [= אין די טעג פון די קיניגן], אַללע מאָהל האָט דאַך דס איינער מלכות דס ערשטי פרשלונגן, מדי פרס פרשלאַנג בבל; און פרשלאַנג פרס, די רעמער די גריכען — וואָס הייסט דען וביומייא די מלכייא״, און ער פרוווט דאָרט מפרש צו זײַן. אגב, די פעניקן (פונען) האָבן גלײַכצײַטיק געהאַט צוויי מלכים, וואָס האָבן געהייסן שופטי — מיט אַ לינקער שי״ן און אין דער וואָוו אַ מלופים.

ה

אָבער צוריק צו דער פרשה נצבים און צו אונדזער הלצה, וואָס האָט, כביכול, געוואָלט, על פי דרכה, עפּעס צושטײַער ברענגען צו דער טעקסט־טואַלער שווערקייט, און עס ווײַזט זיך אַרויס, ווי זי וואָלט אָפּגעהיטן אַ נוסח־מסורה, און אפשר איז עס טאַקע אַ גלגול פון דער מסורה, אַזוי אַז דאָס איבערגעהיפּערטע שופטיכם האָט זיך, ווי אין אַ נעפּל, דערהאַלטן, און דאָס ליצנות האָט זי, ווי געזאָגט, געלאָזט אויסאַנסירן אויף מלכיכם. אַ ראיה דאַרויף האָבן מיר בײַ אַ גאַר גרויסן, מיסטישן פנעומאַטישן מגיד, דעם דיימאָנאָס פון ר׳ יוסף קאַראָ, דעם בעל „שולחן ערוך״ אין זײַן ספר „מגיד מישרים״, ווו ער דערציילט וואָס יענער מגיד האָט אים געזאָגט, ברענגט ער אין פרשה נצבים: אתם נצבים היום, היום אתם נצבים, היום נצבים אתם, אתם היום נצבים, ניצבים אתם היום — שופטיכם שוטריכם

זקניכם; שופטיכם ראינו חסד דאע״ג [= דאף על גב] דאיהו חסדא ורחמא, דינא כליל ביה, כמו דאליפתך דאיהו דיינא, דפסיק דינא, ומ״מ [= ומכל מקום] לא מתעסק למיגמר דינא, אבל שוטר דרמיז לגבורה, איהו גמיר דניא, וכייף דיקבלון ליה עליהן; זקניכם רמיז לתפארת...״ דער מיין דער־פון איז, אַז דער אינעווייניקסטער מגיד זײַנער האָט אים געזאָגט, דאָס דער שופט איז מרמז אויף דער ספירה חסד, וואָס כאָטש ער האָט חסד און רחמים, אַנטהאַלט ער אויך משפט (דין), ווײַל דער שופט (דיין) איז גוזר דעם דין, פירט אים אָבער נישט אויס, דען אויספירן אים איז די עובדא פון שוטר, וואָס איז מרמז צו דער ספירה גבורה און ער צווינגט עס אָנצונעמען דעם דין, דער זקן ווײַטער איז מרמז צו דער ספירה תפארת. דער דאָזיקער אויפטייל פון די אויפגאָבן צווישן שופט און שוטר, איז באַקאַנט — רש״י באַצייכנט די שופטים, ווי דיינים וואָס פסקנען דעם דין און די שוטרים וואָס צווינגען דאָס פאָלק צו דעם באַפעל, און שלאָגן מיט אַ שטעקן און אַ רימען, ביז מען נעמט אָן דעם דין פון שופט. אָבער פאַר אונדז איז איצט דער עיקר, ווי עס באַגעגנט זיך דער פנעומאַטישער מגיד פון ר׳ יוסף קאַראָ, און דער ממשדיקער מגיד פון דער הלצה, בפרט אַז דער מיסטישער מגיד וווּנדערט זיך אויפן דאָזיקן טעקסט, און עס הייסט דאָרט בפירוש: „אז הגייה ר׳ שלמה ישראל: אין כתוב אלא ראשיכם שבטיכם זקניכם, והנה כנור מתנגן מאליו ואומר: אעפ״י [= אף על פי] שלפעמים אני מפרש שום פירוש שאינו כן, לפי מה דאיהו ברעואך אני אומר ומ״מ [= ומכל מקום] פירושא באמינא קושטא איהו, ועליך רמי ליתובא לעילא פסוקא כדכתיב״. דער כלל־מיין דאָ איז, אַז דער פירוש פון פסוק, ווי דער מגיד האָט אים מפרש געווען איז אמת, כאָטש זײַן לשון דאַרף זײַן ווי עס ווערט געבראַכט אין חומש. און עס איז, בעצם, דיזעלבע דיאַלעקטיק, ווו אַ וואָרט וואָס פעלט אין פסוק ווערט באַהאַנדלט גלײַך עס וואָלט טאַקע דאָרט פאַראַן געווען.

האָבן מיר, הייסט עס, געזען דרײַ וועגן וואָס דערגאַנצן זיך כביכול: — דער וועג פון דער הלצה ווי מיר האָבן זי בײַ די דרײַ דרשנים, איז ווי דער וועג פון דער חקירה ווי מיר האָבן זי בײַ די מפרשים, און דער וועג פון דער חקירה איז דער וועג פון דער מיסטישער וויזיע, ווי מיר האָבן זי בײַם פנעומאַטישן מגיד, (עס איז, כידוע, ר׳ שלמה ישראל אלקבץ, דער מחבר פון „לכה דודי״, און די באַזע איז די זעלבע — אַ פאַרפאַלענע מסורה פון אַ נוסח.

ו

ווי באַוווסט האָט דער ענין פון מיסטישן מגיד אין ספר „מגיד מישרים" אַרויסגערופן אַ פּאָלעמיק מיט עטלעכע דורות צוריק — פון איין זײַט ר' שמואל דוד לוצאַטאָ מיט זיין „ספר הויכוח נגד חכמת הקבלה", פון דער אַנדערער ר' שלמה בן אליהו נסים מיט זײַן „אדרת אליהו". דער ערשטער איז אַ קטיגור פון ר' יוסף קאַראָ, דער אַנדערער איז זײַן סניגור, און עס איז פאַרשטענדלעך, אַז גלײַך ווי דער קטיגור, וואָס איז געווען אַ משכיל, האָט נישט געוואָלט זען, אַזוי האָט דער סניגור, וואָס איז געווען אַ מקובל נישט געקאָנט זען, אַז אין דער פון אונדז באַהאַנדלטער טעמע, איז פאַראַן אַ סך ווייניקער פאַנטאַזיע און אַ סך ווייניקער רוח קודש (יאָ, דער כנור מנגן מאליו, טײַטש: דער פידל וואָס שפּילט פון זיך אַליין, מיינט דאָך בעצם, דעם רוח הקודש), איז דאָ פאַראַן מסורה, נוסח, מיר דערוועגן זיך צו זאָגן: כמעט ביבל־קריטיק.

[חשון תש"ם]

מאמר ג':

דער פאַרפוילטער הונט און זײַנע ווײַסע ציין

א

„חובות הלבבות" איז, כידוע, איינס פון די פּאָפּולאַרסטע מוסר־ספרים בײַ ייִדן, און די גרויסע צאָל עדיציעס איז אַ ראיה דערויף. דער מחבר זײַנער, רבנו בחיי בן יוסף אבן־פקודה, האָט עס געשריבן אַראַביש, און ר' יהודה אבן־תיבון האָט עס איבערגעזעצט אין לשון־קודש, און אין דעם נוסח האָט זיך דאָס ספר בעיקר פאַרשפּרייט. אָבער אויך פון לשון־קודש איז עס איבערגעזעצט געוואָרן, סיי אין לאַדינאָ, סיי אין ייִדיש. ווער עס וויל דער זאַך נאָכגיין, קאָן אַרײַנקוקן אין מאַקס עריקס „די געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור פון די עלטסטע צײַטן ביז דער השכלה־תקופה", און אין ישראל צינבערגס „די געשיכטע פון דער ליי־טעראַטור בײַ ייִדן" און וועט זיך דאָרט לאָזן אינפאָרמירן, סײַ וועגן „ספר המידות" (אָדער ווי עס הייסט דער לשון־קודש־נוסח: „אורחות צדיקים"), זײַנע כתב־ידן, זײַן ערשטן דרוק (1542), און וואָס עס איז פאַר אונדז איצט דער עיקר: וועגן די מקורים פון דעם דאָזיקן ערשטן געדרוקטן

מוסר־ספר אין יידיש, און וועגן דעם הויפּט־מקור זיינעם, טאַקע דעם „חובות הלבבות״, און וועגן „חובות הלבבות״ גופא, און זיינע יידיש־איבערזעצן.

ב

אונדזער איצטיקע כוונה איז אַ באַשיידענע — לוסטרירן אַ דוגמה, וואָס איז פּאָפּולאַר געוואָרן, און זי בודק זיין לויט טיפּישע יידיש־איבער־זעצן. און מיר וועלן אָנהייבן מיטן טעקסט פון איבן־תיבון, ווי ער ווערט געבראַכט אין דער אויסגאַב פון ד״ר אברהם צפרוני (וואָס האָט פאַרגליכן לויטן אַראַבישן מקור), אין שער־הכניעה (תש״ט, ז׳ 410) און, מיר וועלן עס פאַריידישן, וואָרט פאַר וואָרט, אַזוי צו זאָגן: „און מען זאָגט אויף איינעם פון די חסידים, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען אַ פּגר פון אַ גאָר שטינקענ־דיקער צויג, האָבן זיינע תלמידים געזאָגט: ווי שטינקט דער דאָזיקער פּגר! האָט ער זיי געזאָגט: ווי ווייס זענען אירע ציין! האָבן זיי חרטה געהאַט, וואָס זיי האָבן זי באַרעדט. און אויב עס איז אַ גנאי צו באַרעדן אַ געפּגרטן הונט, — איז עס לגבי אַ מענטשן אַוודאי און אַוודאי; און אויב עס איז אַ שבח צו לויבן אַ פּגר פון אַ הונט, מחמת דער ווייסקייט פון זיינע ציין, איז עס דאָך אַוודאי און אַוודאי אַ שבח צו לויבן אַ געלערנטן און פאַרשטאַנדיקן מענטשן. און ער האָט זיך מתכוון געווען זיי צו זאָגן שטראָפּרייד, אַז זיי זאָלן נישט לערנען זייער צונג צו רעדן בייז, און אַזוי וועט עס ווערן זייער טבע, זיי זאָלן לערנען זייער צונג צו רעדן גוטס, און אַזוי וועט עס ווערן זייער טבע״.

ג

און איצט וועלן מיר אַ קוק דערלאַנגען, כדי צו זען, ווי דאָס האָט אויסגעזען אין די יידיש־איבערזעצן, און דאָס לויט צוויי דוגמות, שוין אין אונדזערע דורות, איינע אַן עפּעס עלטערע: „ספר אורחות צדיקים — — איבערזעצט אין לייכטער דייטשער שפּראַכע״ פון מנחם מענדל ראָזנטאַל אין וואָראָסדין (דרוק שלעזינגער, פּרעסבורג, תרי״ט). די אַנדערע אַ היפּש ייִנגערע, וואָס גייט אָבער נאָך אַן עלטערן נוסח: „ספר חובות הלבבות — — וכעת נעתק ללשון אשכנזית עברית הנקרא עברי־טייטש הנהוג בזמנינו״ (ניו־יאָרק, תשכ״ג).

אין ערשטן לייענען מיר: „עס איזט איינע מעשה, איין מענש איזט מיט איין חכם געגאַנגען איבר [=איבער] פעלד, האָט ער געזעהן איינע נבילה (אָס), הט [=האָט] דער מענש געזאָגט צו דעם חכם: וויא זעהר

שטינקט די נבילה, האָט דר [=דער] חכם געזאָגט: אָבער ווי זעהר זיין [=זענען] ווייס איהרע צעהנע. דער חכם האָט דאָ מיט דעם מענשן צו פר שטעהן געגעבן, וואָרום ער דאַז שענדליכע זאָגט אונד ניט דאָס בעלובטע [=באַליבטע], דען אימר [=אימער] זאָל דר מענש דאַז בעלובטע פון דר וועלט זעהן" (ל"ב, ל"ב).

ווי מיר זעען, האָט דער איבערזעצער געהאַט פאַר זיך אַ טעקסט, וואָס איז זיך סומך אויפן „חובות הלבבות", איז אָבער מיט אים נישט אידענטיש מלה במלה, און מעגלעך, אַז עס איז אויך פאַראַן אַ צווישן־מקור, ווו דער חסיד איז געוואָרן אַ חכם. אַנדערש שטייט עס מיטן אַנדערן נוסח, וואָס גייט סקרופולאַט נאָך דעם „חובות הלבבות", און ווו דאָס לשון איז אוי־טענ־טיש מזרח־ייִדיש, אַזוי צו זאָגן: „אונ עש [=עס] איזט גיזאָגט גיוואָרין אויף איינעם פון די חסידים, וואָס ער איז גיגאַנגין בייא איין נבילה פון אַהונט, וואָש זיא האָט גיהאַט זייער אַמיאוסן ריח, האָבן זיינע תלמידים צו אים גיזאָגט: וויא זייער אַמיאוסן ריח דיא נבילה האָט: האָט דר [=דער] חסיד צו זייא גיזאָגט: דר קען וויא ווייש [=ווייס] אירע ציין זיינן, כלומר וואָש בדאַרפט איר דר צייליין איר גנות; אַמער דר ציילט איר דעם שבח פון איר. האָבן דר נאָך די תלמידים חרטה גיהאַט, וואָש זיי האָבין די נבלה גישענד. און ווען עש איז ניט רעכט צו שענדין אַגעפּייגרטן הונט, איז שוין אַ כל־שכן, אַז מען טאָר ניט שענדין אַלעבעדיגין מענטשין אונ ווען עש איז גוט מען זאָל לויבן איין נבילה פון אַהונט מיט דעם ווייסקייט פון אירע ציין, איז שוין אַ כל־שכן, אַז מען איז חייב צו לויבן אַקלוגן און איין פר [=פאַר] שטאַנדיגן; אונ דר מיט וואָש דר חסיד האָט זייא גיזאָגט, וויא ווייסע ציין זיא האָט, האָט ער גימיינט דר מיט צו שטראָפן זיי, זיי זאָלין זייער צונג ניט גיוואָנען [=געוויינען] בייז צו ריידין, וועט עש בייא זיי ווערן פר [=פאַר] איין טבע, אונ אַזו [=אַזוי] אויך אַז זיי וועלין לערנן זייער צונג צו ריידן גוטס, וועט עש בייא זיי אום קעריין פר אַגעזעצטע טבע" (ז"ז 419—420).

ד

אַזוי ווי דער מאָטיוו איז אַ כללדיקער, אַן אינטערנאַציאָנאַלער, גיב איך דאָס וואָרט אַ מומחה, ווי עס איז מײַן פרײַנד פּראָפ׳ דב נוי, און גיב דאָ איבער בקיצור זײַן אויספירלעכע אינפאָרמאַציע (אין זײַן בריוו צו מיר פון י"ז אדר ב׳ תשל"ח): דער סיפור המעשה, — זאָגט ער, — ווערט, בדרך כלל, געבראַכט אין דער רעם פון מעשיות וועגן אויפטוען פון אַ

מלאך, אַ הייליקן וכדומה, וואָס עס באַגלייט אים אַ נזיר, און פֿאַרעכנט זיך, אין אינטערנאַציאָנאַלן אינדעקס, ווי סי׳ 759 („צידוק הדין״), און איז שכיח אין דער מיטלעלטערלעכער לעגענדע, ווי אַ פֿאַרזיכדיקער סיפּור־מעשה. די ייִדישע מסורה גייט, בדרך כלל, נאָך דעם „חובות הלבבות״, און אַזוי איז עס אויך אַרײַן אין ווערטל, ווי עס ברענגט, אַ שטייגער, אברהם טענדלאַו, אין זײַן געזאַמל (1860), סי׳ 776: ‚Laas die Totte rue’ [— לאָז די טויטע רוען] און ברענגט דאָס לאַטײַנישע: De mortuis nihil nisi bene [= וועגן טויטע גאָרנישט חוץ גוטס], און חזרט איבער בקיצור אונדזער סיפּור פֿון „חובות הלבבות״ און פֿאַרענדיקט מיטן גמרא־וואָרט (גיטין פ״ג, ע״א): אין משיבין אחרי הארי המת, טײַטש: מען פֿרעגט נישט אָפּ דעם טויטן לייב. דאָרט האַנדלט זיך וועגן חכמים, וואָס האָבן געקריגט אויף ר׳ אליעזר, נאָך זײַן פּטירה, האָט זיי ר׳ אליעזר געענטפֿערט מיט דעם ווערטל.

אָבער צוריק צום סיפּור־מעשה און זײַנע גלגולים — אין דער קריסט־לעכער לעגענדע איז דער גיבור פֿון דער מעשה סתם אַ פֿרומער מאַן, אָבער ער האָט אויך אַוואַנסירט אויף אליהו הנביא, און אויף ישו. האַנאַוער, אין זײַן בוך וועגן פֿאָלקלאָר אין הייליקן לאַנד (1935) ברענגט אַ היגע קריסטלעכע לעגענדע, מיט ישו ווי דעם גיבור פֿון דעם סיפּור און דאָס פֿון אָנהייב פֿון איצטיקן יאָרהונדערט. דב נוי שטרײַכט דאָס אונטער, ווײַל ער גופא האָט דעם נאָמען ישו אין די מיטלעלטערלעכע לעגענדעס, וועגן אונדזער סיפּור, נישט באַגעגנט. יאָ, דב נוי האָט עטלעכע קשיות, ווי, אַ שטייגער די קשיא, ווי אַרום איז בײַ אונדז דער חסיד געוואָרן אליהו הנביא און ווי אַרום איז אליהו הנביא געוואָרן דער בעל שם טוב, אָבער ער האַלט, אַז עס גייט פֿון אינעווייניקסטע ייִדישע מקורים. טאַקע דערפֿאַר ווײַזט זיך אים אויס משונה, וואָס זײַן לאַנדסמאַן, נפֿתלי גראָס, וואָס איז געווען באַהאַוונט אין אונדזערע מקורים, ברענגט אונדזער מעשה אין זײַן ליד: „אַ מעשהלע מיט דעם בעל שם טוב״ (לידער, 1958, ז׳ 297), און באַמערקט אין אונטער־קעפּל: נאָך ניזאַמיס אַ מאָטיוו. משמע, אַז ער האָט עס נישט פֿון „חובות הלבבות״, נאָר פֿון מיטלעלטערלעכן פּערסישן דיכטער.

בכדי צו פֿאַרשטיין וועגן וואָס עס גייט דאָ, ברענגען מיר דאָס ליד פֿון גראָס, וואָס קלינגט אַזוי: „אַמאָל איז דער בעל־שם טוב ז״ל, געגאַנ־גען / מיט זײַנע נאָענטע דורך אַ פֿעלד מיט זאַנגען. / אַזוי איז ער דער־גאַנגען צו אַ שטאָט / און תיכף איז געוואָרן אַרום אים אַ ראָד / מ׳האָט

אים באַגאַפּט, באַוווּנדערט, נאָר נאָך מער / ווי אים, להבדיל, אַ טויטן הונט אין מיטן סקוועך. / אַט דאָ איז ער געלעגן. האַלב פאַרפוילט, / און ווי די רויבפייגל, איז גרויס און קליין / געשטאַנען אַרום אים, געפּלאַפּלט און געגרוילט: / פע האָט זיך אָנגערופן איינער: ס'אַ געשטאַנק, / אַז מ'קאָן דאָ ווערן קראַנק. / און באַלד אַ צווייטער: שוין דאָס אויסזען זײַנס אַליין / באַשלאָגט צום האַרצן. און דערנאָך / אַ דריטער און אַ פערטער מיט זײַן שפּראַך. / ס'האָט יעדער געפונען שוין אַ וואָסער גרונט / אָף צו באַפּלאַפּלען דעם פאַרפוילטן הונט. / נאָר דאָ איז דער בעל־שם־טוב נענטער צוגעגאַנגען — / סע האָט פאַרשמעקט מיט זון און זאַנגען / און מיט ווילגערוך פון פרישן שניט: / זעט! האָט ער אָנגעוויזן שטראַלנדיק: די ציין / ביי אים זיי זענען פערל־ריין! / און מיט אַ שמייכל, אַז די וואָס האָבן דאָס געהערט / האָבן אויפגעציטערט ווי עס וואָלט די ערד / זיך אויסגעגליטשט פון אונטער זײַנע טריט.״

ה

ווייל איך דערצו באַמערקן, אַז דער באַרימטער שווייצער־דײַטשישער שרייבער, קאָנראַד פערדינאַנד מייער, אַ מײַסטער פון דערציילערישן באַהאַנדל פון טיפן און געשטאַלטן פון דער רעפאָרמאַציע־ און דער רענעסאַנס־תקופה, האָט אונדזער סיפּור־מעשה אַרײַנפאַרוועבט אין דער אַקציע פון זײַן היסטאָרישער נאָוועלע „אַנדזשעלאַ באָרדזשיאַ״. מיר האָבן דאָרט צו טאָן מיט פיר ברידער — איינער איז דער הערצאָג פון פעראַראַ, איינער, איפּאָליט, קאַרדינאַל, און דעם הערצאָגס דיפּלאָמאַט, די צוויי איבעריקע, דזשוליאָ און פעררַאַנטע, זענען וואָס אין דער קאָרט שטייט, און צווישן די ברידער, וואָס טראָגן אַלע דעם חותם פון דער תקופה און סביבה און זייער הפקרדיקער פאַרדאָרבנקייט, הערשט אַ שנאת־אחים, וואָס צעברענט זיך נאָך דעם, ווי דער הערצאָג האָט חתונה מיט לוקרעציאַ באָרדזשיאַ (דער שוועסטער פון שענדלעך באַרימטן טשעזאַרע, ביידע קינדער פון דעם נאָך פאַרדאָרבענערן פויפּסט). צווישן זיי געפינט זיך אַ קרובה פון לוקרעציאַ, — אַנזשעלאַ באָרדזשיאַ, אַ ריינע נשמה, וואָס דער קאַרדינאַל האָט זי אָפּן האַלט, אָבער זי האָט געהיים האַלט דעם ברודער זײַנעם, דזשוליאָ, און עפּעס ווי צופאַליק שלײַכט זיך דאָ אַרײַן אונדזער סיפּור־מעשה, וואָס דער דערציילער ווײַזט אָן זיין פּערסישן מקור — דער פּערסישער סוחר פון תכשיטים, בין־אָמין, דערציילט פאַר די פעראַרער הויפלײַט אונדזער מעשה אין אַזאַ נוסח: „איינמאָל איז דער דערלייזער

[=ישון] מיט זײַנע תלמידים אַרויס פֿון טויער פֿון דער שטאָט. אויפֿן שטראָז איז, אין דער זון, געלעגן אַ טויטער הונט, וואָס די תלמידים האָבן אים, מיט עקל און זילזולים אויסגעמיטן. אָבער דער דערלייזער האָט זיך ביים פּגר אָפּגעשטעלט, און אַרויסהויבנדיק, דאָס איינציקע, וואָס איז ביי אים [=ביים הונט] ריין געבליבן, האָט ער געזאָגט: אַ, קוקט אָן, ווי בלענדיק ווײַס עס זענען זײַנע ציין".

אָבער דער מוסר־השכל, וואָס זעצט זיך תיכף דורך, אין די כלערליי נוסחאות פֿון דעם סיפּור־מעשה, פֿאַרהאַקט זיך דאָ, אין דער פֿאַרדאַרבענער סביבה פֿון די הויפֿלײַט. דער דערציילער באַמערקט, אַז ס'וואָלט זיי בילעכער געווען אַ סיפּור־מעשה אין טעם פֿון באָקאַטשיאָ, נאָך מער, זיי האָבן גאָר געהאַלטן, אַז דאָס דאָזיקע פּערסישע מעשהלע איז משונהדיק און אומלײַטיש, אָבער דווקא אויף לוקרעציאַ האָט עס געמאַכט אַ גרויסן רושם, און זי זאָגט: „איז עס נישט אויסטערליש, מײַן הערצאָג, ווי אויף אַ טײַערן טאַפּעט, וואָס עס האָט געוועבט איינער פֿון אונדזערע הייליקע מאָלערס, ווערט אויף דער פֿאַרקערטער זײַט, איך מיין די געצנדינערישע מסורה, געוויזן, צוואָר נישט דאָס פֿולע בילד פֿונעם וועלט־דערלייזער, אָבער דאָך די פֿערפֿל־פֿאַרב פֿון זײַן רחמנות! די געצנדינערישע אגדה באַשטעטיקט דעם דערלייזער ווי דעם, וואָס די קערך באַערט און באַשרײַבט אים, ווי דעם געטלעכן ברונעם פֿון רחמנות. אַפֿילו אין דער עקלדיקסטער זאַך געפֿינט זײַן גוטסקייט — אַ שיינקייט".

דער נמשל פֿאַר דעם משל איז אין דער סביבה פֿון די פֿעראַרער הויפֿלײַט, דער דערמאָנטער דזשוליאָ, מחמת זײַנע שיינע אויגן, וואָס די סביבה זײַנע קאָן זיי נישט גענוג אָפּבאַרימען, חוץ זײַן אייגענעם ברודער, דעם קאַרדינאַל, וואָס זאָגט: „דער נוצרי האָט נאָך עפּעס שיינס געפֿונען בײַם עקליקן פּגר; ביים הונט דאָן דזשוליאָ וואָלט ער עס נישט געפֿונען". אָבער דערזעענדיק אין פּנים פֿון דער אויפֿגעבראַכטער אַנדזשעלאַ, סימנים פֿון פּראָטעסט, פֿרעגט ער זי, צי ווייסט זי עפּעס אַ שבח וועגן אים, און זי ענטפֿערט מיט אַ דערהויבן קול: „דאָן דזשוליאָ האָט וווּנדער־פֿולע אויגן, און דאָס מוז אים די קנאה, די מוזט איר, קאַרדינאַל, אים לאָזן". דער קאַרדינאַל פֿרעגט מיט אַ ציטערנדיק קול: „מוז איך עס, מוז איך באמת?" און דערוויַיטערט זיך, אָבער נאָך אַ פּאָר רגעס קומט ער צוריק. אָט אין די פּאָר רגעס האָט ער אָפּגעטאָן אַ שרעקלעכע זאַך — ער האָט געדונגען רוצחים, וואָס האָבן דעם ברודער זײַנעם תיכף די אויגן אויסגעריסן.

דער המשך פון דער נאָוועלע איז אַ פאַרוויקלטער. וואָס עס אינטערעסירט אונדז איצט, איז די געטרײַשאַפט פון אַנדזשעלאַ צום אומגליקלעכן דזשוליאָ, וואָס דער ברודער זײַנער, דער הערצאָג, האָט אים אַמערשט פאַרמשפּט צום טויט, און שפּעטער געלאָזט אײַנזעצן, און וואָס אַנדזשעלאַ, וועלכע ווילקט נישט אײַן צום שידוך, וועלכן לוקרעציאַ וויל איר אויפצווינגען, און ווערט פאַרמשפּט צו זײַן אַ מאָנאַשקע, אַנטדעקט דאָס פאַרבאָרגענע געפענקעניש פון דזשוליאָ און האָט מיט אים חתונה — דעם אַקט פירט אויס אַן ערלעכער גלח, בשעת דער בלינדער חתן שטייט פון דער זײַט און די כלה פון יענער זײַט קראַטעס.

ו

אַנדזשעלאַ אַליין פילט זיך שולדיק. ווען דער הערצאָג גרייט זיך אונטערצושרײַבן דעם פּסק־מיתה אויף זייער ברודער, כאַפּט זי אָן זײַן האַנט, וואָס האַלט די פּעדער און זאָגט: „איך בין די שולדיקע! ביז־איצט האָב איך געשוויגן, ווײַל איך האָב נאָך אַלץ געהאָפּט אויפן רחמנות פון אײַך און פון לוקרעציאַ! אָבער איצט זאָל עס געזאָגט ווערן! צוויי מאָל בין איך געווען דאָס אומגליק פון דאָן דזשוליאָ! צומערשט, ווען איך האָב לויבנדיק זײַנע אויגן, אויפגערייצט זײַן ברודער, דעם טײַוול; צווייטנס, ווען איך האָב אנטקעגן אײַער איסור, דעם געבלענדטן אויפגעזוכט און אָנוואַרפנדיק מײַן לײַב אויף אים, האָב איך אים געטריבן צום יאוש!״ און אַז עס קומט דער קראַנקער קאַרדינאַל, און אַנדזשעלאַ, וואָס מיינט אַז ער איז געקומען זיך אָנשליסן צום פּסק־דין, זאָגט זי אים: תמיד ווילסטו פאַרגיין דעם וועג דעם חסד, דו שטן! באַרויִק דיך, וועסטו טרינקען בלוט. דאָ איז נישט פאַראַן קיין מידת־החסד. דאָ איז דאָס גיהינום!... אַרום דיר, מיט דיר, אין דיר איז געווען דאָס גיהינום פון תחילת אָן! איז עס דאָך אַ וואָרט פון דערלייזער וואָס האָט דיך געטריבן צום גרויל, וואָס וואַרפט אונדז ביידע אין דער פאַרפאַלנקייט אַרײַן״. דער קאַרדינאַל ווײַטער איז בייז אויף איר: „דו האָסט מיר פּײַנט געמאַכט די אויגן פון מײַן ברודער, די הימלאויגן, וואָס האָבן מיך פריִער מיט פיל צוטרוי אָנגעקוקט״. דאָ מישט זיך אַרײַן לוקרעציאַ און זאָגט: „קראַנק און אַלץ אַן אכזר, איפּאָליטאָ? האָט זי (אַנדזשעלאַ) נישט רעכט ווען זי זאָגט, אַז בן־עמינס משל איז עפּעס שולדיק אין דעם אַלעמען״. דאָ הערן מיר פונעם קאַרדינאַל: „וואָס ווייסט מען וועגן נוצרי? וואָס מען דערציילט פון זײַנע זאָגעכצער און טועכצער איז אומגלייבלעך און אומווערטיק. איך קען אים נישט. ווערט אַ גאָט געקרייציקט? איך

ווייס בלויז פון אַ קיניג וואָס די קערך האָט אים דערהויכט אין הימל אַרויף; פונעם צווייטן גאָט אין שילוש, וואָס די טעאָלאָגיע האָט אים באַשאַפן. זײַנער איז דער הימל, אונדזער — די ערד. אונדזער איז די מאַכט און דאָס הערשן! און עס איז הערשער־חוב צו פּאַרטיליקן דאָס שעדלעכע און אומנוציקע, וואָס שטעלט זיך אונדז אַנטקעגן".

ז

אָבער צוריק צום עצם־מאָטיוו: ווי מיר זעען, איז פֿאַראַן אַ צד השווה צווישן קאָנראַד פערדינאַנד מייער און נפתלי גראָס —ביידע זענען זיך סומך אויף אַ פּערסישן מקור, מעגלעך ביידע טאַקע אויף אַבו מוחמד ניזאַמי; האָבן אָבער אויך אַ צד השונה — ביי מייערן האָבן מיר צו טאָן מיטן אותו איש, ביי גראָסן — מיטן בעל־שם־טוב. דער עיקר חילוק שטעקט אָבער דערינען, וואָס מייער לאָזט דעם סיפּור־מעשה זײַן אַן אַגענס לגבי דעם טיף פון אַ רעלאַטיוויסטישן רענעסאַנס־מענטשן און זײַן מאָראַ־לישער, פּסיכישער און מענטאַלער פּאָלאַריטעט; גראָס ווײַטער קערט דעם סיפּור־מעשה צוריק זײַן האַגיאָגראַפישע אַבסאָלוטקייט, אַזוי אַז ער איז, בעצם, ממשיך גייסט און מסורה פון „חובות הלבבות".

מאמר ד׳:

אלישע בעל־הכנפיים

א

אַמאָל — ווערט דערציילט אין דער גמרא (שבת מ"ט, ע"א; אויך ק"ל ע"א) — האָט דאָס מלכות גוזר געווען אויף די ייִדן, אַז אַ יעדער, וואָס וועט לייגן תפילין, זאָל מען אים אויסדליבען די אויגן. [דעם מוח] האָט אלישע געלייגט תפילין און אַרויס אין מאַרק אַרײַן. האָט אים אַ קוועסטאָר געזען, איז ער פֿאַר אים אַנטלאָפן, איז אים יענער נאָכגעלאָפן; אַז ער האָט אים דעריאָגט, האָט אלישע די תפילין אַראָפּגענומען פון קאָפּ און געהאַלטן אין דער האַנט. זאָגט ער, דער קוועסטאָר, צו אים: וואָס האָסטו אין דער האַנט? ענטפערט ער: טויבן־פליגל. האָט ער דעם קוועס־טאָר אויסגעשטרעקט די האַנט, און עס זענען דאָרט טאַקע געלעגן טויבן־פליגל. און דערפאַר רופט מען אים: אלישע בעל־הכנפיים [=דער פליגל־

מאַן]. און מיט וואָס זענען טויבן־פליגל אַנדערש פון אַנדערע פייגל, ווייל מען פאַרגלייכט דאָך די כנסת־ישראל צו אַ טויב, ווי דער פסוק גייט: כנפי יונה נחפה בכסף ואברותיה בירקרק חרוץ (תהלים ס"ח ע"א); טײַטש: טויבן־פענעס באַדעקט מיט זילבער און אירע פליגל מיט גרין־גאָלד. פונקט ווי דער טויבס פליגל באַשיצן זי, אַזוי אויך די ייִדן — די מצוות באַשיצן זיי.

אָבער איידער די גמרא ברענגט די מעשה, איז זי מקדים אין נאָמען פון ר' ינאי: תפילין דאַרפן אַ ריינעם גוף ווי אלישע בעל־הכנפים. אביי דערקלערט עס: ער זאָל נישט לאָזן קיין נפיחה; רבא וויטער דערקלערט עס: ער זאָל נישט שלאָפן אין זיי.

ב

אָט די מעשה איז אַ פּראָטאָטיפּ פון ענלעכע מעשים, פון ייִדן, וואָס זענען בפרהסיא מקיים מצוות, וואָס דאָס מלכות האָט זיי געאָסרט — אַזוי, אַ שטייגער, פּריסקוס פון פּאַריז, וואָס איז, לויטן לאַטײַניש־פראַנצויזישן כראָניסט, אַרויס אין רשות הרבים, אַן אַרומגעגאַרטלטער, משמע: אָנגעטאָן אין טלית און תפילין (זע דערוועגן ביי יחזקאל קאַרנהענדלער אין זײַן פּאַריזער ייִדיש־כראָניק) אָדער ר' שמעון מימי, וואָס ר' אברהם בר־שלמה דערציילט וועגן אים אין זיין ספר־הקבלה: „און אַ סך ייִדן, האָבן אַ טייל זיך געשמדט, וואָס האָבן נישט געקאָנט בײַשטיין דעם נסיון, און אַ טייל האָבן זיך אויפגעהאָנגען, און אַ טייל האָבן זיך מוסר נפש געווען אויף קידוש־השם, און אין זייער שפּיץ הרב הקדוש החסיד — — — מיט אַ ריינער נשמה און אַ ריינעם גוף ווי אלישע בעל הכנפיים" (אויסגאַב אברהם נייבויער, תרמ"ח, ז. 114). דער צד השווה לגבי פּריסקוס איז די עצם געוואַגטקייט צו דעמאָנסטרירן זײַן ייִדישקייט; לגבי ר' שמעון אין דער ריינקייט פון גוף און נשמה. מיר האָבן דאָס אונטערגעשטראָכן, ווייל עס פרעגט זיך, צי די צוויי מאָמענטן זענען גרונטיק נישט געווען אָפּגעטיילטע. האָט דאָך נאָך אברהם גייגער באַמערקט, אַז אַנטקעגן דער מעשה וואָס מיר האָבן געבראַכט פונעם תלמוד בבלי, און פון וועלכער דער תלמוד ירושלמי ווייסט גאָר נישט, ברענגט דער ירושלמי סתם: כל שאינו כאלישע בעל הכנפיים לא ילבש תפילין (ברכות ב' ב'): ווער עס איז נישט ווי אלישע בעל־הכנפיים זאָל נישט אָנטאָן קיין תפילין. אַזוי גייט עס דאָרט אָן אַ דערקלער. (וויססענשאַפטליכע צייטונג פיר ייִדישע טהעאָלאָגיע", 1847, ז. 26).

ג

און באמת ווערט דער ענין דערמאָנט אויך אָן דעם לעגענדאַרן דערק־לער — אַזוי דערציילט ר' יהודה לעאָן מאָדענאַ וועגן איינעם: „און דער אַרויסזאָג פון אַ גאַנצער שטאָט איז גלײַך ווי הונדערט עדות; און נאָך אַ ראיה דערצו, אַז ער איז אַרויס מיטן טלית אויף דער פּלייצע און תפילין אויפן קאָפּ און דער האַנט, דען מסתמא איז ער נישט פון די פרומע, צו גיין אין זיי אַ גאַנצן טאָג, ווי אַלישע בעל הכנפיים, און אַפילו נישט אין רגע אין רשות הרבים און פאַר די אויגן פון די ערלים" (בריוו, אויסגאַב יהודה בלאַו, תרס"ו, סי' ס'א ז. 556).

מיט דורות שפּעטער הערן מיר אַזאַ מין לשון־חוזק וועגן אַ גרויסער חבורה פון רבנים, וואָס ווילן אומבאַרעכטיקט שפּילן די ראָל פון אלישע בעל־הכנפיים — ר' שמעון באַכראַך שרייבט, אין אַ ליד זײַנעם, קעגן די צוויי־הונדערט־און־פינף רבנים וכדומה, וואָס האָבן אַרײַנגעלייגט אין חרם אַרײַן דעם בודאַפּעשטער רבנים־סעמינאַר: „בעלי כנפיים בעיניהם כאלישע / הם כספחת לבית־יעקב כגרב" („שער שמעון", 1894, באַנד 1, ז"ז 92—93). טײַטש: בעלי־כנפיים אין זייערע אייגענע אויגן, ווי אלישע, זענען זיי ווי ווילדפליש צום הויז פון יעקב, ווי אַ גרינד [=אַ פאַרך].

ד

וואָס שייך דעם לעגענדאַרן מאָטיוו, האָט דאָ נישט לאַנג יהושע פינקל געפּרוווט אים ראַציאָנאַליסטיש פאַרטײַטשן, אין זײַן מחקר וועגן דעם היסטאָרישן פּאָן פונעם מאמר: עלובין ואינן עולבין וכו' און זײַן ווידע־ראַנאַנד אין דער חז"ל־ליטעראַטור (אין יובל־בוך לכבוד פּראָפ' רפאל מאַהלער, תשל"ד, ז"ז 1־18), ער פרעגט: ווי אַזוי איז עס אלישען, אַ מיושבן מענטשן, איינגעפאַלן צו זאָגן יענעם רוימישן באַאַמטן, אַז ער האָט אין דער האַנט טויבן־פליגל, וואָס ס'איז שווער צו באַהאַלטן; און פאַר וואָס נישט שוואַלבן־פליגל, וואָס אַ האַנט קאָן זיי אַרומנעמען. האָט דאָך אַזאַ משונהדיקער ענטפער געמוזט אַרויסרופן כעס בײַם באַאַמטן, וואָס וואָלט געמוזט האַלטן, אַז דער פאַרשוין מאַכט חוזק פון אים. פרעגט מען אָבער נישט אַ קשיא אויף אַ מעשה און די מעשה איז, אַז דער נס באַש־טייט נישט אין נס, נאָר ווי עס איז מפרש דער אמורא, אין דערמאָנטן פסוק פון תהלים: יונה נחפה בכסף, משמע: די טויב איז באַדעקט מיט זילבער — דער ייִד האָט דעם קוועסטאָר אַרײַנגעלייגט אַ מתן־בסתר; משמע ער האָט אים, פשוט, אָפּגעחורשט. דער פאַרשער גייט אַזוי ווײַט,

אַז ער נעמט אָן אַ מעגלעכקייט, אַז אויך דער אמורא האָט זיך מתכוון געווען צו אַזאַ פּירוש, און פּרוּווט צו באַשטאַרקן זײַן השערה מיט אַן אַנדערער מעשה, וואָס די גמרא ברענגט וועגן איינעם וואָס האָט בודק געווען די ציצית אויפֿן מאַרק אין ציפּורי, האָט אים געכאַפּט אַ קוועסטאָר און גענומען טויזנט זוזים (יומא י״א ע׳א). און דער פֿאָרשער באַמערקט נאָך דערצו, אַז אפשר דאַרף מען דאָ אַנטדעקן נאָך אַ סוד, און דאָס איז דאָס וואָרטשפּיל: מזוזות — זוז, כביכול דער קוועסטאָר האָט מקיים געווען טויזנט מאָל מצוות מזוזה.

מוזן מיר מודה זײַן, אַז מיר האָבן ספקות, צי דער אמורא, וואָס האָט שוין געהאַט פֿאַר זיך דרושים אויף יענעם פּסוק אין תהלים, און וואָס זייער אָפּקלאַנג האָבן מיר, אַ שטייגער, אין תירגום, האָט אויך געהאַט אַזאַ השערה, ווי עס האָט זי יהושע פֿינקל, וואָס האָט זיך אפשר נישט געכאַפּט, אַז ער גופא אָפּערירט מיט אַ וואָרטשפּיל, און אַפילו אַ טאָפּעלעם — אין פּסוק מיינט כסף — זילבער, וואָס זײַן שכן איז חרוץ — גאָלד (כריזאָס), און עס האַנדלט זיך אין דער פֿאַרב פֿון דער טויבס פֿליגל, אונדזער פֿאָרשער ווײַטער טײַטשט: כסף — געלט, ווי עס גייט אין מטבעות: אין פּסוק מיינט נחפּה, אין בנין נפעל, צודעקן, קאָנקרעט, ווי עס טאָן פֿליגל, אונדזער פֿאָרשער איז זיך גיכער מתכוון צום בנין פּיעל, וואָס מיינט, צודעקן אַ מאָראַליש מאַנקאָ.

ה

אָבער, עס פֿאַרשטייט זיך, אַז דער לעגענדאַרער, נסימדיקער עלעמענט האָט אויך געפּרוּווט זײַן שטעטל באַשטיין, און נישט בלויז אין נעגאַטיוון, נאָר אויך אין פּאָזיטיוון אָפּשאַץ פֿון די, וואָס האָבן זיך געלאָזט אויף אלישעס דרך. אַזוי הערן מיר ביי ש׳י עגנון („עד הנה״, תשי״ב, ז״ז פ״ד—פ״ה), אַז בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה באַגעגנט ער זיך, אין בערלין, מיט זייַנעם אַ יוגנט־פֿרײַנד, און פֿרעגט אים וועגן זײַן פֿאָטער, דערציילט ער אים: „ווען די גאַנצע שטאָט איז אַנטלאָפֿן פֿאַר פּאָניען זענען דער טאַטע און די באַבע נישט אַנטלאָפֿן. דער טאַטע ווייל ער האָט געזאָגט אַז אַפילו פּאָניעס וועלן נישט פֿאַרטשעפּען איינעם וואָס פֿאַרטשעפּעט זיי נישט; די באַבע ווייטער מחמת די נויט־באַדערפֿטיקע, וואָס האָבן געזאָלט צו איר אָנקומען. טאָג־טעגלעך איז דער טאַטע געוווינט געווען צו דאַווענען בצי־בור. יענעם טאָג האָט ער אין דער פֿרי, גענומען טלית און תפילין און

געגאַנגען אין שול אַרײַן. האָט אים די באַבע געזאָגט: דאָרט אין דער היים, דו וועסט דאָך נישט געפינען קיין שום מנין אין אַ שטעטלשן מקום־קדוש. האָט דער טאַטע געזאָגט: איך קאָן נישט אָפּקומען פון מײַן געוווינטקייט. איז ער געגאַנגען און געפונען דעם מלאך־המוות. ווייל די פּאָגיעס האָבן נאָך נישט אוספּעיעט צו קומען אין שטאָט אַרײַן, איז מען זיך משער, אַז דעם טאַטנס טויט איז געקומען דורך אַ שטעטישן גוי, וואָס איז אַרײַן אין בית־מדרש גנבֿענען און האָט געטראָפֿן אַ ייִדן, האָט ער מורא געקריגן, טאָמער וועט ער אים פֿאַרמסרן פֿאַרן מלכות, האָט ער געכאַפּט און האָט אים דערהרגעט. נאָך אַ צײַט האָב איך געהערט דערציילן, אַז דעם טאַטנס טויט איז אַזוי געווען: אַ שגצל האָט געכאַפּט טויבן. האָט ער דערזען אַ טויב, וואָס לוגט אַרויס פון בית־מדרש פענצטער, האָט ער געשאָסן אַ פייל און האָט געטראָפֿן דעם טאַטן. עס ווײַזט אויס, אַז זיי האָבן זיך מתכוון געווען צו דערמאָנען אַ גמרא, וואָס זײַנע תפילין זענען געוואָרן טויבן, און ער איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פונעם טויט, און זיי האָבן נישט געפּילט אַז זיי מאַכן פונעם כוח פון דער מצווה אַ באַנדאַזש, דען אויב די תפילין זענען אַפילו ענלעך געוואָרן צו טויבן, איז דאָך דער בעל־התפילין נישט ניצל געוואָרן".

ו

מיר האָבן דאָ אַ טראַגישן ריס צווישן דער נסימדיק־לעגענדאַרישער מעגלעכקייט פון אַ פּאַרציִיטישן אלישע און דער אומניסמידיק־אכזריות־דיקער ווערקלעכקייט פון אַ הײַנטצײַטיקן אלישע, און דער ריס געשעט אין דער וועלט פון מאמין, וואָס דער סימבאָל פון זײַן אמונה זענען די תפילין. אָבער נאָך טראַגישער איז דער ריס ביי אפרים אויערבאַך, אין זײַן ליד „טונקלער טײַך" („סביבה", העפט 20, ז"ז 5—6) ווו מיר באַגעגענען, אין בעסאַראַבער שטעטל, אַ מאָדערנעם צוזאַמענטרעף פון אַזעלכע צוויי אלישעס, אַזוי אַרום אַז די עלעמענטן פון אונדזער לעגענדע ווערן ווי פֿאַרהיימישט און פֿאַראיצטיקט: „דער טונקעלער טײַך מיט קנייטשן איז אַלט, / נאָר איבער אים וויגן זיך גראָזן פרישע, / אויף יענער זײַט זע איך אַן עלנט געשטאַלט / אַ איד, וואָס איך וויים, אַז ער הייסט אלישע. // אַ טויבנכאַפּער געווען איז דער איד — — נאָר דאָ אויפן אַנדערן ברעג אַז ער שטייט / און הייבט אויף אַ האַנט, ווערט די האַנט אַ פליגל, / די פינגער אויף פעדערן זענען צעשפרייט / — — אַז האַנט ווערט גאָר פליגל, איז דער איד שוין צעקריגט / מיט גאָט און מיט זיך און מיט אייגענע

יאָרן // — — אַמאָל נעמט מיך אַרײַן דער טרויער אין קלעם, / פֿאַרזינגען וויל איך אים, נאָר איך פֿאַרשרײַ אים / און דאַכט זיך מיר אויס, אַז אַט טו איך און נעם / און ווער אַן אלישע בעל הכנפיים. // נאָר יענער אלישע האָט תפילין געלייגט / האָט איבער אים דער פֿלי אינדערפֿרי געהויערט / און מײַנע תפילין האָט דער רעגן צעווייקט / און לאַנג האָט דער ווינט אויף זיי שוין געטרויערט״.

ז

און צום סוף אַ טראַגיש־הומאָרישער באַנעם — ש״י עגנון גיט איבער אַ באַגלויביקטע מעשה, וואָס עס האָט דערציילט דער אַפּטער רב און איז דערגאַנגען צו ח. נ. ביאַליק („אלו ואלו״, תשי״ט, ז׳ של״ג): עס איז אַ מעשה מיט אַ דאָרף־קרעטשמער, וואָס איז געווען אַ גרויסער מכניס־אורח, און האָט יעדן אורח אויפגענומען אויך מיט אַ פּאָר תפילין, ער זאָל נישט דאַרפֿן נישטערן אין ראַנץ און פֿאַרשפּעטיקן דאָס דאַווענען. ער האָט געהאַט אַ גרויס פּאַס, ווו עס זענען געלעגן עטלעכע פּאָר תפילין, און ווער עס האָט באַדאַרפֿט דאַווענען, האָט זיך פֿון זיי גענומען. אָבער איינמאָל, אין אַן ערב שבת, ווען עס איז אויסגעפֿאַלן דער קורצער פֿרייטיק, און עס האָט געבושעוועט אַ זאַווערוכע, זענען אַלע געסט געבליבן אויף שבת, האָט זיי די בעל־ביתטע צוגעגרייט אַ גרויסע סעודה און אַ קינוח־סעודה דערצו. אַזוי ווי עס איז אָבער געווען אַ פֿאַרוואָלקנטער טאָג און זי האָט געהאַט, פֿון צופֿיל קאָכן און באַקן, קאַליע אויגן, האָט זי זיך טועה געווען אין די פּעסער, און שטאָט אַרויסצונעמען פֿלוימען, האָט זי אַרויסגענומען תפילין, און זיי אָפּגעקאָכט און באַשיט מיט צוקער און געווירצן, און די אורחים האָבן עס געגעסן און הנאה געהאַט, און האָבן געזאָגט: זײַט מיר לעבן, האָבן מיר נאָך נישט געגעסן אַזאַ ווײַל געקעכץ. און אויך אין הימל איז מען צופֿרידן געווען פֿון דעם קינוח־סעודה און מען האָט דעם קרעטשמער און זײַן ווײַב אַ סך גוטס באַשערט״.

וויל איך דערצו באַמערקן, אַז קינדווײַז האָב איך די מעשה געהערט, אָבער אין אַן אַנדער נוסח — די בעל־ביתטע האָט פֿאַרביטן דאָס פּאַס מיט קרויט אויפֿן פּאַס מיט תפילין און מעגלעך אַז דער נוסח איז דער גרונטיקער, אויב מיר נעמען אָן, אַז די בעל־ביתטע האָט געוואָלט קאָכן האָלובטשעס, וואָס הייסט אַזוי, ווײַל ער האָט די צורה פֿון טויבן, אַזוי אַז מיר האָבן אַ גאָר ווײַטן גראָטעסקן גלגול פֿון תפילין—טויבן. על כל פּנים איז כדאַי נאָכצוגיין אַלע נוסחאות פֿון דער אַ מעשה.

מאמר ה׳:

ברונעמער און זון־זעץ

א

אמר המחבר: יאָ, אַז מען דערגרייכט די ערשטע 50 יאָר, הייבט זיך אָן אַ פּרשה פון יובלות, וואָס חזרן זיך איבער מיט יעדער שפּעטערדיקער קײַלעכדיקער צאָל: 60, 70, אָבער אײדער עס קומט צו 80, שטופּט זיך אַרײַן די צאָל 75, ווי אײנער זאָגט, אַז די צאָל צווישן אַ נול און אַ נול האָט אויך אַ ווערדע, און ווי האָבן געזאָגט אונדזערע חכמים: אם גזירה היא נקבלנה. אָבער דער פילאָלאָג אין מיר האָט אַ טענה: דאָס וואָרט יובל האָט גרונטיק צו טאָן מיט אַ האָרן, בעיקר מיטן שאָל פונעם האָרן, און, בעצם, אַ האָרן פון אַ ווידער (=באַראַן), און ווי אַ באַצייכן פון יאָרן, מיינט עס בפירוש דאָס פופציקסטע יאָר, וואָס פאַרקײַלעכט די זיבן שמיטות און עס זענען חל אויף אים באַזונדערע אַגראַרע און סאָציאַלע מצוות, ווי זיי ווערן אויסגערעכנט אין ספר ויקרא.

בעטן זיך צוויי באַמערקן: ערשטנס, דאָס וואָרט יובל איז בײַ אונדז געוואָרן מאָביל, אַז עס באַצייכנט 50 און 60 און 70 יאָר פון אַ יחיד; צווייטנס, עס איז געוואָרן נאָך מאָבילער, אַז עס באַצייכנט סײַ ווייניקער און סײַ מער פון 50 און איז חל אויף מענטשן, פירמעס, אינסטיטוציעס, מלוכות וכדומה, וואָס מען יובלט זיי.

ווי ווײַט עס לאָזט זיך נאָכזוכן, מעג מען באַשטימען, אַז כאָטש דאָס וואָרט יובל, ווי אַ באַצייכן פון יאָרן, איז בײַ אונדז, נאָך אין חומש, אויסגעוואָקסן, האָבן מיר אָבער דעם אויסגעברייטערטן מנהג צו יובלען, איבערגענומען פון אַנדערע — נאָך דעם ווי דער פּויפּסט באָניפאַציוס דער אַכטער האָט, אין דער קאַטוילישער קערך, אײנגעפירט (1300) דאָס יובל־יאָר jubilaeum, האָט זיך עס אַריבערגעטראָגן אויך אויף אַנדערע זכרון־דאַטעס און געדענק־פייערן, און אַזוי איז די חגא אַריבער צו אונדז. נאָך י. ח. ראַווניצקי האָט אין אַ ביכעלע וועגן קינדער־דערציִונג (1902) געהאַלטן דעם מנהג פון חגעווען אַ געבוירן־טאָג, פאַר אַ שטיק עבודה זרה.

און דאָ שפּילט אַרײַן דער קלאַנגלעכער צוזאַמענטרעף צווישן וואָרט יובל און דעם ליטײַן־עקוויוואַלענט פון דער וולגאַטאַ jubilum וואָס מיינט דעם רוף פון פויערן און פאַסטעכער. און אין ענלעכן באַטײַט גייט

דאָס מיטל־ליטיײַנישע jubilare משמע: אַרויסגעבן פֿריידיקע קולות, וואָס איז אַרײַן אין אַנדערע לשונות.

ב

אַ קלאַנגלעכער צוזאַמענטרעף וואָס ברענגט צו אידענטישקייט פֿון באַ־גריפֿן אָדער טערמינען — איז אַ זייער אָפֿטע און אינטערעסאַנטע צווישן־שפּראַכלעכע דערשײַנונג. און, אויך מיר האָבן זיך שוין דערוועגן נישט איין מאָל אָפּגעשטעלט. איצט וויל איך זיך בלויז אָפּשטעלן אויף ענלעכע דוגמות, ווי מיר האָבן עס לגבי יובל — jubileum אָט, אַ שטייגער, ווייסן מיר, אַז די שטאָט טבריה הייסט אַזוי אויפֿן נאָמען פֿון טיבעריוס, אָבער דאָס האַלט דעם מדרש נישט אָפּ צו דערקלערן, אַז זי הייסט אַזוי, ווייל מימיה טובים ורבים [=אירע וואַסערן זענען גוט און פֿיל] וכדומה. דעסגלייכן ווייסן מיר, אַז סנהדרין שטאַמט פֿון גריעקיש, ווי עס מיינט אַ ראָט, אַ באַראַטונג, אַ זיצונג און ביי אונדז איז עס אַ באַצייכן פֿון העכסטן בית־דין, אָבער דאָס האָט אונדזערע חכמים נישט געשטערט אַנצונעמען, אַז די הויכע דיינים האָבן אַזוי געהייסן, ווייל זיי זענען געווען שונאים הדרת פנים, זיי האָבן פֿיַינט געהאַט אַ צו שיינעם שטעל, וואָס איז געוויינט־לעך אַ סימן פֿון גאווה.

ג

ווי ווייַט דאָס קאָן גיין, לערנען מיר אָפּ פֿון דער אגדה וועגן נקדימון בן־גוריון, פֿון די דרײַ גבירים אין ירושלים, וואָס האָבן געקאָנט די שטאָט לאַנגע יאָרן מפרנס זײַן, בעת דער באַלאַגערונג פֿון דער שטאָט, ווען די בריונים זאָלן נישט געווען פֿאַרברענען זייערע מאַגאַזינען. וועגן די נעמען פֿון די דרײַ האָט מען געדרשנט: נקדימון האָט אַזוי געהייסן: שנקדה לו החמה, וואָס עס האָט אים געלויכטן די זון: בן כלבא שבוע, ווײַל אַ יעדער וואָס איז אַרײַן צו אים אַ הונגעריקער, ווי אַ הונט, איז ער אַרויס אַ געזעטיקטער: בן ציצית הכסת, וואָס די ציצית זײַנע האָבן זיך אים נאָכגעשלעפּט, איבער איבערבעטן, וואָס מען האָט געשפּרייט הינטער אים. מעגלעך אויך, אַז דער בעל־דרוש האָט געוווּסט, אַז נקדימון איז אַ נאָמען פֿון אַ גריעקישן אָפּשטאַם: ניקאָדעמאָס, משמע: באַזיגער פֿון פֿאָלק אָבער דער דרוש איז מכוון געווען צו דערקלערן אַ נס, וואָס ווערט צוגעשריבן אויך אַנדערע, און וואָס האָט מיט אים, מיט נקדימון, פּאַסירט.
איין מאָל זענען עולי רגל געקומען קיין ירושלים און נישט געהאַט

קיין וואַסער צו טרינקען, איז נקדימון בן גוריון אַוועק צום הגמון און געבעטן, ער זאָל אים אויסלייַען צוועלף קוואַלן וואַסער, און ער וועט זיי אים אָפּגעבן, אָדער באַצאָלן צוועלף צענטער זילבער. האָט דער הגמון אים באַשטימט אַ טערמין אויף אָפּצוגעבן. אַז דער טערמין איז געקומען, האָט דער הגמון אין דער פרי, באַפוילן: שיק מיר אָדער דאָס וואַסער אָדער געלט. האָט נקדימון געענטפערט: דער טאָג איז נאָך גרויס. צו מיטאָג האָט דער הגמון באַנייַט זייַן באַפעל און נקדימון האָט ווידער באַנייַט זייַן ענטפער. דאָס האָט זיך איבערגעחזרט אויך צו מנחה. האָט דער הגמון חוזק געמאַכט: אַ גאַנץ יאָר איז נישט געווען קיין רעגן און אַקוראַט איצט וועט עס אַ גאָס טאָן. איז נקדימון אַרייַן אין בית המקדש און תפילה געטאָן און דער הימל האָט זיך פאַרכמאַרעט און עס איז אַראָפּ אַ רעגן. ווען נקדימון איז אַרויס פון בית המקדש, האָט אים באַגעגנט דער הגמון, וואָס איז געגאַנגען פון מרחץ, און האָט געטענהט, אַז אַזוי ווי די זון האָט זיך שוין געזעצט, קומט אים דאָס צוגעזאָגטע געלט. איז נקדימון ווידער אַרייַן אין בית המקדש און תפילה געטאָן. האָט זיך תיכף צעבלאָזן אַ ווינט און צעטריבן די כמאַרעס וזרחה החמה [=און די זון האָט געלויכ־טן], האָט דער הגמון געזאָגט: אלמלא שנקדה החמה [=ווען די זון זאָל זיך נישט געווען דורכרייַסן], וואָלט איך געקריגן מייַן געלט.

ד

ווי אַרום דער דרוש פון נאָמען האָט זיך נישט ווייסנדיק געמאַכט פון גרעקישן אָפּשטאַם פונעם וואָרט נקדימון, איז נישט שווער צו דערקלערן, אַזוי ווי מען האָט עס געטאָן לגבי זייַנע חברים, די איבעריקע צוויי עשי־רים: כלבא שבוע — נ. ה. טור־סיני לייענט נישט כלבא [=הונט] נאָר כל בא שבוע [=יעדער וואָס איז געקומען איז אַרויס זאַט] („הארץ", כ"ג אייר תשט"ז); און בן ציצית הכסת, האָט מען עס געטאָן ווי לגבי נקדימון, דהיינו, גלייך עס וואָלט זיך געהאַנדלט אין בלויז היימישע ווערטער (עברית, ארמית). אגב, אויך וועגן נקדימון דערציילט דער מדרש, אַז ווען ער פלעגט גיין אין בית מדרש אַרייַן האָט מען אונטער אים פאַרשפּרייט זייַדוואַרג און אָרעמע לייַט האָבן זיי הינטער אים פאַרקאַטשעט און פאַר זיך גענומען.

נאָך אברהם גייגער דערמאָנט די שטעלן, ווו די אגדה דערציילט אָדער ווינקט אָן אויף דער מעשה (תענית י"ט), גטין (נ"ו, ע"א), אלילים (כ"ה, ע"א) וכדומה, כדי אָנצווייַזן אויפן לעגענדאַרן פּירוש פונעם נאָמען („וויס־סענשאַפטליכע צייטשריפט פיר יידישע טהעאָלאָגיע", 1847, ז. 26).

ה

צום אויסשפרייט פון דעם מדרש לאָזן זיך ברענגען כמה וכמה דוגמות און מיר וועלן זיך באַנוגענען מיט אַן עלטערער — ווי אַ שטייגער, דאָס מעשה־בוך, און אַ ייִנגערער — די העברעיִשע באַלאַדע פון אברהם גאָלד־פאַדן (צומערשט געדרוקט אין „כוכבים" אין יאָר 1865; אַריַין אין זיַין לידער־געזעמל, „ציצים ופרחים" ווי אויך לעצטנס אין אָפּקלייב פון ראובן גאָלדבערג) און איר קינסטלערישער איפּבוי פאַרדינט אַ באַזונדערן באַהאַנדל. אין פאָלק איז די אגדה פּאָפּולאַר געוואָרן, וויַיל מען האָט זי דערמאָנט אין בינטל אגדות פון חורבן, וועלכע מען האָט געלייענט תשעה באב, און איז אַריַין אין דער פאָלקס־ליטעראַטור — זע, אַ שטייגער: „דרום הט [=האָט] ער געהייסן נקדימון דס [=דאָס] איז טיַיטש שינן [=שיינען], דס פון זיינט וועגן הט דו [=די] זון גשיינט אביר זיין רעכטר [=רעכטער] נאָמין איז געוועזן בוני" („קמצא בר קמצא", לבוב תר"י).

עס וואָלט אונדז וויט געפירט, מיר זאָלן וועלן נאָכגיין דעם באַנוץ פון וואָרט נקדימון, און בעיקר דעם באַנוץ פון נקד אין זינען פון שיַינען. אַ טייל קאָן מען נאָכזוכן אין די ווערטער־ביכער, בעיקר ביי אבן־שושן. וועלן מיר זיך באַנוגענען מיט אַ צולאָג. אין אַ ליד פון ווידאַל בנבנשתי צו שלמה דאפירה הייסט עס: „ואם אורך, כאור חמה / אני אהיה כנקדימון / ואם רוחי כהר־ציון / יהי שירך כטל חרמון" (אויסגאַב דב ירדן, ירושלים, שנתון ה־ו, תשל"ב, ז. 461). טיַיטש: און אויב דיַין ליכט איז ווי דאָס ליכט פון זון, וועל איך זיַין ווי נקדימון, און אויב מיַין גיַיסט איז ווי דער באַרג ציון, זאָל דיין ליד זיַין ווי די ראָסע פון חרמון.

ו

וואָס שייך דעם מאָטיוו, האָבן מיר אים אין טויזנט־און־איין־נאָכט, און אויב אַ ייִנגערע דאַטע, זע, אַ שטייגער, אַ פּויליש ליד וועגן קיניג יאַן סאָביעסקיס נצחון איבער די טערקן, וואָס האָבן באַלאַגערט ווין (1683) און ווו דער קיניג ווענדט זיך צו דער הייליקער מאַריאַ און פרעגט ווי אַרום קאָן ער זיך שלאָגן, אויב די זון גייט אונטער, ענטפערט אים מאַריאַ, אַז זי וועט זיך משתדל זיַין, אַז די זון וועט אים נאָך דריַי שעה צולייַכטן, און אַזוי ווי גאָט האָט דאָס דערזען, האָט ער פון הימל אַראָפּגעלאָזט אַ שטיינער־רעגן און זיי [די שונאים] זענען אויסגעהרגעט געוואָרן („ליוד", 1897, חלק ב', ז"ז 157—155), אָבער דאָס גייט גיכער אויף דער ליניע

פון אַ גאָר אַלטער מסורה — מעשה יהושע בן נון און דעם זאָג: שמש בגבעון דום [=די זון אין גבעון זאָל זיך אָפּשטעלן].

וואָס שייך ווײַטער דעם הימישן זאָג: דער טאָג איז נאָך גרויס, אַ שטייגער די מעשה וואָס ס'ברענגט אליעזר קאַליר: דער סוף פון אַ טיראַן, אַ פראַגמענט פון אַ כראָניק — אַ מעשה מיטן צאַר איוואַן, וואָס רופט צונויף די באָיאַרן אין טאָג פון הייליקן קיריל, ווען — לויט די כישוף־מאַכערס — ער האָט געזאָלט קריגן אַ שוואַרצן סוף, און ער וויל זיי אַלע, זײַנע געסט, אויסהרגענען: „גאָסודאַר! האָט זיך דערהערט אַ גרילצנדיקע שטים פון די הינטערשטע בענק — דער טאָג פון הייליקן קיריל האָט זיך נאָך נישט געענדיקט! די זון איז נאָך נישט פאַרגאַנגען! דער טאָג איז נאָך גרויס! און דער צאַר, פון גרויס כעס, איז אַראָפּגעפאַלן פון שטול און געבליבן ליגן טויט אויפן אָרט" („ישראל־שטימע", י"ב כסלו תשכ"ה).

אָבער דער זאָג: דער טאָג איז נאָך גרויס, דאָס יאָר איז נאָך גרויס — איז אַן ענין פאַר זיך...

מאמר ו':

צווישן קיניג און ייִד

א

„בעל־שם טוב מאָטיוון / און / אַנדערע דערציילונגען" — אַזוי הייסט דאָס בוך פון אַברהם ווייץ וואָס איז אַרויס, מיט עטלעכע יאָר צוריק (פאַרלאַג „זלמן שניאור", פּאַריז תשל"ז). עס איז דאָס זעקסטע בוך זײַנס, און דער נאָמען ווײַזט אָן אויף זײַן טאָפּעלעם כאַראַקטער — אַמערשט גייען צוועלף דערציילונגען (ז"ז 15—139) אונטערן בשותפותדיקן נאָמען: פאָל־קלאָריסטיק; דערנאָך קומען צען דערציילונגען (ז"ז 151—237) אונטערן בשותפותדיקן נאָמען: פּאַריזער דערציילונגען. פיל־טעמאַטישקייט און פיל־מאָטיוויקייט אין דער ייִדיש־פּראָזע זענען נישט קיין נאָוויגע; שוין די ביאָגראַפיע פון אירע מחברים פאַרזיכערט זי; און וואָס שייך אונדזער מחבר, האָט שוין יעקב גלאַטשטיין פאַרוויזן דערויף („טאָג מאָרגן זשורנאַל", 2 יולי 1961); און באמת פאַרמאָגט די דאָזיקע ביאָגראַפיע אַ פילזײַטיקן סוסטראַט — געבוירן אין לאָסק, פרי אַוועק קיין פראַנקרײַך, געווען אַ זעל־נער אין איר אַרמיי; פיר יאָר געליטן אין דײַטשישע קאָנצענטראַציע־

לאַגערן, געזען דעם ייִדישן חורבן, אָבער אַזוי־ווי ער האָט, רוב ימיו, געלעבט און לעבט אין פּאַריז, האָט זיך אים צוגעקלעפּט דער באַציכן פון משה דלוזשנאָווסקי („פּרײַע אַרבעטער שטימע", 15 פעברואַר 1962), אַז ער איז דער צו־מערסט פּאַריזישער שרײַבער פון אַלע דאָרטיקע ייִדיש־שרײַבער, און מחמת דעם פאַרמאָגט ער אויך טיפּיש־פראַנצויזישע שרײַב־מאַנירן, ווי, אַ שטיגער, די גראַציעזע לײַכטקייט וכדומה; און דאָס זאָגט ער, רעדנדיק וועגן בוך פון אברהם ווייץ „די לעצטע געטאָ", ווו די פיגור מנחם מרגליות איז מכוון צו יצחק קאַצנעלסאָן און די פיגור פון ד"ר מאיר פּריזלאַנד איז מכוון צו ד"ר מנחם (עמנואל) רינגלבלום.

מעגלעך אַז דאָס איז די סיבה, וואָס אברהם ווייץ, פּירויסשיקנדיק אַ וואָרט צו זײַן איצטיק בוך, רעדט בלויז וועגן ערשטן טייל, דעם פאָלקלאָ־ריסטישן, און נישט וועגן צווייטן טייל, דעם פּאַריזער, וואָס דאַרף, אפשר, נישט קיין שום דערקלער. אין דעם פירוואָרט (ז"ז 9—11) איז ער מבאר דאָס חשיבות פון פאָלקלאָר פאַר אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור, אָבער קאָנקרעט שטעלט ער זיך אָפּ אויף איין דוגמה, אויף דער דערציילונג „דעם קעניגס ווײַס פערד". ער הייבט טאַקע אָן דערמיט דאָס פירוואָרט, אַזוי צו זאָגן: „די דערציילונג „דעם קעניגס ווײַס פערד" איז געבויט אויף דער האַלב־לעגענדאַרער, האַלב־רעאַליסטישער פאָלקס־מעשה, וואָס געהערט נאָך אַלץ צו דער תורה־שבעל־פה, דאָס הייסט: איך האָב עס אַרויסגענומען דירעקט פון פאָלקס־מויל אַ רויע, אַן אומגעשליפענע, אַ פאָרמלאָזע, און במילא אָן קאָנסטרוקציע" (ז' 9).

ב

פאַרן פאָלקלאָריסט שטעלן זיך דאָ פיר קשיות: ווו, ווען, פון וועמען און בעיקר וויאַזוי האָט דער מחבר די מעשה געהערט, דען זײַן טעקסט איז אַ באַאַרבעטער, געשליפענער און פאַרמירטער; בקיצור — אַ ליטעראַריש־קינסטלערישער. כדי דאָס טועם צו זײַן, דאַרף מען די גאַנצע דערציילונג דורכלייענען, אָבער ווײַל מיר ווילן נאָכגיין דעם מאָטיוו, דערלויבן מיר זיך, לשם כך, צו ברענגען, אין קורצע שטריכן, די עיקר פאַבולע: אַ ייִד, אַן אָרעמער מדינה־גייער, ר' משה אַהרן אייפשיץ, וויל אַרײַן אין אַ קרוין־שטאָט, און אַז די מיליטער־לײַט לאָזן אים נישט אַרײַן, בעט ער זיי, מודיע צו זײַן דעם קיניג, אַז עס איז געקומען אַ ייִד, וואָס האָט אים איבערצו־געבן אַ סוד און ראַטעווען זײַן לעבן. דער קיניג גייט אײַן דערויף, און דער ייִד וואָרנט אים, אַז אויפן פּאַראַד זאָל ער נישט רײַטן אויפן ווײַסן

געהאָדעוועטן און נישט באַנוצטן פערד, ווײַל ווער עס וועט זיך דער ערשטער אַרויפזעצן, וועט דערהרגעט ווערן; און ער ראָט אים צו נעמען אַ שווערן פאַרברעכער, וואָס איז אויך אַ גוטער רײַטער פון דער תפיסה און אים לאָזן רײַטן אויפן דאָזיקן פערד, און אויב ער וועט נישט דערהרגעט ווערן, זאָל ער, דער ייִד, אַריין אין תפיסה: בײַם ספעקטאַקל, וואָס ווערט רײַך און היפש באַשריבן, לאָזט דער קיניג ברענגען אַ ווילדבאַוואַקסענעם פאַרברעכער און אויפזעצן אויף דעם דאָזיקן פערד, אָבער עס געדויערט נישט לאַנג און ער פליט אַרויס פון זאָטל און בלײַבט ליגן מיט אַ צעשמעטערטן שאַרבן. דער קיניג קראַצט אויס אַ מטבע און דערלאַנגט זי, שכר־טירחה, דעם מדינה־גייער, וואָס האָט גענומען די מטבע און אַוועק. מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָט זיך דער קיניג דערמאָנט אין דעם ייִדן, און חרטה געהאַט, פאַרוואָס ער האָט אים נישט פאַרהאַלטן, ער וואָלט דאָך געקאָנט פון אים נוצן האָבן. האָט ער געלאָזט אויסרופן אין דער מדינה, אַז דער ייִד זאָל זיך יאַוועז אין פּאַלאַץ, און ווי די שמועה האָט דערגרייכט דעם ייִדן, קומט ער אַהין, און ווען דער קיניג זאָגט אים, אַז ער איז אַ געטלעכער מענטש, לייקנט ער עס און לאָזט זיך אַרײַן אין אַ טיפן האַלבטעאָלאָגישן און האַלב־פּאָעטישן שמועס, און לסוף זאָגט ער, אַז ער האָט נאָך אַ סוד, ער האָט אָבער מורא אים אויסצוזאָגן; שרײַבט אים דער קיניג אונטער אַז וואָס ער זאָל אים נישט זאָגן, וועט ער אים נישט באַשטראָפן. איצט האָט דער ייִד אַ זאָג געטאָן, אַז דער קיניג איז אַ זון פון אַ פויער. דער קיניג לייקנט עס, ווײַל ער שטאַמט דאָך, זײַט דורידורות, אָפּ פון אַ קיניגלעכער דינאַסטיע, און וויל לאָזן ברענגען דעם ספר היוחסין; דער ייִד ענטפערט, אַז דאָס איז נישט נייטיק; דער קיניג האָט דאָך נאָך אַ מוטער, קאָן ער בײַ איר אָנפרעגן. דער קיניג לאָזט זיך צו זײַן גרײַזגראָער מוטער, און פרעגט זי, ווער איז געווען זײַן אמתער פאָטער. זי אָבער וויל אים תחילת פאַררעדן און לייגט אים פיר אַרײַנצוקוקן אין דער צוואה וואָס דער טאַטע זײַנער האָט אַ שעה פאַרן טויט אָנגעשריבן. אָבער ווען זי עפנט דעם קופערט, לאָזט דער קיניג אַראָפּ די שווערע דעק, און פאָדערט זי זאָל אים זאָגן דעם אמת, אַניט לאָזט ער אַראָפּ די דעק אויף איר קאָפּ. די קיניגין־אלמנה איז געפאַלן אין חלשות, און ווען זי איז אויפגעקומען, האָט זי מודה געווען, אַז ער, דער קיניג, איז טאַקע אַ זון פון אַ פויער, און זי האָט אים דערציילט מעשה שהיה כך היה: זי האָט איר מאַן געבוירן בלויז פרינצעסינס, און האָט נישט געוואָלט, אַז די קרוין זאָל אַרײַנפאַלן אין פרעמדע הענט, און איינמאָל האָט זי אויף אַ

שפּאַציר באַגעגנט אַ יונגן, שיינעם פּויער און ער איז עס דער אמתער פּאָטער פון איר זון, דעם קיניג. אָפּגעזאָגט, איז זי אַוועק פון שלאָס, נישט וועלנדיק מער זען דעם זון אירן, וואָס איז געווען גרייט, זײַן אייגענע מוטער צו דערהרגענען. דעם אַנדערן טאָג האָט דער קיניג געלאָזט רופן דעם ייִדן און אים געפרעגט פון וואַנעט האָט ער זיך דערגראָבן צו אַזאַ משפחה־סוד, האָט ער אים געענטפערט, אַז מיטן אייגענעם שכל. דען וואָס שייך דעם סוד וועגן פערד — אַזוי ווי ער האָט געהערט, אַז קיינער האָט אויף אים נישט געריטן, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז עס איז ווילד ווי אַ טײַוול; וואָס שייך ווײַטער דעם סוד פון פויערן־אָפּשטאַם, — אַזוי ווי ער האָט געזען, אַז דער קיניג האָט אים, פאַרן אָפּראַטעווען זײַן קאָפּ, דער־לאַנגט אַ נישטיקע מטבע, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער איז נישט קיין מלך בן מלך.

דער המשך פון דער דערציילונג — די פּוסטע ראַנגלענישן פונעם קיניג צו פאַרגעסן, וואָס ער האָט זיך דערוווּסט, דער באַשלוס אָפּצורוימען דעם ייִדן און אים לאָזן טייטן, וואָס דעם ייִד נעמט אָן אַ מורא, מחמת ער זעט דערײַנען אַ פאַרדינטע שטראָף, פאַר וואָס ער האָט אָפּגעלעבט צען יאָר מיט אַ יפת־תואר אָבער נישט האָבנדיק פון איר קיין קינד, האָט ער איר אין שלאָף צוגעוואָרפן אַ גט, און זי איז פאַר צער אויסגעגאַנגען, האָט ער אויף זיך גענומען אַ שטראָף פון אייביקן גלות. אָבער דאָס, ווי אויך דער סוף געהערט שוין גרונטיק נישט צום עיקר־מאָטיוו.

וועגן עיקר־מאָטיוו ווײַטער לאָזט זיך אַ סך זאָגן, און איך וועל ברענ־גען בלויז דאָס, וואָס איך האָב, מיט יאָרן צוריק פאַרעפנטלעכט אין מײַן אַנעקדאָטן־בוך „קערת אגוזים" (תשי"ג, סי' 611, ז"ז 323—327), און דאָס, זענען, בעצם דרײַ ענינים.

ג

ערשטנס, ברענג איך אַ ירושלימער ווערסיע, ווי איך האָב זי געהערט פון ד"ר א. ב. כהן, וואָס איז געווען אַ גוטער פאָלקלאָר־קענער און איז געווען געטרײַ דעם נוסח פונעם געהערטן און פאַרגעדענקטן, און איך פּרווו דאָ זײַן נוסח פאַרייִדישן.

אַ מעשה מיט אַ גרויסן קיניג, וואָס איז געווען אַ שונא ישראל און האָט קיין ייִדן נישט אַרײַנגעלאָזט צו זיך אין לאַנד אַרײַן. אַמאָל האָט זיך אַהין פאַרוואַלגערט אַ ייִד, האָבן אים די קיניגלעכע סטראַפּטשעס אײַנ־געזעצט, און נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט אים, האָבן זיי געפרעגט

די האַרן. האָבן די האַרן באַפוילן דעם איינגעזעצטן צו ברענגען פאַר זיך, אים חוקר ודורש געווען, און פון זײַנע תשובות האָבן זיי געדרונגען, אַז ער איז אַן אייבער־חכם. האָבן זיי דעם קיניג דערציילט די גאַנצע מעשה און געזאָגט:

— ווערדליג די געזעצן פון אונדזער מלכות קומט אים מיתה, אָבער אויב דער קיניג וויל, קאָן ער זיך אויף אים מרחם זײַן, זאָל ער זיצן אין זײַן שלאָס, אפשר וועט ער פון אים האָבן אַ גוטע עצה.

האָט דער מלך געזאָגט:

— איך וועל אים דרײַפּאַכיק פּרוּוון, אויב ער וועט באַשטיין, וועל איך טאָן לויט אײַערע רייד.

האָט מען דעם ייִדן תיכף געבראַכט און געגעבן אַ באַזונדער חדר. און דעם אַנדערן טאָג האָט מען אים גערופן צום קיניג, וואָס האָט אים געוויזן אַ וווּנדערלעך פערד, וואָס ער האָט געקריגן אַ מתנה פון אַן אַנדערן קיניג. ער האָט אים געפרעגט:

— און וואָס ווערסטו, ייִד, זאָגן צו דעם דאָזיקן פערד מײַנעם וואָס איך גיב אים אַ מתנה מײַן איינציקן זון?

האָט דער ייִד געענטפערט:

— עס איז אַ פּראַכטיק פערד, וואָס פאַרמאָגט מעלות גאָר אָן אַ צאָל, אָבער אַז ער וועט קומען צום שייד־וועג אויפן באַרג, וועט עס אַראָפּוואַרפן דעם רײַטער, וואָס וועט כהרף עין צעשמעטערט ווערן, און דער וואָס האָט דיר דאָס פערד געשיקט, האָט זיך טאַקע דערצו מתכוון געווען, אַז דאָס פערד זאָל אַזוינס אָפּטאָן דײַן איינציקן זון. איז בילעכער, דו זאָלסט צום־ערשט לאָזן רײַטן איינעם פון דײַנע האַרן, וואָס דו ווייסט, אַז ער האָט דיך פײַנט אין האַרצן, און וועסט זען, צי מײַנע ווערטער וועלן נישט מקוים ווערן.

האָט דער קיניג באַפוילן איינעם פון זײַנע האַרן, ער זאָל צומערשט רײַטן אויפן פערד, און דער האַר האָט זיך געגרויסט אין האַרצן מחמת דעם כבוד און וואָס די איבעריקע האַרן האָט געפרעסן די קנאה. די רײַ־טעריי איז געווען הפלא ופלא, עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער רײַטער פליט אין־דער־לופטן, אָבער בײַם שיידוועג, אויפן באַרג, זענען די רייד פון ייִדן פולקום מקוים געוואָרן — דאָס פערד האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם רײַטער און אים דערהרגעט. האָט דער קיניג אַ זאָג געטאָן:

— איך זע, ייִד, אַז דײַן חכמה איז אַ ממש, נאַדיר אַ קערבל אַ מתנה.

דעם אַנדערן טאָג האָט מען דעם ייִדן ווידער גערופן צום קיניג, וואָס

האָט פֿאַר אים געעפֿנט זײַנע אוצרות און געוויזן אַ קרוין, וואָס האָט נישט, אין טײַערקייט און פּראַכט, אירס גלײַכן אין קיניגלעכע אוצרות, און געפֿרעגט:

— און וואָס ווערסטו, ייִד, זאָגן צו דער קרוין מײַנער, וואָס איך גיב זי אַ מתנה דער כּלה פֿון מײַן בן־יחיד?

האָט דער ייִד געענטפֿערט:

— עס איז אַ פּראַכטיקע קרוין און אירע מעלות זענען גאָר אָן אַ צאָל, אָבער דער הויפּט־איידלשטיין, וואָס גלאַנצט מער פֿון אירע אַלע איבעריקע שטיינער, איז נישט קיין אבן טוב; אַזוי לאַנג ער געפֿינט זיך דאָ, אין דער לופֿט פֿון דײַנע קעלערן, דערקענט מען נישט, אַז ער איז פֿאַלש, אָבער אַזוי־ווי עס וועט אים נאָר עפּעס באַלײַכטן די זון, וועט ער זיך פֿון זיך אַליין צעפֿאַלן, און דער, וואָס האָט דיר אים געגעבן אַ מתנה, האָט זיך מתכּוון געווען צו פֿאַרשעמען דײַן שנור אונטער דער חופּה אירער. איז בילעכער, דו זאָלסט די קרוין אָנטאָן איינע פֿון דײַנע האַרנטעס, וואָס דו ווייסט, אַז זי האָט דיך פֿײַנט אין האַרצן, און ווערסט זען, צי מײַנע ווערטער וועלן נישט מקוים ווערן.

האָט דער קיניג באַפֿוילן איינער פֿון די האַרנטעס, זי זאָל צום ערשט אָנטאָן די קרוין, און זי האָט זיך געגרויסט אין האַרצן, מחמת דעם כּבֿוד און וואָס די איבעריקע האַרנטעס האָט געפֿרעסן די קנאה. די שיינקייט פֿון דער קרוין איז געווען איבער אַ יעדן לויב, און די באַקרוינטע האָט זיך אויסגעוויזן גלייך זי זיצט אין די לויטערסטע נעפּלען. אָבער קוים האָט עפּעס די זון זי באַלאָכטן, זענען די רייד פֿונעם ייִדן פֿולקום מקוים געוואָרן — דער הויפּט־איידלשטיין איז זיך פֿון זיך אַליין צעפֿאַלן און עס איז פֿאַרשוווּנדן זײַן פּראַכט און שיינקייט. האָט דער קיניג אַ זאָג געטאָן:

— איך זע, ייִד, אַז דײַן חכמה איז אַ ממש, נאַדיר אַ קערבל אַ מתנה.

דעם אַנדערן טאָג האָט מען דעם ייִד ווידער פֿאַרבעטן צום קיניג, וואָס האָט אים געזאָגט:

— אייערנעכטן האָב איך אָפּגעלערנט, אַז אַז דו קוקסט דיך אײַן אין אַ בעל־חי און זעסט, וואָס אַנדערע ווייסן נישט; הײַנט האָב איך אָפּגעלערנט, אַז דו קוקסט דיך אײַן אין אַ דומם און זעסט, וואָס אַנדערע ווייסן נישט; וואָלט איך וועלן, אַז דו זאָלסט דיך אײַנקוקן אין מיר, וועל איך פֿאַרשטיין, צי דו זעסט אויך אין מיר, וואָס אַנדערע ווייסן נישט.

האָט דער ייִד געענטפֿערט:

— איך האָב מיך שוין אײַנגעקוקט און איך האָב שוין געזען, נאָר איך האָב מורא, אַז דו וועסט מיך דערהרגענען.

האָט דער קיניג געזאָגט:

— זאָג וואָס דו האָסט צו זאָגן, און איך שווער דיר, אַז קיין איינציקע האָר וועט פון דיר נישט אַראָפּפאַלן.

האָט דער ייִד געזאָגט:

— דו ביסט נישט קיין זון פון אַ קיניג, נייערט פון אַ חזירים־פּאַסטעך.

איז דער קיניג אַרײַן אין ירגזון און האָט אַרויסגעצויגן זײַן שווערד, און אָנגעכאַפּט דעם ייִדן בײַם אָרעם, האָט דער ייִד געזאָגט:

— אדוני קיניג, דו האָסט געשוווירן; און — עס איז גאָר פּשוט: איך האָב געזען, אַז נאָך־דעם וואָס איך האָב אָפּגעראַטעוועט דײַן איינציקן זון פון אַ פּלוצימדיקן טויט, האָט זיך אין דיר דערוועקט אַ מידה פון מילד־קייט, וואָס האָט דערגרייכט צו איין קערבל, און איך האָב אָבער־אַמאָל געזען, אַז נאָך־דעם ווי איך האָב אָפּגעראַטעוועט דײַן שנור פון חרפּה־און־בושה, האָט זיך אין דיר ווידער דערוועקט אַ מידה פון מילדקייט, וואָס האָט ווידער דערגרייכט צו אַ קערבל, האָב איך געזאָגט בײַ מיר אין האַרצן: דאָס איז נישט קיין זון פון אַ קיניג, נײַערט אַ זון פון אַ חזירים־פּאַסטעך.

נאָך־דעם ווי מיר קענען די ווערסיע פון א. ב. כהן, זעען מיר, אַז דער חילוק פון איר און דער פון אברהם ווייץ ליגט אויף דער האַנט, אָבער דאָ זעען מיר זי באַשרענקט אויפן גרונט־מאָטיוו, אָן זײַטיקע צולאָגן, און האָבן שטאָט אַ צווילינג — דאָס ווייסע פערד, דער אָפּשטאַם פון קי־ניג, דעם אין פּאָלקלאָר פּאָפּולאָרן דרײַלינג — דאָס פערד, דעם אבן־טוב, דעם אָפּשטאַם. און נאָך עפּעס: די צווייטע ווערסיע, וואָס איז סימעט־ריש אויסגעבויט, האַלט זיך אין דער רעם פון אַנעקדאָט, און טענדירט נישט צו אַ נאָוועליסטישן אויסברייט.

ד

צווייטנס, האָב איך אָנגעוויזן אַז דער מאָטיוו, וואָס פאַרמאָגט אַ סך גלגולים, איז אויך שטיפעריש, און דאָס אין גראַמען, אויסגענוצט געוואָרן — אהרן לייב באַראָן ברענגט אים אין זײַן הומאָריסטיש בוך „די ייִדישע בראָדווײַ און אַנדערע לידער" (ניו־יאָרק, 1949, ז' 96—101). שוין דער סאַמע אָנהייב פון דער הומאָרעסקע, וואָס איר טיטל איז: דער חכם, און

דער אונטערטיטל: אַ מעשה׳לע פאַר שבת נאָכן קוגל, פאַרשפּיצט זיך אויף אײַטל־חוזק — דער קיניג איז נישט אַבי־ווער, נאָר דער קייסער יאָסל פון גאַליציע, מיט זײַנע באַקנבערד (משמע, דער עסטרײַכישער קייסער פראַנץ יאָזעף), וואָס שפּאַצירט בײַ די גרעניצן פון זײַן לאַנד, און זעט אַ ייִדן, וואָס האָט געשוואַרצט די גרענעץ, און זאָגט אים צו, צו מאַכן אים פאַר אַ מיניסטער, אויב ער וועט דרײַ מאָל ווײַזן זײַן חכמה. צומערשט גייט די מעשה מיטן פערד, אויף וועלכן עס וועט רײַטן „געפעלט דיר, אידל, אָט דאָס פערדל? / — פרעגט פּרינצעסין — גאָר נישט שלעכט! / זאָל אָבער פריִער אויף אים רייטן / איינער פון דעם קעניגס קנעכט". אַזוי געשעט טאַקע, אָבער דאָס פערד האָט זיך צעטאַנצט, צעבריקעט, / באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ! / ביז אומגעפאַלן איז דער רײַטער / און צעבראָכן זיך דעם קאָפּ". דער ייִד באַקומט דערפאַר אַ קופּערנע מטבע. דערנאָך קומט די מעשה מיטן איידלשטיין: „זאָג מיר, אידל, פרעגט דער קעניג / איז ער ווערט בײַ אַ מיליאָן". דער ענטפער איז: „די דימענטן פון דער דיאַדעמע / איך דערקען זיי מיטן בליק! / זיי זענען קאַלטע דימענט־אַפּפאַל / ניט געשניטן פון איין שטיק", און ווידער באַקומט דערפאַר דער ייִד אַ קופּערנע מטבע. צום־לעצט קומט די מעשה אַפּשטאַם — דער קיניג פרעגט, ווי לאַנג וועט נאָך געדויערן זײַן דינאַס־טיע, און דער ענטפער איז: „דײַן געבוירנטאָג איז געווען דײַן ענד! / דער חכם איז געוואָרן בלאַס / דעם קייזערס באָרד האָט זיך צעברענט: // — דו מיינסט מיר זאָגן: איך... אַ ממזר? / גאָט האָט מיך ניט אויסדער־ווילט? / פאַרלירסט דײַן קאָפּ! ווײַל ס׳האָט מײַן מוטער / דיר איר סוד דאָך ניט דערציילט". דער ייִד ראָט אים, טאַקע צו פרעגן די מוטער זײַנע. לויפט דער קייסער צו איר, מיט בלאַנקן שווערד, דערציילט זי אים: „ס׳איז אַוועק אין קריג דער קעניג / זײַן בן־יחיד האָט גערויבט אַ פּײַנט / האָב איך דיך דאַן דערצויגן — / איך געדענק עס, פּונקט ווי הײַנט". דער קייסער טענהט: „הערסט, אידל מיטן אוירינגל, / האָסט מײַן קרוין געמאַכט צו שאנד! / מיט שכל קען מען עס ניט וויסן, / סיידן ביסט אַ קלאַרוואָיאַנט!". אָבער דער ייִד לייקנט, אַז ער זאָל זיין אַ העל־זעער, ער האָט עס טאַקע בלויז מיטן שכל אויסגעפונען: „ווען דו האָסט אויסגעהערט מײַן חכמה / און מיט קופּער מיר באַצאָלט, / דײַן האַרץ האָט ניט דערלאָזן געבן מיר / אַ שטיק זילבער אָדער גאָלד — // פאַרשטאַנען האָב איך, אַז דו, קעניג — / האָסט קיין טראָפּן קעניגליכע בלוט! / און אַז דײַן טאַטע האָט געמוזט זײַן / בלויז אַ שמײַסער מיט אַ רוט..." דאָ קומט אַרײַן די

קיניגין און דערקענט אין דעם יידל איר פאַרלוירענעם בן־יחידל, און מיר ווייסן נישט צי דער קייסער האָט אים אויך איבערגעגעבן די קרוין.

דער גראָטעסק אין דער דאָזיקער הומאָרעסקע פאַרשאַרפט זיך מחמת דער שפּעטער צײַט פונעם קיניג — דער פירלעצטער עסטרײַכישער קיסר, קיר״ה [=קיסר ירום הודו], וואָס האָט געגאָלטן צוזאַמען מיט זײַן מדינה און פאָלק, ווי אַ נאַר (קיר״ה ווײדל, קיר״ה מאַק), און וואָס זײַנע אייגענע ייִדישע אונטערטאַנערס האָבן אים, האַלב גוטמוטיק האַלב איראָניש, גערופן: פראָים יאָסל מיט די פּאַפּיטאַ־הויזן, און וואָס הייסט אין דער הומאָרעסקע בלויז: יאָסל (עס זאָל נישט זיין קיין טעות ווען מען מיינט, ווערט אין ביכל געבראַכט אַ בולטע קאַריקאַטור פון פראַנץ־יאָזעף מיט באַקנבערד און קרוין, וואָס זיצט אויפן כסא־המלכות און דערלאַנגט דעם אַנגעבויגענעם ייִדל אַ מטבע). דער שפּיץ פון חוזק שטעקט אפשר דאַרינען, וואָס ער, דער לעצטער גרויסער יורש פון די האַבסבורגער, וואָס האָבן פאַרירשנט דעם אויסוווקס ביי דער אונטערליפּ און וואָס זאָל זײַן אַ ירושה פון זייער פראָטאָספּלאַסט, דעם משומד לעאָנע אין רוים, זאָל גאָר זײַן אַ ממזר פון אַ פערד־ אָדער באָד־שמייסער — אָן אײַנפאַל וואָס דער ליטווישער קאַלישאָקער א. ל. באַראָן האָט אפשר פון זײַן גאַליציש, זלאָטשיווער שוואָגער, משה לייב האַלפּערן.

אגב, האָט דאָך א. ל. באַראָן געזאָרגט, אַז זײַן ביכל זאָל קריגן אויך אַ העברעיִשן תיקון און עס איז טאַקע אַרויס אין זלמן שניאורס קונציקן נוסח („צחוק ודמעות״, ניו־יאָרק, תש״ט), ווו עס געפינט זיך אויך אונדזער הומאָרעסקע (ז״ז 107—119).

ה

דריטנס, וואָס שייך דעם מקור און פאַרשפּרייט פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן עיקרמאָטיוו, האָב איך פאַרוויזן אויפן באַקאַנטן, איטאַליענישן געזעמל „נאָוועלינאָ״, ווו מיר האָבן אַ ווערסיע פון 13טן יאָרהונדערט (איך ברענג לויט דער דײַטשישער אַנטאָלאָגיע פון אַכט־הונדערט יאָר איטאַליענישע נאָוועלע, אויסגאַב דזשיסעפּע צאָפּי, ציריך, באַנד 1, ז״ז 27—30): דער גרעקישער הערשער, פיליפּאָס, וואָס האָט געטראָגן אַ קרוין, האָט אין זײַן געפענקעניש פאַרשפּאַרט אַ גרעקישן חכם, וואָס זײַן חכמה האָט געגרייכט ביז איבער די שטערן. אַ מאָל האָט זיך געטראָפן, אַז דער קיניג האָט געקריגן אַ פּראַכטיק פערד פון שפּאַניע, האָט מען דעם חכם גערופן, ער זאָל זאָגן אַ דעה וועגן דעם פערד. האָט ער געזאָגט: עס איז

אַ שיין פערד, נאָר ער האָט זיך געכאָוועט אויף מילך פון אַן אייזעלין. האָט דער קיניג געשיקט אַ שליח קיין שפּאַניע, דאָס בודק צו זײַן. האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ווען דאָס פערד איז נאָך געווען אַ לאָשיקל, איז זײַן מאַמע אַוועק פון דער וועלט און מען האָט עס געפּילעוועט מיט מילך פון אַן אייזעלין. אַז דער קיניג האָט געזען, וואָס פאַר אַ מין חכם עס שטעקט בײַ אים אין געפענקעניש, האָט ער באַפוילן אים יעדן טאָג צו געבן אַ האַלבן לאַבן ברויט. איינמאָל האָט דער קיניג צוזאַמענגענומען אַלע זײַנע איידלשטיינער און געלאָזט דעם חכם זאָגן זײַן דעה דערוועגן. האָט דער חכם געפרעגט: און וועלכן האַלטסטו פאַרן טײַערסטן פון זיי, האָט דער קיניג געענטפערט: דעם און דעם. האָט דער חכם געזאָגט: ער האָט אינעווייניק אַ וואָרעם. האָט דער קיניג געהייסן שפּאַלטן דעם איידלשטיין און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, ווי דער חכם האָט געזאָגט. האָט דער קיניג באַפוילן, אַז מען זאָל אים געבן יעדן טאָג אַ גאַנצן לאַבן ברויט. איינמאָל האָט דער קיניג געלאָזט רופן דעם חכם און געפרעגט: וועמענס זון בין איך? דער חכם האָט אַמערשט געפּרוווט אים פאַררעדן די ציין, און צום סוף האָט ער געזאָגט: דו ביסט אַ בעקערס אַ זון. איז דער קיניג געגאַנגען צו זײַן מאַמען, און האָט זי צוגעשפּאַרט, ביז זי האָט אים מודה געווען דעם אמת. האָט דער קיניג געלאָזט רופן דעם חכם און אים פאַרשלאָסן חדר בחדר און געפרעגט: פון וואַנעט ווייסטו אַלץ? האָט ער געענטפערט: וואָס שייך דעם פערד און דער מילך פון אַן אייזעלין האָב איך געדרונגען על פּי השכל — איך האָב געזען, אַז די אויערן זיינע הענגען אַראָפּ, נישט ווי בײַ אַ פערד ממש; וואָס שייך ווײַטער דעם וואָרעם, — האָב איך געוווּסט, אַז איידלשטיינער זענען קאַלט, און דער דאָזיקער איידלשטיין איז געווען וואַרעם און די סיבה פון דער וואַרעמקייט איז אַ לעבעדיק באַשעפעניש. און וואָס שייך דײַן אָפּשטאַם — נאָך אַזאַ וווּנדערלעכער זאַך, וואָס איך האָב דיר געזאָגט מכוח דעם פערד, האָסטו מיר טעגלעך געגעבן אַ האַלבן ברויט, נאָך דער וווּנדערלעכער זאַך, וואָס איך האָב דיר געזאָגט מכוח דעם איידלשטיין, האָסטו מיר טעגלעך געגעבן אַ לאַבן ברויט; ווען דו וואָלסט געווען אַ זון פון אַ קיניג וואָלסטו מיר געגעבן אַ גרויסע שטאָט אַ מתנה, און דו האָסט מיך אָפּגעפּטרט מיט אַ לאַבן ברויט, ווי עס איז גרייִלעך דער מנהג פון דײַן טאַטן, דעם בעקער.

און צולעצט קערן מיר זיך ווידער אום צו אברהם ווייץ כדי לגבי דעם צוזאַמענטרעף פון עטלעכע מאָטיוון, צו באַמערקן, אַז דער גרונט־מאָטיוו רופט זיך איבער מיטן פאָלקס־מאָטיוו וועגן אותו איש (וואָס ווערט אגב

דערמאָנט אין דער טיראַדע פון מדינה־גייער) און זיין אָפּשטאַם (פּאַנדרע), ווי מיר באַגעגענען אויך דעם ענין פון קופּערט און זיין שווערער דעק. אָבער דאָס פאַרלאַנגט אַ באַזונדערן באַהאַנדל.

מאמר ז׳:

צווישן בעל שם און בישאָף

א

אברהם ווייץ הייבט אָן זיין בוך „בעל־שם־טוב" מאָטיוון און אַנדערע דערציילונגען" (פאַרלאַג: „זלמן שניאור", פּאַריז, תשל"ז) מיטן סיפּור־המעשה: „דעם בעל־שם־טובס תלמיד און דער בישאָף" (ז"ז 15—54). נאָכן דורכלייענען דעם סיפּור פרעגט זיך, צי איז אויך אויף אים חל, וואָס דער מחבר זאָגט וועגן זיין צווייטן סיפּור „דעם קעניגס ווייס פערד" וואָס מיר האָבן דאָ באַהאַנדלט; דהיינו, אז אויך ער איז געבויט „אויף דער האַלב־לעגענדאַרער, האַלב־רעאַליסטישער פאָלקס־מעשה", און אַזוי ווי מיר־נעמען אָן, אַז עס איז גרונטיק אַזוי, ווילן מיר, פּרווון באַהאַנדלען דעם מאָטיוו פון דער דאָזיקער ערשטער דערציילונג און אירע גלגולים, ווי מיר האָבן עס געטאָן לגבי דער צווייטער.

ב

אויב פּירויסשיקן בקיצור דעם עיקר סיפּור־מעשה, הייבט ער זיך אָן קורץ נאָך דער פּטירה פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, ווען זיין תלמיד ר׳ יעקב (געמיינט איז ר׳ יעקב יוסף בעל התולדות) קלערט, ווי אַרום קאָן ער, וואָס אָם גיכסטן, מקיים זיין זיין רבינס אָנזאָג, אויפן טויטן־בעט, אַז ער, יעקב, זאָל אַרויס וואַגלען איבער דער וועלט, און זיך מפרנס־זיין פון דערציילן מעשות. דער ר׳ יעקב, אָן אָרעמאַן, פאַרלאָזט ווייב און קינד און נעמט וואַנדערן, ביז ער קומט, אין סאַמע ווינטער, אין אַ שטעטל, און דערפרעגט זיך ביים נאַכט־וועכטער צום בית־מדרש, וואָס איז פול מיט פאַליצעס ספרים און מדינה־גייערס, וואָס אַמפּערן זיך מיט אַ מוסר־זאָגער. זיי נעמען אויף דעם ר׳ יעקבן, צומערשט מיט חשד און שפּעטער מיט צוטרוי, נאָך דעם ווי ער האָט זיי דערציילט אַ מעשה מיט אַ רייַכער חתונה און פאַרענדיקט זי מיט אַ שפּיציקן דבר־תורה. פּלוצעם הערט זיך אַ קול, וואָס רופט אויס,

אַז ווער ס׳קאָן דערציילן שיינע מעשיות, בפרט פון באַרימטע גאונים, זאָל זיך לאָזן קיין איטאַליע, קיין גענוא, ווו סע וווינט אַ מאַגנאַט ר׳ אשר אייגער, וואָס גילדט־אָפּ אַזאַ מעשיות־דערציילער. איז טאַקע ר׳ יעקב אַוועק קיין גענואַ, ווו ער ווערט פאַרבליפט פון דעם ים הייזער, גלחים, נאָנעס, בעטלערס, כלי־זמר און רופט אויס: סינאַגאָגע, סינאַגאָגע! יאָוועט זיך אַ יינגל, וואָס פירט אים אין אַ סינאַגאָגע, ווו דער אייבער־שמש נעמט אים קאַלטלעך אויף, און גיט אים איבער אין די הענט פון אונטער־שמש, וועלכער דערציילט אים וועגן די מדרגות פון ר׳ אשר אייגער, וואָס ווייזט אויס צו זיין אַ בעל־תשובה. דער אונטער־שמש ברענגט טאַקע ר׳ יעקבן צום גביר, און דאָרט, ביי אַ רייכן טיש, קלויבט ער זיך דערציילן אַ מעשה וועגן בעל־שם, אָבער דערהערנדיק נאָענטע קלויסטער־קלאַנגען, האָט ער אַלץ פאַרגעסן. ערשט זונטיק אין־דער־פרי, ווען ר׳ אשר פירט אים אָפּ צו דער קאַרעטע, האָט ער, ר׳ יעקב, זיך דערמאָנט די מעשה, וואָס ער האָט געוואָלט דערציילן. פירט אים ר׳ אשר צוריק צו זיך אין פּאַלאַץ, און ר׳ יעקב דערציילט אים די מעשה. און אויב זי ברענגען בקי־צור, איז עס אַ מעשה שהיה כך היה:

אַמאָל, אין אַ מוצאי שבת, האָט דער בעל־שם־טוב געהייסן שפּאַנען די פערד, און ער, און נאָך דריי תלמידים — ר׳ יעקב דערונטער — זענען געפאָרן און, שפּראַץ־טאָג, געקומען אין אַ גרויסער שטאָט אַריין, צוגעקומען צו אַ פאַרמאַכט הויז, און אַז זיי האָבן אָנגעקלאַפּט אין טויער, איז אַרויס אַ יידענע און זיך געבעטן רחמים, זיי זאָלן אַוועק אין וואַלד, ווייל ס׳איז איצט דער גוייִשער פּסח, און אויב מען טרעפט אַ יידן אין גאַס, פאַרפייני־קט מען אים ביז צום טויט. דער בעל שם איז אָבער אַריין אין הויז, און געעפנט ברייט דאָס פענצטער, זיך נישט געמאַכט פון דער יידענעס גוואַלדן, און זיך, מיט די תלמידים, געשטעלט ביים אָפענעם פענצטער און געזען, אין מיטן אַ גרויסן מאַרק, אַן אויסגעפּוצטע בימה, און אויף איר אַ כאָפּטע גלחים, וואָס האָבן געוואַרט, צוזאַמען מיט אַ גרויסן המון־עם, אויף זייער בישאָף. קוים האָט זיך נאָר דער בישאָף באַוויזן, איז דער גאַנצער המון געפאַלן צו דער־ערד. צווענדיק דאָס, באַפעלט דער בעל־שם ר׳ יעקבן, ער זאָל ארויסגיין און הייסן דעם בישאָף קומען. אין שטוב ווערט אַ בהלה: ערשט נישט לאַנג האָבן כמיעלניצקיס קאָזאַקן אויסגעקוילעט מאַסן יידן, און דאָ שיקט מען אַ יידן, ער זאָל הייסן דעם בישאָף קומען, און ברענגען אַ צרה אויף זיך און דער גאַנצער קהילה. אָבער דער בעל־שם חזרט־איבער זיין באַפעל, און ר׳ יעקב גייט. דער המון מאַכט אים פריי

דעם וועג צו דער בימה, און ער רוימט אײַן דעם בישאָף דעם באַפעל, יענער ענטפערט, אַז אין אַ שעה אַרום, נאָך דער דרשה, וועט ער קומען. ווען די צעשראָקענע שטוב־מענטשן האָבן דערזען, אַז ר׳ יעקב איז צוריקגע־קומען בשלום, האָבן זיי פאַרשטאַנען, ווער עס געפינט זיך בײַ זיי, אָבער דער בעל־שם הייסט ר׳ יעקבן, נאָך־אַמאָל גיין, און זאָגן דעם בישאָף, ער זאָל תיכף קומען. איצט האָט ר׳ יעקב געזען שלעפּן אַן אַלטן גרײַז־גראָען יידן, וואָס מען האָט באַדאַרפט הענגען, ווי ס׳איז זייער מנהג ביי דער חגא. איז ער צו צום בישאָף, און האָט אים איבערגעגעבן דעם באַפעל. האָט דער בישאָף געגעבן אַ סימן, מען זאָל דעם אַלטן יידן באַפרײַען, אָבער ער איז שוין פון די פּענטעס אַרויסגעפאַלן אַ טויטער. דער בישאָף האָט גענומען שפּאַנען נאָך ר׳ יעקבן, און דער בעל־שם איז מיט אים אַרײַן אין אַ וויכוח און דערנאָך האָט דער בעל־שם געהייסן שפּאַנען די פערד און ער איז, מיט די דרײַ תלמידים, אַוועק.

ג

נאָך דעם ווי ר׳ אשר אייגער האָט אויסגעהערט ר׳ יעקבס מעשה, האָט ער אָפּגעזיפצט און אויסגערופן: „געלויבט השם יתברך, וואָס איך האָב זוכה־געווען פון אײַער מויל צו הערן די מעשה״.

פון ווייטערדיקן שמועס שטעלט זיך אַרויס, אַז ער, ר׳ אשר, איז עס געווען יענער בישאָף, און ער דערציילט אויך, ווי־אַרום דאָס איז געשען: דעם טאַטן זײַנעם האָבן די קאָזאַקן דערהרגעט, און ער האָט זיך באַהאַלטן בײַ אַ גוי, אַ גוט־באַזיצער, און אויפגעהערט גלייבן, אַז עס איז דאָ אַן אלהי־הרחמים אין הימל, און האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער אמונה אין שבתי־צבי, געזוכט אַ תיקון אין הוליאַנקעס און אָרגיעס, שפּעטער צוגעש־טאַנען צו פראַנקן, און לסוף איז ער געוואָרן אַ קריסט, און אַ דאַנק זײַן לומדות און דער גוטער שטים, איז ער דערגאַנגען ביז בישאָף. אָבער דער פאָטער זײַנער איז דעם בעל־שם געקומען כסדר צו חלום, און דער בעל־שם ווײַטער, איז געקומען, כסדר אים, דעם בישאָף, צו חלום, און ער, דער בישאָף פלעגט אים צוזאָגן, אַז ער וועט, כעלות הבוקר, באַגראָבן די גלחישע בגדים און אויסקומען. אָבער ער האָט דעם צוזאָג נישט געהאַל־טן אַזוי ביז צו דעם דאָזיקן פסח־טאָג, ווען דער בעל־שם האָט אים, דורך ר׳ יעקבן, געהייסן אַראָפּ פון דער בימה.

דער סוף איז געווען, אַז דער בעל־שם האָט אויף אים צעריסן די גלחישע קליידער, אים געהייסן, זיין פאַרמעג אײַנטיילן אין דרײַ חלקים

(פאַר אָרעמע ייִדן; פאַרן קיניג ער זאָל אים אַרויסלאָזן פון דער מדינה; פאַר זיך לטובת תשובה און מסחר), און האָט געזאָגט, אַז זײַנע חטאים וועלן אים נישט פאַרגעבן ווערן, ביז איינער פון בעל־שם־טובס תלמידים וועט קומען און דערציילן די מעשה פון יענעם טאָג פסח...

דאָס איז די סכעמע פון דער דערציילונג, וואָס איז, לרוב, כאָטש נישט תמיד, געהאַלטן אין גײַסט און טאָן פון דער חסידישער פאָלק־מעשה, וועלכער זי גייט נאָך. פון די פאַרשוינען זענען צוויי היסטאָרישע געשטאַל־טן — ר׳ ישראל בעל־שם־טוב און זײַן תלמיד, ר׳ יעקב יוסף, משמש דער פּילנוער און שאַריגראָדער רב, מחבר פון „תולדות יעקב יוסף", „בן פורת יוסף", „צפנת פענח", „כתונת פסים"; ווייטער די נעמען פונעם שמש (מנשה) און דעם געוועזענעם בישאָף (ר׳ אשר אייגער) און דער אָרט (גענוא) זענען צוגעטראַכטע.

ד

אָבער איידער מיר פּרוּוון פאַרגלײַכן צום מקור דעם סיפּור־מעשה, ווילן מיר באַמערקן, אַז פאַר אברהם ווייץ, איז געווען אַ בעלעטריסטישער פּרוּוו פון אַן אַנדערן שרײַבער, און דאָס נישט נאָוועליסטיש קאָנדענסירט אויף אַ קורצער צאָל זײַטן, נאָר ראָמאַניסטיש זייער אויסגעשפּרייט אויף אַ גאַנץ בוך — ישעיה טיגער, אין זײַן: „דער צדיק און דער בעל־תשובה", אָדער „דער שוואַרצער בישאָף" (לאָנדאָן, תש״ד), וואָס האַלט הונדערט־אַכט־און־צוואַנציק געדיכט געדרוקטע זײַטן. דער מחבר האָט זיך באַמיט, דורך אַ בכוונדיקער סטיליזאַציע, צומאָל היפּערסטיליזאַציע (למשל, אַז ער וויל דערמאָנען שמעון דובנאָוו, שרײַבט ער: ר׳ שמעון אמטשיסלאַ־ווער), כדי צו מאַכן אַ רושם פון חסידישער אויטענטישקייט, אָבער אין דער הקדמה איז ער מודיע, אַז „דער מאָטיוו איז פאַרהאַן אין די חסידישע מקורות, אָבער ס׳איז נישט קיין ספּעציפיש חסידישער, אָדער ייִדישער, נור אַן אַלגעמיינער מאָטיוו, אין צאָלרײַכע וואַריאַנטן און פאַרשידנאַרטיקע ווערסיעס". די סצענע באַשטימט ער אין זײַן געבוירן־שטעטל, סאָלאָטווינע, אין די קאַרפּאַטן, וואָס איז, צוגלייך מיטן נאָענטן נאַדווערנע, געווען אַ צענטער פון פּראַנקיסטן, און שפּעטער פון ערשטע חסידים — דאָ איז געווען ר׳ משה סאָלאָטווינער (זע וועגן אים די מאָנאָגראַפיע פון זײַן אור־אייניקל, ר׳ ראובן פאַהן, אין געזעמל „מסות" וואָס איך האָב אַרויסגעגעבן, ירושלים, תש״ג). אין דער סביבה האָט זיך, לויט דער לעגענדע, מתבודד געווען דער בעל־שם־טוב, און דאָ האָט געבושעוועט די באַנדע

פון אַלעקסי דאַבאַש (וואָס זאָל זיך האָבן באַפרײַנדעט מיטן בעל־שם־טוב, אָן אויסטראַכטעניש וואָס האָט — ווי איך האָב מיך באַמיט צו באַוויַזן — קיין שום יסוד נישט און איז שפּעט אויפגעקומען).

ה

דער היקף פון טיגערס בוך איז גורם, אַז עס איז שווער צו מאַכן זיַינס אַ קיצור. בפרט אַז אויך אַ קיצור וואָלט געפאָדערט אַן אַנאַליז פון די פּרטים, וואָס ווערן דאָ צוזאַמענגעוועבט, אָדער צוזאַמענגענייט, ווי אַ געשיכטע פון בעל־שמס דור, דעם גאַנג פון חסידות און אירע, סיַי עיקרדיקע, סיַי זיַיטיקע געשטאַלטן. יאָ, ווי אַ קיצור וואָלטן געקאָנט דינען די אַריַינפירן צו די קאַפּיטלען — זיי זענען קונציק און הומאָריסטיש געגראַמט, לויט אַ פּאָפּולאַרן נוסח מדורות (זע, אַ שטייגער, די יידישע פּריוואַטע בריוו פון פּראָג 1619, וואָס עס האָבן אַרויסגעגעבן וואַכשטיין־לאַנדוי; אָדער די שער־בלעטלעך ביז א.מ. דיק, און בעיקר די געגראַמטע אַריַינפירן צו קאַפּיטלעך, ביז ש״י עגנון און י. י. טרונק). וועלן מיר דאָ, לשם אויבנאויפיקער אָריענטאַציע פּרווון צוזאַמענשטעלן דעם תוכן בכוח פראַגמענטלעך פון די דאָזיקע אַריַינפירן:

..„פאַרשלאָפּט ליגט דער בעש״ט, ווען פון די הויכן שאַלט די התראה, ער הייסט פאַרטיילן די ירושה, ער פאַרוועט די צוואה — — — און דו, יעקב יוסף — — פאַרגעס־זשע, זיי מוחל דאָס רבנות, פאַרגעס די שטראָף־רייד פון מוכיח, צום דערציילן שיינע מעשות גייסטו זיַין אַ שליח. — און לויף נישט און יאָג נישט, דו זאָלסט דיך נישט איַילן, וואָרום פאַמעלעכקייט איז אַ סגולה צום מעשה־דערציילן. — — ר׳ יעקב יוסף לאָזט זיך האַפּערדיק איבער וועג און שטעג, אין מוח אַ פּאַק מעשות — זיַין גרויסער פאַרמעג. — — דאָ ווערט בפירוש דערציילט וועגן דעם זעלטענעם כוח, פון אַ מעשה וואָס האָט גובר־געווען אַ לומדישן מוח — עס הערן אים לומדים, עס הערן אים מענטשן פון פאָלק, אָבער מען זעט נישט קיין תכלית, מען זעט נישט קיין טאָלק. — — — ער בראָדזעט דורך טיַיכן, בלאָנדזשעט דורך וועלדער און טאָלן, דער „יידישער פריץ״ וועט אים שוין שכר־טרחא באַצאָלן. דער „יידישער פריץ״ קוקט דורכן פענסטער, און וואַרט אַ שעה נאָך אַ שעה. ר׳ יעקב יוסף איז ענדליך אָנגעקומען — ברוך הבא! — — וואָכן־לאַנג זיך געש־

לעפט קיין טשערנאָליצע איבער צענדליקער מײַלן, פלוצעם דער־שפּירט ר׳ יעקב יוסף, אַז ער קען נישט קיין מעשות דערציילן. — — — אַ דערשלאָגענער שטייט ר׳ יעקב יוסף פון דעם פּלוצימדיקן שטער, מיט זײַן פּעקל מעשות איז נישט אַהין און נישט אַהער. ענדליך ווערט ער פּטור פון דעם בייזן שטיקל כישוף, און נעמט דערציילן די מעשה וועגן „שוואַרצן בישוף״. — — — ר׳ יעקב יוסף דערציילט אַ מעשה נורא פון הײדאַמאַקישע סכנות, אויף ייִדי־שע קינדער איז נעביך אַ גרויס רחמנות. — — אָבער דער בעל־שם פירט מלחמה און באַצווינגט דעם בישאָף דעם שוואַרצן, אין ייִדישע שטיבער ווערט ליכטיק, עס ווערט פריילעך אויפן האַרצן. — — דער סוף פון דער מעשה איז פורנעמליך און שיין, דער שוואַרצער בישאָף דאָס איז דאָך דער „ייִדישער פּריץ״ טאַקע ער אַליין. — — דער „ייִדישער פּריץ״ בלײַבט זיצן אויפן אָרט און דערציילט — — וועגן אַן אָרימער ייִדישער משפּחה און, להבדיל, וועגן דער דאָר־פישער יפה־פיה הערלית יעוודאָכע — — — דער יונג פאַלט אַרײַן אין אַ מיאוסער צרה, ער ווערט, לא עלינו, אַ שמאַדילניק און דינט די עבודה זרה — די ערלית ווערט זײַן געטרײַער אשת־חבר, ער רעדט ווערטער ווי סם און ווי זשאַווער. — — — ער בלאָנדזשעט אין דער טומאה אַלץ ווײַטער און ווײַטער, די ערלית שטופּט אים אויף די שטאַפּלען פון דער גלחישער־לייטער. — — — ער ווערט נישט מיד זײַן זוגתו צו פריַיזן און צו לויבן, — — — צווישן די גלחים ווערט ער אַלץ העכער און דערהויבן. — — — עס טוטצעך (טוט זיך) אויף טיש און אויף בענק, ס׳איז אַ גאַנצער יאַריד, די ערלית היט איר מאַנעלע אויף שריט און טריט — — עס איז טאַקע נישט עפּיס אַנדערש ווי אַ פאַרשאָלטענער כשוף, אַז פון אַ ייִדישן פערד־יונג ווערט אַ בייזער „שוואַרצער בישוף״. — — ער אַרודעוועט און העצקעט דעם רציחה׳שן סם, און ברענגט אומגליק און צרות אויף זײַן אייגענעם שטאַם. — — צום סוף האָבן מיר כאָטש אַ שטיקל נחמה, דער הייליקער בעש״ט הייסט ראַטעווען אַ פאַרוואָגלטע ייִדישע נשמה — — „דער פּריץ״ פילט זיך שטאַרק געטראָפן אין זײַן „מאַנצ־בילישער ערע״, ווען ער כאַפּט זײַן פלוניתטע בײַ דער האַנט מיט אַ ליבע־אַפערע — — ער דערלאַנגט איר קיין קלעפּ, מען הערט נישט קיין קטטה, אויף דעם גאַנצן חתונה עסק האָט ער איצט שטאַרק חרטה. — — עס קומען־אָן צוויי אומהיימלעכע אורחים, אוי,

פחדים און ציטער, צו דעם מזומן וועט ר׳ יעקב יוסף אַוודאי זײַן
דער דריטער. — —״

ו

אויף וויפל דער פראַגמענטאַרישער צוזאַמענשטעל, דערלויבט אונדז צו פאַרשטיין דעם סיפּור המעשה, — האָבן מיר אין די עיקר־שטריכן פון ישעיה טיגערס בוך, באריכות, וואָס מיר האָבן זיבצען יאָר שפּעטער, אין אברהם ווייצ׳ס בוך בקיצור, אָבער קלאָר, אַז זיי האָבן זיך געשטיצט, יעדער אויף אַ אַנדערן נוסח פון געהערטן אָדער געלייענטן מקור. דער עיקר צד השווה איז אַ מעשה מיט אַ יִדיש קינד, וואָס די קאַזאַקן האָבן אים דערהרגעט דעם טאַטן און ער האָט זיך געכאַוועט בײַ גויִים, זיך געשמדט, געוואָרן אַ בישאָף, אָנגעטאָן יִדן געברוינטע לײַד, און דער בעל־שם האָט אים צוריקגעבראַכט צום יִדישקייט, און ער איז געוואָרן אַ בעל תשובה. דער עיקר צד השונה פון דיביידע נוסחאות, וואָס מיר האָבן געהאַט פאַר זיך, — לויט טיגער איז דאָס יִנגל אויסגעוואַקסן בײַ פויערן ווי אַ משרת אין שטאַל און אַ פרומע גויה האָט מיט אים חתונה געהאַט און אים געשטופּט צו אַ הויכער גלחישער קאַריער, ביז ער איז געוואָרן אַ בישאָף און אַ שונא ישראל, און איז שפּעטער, מיטן כוח פון בעל־שם, אויסגעקומען, געוואָרן אַ בעל־תשובה, דער יִדישער פּריץ אין טשאַרנאַליצע (צווישן טיסמעניץ און בראַטשין), משמע מיר האָבן צו טאָן, אויב נישט מיט אַ פּראַוואָסלאַוונעם, טאָ מיט אַן אוניאַטישן (גרעקיש קאַטוילישן) גלח, וואָס מעג חתונה האָבן.

אַנדערש לויט אברהם ווייץ — דאָס יִנגל איז אויסגעוואַקסן בײַ אַ פּריץ, וואָס האָט אים געלאָזט בילדן, און ער איז צוגעשטאַנען צו שבתי־צביניקעס און פראַנקיסטן, וואָס האָבן זיך געשמדט, און געוואָרן אַ קאַטוי־ליש־רוימישער גלח, וואָס עס איז אים מחייב דער צעליבאַט, און אַז ער קומט אויס און ווערט דער יִדישער פּריץ איז עס נישט אין אַ רוטעניש קאַרפּאַטיש דאָרף, נאָר אין דער קאַטויליש איטאַליעשער געגנט.

ז

אָבער בשעת נוסח ווייץ איז אַ קירצערער און גייט נישט אַרויס פון דער קליינער רעם פון אַ נאָוועלע, ווײַזט ער זיך אויס היסטאָריש מאָטיווירטערער — די השפּעה פון שבתי־צבי און פראַנק און זייער הפקרות; איז נוסח־טיגער אַ לענגערער און גייט אַרײַן אין דער גרויסער רעם פון אַ

ראָמאַן און ווײַזט זיך אויס פּסיכאָלאָגיש אַ מאָטיווירטערער (די ליבע צו יעוודאָכע). אָבער טיגער האָט אפשר נישט געשפּירט, אַז ער איז נאָכגעגאַנגען אַ משׂכּילישן שאַבלאָן — דעם בישאָפּס ליבע צו יעוודאָכע, וואָס העלפט אים דאָך אַנטרינען פון דער מיאוסער כּלה, וואָס קהל האָט אים — אין אַ האַרמידער פון אַ הוא־האַ־חתונה — אויפגעצוווּנגען. וואָס שייך דער חתונה, וואָס פאַרנעמט דאָ אַ היפּשן, צו היפּשן אָרט, איז דער מחבר מודה, אַז דער באַשרײַב געהער נישט צום ענין, און נעמט זיך, מסתּמא, פון דער תּאווה להגדיל פאַלקלאָר ולהאדיר.

נאָך עפּעס. בשעת ווייץ לאָזט אָפּ דעם חוזר־בתשובֿה נאָכן אויסהערן ר׳ יעקבֿ׳ס מעשׂה, פאַרזאָרגט אים טיגער מיט אַ המשך פון אַ קאָליריקער ביאָגראַפיע — ער ווערט אַ שליח, וואָס ברענגט געלט קיין ירושלים, גייט אין אַן אַנדער שליחות, אָבער די שיף דערטרינקט מיט אים צוזאַם, און זײַן נאָמען ווערט פאַראייביקט אין לוח פון די אומגעקומענע שליחים, און אין די חיבורים פון די שליחים ווערן דערמאָנט זײַנע נסיעות — קאַהיר, באַגדאַד, קושטאַ, טורקעסטאַן, פּיהם און מעהרען. אומעטום דרשעט ער — באַגעגנט זיך מיט ר׳ שמעלקי אין ניקלשבורג, מאַכט אַ הזכּרה אויפן קבֿר פון ש״ך אין העלישאוי, וואַנדערט אַרום אין קאָרדאָן (גאַליציע) און פּוילן, אין אדמת בני חם (רוסלאַנד), און קהילות אשכּנז, ביז ענגלאַנד. אַזוי האָט ער אַ פיר סטאַציעדיקע ביאָגראַפיע: דער יתום וואָס ווערט אַ שטאַל־יונג, דער משומד וואָס ווערט אַ בישאָף, דער אויסגעקומענער וואָס ווערט אַ בעל־תּשובֿה, אַ בעל־דרשן לטובֿת ארץ ישׂראל (אַפילו אין אַ מאָדערנעם באַגריף: „אויך האָט ער צוגערעדט ייִנגערע לײַט זיי זאָלן זיך באַזעצן אין הייליקן לאַנד, וואָרום צום גרויסן טייל זענען אַהין געפאָרן בלויז עלטערע מענשן״).

ח

וואָס שייך דעם מקור פון דער מעשׂה, וועלן מיר תּחילת אָנווײַזן אויף איינעם פון זײַנע נסחאות — דרײַ יאָר איידער עס איז אַרויס טיגער׳ס בוך, האָט יוסף אָפּאַטאָשו אַרויסגעגעבן די פֿײַן באַאַרבעטע אַנטאָלאָגיע פון אונדזער אוצר — מעשׂיות פון בעל־שם און פון זײַנע נאָענטסטע תּלמי־דים״ (ניו־יאָרק 1957), און דאָרט ברענגט ער, לויטן „סיפור מעשיות״ (וואַרשע 1881): אַ מעשׂה וועגן אַ טערקישן גלח (ז״ז 230—234), וואָס זײַן קיצור איז: דער בעל־שם זאָגט אָן, פאַר זײַן פּטירה, זײַן תּלמיד, ר׳ יעקבֿ, ער זאָל אַרומפאָרן און דערציילן מעשׂיות וועגן אים, און ער וועט דערפון רײַך ווערן; האָט ער אַזוי געטאָן, און האָט געהאַט דערפון שיין

פרנסה, און ווען ער האָט געהערט וועגן אַ גביר אין איטאַליע, וואָס צאָלט אַ גילדן פאַר אַ יעדער מעשה, וואָס מען דערציילט אים, איז ער צו אים געפאָרן, און נאָך אַ נסיעה פון זיבן חדשים, איז ער אַהין אָנגעקומען און זיך דערוווּסט, אַז דער עושר איז מיט יאָרן צוריק געקומען פון אַ פרעמד לאַנד, אָפּגעקויפט ביים פּריץ דאָס הויז, אויסגעבויט אַ בית־מדרש און ער זיצט דאָרט און לערנט טאָג און נאַכט, נאָר שבת, ביים טיש, הייסט ער זיך דערציילן מעשׂות פון בעל־שם־טוב און צאָלט פאַר יעדער מעשה אַ רענדל. ר׳ יעקב ווערט דאָ אויפגענומען מיט גרויס כבוד, האָט נאָך צו די זמירות געוואָלט דערציילן, האָט זיך יענער אָבער געכאַפּט, אַז ער האָט אַלץ פאַרגעסן. אַזוי איז געווען שבת, און זונטיק האָט ער שוין געוואָלט אָוועקפאָרן, האָט אים דער עושר אויפגעהאַלטן, אָבער ר׳ יעקב, האָט ביז דינסטיק גאָר נישט געדענקט, און ערשט אויף דער פור האָט ער זיך דערמאָנט אַ מעשה נורא, וואָס ער האָט אַליין געזען, און ער דער־ציילט זי דעם עושר. די מעשה איז, ווי מיר האָבן זי געלייענט אין די דערמאָנטע צוויי ביכער, אָבער זי קומט נישט פיר אין קריסטלעכן, נאָר אין מאַכמעדאַנישן פסח — און מיר הערן וועגן דער יללה פון דער ייִדענע, דעם געעפנטן פענצטער, דעם מאַרק און דער בימה, און דעם המון, וואָס וואַרט אויפן טערקישן בישאָף, און וועגן דעם באַפעל, וואָס דער בעל־שם גיט ר׳ יע־קבן, צו ברענגען דעם בישאָף, און ווען ער גייט נישט, שיקט ער אים נאָך אַמאָל דערוועגן, דאָס מאָל קומט ער, שליסט זיך אָפּ מיטן בעל־שם־טוב צוליב אַ לאַנגן שמועס, נאָך וועלכן דער בעל־שם־טוב פאָרט אַוועק.

נאָך דעם ווי דער עושר האָט אויסגעהערט ר׳ יעקבס מעשה, האָט ער דערציילט דעם סוף אירן, דהיינו, אַז ער איז עס דער טערקישער בישאָף, וועלכן ר׳ יעקב האָט פון דער בימה אַראָפּגערופן צום בעל־שם. ער איז געווען סיי אַ גרויסער עושר סיי אַ גרויסער רשע, און נאָר זכות־אבות זענען אים בייגעשטאַנען, וואָס דער בעל־שם האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון די קליפּות, קומענדיק אים נאַכט־נעכטלעך צו חלום, און ער האָט געוואָלט אויסקומען, אָבער דער יצר־הרע האָט אים שטענדיק צוריק געהאַלטן, ביז ר׳ יעקב איז געקומען אים רופן צום בעל־שם, און ער איז געקומען, און דער בעל־שם האָט אים געזאָגט, ער זאָל צעטיילן זיין פאַרמעגן אויף דריי חלקים, און זאָל אויסקומען, און זאָל וויסן, אַז ווען ער וועט הערן די מעשה וועגן זיך, וועט זיין תשובה נתקבל ווערן. אַזוי ווי דאָס איז געשען בזכות ר׳ יעקבן, האָט ער אים געגעבן אַ סך געלט, ער זאָל מער נישט דאַרפן זיין קיין נד־ונד.

די מעשה ענדיקט זיך אַזוי צו זאָגן: „נו, היינט זעט מען, ווי דער כוח פון תשובה איז גרויס, אַז פון אַ מומר איז געוואָרן אַ גרויסער צדיק, השי"ת זאָל אונדז העלפן, מיר זאָלן זוכה זיין לבעלי תשובה און גיך צו זען בנחמות ציון וירושלים, אמן".

ט

די שייכות צווישן די דריי ווערסיעס — אין אַפּאַטאָשוס אַנטאָלאָגיע, טיגערס ראָמאַן און ווייצ'ס דערציילונג ליגט ממש אויף דער האַנט, אָבער מסתמא האָבן אויך אַנדערע מסורות, בעל פה ובעל־דרוק, מיטגעשפּילט. שוין די פֿאַרשיידנקייט, וואָס איז בולט, אין די עצם טיטלען פונעם בישאָף, ווייזט אָן דאַרויף — ביי טיגערן: דער שוואַרצער בישאָף (אויפן שער בלעטל און עס שטייט אויך אַזוי איבער יעדן זייטל), ביי ווייצן איז עס אַ בישאָף סתם, ביים ערשטן ווערן מיר פֿאַרבעטן אין גלות ישמעאל, ביי די צוויי אנדערע זענען מיר בפירוש אין גלות אדום — ביי טיגערן אין גבול פון פּראַוואָסלאַוויע, אָדער איר אוניאַטישער קאָנקורענציע (ווערט ער דאָך אַ פֿאַרטרעטער פונעם אַרכימאַנדריט), ביי ווייצן אין סאַמע צענטער פון קאַטוילישקייט. און עס איז אַן אַנטשיידנדיקער חילוק, וואָס איז מרמז אויפן מקור פונעם מאָטיוו, איידער ער איז, און אויך דאָס שפּעטלעך, אַריין אין דער לעגענדאַרער ביאָגראַפיע פון בעל־שם־טוב. דען גרונטיק האָט שוין דער מאָטיוו אַ גאָר לאַנגע באָרד — האָט ער דאָך שוין אַן עלטער פון אַכט־הונדערט־יאָר, ווי עס האָט שוין באַוויזן דער קבלה־און־חסידות־פֿאָרשער, יוסף דן אין זיין אַרבעט „תולדות של ,מעשה אַקד־מות' בספרות העברית" („ביקורת ופרשנות", העפט 9—10, תשרי תשל"ז), אָבער דאָס פֿאָדערט אַ באַזונדערן באַהאַנדל.

מאמר ח':

דער מלאך המות און זיין ווייב

א

דער מלאך־המות און זיין ווייב — איז אַ זייער פּאָפּולאַרער מאָטיוו, פֿאַרשפּרייט צווישן אומות און לשונות, און שפּיגלט זיך אָפּ אין ווערטל, אַנעקדאָט, הלצה, קאָמישן דיאַלאָג, הומאָריסטישער באַוועלע און פּאָעמע.

דער שלל מאַטעריאַל דערלויבט אַנצושרײַבן דערוועגן אַ מחקר, אַ דיסער־טאַציע, אַ בוך, אפילו בלויז אין אונדזער אייגענער, היימישער רעם. און עס איז נישט אַזוי שווער דאָס דורכצופירן. גענוג צו נעמען די פֿײַנע ווערסיע, ווי עס ברענגט זי נפתלי גראָס, אין זײַן בוך „מעשהלעך און משלים" (ניו־יאָרק 1955), קאַפּיטל: אַ שלעכט ווײַב איז ביטערער פון דעם טויט (ז"ז 44—46), און דורכשטודירן דאָס אויסגעצייכנטע בוך פון חיים שוואַרצבוים Studies in Yewish and World Folklor (בערלין 1968), ווו ער גיט אָפּ אַ גרויסן פּלאַץ (ז"ז 97—278) די מקורות צו די מאַטיוון, וואָס נפתלי גראָס ברענגט זיי אין זײַן בוך, כדי צו געפינען אויף דרײַ אַ האַלבן אָנגעטאָפּטשעטע זײַטן (108—111) — אַ שלל ביבליאָ־גראַפיע וועגן דעם דאָזיקן מאָטיוו, און זײַנע עלעמענטן.

ב

אין אַזאַ באַזונדערער פאַרשונג, וואָס עס וועט זיך פאַר איר, האָפנט־לעך, פריִער אָדער שפּעטער, געפינען אַ פּאַסיקער קאַנדידאַט, וואָלט אפשר כדאי געווען צו באַטראַכטן, ווי אַרום דער דאָזיקער מאָטיוו האָט זיך פאַר־שפּרייט אין דער ייִדישער גאַס. אויב איך מעג מיך סומך זײַן אויף מײַן זכרון פון די קינדערשע יאָרן אין מײַן געבוירנשטאָט, בראָד, האָט, ווי אַ כאַראַקטעריסטישער עדות פאַרן טיפּישן כלל־אויסשפּרייט פון מאָטיוו, אין אַ טיפּישער ייִדישער קהילה, זיך דער מאָטיוו גלײַכצײַטיק גענומען פון צוויי מקורות: אין חדר — ווי אַ סיפּור־מעשה שבעל־פה; אין פאָלקס־שול — ווי אַ באַלאַדע־שבדרוק. אַ סיפּור־מעשה שבעל־פה — בערך ווי עס ברענגט זי נפתלי גראָס, כאָטש עפּעס פרימיטיווער און אָרעמער; אַ באַ־לאַדע־שבדרוק — ווי עס איז געווען די פוילישע „פּאַני [פרוי] טוואַרדאָווס־קאַ" פון אַדאָם מיצקעוויטש און די דייטשישע „די ווײַבער פאָן ווײַנס־בערג" פון לודוויג אוהלאַנד. מעגלעך אַז מיר האָבן זיך שוין דעמאָלט, ווי דורך אַ נעפּל, געכאַפּט אויפן צד השווה און צד השונה פון דער ייִדישער מעשה און דער פוילישער באַלאַדע — אַז אין דער מעשה רעדט זיך וועגן מלאך המות וואָס אַנטלויפט פאַרן ווײַב זײַנעם, בלויז דערהערנדיק איר נאָמען, און אין דער באַלאַדע רעדט זיך וועגן מכשף טוואַרדאָווסקי (וואָס פּאַסט זאָל האָבן בײַ אים געלערנט), וואָס מעפיסטאָפל קומט נעמען זײַן נשמה, וואָס ער האָט אים פאַרשריבן, און דער מכשף איז גרייט דערצו, אויב דער טײַוול וועט אויספירן דרײַ שווערע מלאכות; צוויי פירט ער אויס, אָבער דערהערנדיק וועגן דער דריטער, אַ יאָר וווינען מיט פרוי

טוואַרדאָווסקי, אַנטלויפֿט ער דורכן לעכל פֿון דער טיר. וואָס עס האָט ביידע ענינים מקרב געווען איז די אידענטיפֿיקאַציע פֿון יצר הרע, מלאך המות און שׂטן, ווי עס האָבן עס די חז״ל. אַנדערש די דײַטשישע באַלאַדע — דאָרט רעדט זיך פֿון בירגער־מײַסטער, וואָס האָט מורא פֿאַר זײַן ווײַב און ער דערציילט וועגן אַ רשע, אַ פֿאַרברעכער וואָס שטייט פֿאַר אים און וויל נישט מודה זײַן, אַפֿילו ווען מען טוט אים אָן כלערליי עינויי בית־דין, אַלע סאָרטן טאָטורעס, ביזן זאָג: טו איך נאָר אַ ווינק דעם דאָזיקן ווײַב... אויך דאָ בעט זיך די אַסאָציאַציע מיטן זאָג פֿון קהלת: ומוצא אני את האשה מר ממות, טײַטש: איך געפֿין דאָס ווײַב ביטערער פֿון טויט. אָדער ווי עס גייט אָן אין פֿאָלק: אשה רעה מר ממות, טײַטש: אַ בייז ווײַב איז ביטערער פֿון טויט. און מיט אַן אָנשפּיל אויף אונדזער סיפּור־מעשׂה, בערנשטיין סי׳ 1286: אַ ווײַב אַ שלאַג (אָדער: שלאַנג) פֿאַרטרײַבט אַפֿילו דעם מלאך־המות. דאָס פּוילישע ווערטל ווײַטער גייט, אין יוליאַן קזשי־זשאַנאָווסקיס ווערטערבוך פֿון פּוילישן הומאָר (1965), ווי דער טיטל פֿאַר דער דעפֿיניציע פֿון אונדזער מאָטיוו (ז״ז 72—73), און קלינגט: Czort z babą nie poradzi טײַטש: דער טײַוול וועט זיך מיט אַ ווײַב נישט קיין עצה געבן.

ג

דער עצם סיפּור־מעשׂה איז נאָך הײַנט לעבעדיק אין זכרון, ווי ער איז דערציילט געוואָרן, — אַזוי, אַ שטייגער, ברענגט וואָלף יונין, איז זײַן שפּראַכווינקל, אַ נוסח פֿון אַ לייענער, מאיר הערשמאַן, ווי ער האָט אים געהערט אין וואָלינער שטעטל לעכעוויץ; דאָרט האַנדלט זיך וועגן מלאך המות, וואָס האָט נישט געהאַלטן מיט שלמה המלכס זאָג וועגן ווײַב, וואָס איז ביטערער פֿונעם טויט, ווײַל עס קאָן דאָך נישט זײַן ערגערס פֿון אים, דעם מלאך־המות אַליין. האָט אים דער אייבערשטער אַראָפּגעשיקט אויף דער ערד, ער זאָל נעמען אַ ווײַב און מיט איר לעבן אַ יאָר, און אויב ער וועט נישט קאָנען מער אויסהאַלטן, קאָן ער זיך אומקערן צו דער פֿריִער־דיקער מלאכה זײַנער. האָט ער אַזוי געטאָן, און געהאַט פֿון זײַן ווײַב דאָס גיהנום בײַ טאָג און בײַ נאַכט. אַזוי ווי זי האָט אים אָבער געבוירן אַ יינגעלע, וואָס ער האָט זייער ליב געקריגן, האָט ער באַשלאָסן, אַז ער וועט ווײַטער לײַדן פֿון זײַן ווײַב, ביז דאָס קינד וועט אויסוואַקסן. האָט ער זיך אַזוי געמוטשעט עטלעכע צוואַנציק יאָר, ביז ער האָט דעם זון אויפֿגעצויגן, און אים געלאָזט אויסשטודירן דאָקטער. איצט האָט ער דעם זון דערציילט,

ווער ער איז און וועגן זײַן ויכוח מיטן איבערשטן, און איידער ער האָט זיך אומגעקערט צו זײַן פֿרײַערדיקער מלאכה, האָט ער אים איבערגעלאָזט אַ מתנה: ווען מען וועט אים רופֿן צו אַ מסוכן־קראַנקן, אַ גוסס, וועט ער, דער דאָקטער, קאָנען וויסן, אויב דער חולה וועט אויפֿקומען אָדער נישט. — וועט ער זען דעם טאַטן זײַנעם, דעם מלאך־המות, שטיין צוקאָפּנס פֿון גוסס — איז פֿאַר אים נישטאָ קיין שום ישועה; וועט ער אים זען צופֿוסנס פֿון גוסס — קאָן ער אויפֿקומען. אַזוי אַרום איז דער דאָקטער געוואָרן אַ באַרימטער דיאַגנאָסטיקער, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט טועה געווען. איינמאָל איז אַ גרויסן מיליאָנערס בן־יחיד מסוכן קראַנק געוואָרן און אַלע פּראָפֿעסאָרן האָבן זיך פֿון אים מיאש געווען; האָט מען דעם מיליאָנער אָנגעוויזן אויף דעם באַרימטן דיאַגנאָסטיקער, האָט ער אים גערופֿן און צוגעזאָגט, אים צו מאַכן אַ שותף צו זײַנע מיליאָנערסקע געשעפֿטן, אויב ער וועט זײַן בן־יחיד ראַטעווען. אַזוי ווי דער דאָקטער האָט אָבער דערזען דעם טאַטן זײַנעם, דעם מלאך המות צוקאָפּנס פֿון קראַנקן, און עס איז אים אָן עבירה געווען דאָס פֿאַרמעג, וואָס דער גביר האָט אים צוגעזאָגט, האָט ער אַ געשריי געטאָן: גיי שוין אַוועק פֿון דאַנעט, ווײַל טאָמער נישט, רוף איך די מאַמע! און דער מלאך המות האָט זיך תיכף אָפּגעטראָגן. און דער מוסר השׂכל, אַז שלמה המלך איז נעבעך געקרעכט געווען. — („פֿאַר־ווערטס“, 21 מאַי 1973).

מיר האָבן בכיוון געבראַכט די דאָזיקע יידישע ווערסיע, ווײַל זי, ווי אַ פֿאַרגעדענקטע, נאָך אַ סך יאָרן פֿאַרשריבענע, און מעגלעך די ביז־איצט צולעצט געפּובליקירטע, איז במילא אַ גוטער סוסטראַט צו פֿאַרגלײַכן מיט אַנדערע נוסחאות. און כדי עפּעס אין דעם ענין מחדש צו זײַן, וויל איך פֿאַרגלײַכן צוויי ליטעראַרישע באַאַרבעטן, וואָס ווערן נישט דערמאָנט אין שוואַרצבוימס פֿאַרשונג וועגן נפֿתלי גראָס, און וואָס שפּיגלען אפֿשר אָפּ צוויי סאָרטן נוסחאות — איינע, ווי עס ברענגט זי אַ מערבֿ־יידישער, דײַטשישער שרײַבער און איינע ווי עס ברענגט זי אַ מזרח־יידישער, העברעיִשער שרײַבער.

ד

די ערשטע ווערסיע האָבן מיר בײַ יאַקאָב (יעקב) לעווענבערג, וואָס איז געבוירן (1856) אין אַ וועסטפֿאַליש דאָרף, זיך געכאַוועט אין אַ פֿרומער יידישער שטוב, געווען רוב ימיו אַ לערער, בעיקר אין האַמבורג, געוואָרן באַקאַנט ווי אַ דײַטשישער דיכטער, נאָוועליסט און אַנטאָלאָגיסט. אין זײַן

ראָמאַן Aus zwei Quellen (פון צוויי קוואַלן) פלעכט ער אַרײַן זכרונות פון זײַן דאָרף — דאָרט באַשרײַבט ער אויך די שנאָרערס, אָרעמע „פּאַלאַקן", וואָס פלעגן קומען אויף אַ שבת, און נאָך דער סעודה דערציילן כּלערליי שמועות און תּורות, וואָס מען האָט מיט דאַנק אויפגענומען; אַזוי אַז דער בעטלער איז כּביכול געוואָרן אַ גביר, און דער נעמער אַ געבער. צווישן זיי איז געווען איינער, אַ ריז פון וווּקס, וואָס האָט געהייסן געטשלעק, און פלעגט קומען האַרבסט און וואַכנאַנג בלײַבן אין דאָרף, און די קינדער האָבן אים האָלט געהאַט פאַר זײַנע מעשׂיות, דערונטער אויך אונדזער מעשׂה, וואָס דער ראָמאַניסט איז זיך משתדל איבערצוגעבן איר דיאַלעקטישן קאָלאָריט. אַזוי, אַ שטייגער, הייבט זיך די מעשׂה אָן: „איינעס טאַגעס איזט מאָל דער טאָדעסענגעל צו שעמיסבאָרעך [השם יתברך] — געקאָממען אונד געזאָגט, דו מוססט מער [מיר] העלפן, זאָנסט [אַזיסט] פערליִער איך מײַן גוואַלט איבבער דע [די] מענשען, אונד זע זינד ניט מעהר באַנגע פאַר מיר". ווײַל עס שטייט דאָך געשריבן, אַז אַ שלעכט ווײַב איז ערגער פונעם טויט. זאָגט אים השם יתברך, אַז עס איז פאָרט אַזוי, און פרעגט אים, צי ער וויל עס אויספּרוּוון, און אַזוי ווי ער איז דאַרויף אײַנגעגאַנגען, האָט ער געקראָגן אַ ווײַב אַ כּלבטע, אַ שרצה, און נאָך אַ יאָר איז זיי געבוירן געוואָרן אַ יִינגל, און אַז ער איז אויסגעוואָקסן, האָט אים דער פאָטער געמאַכט פאַר אַ דאָקטער, וואָס איז ווײַט באַרימט געוואָרן.

„ער האָט אימער געוווּסט, אָב [־אויב] די קראַנקען געזונד ווערדען אָדער שטערבען מיססען. ווענן דער פאַטער ביי דע פיעס געשטאַנדען איז, האָן [־האָבן] זע אין די ערד מיססען, האָט ער אַבבער בײַם קאָפּפּ געשטאַנדען, האָט׳ס ען [־איין] רפֿואה, נע [־איינע] פולשטענדיגע היילונג געגעבען". טרעפט זיך, אַז די בת־מלכּה איז קראַנק געוואָרן, און קיין שום דאָקטער אין דער וועלט האָט מער נישט געקאָנט העלפן. האָט דער מלך געלאָזט רופן דעם דאָזיקן דאָקטער, און ווי ער שטייט בײַם בעט, זעט ער דעם פאָטער זײַנעם צופוסנס פון דער קראַנקער, האָט ער דאָס בעט אומגעדרייט, אָבער דער טויט האָט אַ שפּרונג געטאָן און איז ווידער צופוסנס. קוקט אים דער דאָקטער אָן מיט כּעס און טוט אַ געשריי: „מוטטער, קומם מאָל ריין [־אַריין]", האָט זיך דער טויט דערשראָקן און האָט געמאַכט אַ גאַנץ באַנעבעכט פּנים און איז געבליבן שטיין אויבן, צוקאָפּנס, און אַז די טיר האָט זיך געעפנט, איז ער דורכן פענצטער אַרויסגעשפּרונגען.

דאָס יִינגעלע, וואָס הערט זיך צו צו געטשלעקס מעשׂה, פרעגט וועגן

דער בת־מלכה, און הערט, אַז זי איז געזונט געוואָרן. פרעגט ער ווײַטער, צי זי האָט חתונה געהאַט מיטן דאָקטער, און הערט, אַז דאָס ווייסט ער, געטשלעק, נישט. זאָגט דאָס ייִנגל צולעצט, אַז אויב אַזוי, האָט דאָך די מעשה נישט קיין סוף, און געטשלעק ענטפערט: דער אָנהייב דאָס איז דאָך דער סוף: אַ שלעכט ווײַב איז שטאַרקער פונעם טויט. (אַ קליינער אָפּקלייב פון לעווענבערגס כתבים, פאַרלאַג שאָקען, בערלין 1937, ז״ז 22—26).

ווי מיר זעען, האָט זיך, אין געטשלעקס נוסח, אָדער לעווענבערגס זכרון, די ראָל פון צופוסנס און צוקאָפּנס איבערגעדרייט.

ה

די צווייטע ווערסיע האָבן מיר ביי שמשון מעלצער, געבוירן (1909) אין בעל־שם טובס קינדהייטס־שטעטל טאָוסט (טליסט), וואָס זײַן פאָלקלאָר און מסורות באַפּעלקערן זײַנע באַלאַדעס. צווישן זיי האָבן מיר די הומאָ־ריסטישע באַלאַדע: גענענדל, („אור זרוע, ספר השירים והבלדות״, הוצאת ספרית פועלים ויחדיו, תשל״ז, ז״ז 212—213), וואָס ער האָט געבויט אויף אַ מעשה, וועלכע ער האָט קינדווײַז געהערט פון זײַן עלטערן שוואָגער ר׳ בערטשי גליק, און האָט זי קונציק אויסגעבויט (זע אין זײַנע הערות ז״ז ל—לא), אָבער אָפּגעהיט די פאַבולע, און גרונטיק צו איר גאַרנישט צוגע־געבן און פון איר גאַרנישט אַראָפּגענומען. און עס איז טאַקע אַ באַזונדערע פאַבולע און מיר וועלן זי בקיצור און פּראָזאַיש איבערגעבן: אין אַ גאַליציש שטעטל האָט געלעבט אַ ייִד, ר׳ איטשע, וואָס האָט געהאַט אַ ווײַב אַ מרשעת, גינענדל, און האָט פון איר געליטן, ביז ער איז נפטר געוואָרן, און זי איבערגעלאָזט אַן אלמנה מיט אַ האַרציק און חנוודיק מיידעלע, וואָס האָט געוויינט אויף איר דאָליע, אַז זי וועט נישט קריגן קיין חתן, דען ווער וועט דאָס וועלן האָבן אַזאַ בייזע שוויגער. דערווײַל איז אין הימל געשען אַ נײַעס — דעם שׂטן, וואָס איז דער מלאך־המות, איז נמאס געוואָרן זײַן פּרנסה און עס האָט זיך אים פאַרגלוסט צו ווערן אַ מענטש. האָט מען אים צוליב געטאָן און מען האָט אים, מיטן נאָמען מענדל, אַראָפּגענידערט אין גינענדלס שטעטל. איז ער קודם כל אַרײַן אין בית מדרש און זיך געזעצט לערנען. און אַזוי ווי דער עולם האָט דערשמעקט, אַז דער בחור זוכט אַ רויִק ווינקל, האָט מען אים משדך געווען מיט גינענדלס טאָכטער און געמאַכט פאַר אַ מלמד. אָבער עס זענען בלויז אַוועק די שבע ברכות, האָט דער יונגערמאַן דערפילט, וואָס פאַר אַ שוויגער ער האָט זיך

איינגעהאַנדלט, און האָט פון איר געהאַט צו זינגען און צו זאָגן — אַ שטענ־דיקער גיהנום. איז ער, נעבעך, אַנטלאָפן אין בית מדרש אַריין און האָט פּאַר אַ האַרציקן בחור, ישעיהו, געגומען אויסדערציילן זיינע צרות. האָט יענער אים געטרייסט, אָבער גינענדל האָט אים ווייטער דערגאַנגען די טעג, אַז ער וואָלט געבעטן אַ טויט אויף זיך, ווען ער זאָל נישט האָבן געווען דער מלאך־המות. האָט זיך אויף אים דער אייבערשטער מרחם געווען, אָבער איידער דער מענדל איז צוריק אַרויף, אויבן, האָט ער זיין פריינט, ישעיהו, אַנטפּלעקט דעם אמת וועגן זיך, און אים פאַר זיין פריינטשאַפט אָפּגעדאַנקט מיט אַ גאָלדענער עצה: ער זאָל זיך נעמען שפּילן אַ דאָקטער וואָס קאָן אַפילו היילן אַ גוסס, אַז ווי נאָר מען וועט אים רופן צו אים, וועט ער זען דעם מלאך־המות — און פאַרשטיין, לויט ווו ער וועט שטיין ביים בעט, אויב צוזייטנס — קאָן דער קראַנקער אויפקומען, אויב צוקאָפּנס — קאָן ער נישט אויפקומען. אַזוי האָט טאַקע דער בחור ישעיהו געטאָן, און איז געוואָרן באַרימט, און מען האָט אים טאָג־טעגלעך גערופן צו מסוכן־קראַנקע, און ער האָט בלויז אַ קוק דערלאַנגט און געפּסקנט, מי לחיים ומי למות. האָט זיך געטראָפן, אַז דער אַלטער מלך איז איינגעפאַלן, און מען האָט געבראַכט דעם דאָקטער, כמר ישעיהו. און אַזוי ווי ער איז נאָר געקומען, האָט ער דערזען דעם שטן, דעם מלאך־המות, שטיין מיטן שווערד אין דער האַנט, צוקאָפּנס, און האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט פאַרשפּעטיקט. אָבער פּלוצים איז אים דורכגעפלויגן אַ געדאַנק, און ער האָט אַ געשריי געטאָן: ר׳ מענדל, אַנטלויף און ראַטעווע דיך, די שוויגער גייט: גינענדל. האָט דעם טויט אָנגעכאַפּט אַ פּחד, און ער האָט עוקר געווען, און דער מלך האָט געעפנט די אויגן און נאָך געלעבט לאַנגע יאָרן.

ו

כאָטש מיר האָבן דאָ דעמזעלבן עיקר־מאָטיוו, זענען אָבער זיינע עלע־מענטן און פּרטים אַנדערש, אַפילו לחלוטין אַנדערש. ערשטנס, האָבן מיר דאָ נישט קיין מאָטיוואַציע מיט שלמה המלכס זאָג וועגן די ווייבער, וואָס זאָלן ביטערער זיין פון טויט, און ממילא איבערן ממונה אויפן טויט, דעם מלאך המות, אָבער מיר האָבן צו טאָן מיט חז״ל, וואָס אידענטיפיצירן דעם מלאך המות מיטן יצר הרע און מיטן שטן, און טאַקע דעם יצר הרע, דעם שטן ווערט נמאס זיין פּרנסה, וואָס ער האַלט אין איין אָנרעדן דעם מענטשן צו עבירות, וואָס זייער עונש איז מיתה, און עס גלוסט זיך אים ווערן אַ מענטש. צווייטנס, אַפילו די גירסה זאָל ערגעץ־ווו אָדער ערגעץ־ווען האָבן

אַ שייכות צו שלמה המלכס זאָג, ווערט אַן אשה, אַ ווײַב, פֿאַרשטאַנען גישט ווי די פּלוניתטע, נאָר ווי איר מוטער, די שוויגער, וואָס האָט זיך אירע בייזע רעפּוטאַציעס אין ייִדישן פֿאָלקלאָר. דריטנס, האַלט דער מלאך המות נישט אויס גאַנצע צוואַנציק יאָר, ביז דער זון ווערט אויסוואַקסן, און ס'קומט נישט דערצו, אַז דער מלאך המות, וואָס לא די ער ווערט, אויף אַ צײַט, אַ מענטש, ברענגט ער נאָך אַ קינד אויף דער וועלט, וואָס איז בעצם אַ זון פֿון יצר הרע און שׂטן. אַזוי אַרום קאָן דער מלאך־המות געגנוג פּרי עוקר זײַן. און וואָס עס באַדאַרף נאָך עטלעכע און צוואַנציק יאָר ירשנען דער זון זײַנער, ווי אַן אויסגעשטודירטער דאָקטער, ירשט זײַן גוטער פֿרײַנד, וואָס סימולירט אַ דאָקטער. פֿערטנס, ווערן דורך אַזאַ באַפֿרײַ פֿון בעל־פּאַגאַר־מאָטיוו (אַזוי גערופֿן, לויט דער נאָוועלע פֿון מאַקיאַוועלי) אויסגע־מיטן פּילפּול אין הלכה־ספֿיקות, וואָס קאָנען אין די אַנדערע ווערסיעס לײַכט אויפֿקומען. מחמת די אַלע טעמים איז כדאי זיך דערגרונטעווען, ווי ווײַט איז דער טאָוסטער נוסח אָנגעגאַנגען און צי לאָזן זיך זײַנע סליאַדעס, בכתב אָדער בעל־פּה אָפּגעפֿינען.

ז

צום סוף ווען אַ כאַראַקעריסטישן פּרט — אין שמשון מעלצערס באַלאַדע פֿאַרמאָגן די פֿאַרשוינען נעמען: די בייזע שוויגער הייסט גענענדל, און איר נאָמען איז דער טיטל פֿונעם ליד, דער מאַן אירער האָט געהייסן ר' איטשע, דער מלאך המות, בתורת מענטש און ייִד, הייסט ר' מענדל, דער געטרײַער חבר זײַנער הייסט ר' ישעיהו, אָבער די טאָכטער פֿון גע־נענדל, וואָס איז געווען דעם מלאך המות'ס ווײַב — האָט קיין נאָמען נישט, און זי דווקא פֿאַרמאָגט די סימפּאַטישסטע שטריכן, ווי חז"ל באַשרײַבן אַ צדקנית און יעלת־חן. און מעגלעך אַז עס שטעקט אַן עוקץ הומאָר אין דער שוויגערס נאָמען, גינענדל, וואָס זאָל האָבן צו טאָן מיט חן און חסד, און מיינט חנה, גראַציאַ, און אפֿשר אויך לאַסקאַ (אַזוי, אַ שטייגער, האָט געהייסן חיים אַרלאָזאָראָווס מאַמע). נאָך עפּעס: די נעמען פֿון חתן וחמותו גראַמען זיך: גינענדל — מענדל, און דער דיכטער ניצט עס אויך אויס, און אַפֿילו דרײַ מאָל, און עס איז אַ גראַמפּאָר, וואָס גייט אַן אין פֿאָלק־ווערטל און לטובה, זע בערנשטיין, סי' 1212: אַז זי הייסט הענדל (אָדער גענענדל) און ער הייסט מענדל מעג מען עסן פֿון זייער פֿענדל, דאָס דאַרף זײַן אַ באַווײַז, אַז אַ בעל־ביתטע, מיט אַזאַ ייִדישן נאָמען, פֿירט אַ כשרע קיך.

צולעצט נאָך אַ באַמערק: מיר האָבן דעם נאָמען פֿון אַ בייז ווײַב אין

אַן אוקראַיִניש־ייִדיש ווערטל — בערל פרימער דערציילט, אַז אין זײַן וואָלינער געבוירן־שטעטל, האָט מען געזאָגט: זאָל ראָניע אויף דיר אַרויפפאַלן — נעכאַי טיביע ראָניע נאַפּאַדאַיעט, און אילוסטרירט דאָס מיט אַ מעשה שהיה: אַמאָל איז דער מלאך המות אַראָפּגעקומען נעמען די נשמה פון ראָניעס מאַן, האָט ער זיך באַנוצט מיט דער דאָזיקער קללה, איז דער מלאך המות אַנטלאָפן, און זיך אומגעקערט ערשט נאָך צען יאָר. די מרת ראָניע ווײַטער איז נישט געשטאָרבן פון מלאך־המות, זי איז דערטראָנקען געוואָרן (קרומער שפיגל, טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, נומער 14797). ראָניע איז אויך אַ שם־דבר וואָס איז אַרײַן אין ווערטלעך, וואָס נישט אַלע זענען פאַרשריבן געוואָרן, אַזוי אַ שטייגער: ראָניע — איין מענטש; אָדער: וואָס טוט ראָניע מיט די בנים? און אין בראָד איז דערויף געווען אַ תשובה: אויפגעקלערט.

מאמר ט׳:

דער שנײַדער און זײַן יאַרמעלקע

א

אין מײַן אַרבעט וועגן מײַן געבוירן־שטאָט, בראָד, וואָס איז באַשטימט פאַר דעם ספר־זכרון פון דער דאָזיקער באַרימטער קהילה, ברענג איך, וואָס די שרײַבער, וואָס זענען דאָרט געבוירן און דערצויגן געוואָרן, אָדער לאַנגע יאָרן געלעבט אין איר, האָבן וועגן איר און אַרום איר געשריבן. אַזוי ברענג איך די זכרונות פון יוסף עהרליך: Der Weg meines Lebens, Errinerungen eines ehemaligen Chassiden (1874) — אַ ייִנגל, וואָס דער פאָטער איז אים פרי אָפּגעשטאָרבן, און עס האָט אים אַדאָפּטירט אַ שוסטער, אַ הייסער חסיד פון ערשטן בעלזער צדיק, ר׳ שלום רוקח, און האָט געפּרוווט דעם יתום אין דעם גײַסט דערציִען, וואָס איז אים אָבער בלויז געלונגען, ביז דאָס ייִנגל איז אונטערגעוואַקסן, און עס איז אַוועק צו השכלה, און שוין אַ זעכצן־יאָריקער בחור זיך געזעצט אויף דער באַנק פון דער ערשטער קלאַס אין דער פאָלקסשול, און נאָך־דעם ווי ער האָט זי פאַרענדיקט, האָט ער זיך אומגעוואָלגערט בײַ נגידים, און איז אַוועק קיין ווין, און געווען דאָרט אַ דײַטשישער שרײַבער. די זכרונות זײַנע דערמאָנט נתן מיכל געלבער אין זײַן בוך וועגן בראָד, חיים טאַרטאַקאָווער האָט

איבערגעזעצט אין העברעיִש אַ קאַפּיטל דאָרויס און עס אָפּגעדרוקט אין דער ווינער „עבודה". ווייטער ש"י עגנון און אהרן עליאַסבערג ברענגען, אין זייער בוך פון די פּוילישע ייִדן, אַ קאַפּיטל דערפון: צווי מאַמעס.

ב

וואָס שייך חסידות, באַשרייַבט יוסף עהרליך צווי צדיקים, וואָס ער האָט געקאָנט פּנים אל פּנים — דעם דערמאָנטן בעלזער צדיק, צו וועלכן דער אַדאַפּטירער איז מיט אים געגאַנגען צו־פוס; און דעם לעשניוער צדיק, צו וועלכן ער איז אַליין געגאַנגען צו־פוס. ער דערמאָנט נישט זייַן נאָמען, און באַצייכנט אים בלויז ווי אַ מומחה אַרויסצוטרייַבן דיבוקים. אַז איך האָב דאָס געלייענט, האָב איך זיך געוווּנדערט, ווייַל לעשניוו, וואָס איז נישט ווייַט פון אונדזער שטאָט (איינע פון אירע גרעסערע גאַסן האָט געהייסן די לעשניוער גאַס, אַפילו נאָך־דעם מען האָט איר אַ נאָמען געגעבן: דאָקטאָר־גאָלדהאַבער־גאַס), איז נישט געווען באַקאַנט, ווי עס זענען געווען אַנדערע שטעט אין דער סביבה, בעיקר סאַסיוו און אָלעסק, פאַר אַ רעזידענציע פון אַ צדיק, אָבער מעגלעך, אַז עס איז פאַרט געווען אַ שטיק ירושה אָדער המשך פון באַרימטן צדיק ר' מרדכי שפּיראָ, וואָס איז געווען מיט דורות צוריק לעשניוער רב. דער ר' מרדכי (אַן אור־אוראייניקל פון מקובל ר' נתן נטע שפּיראָ דעם בעל „גולה עמוקות") איז געבוירן אין נעסכיזש און געקומען אַ יונגערמאַן, קיין לעשניוו, ווי אַן איידעם פון דאָרטיקן רב, ר' יוסף קאַצענעלבויגן, האָט זיך אָבער אומגעקערט קיין נעסכיזש, וווּ זייַן זיידע און טאַטע זענען געווען רבנים. דער טעם פון זייַן אומקער איז, ווייַזט אויס, געווען אַ טאָפּעלער, — ער האָט נישט געוואָלט בלייַבן ביי קירה'ן, ווו מען האָט אים, אפשר מחמת חסידות, גערודפט. אַליין אַ תלמיד פון זלאָטשיווער צדיק, ר' יחיאל מיכל, איז ער מיט אים נאָך געפאָרן צום מעזעריטשער מגיד, און האָט שפּעטער אַליין געהאַט גרויסע תלמידים — ר' אורי סטרעליסקער, דעם קראָקעווער ר' קלמן קלונימוס בעל „מאור ושמש". ר' מרדכי האָט געהאַט דרייַ זין — דער עלצטער, ר' יוסף, האָט זיך אויסגעקליבן דעם משפחה־נאָמען פון זייַן מוטער, קאַצענעלנבויגן, דער ייִנגסטער, ר' יצחק, האָט געירשנט דאָס אָרט פון זייַן טאַטן אין נעסכיזש, און האָט געהאַט אַ ים חסידים, און דערלעבט אַ טיפע עלטער, נישט איבערלאָזנדיק קיין יורש. ר' מרדכי האָט אויך געטאָן וואַזשנע שידוכים — דער דערמאָנטער זון, ר' יצחק, איז געווען אַן איידעם פון ר' לוי יצחק בערדיטשעווער, און אַ שוועסטער

זײַנע איז געװען דאָס װײַב פֿון טריסקער מגיד. פֿאַראַן כלערליי אָפּצװײַגן, װאָס זענען זיך מתיחס צו ר׳ מרדכי נעסכיזשער — אַזױ, אַ שטייגער, דער העברעיִשער דיכטער אבות ישורון (גרונטיק: יחיאל פּערלמוטער), װאָס האָט געקריגן דעם פּרס־ביאַליק.

װי װײַט עס האָט געגרייכט ר׳ מרדכי׳ס אױטאָריטעט, לאָזט זיך אָפּלערנען דערפֿון, װאָס דער לובלינער חוזה איז געקומען צו אים פֿרעגן, צי זאָל ער נישט, מחמת מען רודפט אים, פֿאַרלאָזן לובלין, און אַז ר׳ מרדכי האָט אים געזאָגט אַ קאַטעגאָרישן ניין, איז ער געבליבן. ר׳ מרדכי איז געװען אַ גדול בנגלה ובנסתר, אָבער צו אונדז איז נאָר דערגאַנגען אַ קלײן ספֿרל „רשפּי אש״, װאָס איז קודם, עטלעכע מאָל, אַרײַן אין ספֿר רב ייבי (װאָס איז געװען דער שװער פֿון ר׳ מרדכיס עלטסטן זון), און שפּעטער באַזונדערס, און נאָך שפּעטער אױסגעברייט: רשפּי אש השלם. אָבער ר׳ מרדכי איז געװען באַרימט מיט תיקון עגונות, װעלכע פֿלעגן אים באַלעגערן, און גאָר באַװוּסט איז אַ מעשה נפֿלא, װאָס װערט דערציילט דערװעגן.

ג

אױבן נאָכגיין עטלעכע װערסיעס מאחרית לראשית — װעלן מיר דערמאָנען די קורצע װערסיע, װי עס ברענגט זי צבֿי האָרװיץ, אין זײַן בוך „הנפֿילה הגדולה״ (1973, ז׳ 11), װאָס מיר װעלן דאָ פֿאַרייִדישן:

> ר׳ מרדכי פֿון נעסכיזש — אין געקומען צו אים אַ ייִדענע, אַן עגונה, ער זאָל מתפּלל זײַן פֿאַר איר, עס זאָל זיך אומקערן צו איר דאָס הארץ פֿון איר מאַן. האָט ער זי געפֿרעגט: ער איז דען דאָ, אין פּאַס װאַסער? אין איר גרויסער אמונה, האָט זי אַ קוק דערלאַנגט און געזען די צורה פֿון איר מאַן. האָט דער רבי זי געפֿרעגט: האָט ער אַ היטל? האָט זי געענטפֿערט: יאָ. האָט ער איר געזאָגט, זי זאָל עס אַראָפּכאַפּן. האָט זי עס געכאַפּט. אין דער צײַט איז איר מאַן געזעסן אין אַ װײַט אָרט און האָט געגנייט, איז גע־קומען אַ שטורמישער װינט און אַראָפּגעריסן זײַן יאַרמעלקע, האָט ער גענומען נישטערן אין זײַנע מעשים, אײַנגעפּאַקט זײַנע מטלטלים און האָט זיך אומגעקערט צו זײַן װײַב.

אַ לענגערע װערסיע געפֿינען מיר בײַ מרדכי (מאַרטין) בובער — אין זײַן באַקאַנטער אַנטאָלאָגיע „אור הגנוז, סיפּורי חסידים״ (באַנד 1, ז׳ 168) װאָס מיר װעלן דאָ פֿאַרייִדישן:

מען דערציילט: צום רבין ר׳ מרדכי פון נעסכיזש איז געקומען אַ ייִדענע און אים געבעטן, ער זאָל געפינען איר מאַן, וואָס האָט זי פאַרלאָזט מיט אַ היפּשער צייט צוריק, און איז אַוועק אין דער פרעמד. „ער איז דען דאָ הי — האָט געזאָגט דער צדיק — אַז איך זאָל דיר קומען העלפן? ער איז דען אין פאַס וואַסער? אַזוי ווי איר אמונה איז גרויס געווען, איז די יידענע געגאַנגען צום פאַס וואַסער און האָט דערינען אַריינגעקוקט. „ער איז אָט דאָ! — האָט זי גע־רופן — אָט איז ער אין וואַסער!״ „האָט ער אַ היטל אויפן קאָפּ?״ — האָט געפרעגט דער רבי. — „בלויז אַ יאַרמעלקע״. — „ברענג זי״. האָט די ייִדענע זי אָנגעכאַפּט און אַרויסגענומען. יענע שעה איז געשען, דאָס איר מאַן, וואָס איז געווען אין אַ ווייַט לאַנד און זיך פאַרנומען מיט זייַן מלאכה, שניידערייַ, אויפן הויף פון אַ האַר, פאַר וועלכן ער האָט גענייט. ער איז געזעסן לעבן פענצטער, און פלוצעם איז געוואָרן אַ שטורעם, און האָט אַראָפּגעכאַפּט פון זייַן קאָפּ די יאַרמעלקע. אַ שרעק איז דורכגעגאַנגען אַלע זייַנע אברים און זייַן האַרץ, און ער האָט גענומען שפּאַנען צוריק אין זייַן היים.

מ. בובער רופט אָן די מעשה די יאַרמעלקע. מיט צען יאָר שפּעטער ברענגט די מעשה אליעזר שטיינמאַן אין זייַן אַנטאָלאָגיע „ספר שער החסידות״ (תשי״ז, ז׳ 213), און איך ברענג זי פאַרייִדישט:

אַן עגונה איז געקומען צו ר׳ מרדכי און האָט פאַר אים געוויינט, ער זאָל איר אומקערן דעם מאַן אירן, וואָס האָט זי מיט אַ היפּשער צייַט צוריק פאַרלאָזט און איז אַוועק אין אַ ווייַטער שטאָט. איז ר׳ מרדכי צוגעגאַנגען צום פאַס וואַסער בייַ זיך אין הויז און האָט דער ייִדענע געזאָגט: אפשר זעסטו דאָ דייַן מאַן? האָט די ייִדענע אַרייַנגעקוקט אין וואַסער און געזאָגט: אַז דער רבי זאָגט אַזוי, געפינט ער זיך אַוודאי דאָ. יאָ, איך זע אים דאָ — האָט זי געזאָגט מיט התעוררות און אַ ליכט האָט באַשייַנט איר פנים, גלייך זי וואָלט מיט אירע אויגן ממש געזען דאָס בילד פון איר מאַן. האָט ר׳ מרדכיווידער געפרעגט: אפשר טראָגט ער אַ היטל? האָט די ייִדענע געענטפערט: ניין, הייליקער רבי, ער האָט אַ יאַרמעלקע אויפן קאָפּ. אָבער אויב דער רבי זאָגט אַ היטל... אָט איז די יאַר־מעלקע אין מייַנע הענט ממש. אין דער שעה איז געקומען אַ שטאַר־קער שטורעם און האָט אַראָפּגעוואָרפן די יאַרמעלקע פונעם קאָפּ

פון איר מאַן, וואָס איז געזעסן אין אַ ווײַטער שטאָט לעבן פּענצטער. פּלוצעם איז דעם מענטשן אָנגעפאַלן אַן אימה, ווײַל ער האָט געזען אַ שרעקלעכן סימן אין זײַן בלויזן קאָפּ. האָט ער נאָכגעקלערט וועגן זײַנע מעשׂים, און האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט איבערגעלאָזט אַ ווײַב אַן עגונה. האָט ער צוזאַמענגעפּאַקט זײַנע מטלטלים און ער איז געגאַנגען פאָרן אַהיים.

ד

מיר האָבן אין די דרײַ געבראַכטע ווערסיעס אונטערגעשטראָכן די שטעלן, וואָס ווײַזן אָן אויף די ענלעכע און אומענלעכע מאָמענטן. די ענלעכע, פון דער נאָענט — דאָס פּאַס וואַסער, דאָס היטל, און די יאַר־מעלקע; די אומענלעכע, פון דער ווייט — דער שטורעם־ווינט וואָס רײַסט אַראָפּ די יאַרמעלקע, די חרטה פון מאַן און זײַן אומקער אַהיים. בולט זענען די שינויים בײַ אליעזר שטיינמאַן — די ייִדענע זעט וואָס דער צדיק פרעגט זי און טוט וואָס ער זאָגט איר, אַזוי אַז דער לייענער נעמט אָן דעם צדיקס סוגעסטיע. אָבער דער מאַן אירער זעט בפירוש ווי די יאַרמעלקע זײַנע ווערט פונעם ווינט אַוועקגעריסן און זעט אין בלויזן קאָפּ אַ שלעכטן סימן און דערמאָנט זיך זײַנע זינד, אַזוי, אַז דער לייענער נעמט אָן דעם צדיקס טעלעפּאַטיע. אַ תמיהה, פאַרוואָס שטיינמאַן האָט נישט געבראַכט דאָס אומנות פון דעם אַנטלאָפענעם מאַן — שנײַדערײַ — און זי, די תמיהה ווערט בולטער, ווען מיר פאַרגלײַכן די געבראַכטע נוסחאות צום נוסח, וואָס עס ווערט בפירוש געבראַכט אין נאָמען פון צדיק ר׳ יצחק נעסכיזשער וועגן זײַן פאָטער ר׳ מרדכי, אין ספר רשפי אש השלם, שבחי מהר״ם ז״ל״ (בילגאָרײַ תרצ״ב, ז״ז 11—12, סי׳ כ״ד), און מיר פאַרייִדישן עס, אַזוי צו זאָגן:

דער בעל תולדות יצחק זכרונו לברכה האָט, אין זײַן הייליקייט, אַזוי דערציילט: אויף אַלע שרעקלעכע און וווּנדערלעכע מעשׂים, וואָס מײַן האַר און טאַטע — — אותות ומופתים און אויפלעבן טויטע, הי אין נעסכיזש, איך האָב איך אַלץ מיר נישט געוווּנדערט, ווי אויף דער זאַך — אַן עגונה, האָט זיך זייער געבעטן בײַם טאַטן — ער זאָל זי מתיר זײַן און זי איז געקומען אַ סך מאָל צו אים. אַמאָל איז ער מיד געוואָרן צו טראָגן איר צער און האָט איר געענט־פערט: וואָס קאָן איך דיר טאָן. האָט זי געזאָגט: איז דען שווער פאַרן רבין מיר אים אומצוקערן? האָט ער געענטפערט: איז ער

> דען דאָ בײַ מיר איך זאָל אים דיך אומקערן; אַט שטייט אַ בעקן וואַסער, אפשר איז ער דאָרט. און די ייִדענע, מחמת איר גרויס אמונה, אַז דער רבי וועט פון זײַן הייליקן מויל נישט אַרויסלאָזן קיין פּוסטע רייד, האָט אַרײַנגעקוקט אין דעם בעקן וואַסער, וואָס איז דאָרט געשטאַנען און האָט אַ שרײַ געטאָן: אָט זיצט ער אין בעקן... האָט ער זי געפרעגט: ווו אַזוי זיצט ער, האָט זי געזאָגט: ער זיצט מיט אַ יאַרלעמקע אויפן קאָפּ אָן אַ היטל. האָט ער געזאָגט: ווײַז מיר די יאַרמעלקע. און די מעשה איז געווען, אַז איר מאַן איז געווען אַ שנײַדער, און האָט גענייט ווײַט־ווײַט אין אַ הויף, דאָס פענצטער איז געווען אָפן און די יאַרמעלקע אויף זײַן קאָפּ, און פּלוצעם האָט דער ווינט פאַרטראָגן די יאַרמעלקע פון זיין קאָפּ און ער האָט זי געזוכט און נישט געפונען, ביז עס איז אים אײַנגעפאַלן, אַז עס איז נישט קיין פּוסטע זאַך. און דאָס האַרץ האָט אים געטראָגן און ער האָט זיך אומגעקערט אַ היים. און דאָס ווײַב זײַנס האָט אים געוויזן די יאַרמעלקע, וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען און וואָס איז זײַט דעמאָלט אין אירע הענט.

אַזוי־ווי דער נוסח ווערט געבראַכט אין נאָמען פון ר׳ יצחק נעסכיזשער און דאָס בגוף ראשון, וועגן זײַן טאַטן, האָט ער די פּרעטענסיע זיך אויסצווײַזן אַם אויטענטישסטן. מען דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן, אַז מסתמא האָט דעם נוסח אויסגעסטיליזירט דער אַרויסגעבער, נתן נטע דאַנער, וואָס האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע ספרים, דאַרונטער אויך פון גדולי חסידות (דער בעל שם טוב, ר׳ יחיאל מיכל זלאָטשיווער, ר׳ יחיאל מאיר אָסטראָווצער) מיט זיינע הוספות און תיקונים. לויט דעם נוסח איז די יאַרמעלקע, וואָס די עגונה האָט אַרויסגעצויגן פון וואַסער אידענטיש מיט דער יאַרמעלקע וואָס איז אַראָפּגעפאַלן, ערגעץ ווײַט, פון איר מאַנס קאָפּ, און ער האָט נישט קיין רו, ביז ער קומט אַהיים און זײַן ווײַב ווײַזט אים, אַז די יאַרמעלקע איז אין איר רשות. דאָ איז כדאי אונטערצושטרייכן לגבי אַ קאָמבינירטערער ווערסיע, וואָס גייט אויך אַרום בעל־פּה, און אַזוי האָב איך זי געהערט נאָך קינדווײַז, אָבער אין נאָמען פון אַ צדיק סתם: אַז דער ווינט האָט דעם שנײַדער אַראָפּגעריסן דאָס קאַפּל, און אַזוי ווי ער האָט נישט געוואָלט בלײַבן בקלות־ראש, איז ער דעם קאַפּל, וואָס האָט זיך געקײַקלט, נאָכגעלאָפן מײַלן־ווײַט, דורך פעלדער און וועלדער, און ווען ער האָט עס סוף סוף דערווישט, האָט ער זיך געזען בײַ דער שוועל פון זײַן אייגענער שטוב, ווו ער האָט זײַן ווײַב איבערגעלאָזט אַן עגונה.

ה

ווי עס טרעפט אָפט בײַ אַזעלכע מעשי־פּלא, ווערט אויך אונדזער מעשה צוגעשריבן פֿאַרשיידענע צדיקים, צומאָל מיט גרעסערע אָדער קלענערע שינויים. אַזוי ווערט דער עיקר־מעשה צוגעשריבן ר׳ ישׂראל דעם קאָזשעניצער מגיד. און מיר וועלן אויסקלײַבן אַ ייִדיש־געדרוקטע ווערסיע ווי זי גייט אין „ספר נפלאות המגיד״ (פּיעטריקאָוו, תרע״א, ז״ז כ״א—כ״ב), און מיר ברענגען זי דאָ אין אַ פּאַראַפֿראַזירטן אויסלייג:

איינמאָל האָט אַן עגונה געפּײַניקט דעם הייליקן מגיד, ער זאָל איר געבן אַ היתר. ער האָט זי געפֿרעגט, אויב זי וועט דערקאָנען איר מאַן. האָט זי געענטפֿערט יאָ. ער האָט געהייסן אַרײַנברענגען אַ בעקן מיט וואַסער, און האָט זי [=איר] געהייסן אַרײַנקוקן. ער האָט זי געפֿרעגט, וואָס זי זעט אין דעם וואַסער. האָט זי געענטפֿערט, אַז זי זעט אַ גרויסע שטאָט, פֿול מיט מאַרקן מיט מענטשן, מענער און פֿרויען און קינדער, בעלי־מלאכות זענען עוסק אין זייערע מלאכות. ער האָט איר געזאָגט, אַז זי זאָל פֿעסט האַלטן אירע געדאַנקען, און פֿאָרט דערקענען איר מאַן, און אַזוי ווי זי וועט אים דערקענען און אים זען עוסק זײַן אין זײַן מלאכה, זאָל זי אַרײַנשטעקן איר האַנט אין וואַסער און עפּעס אַרויסכאַפּן פֿון זײַן האַנט. זי האָט אים אין וואַסער דערקענט, און האָט פֿון זײַן האַנט אַרויסגעכאַפּט דעם ביגלאײַזן מיטן אַרבל, וואָס ער האָט געוואָלט אָנניייען. נאָך דעם האָט דער מגיד איר געזאָגט, אַז זי זאָל גיין אין יענער שטאָט אַרײַן, דורך יענע וועגן, און זאָגן יענעם רב, אַז איר מאַן וווינט דאָרט מיט אַ אַנדערער פֿרוי, און ער זאָל אים נייטן זי צו גטן. און ווען ער וועט דאָס מכחיש זײַן, האָט ער איר געגעבן ראיות אויף דעם. און דאָס איז געווען דרײַ הונדערט מײַל פֿון קאָזשעניץ. די פֿרוי איז דאָרט געקומען און האָט דעם רב אַלץ דערציילט. דער רב האָט אים גערופֿן, און אַלץ איז אַנטדעקט געוואָרן, פּונקט ווי דער הייליקער מגיד האָט פֿון ווײַטן געזען מיט זײַן רוח הקודש.

די דאָזיקע ווערסיע, נאָר אויסגעברייט צו אַ מין קלײנער נאָוועלע, ברענגט דער גרויסער מומחה אין דעם תחום, ר׳ מרדכי בן־יחזקאל (האַל־פּערן) אין זײַן מאָנומענטאַלן „ספר המעשיות״ (תשי״ט, באַנד 5, ז״ז 228—231). — די פּאָפּולערע פֿאַרמאָגט נאָך הוספֿות, ווי אַ שטייגער, דער אופֿן, ווי די ייִדענע איז געקומען אין יענער ווײַטער שטאָט (אַן ערל האָט זי,

מיט איר ברודער גענומען אויף אַ פור, נישט פרעגנדיק וווּהין צו פאָרן, נאָך אַ האַלבער שעה זענען זיי אַרײַן אין אַ וואַלד, אַנטשלאָפן געוואָרן, און דערפילנדיק אַ שטאַרקן שטויס, האָבן זיי זיך אויפגעכאַפּט און דערזען די פור איבערגעקערט, און זיך ליגן אויף דער ערד, און נישט מער געזען דעם ערל; גענומען גיין צו פוס און נאָך אַ האַלבער שעה אַרײַן אין יענער שטאָט). דער מרחק איז קלענער, כאָטש אויך גענוג גרויס (שטאָט דרײַהונ־דערט נאָר אַכציק מײַל בערך) און עס ווערט געבראַכט דער משא־מתן בײַם רב, ביז דער שנײַדער איז זיך מודה און גיט דער ייִדענע אַ גט. נאָך אַ שינוי פאַראַן — שטאָט דעם אַרבל מיטן פּרעסל, ציט די ייִדענע פון וואַסער אַרויס בלויז דעם אַרבל, וואָס איז נאָך הייס פון אונטערן פּרעסל.

אין דער ביבליאָגראַפיע פון די מקורות צו זײַן נוסח, רעכנט בן־יחזקאל (דאָרט, ז' 433) אויך אויס דעם דערמאָנטן קונטרס וועגן ר' מרדכי נעסכיזשער, אַזוי אַז ער האָט געמוזט האָבן אַ שיקול לגבי די צוויי פּרעטענ־דענטן פאַרן עיקר־סיפור, און האָט זיך אַנטשידן פאַר ר' ישראל קאָזשעני־צער. מעגלעך, אַז עס איז געווען דערבײַ סײַ אַ פאַרשווינדלעכער סײַ אַ זאַכלעכער טעם.

ו

אָבער די צוויי גדולי החסידות וואָס זענען געווען אין איין צײַט, — ר' ישראל קאָזשעניצער איז געווען עלטער פון ר' מרדכי נעסכיזשער און איז אויך שפּעטער פון אים נפטר געוואָרן — האָבן צו אונדזער מאָטיוו אַ נאָך עלטערן פּרעטענדענט, ווי עס ברענגט אים אָפּיר, ישראל אַקסנפעלד, וואָס איז תחילה געווען אַ בראַסלאַווער חסיד און אַ חבר פון ר' נתן, און אַריבער צו השכלה און, בעיקר אין זײַן ראָמאַן „ספר חסידים", וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען, און אין די איבעריקע ווערק, וואָס האָבן זיך דער־האַלטן, חסידות גאָר סאַטיריש באַהאַנדלט. אין זײַן ראָמאַן „דאָס שטערנ־טיכל" (לייפּציג, 1861), ברענגט ער אַ קורצן נוסח (אויסגאַב מאיר ווינער, 1938, ז' 90), וועגן אַ צדיק וואָס ער דערמאָנט נישט זײַן נאָמען, אָבער פון קאָנטעקסט איז קלאָר, אַז ער מיינט ר' ברוך מעזשיבישער, דעם בעל־שם־טוב'ס אייניקל.

אַנומלט איז געקומען אַ יאָסער עגונה צו אים, צום צדיק, באשר זי פאָרט שוין אַרום, בפירוש, כמה וכמה שנים, און זוכט איר מאַן. זי איז געווען בײַ אַלע גוטע ייִדן, קיינער האָט איר ניט געקאָנט העלפן. ר' משה רב יהושע'ס איז געווען דערבײַ ווי דער... האָט אַ לאַך געטאָן און האָט דאָס ווײַבל געפירט אין קיך־שטיבל אַרײַן. דאָס ווײַב זײַנס

ליגט שוין כמה וכמה שנים, בפירוש אָן הענט און אָן פיס. דאָרט איז געשטאַנען אַ קאַדקע מיט וואַסער, וואָס דער טאַטער באָדט זיך [זי ?] דע־רינען. „שטעק אַרײַן, ווײַבל, די הענט" — האָט ער אַ ווײַז געטאָן דעם ווײַבל. האָט זי אַרויסגענומען אַ יאַרמעלקע. „גיי זוך דעם קאָפּ פון דער יאַרמעלקע" — די גאַנצע שטאָט האָט געהאַט צו טאָן, בפירוש, מיט דעם מופת.

דער מאָטיוו ווערט דאָ, פאַרשטייט זיך, געזען אין אַ משכילישן קרו־מען שפּיגל — דער צדיק וואָס האָט אַליין אַ ווײַב אַ קאַליקע און קאָן קעגן איר קרענק קיין מופתים נישט אויפטאָן, אדרבה, ער באַנוצט אַ טאָטער ער זאָל זיך מיט איר פאַרנעמען, ווײַזט אָבער אַ מופת אין דער קאַדקע וואַסער, ווו יענער באָדט די קאַליקע, און דאָס מופת ווערט אַזוי דערציילט, אַז דער לייענער זאָל דעם צדיק חושד זײַן, אַז ער האָט אפשר אַרײַנגעלייגט די יאַרמעלקע, די יידענע זאָל זי געפינען און זאָל פון אים קריגן אַ באַפעל, צו גיין זוכן דעם קאָפּ וואָס געהער צו איר, און אַזוי־ווי דאָ האַקט זיך די מעשה אָפּ, הערן מיר ממילא נישט, וואָס מיר האָבן געהערט אין די חסידישע ווערסיעס, וואָס שפּילן אין פּוילן (קאָזשענץ, נעסכיזש) און נישט, ווי דאָ, אין מאָלדעווע (יאַס). די און ענלעכע פּרטים זענען קשיות פאַר זיך. דערווײַל ווילן מיר בלויז באַמערקן, אַז מיר זענען אין באַשטימען פון דער כלי נאָכגעגאַנגען די טעקסטן: דאָרט, ווו עס ווערט דערמאָנט חבית, האָבן מיר געשריבן: פאַס; דאָרט ווו עס ווערט דערמאָנט ספל אָדער אגן האָבן מיר געשריבן בעקן, ווי עס גייט דער טײַטש, און עס פרעגט זיך אויב קאַדקע איז דאָס גרונטיקע (מחמת עס איז דאָס עלטסטע וואָרט: kadka איז אַ סלאַווישער אויסלייג פון נײַגרעקישן kadi וואָס גייט פון kados וואָס גייט ווײַטער פון העברעיִשן כד — און מיינט אַ צעבער), אָבער דאָס פאַרלאַנגט אַ באַזונדערן באַהאַנדל.

מאמר י':

דער גביר און זײַן אורח

א

דער ענין פון רײַכן בעל־בית און אָרעמען אורח, וואָס קריגט צו אים אַ פלעט אויף שבת, האָט אויסגעצײַטיקט אַ היפּשן פאָלקלאָר, אָנגעהויבן

מיט אַן אַנדעקדאָט און פאַרענדיקט מיט אַ נאָוועלע אָדער אַ פּאָעמע, און גייט אויף צוויי פאַרשיידענע ליניעס — איין ליניע, ווו דער בעל־בית איז דער אָפּלאַכער און דער אורח דער אָפּגעלאַכטער, און אירע דוגמות זענען, בדרך כלל, זעלטענערע; די אַנדערע ליניע, ווו דער אורח איז דער אָפּלאַ־כער און דער בעל־בית דער אָפּגעלאַכטער, און אירע דוגמות זענען, בדרך כלל, אָפטערע. פאַרנעמענדיק זיך איצט מיט דער ערשטער ליניע, ווילן מיר אָנווײַזן אויף אַ טיפּישע דוגמה אין דער דערציילונג פון ש״י עגנון „והיה העקוב למישור" (=און דאָס קרומע איז גלייך געוואָרן), וואָס איר ערשטער נוסח איז געגאַנגען אין וועכנטלעכע המשכים („הפועל הצעיר", 1912) און איז אויך דעמלט אַרויס אין וויכע טעוועלעך, און איז, בעצם, דאָס ערשטע בוך זײַנס, וואָס י. ח. ברענער, וועלכער איז פון ייִנגן מחבר און זײַן דרך שרײַבן נתפּעל געוואָרן, האָט עס, אויפן חשבון פון זײַן קעשענע, אַרויסגעגעבן, און עס איז טאַקע דער ערשטער שטאַפּל צו עגנונ׳ס באַרימטקייט. די דערציילונג איז שפּעטער נאָך־אַמאָל אַרויס אין בוך־פאָרם (בערלין 1919), און אַרײַן אין זײַנע געזאַמלטע כתבים (פון 1931 ביז 1959).

די דערציילונג גופא, איז אַ פּראָזאַישער שעדעווער, און ווערט נאָך, עד־היום, דיסקוטירט טאַקע מצד אירע הויפּט־מאָטיוון און אירע מקורות און מצד דער רעליגיעז־פאָלקישער אויטענטישקייט פון דער גרונטיקער פאַבולע.

אָבער מיר אינטערעסירן זיך הײַנט בלויז מיט אַ סיפור־מעשה, וואָס ווערט אײַנגעפלאָכטן אין דער דערציילונג, — עס איז די מעשה פון ר׳ ענזיל סטרײַער און זײַן אורח, וואָס מיר פּרוּוון איצט פאַרייִדישן, אַזוי צו זאָגן:

ב

„עס האָט זיך געטראָפן, אַז אַ קבצן אַ פּרעסער, אַ מחוצף, אַ זויפער, האָט געקריגן אַ פלעט פונעם צדקה־גבאי, צו עסן שבת בײַם גאון ר׳ ענזיל סטרײַער. ערב־שבת איז דער אָרעמאַן געגאַנגען אין מרחץ אַרײַן און האָט זיך דאָרט אויך צוזאַמענגעטראָפן מיטן דאָזיקן ר׳ ענזיל, און דער אָרעמאַן האָט אים נישט דערקאַנט, בעוויל ביידע זענען געווען נאַקעט, און מען האָט נישט דערקאַנט צווישן רײַך און אָרעם. פרעגט אים ר׳ ענזיל: ווער ביסטו? ענטפערט ער אים: איך בין אַן אָרעמאַן. פרעגט ער

אים: און ווּ עסטו שבת? ענטפערט ער אים: וואָס ווייס איך, מען האָט מיר צוגעטיילט אַ פּלאַץ ביי עפּעס אַ הענזיל־שמענזיל, — און לשם חוזק האָט ער אַזוי געזאָגט. האָט דער רב תיכף דערקענט זײַן מהות און פאַר־קרימט די ליפּן, ווי איינער וואָס זאָגט: ווי צו דיר, און צו דײַן מזל, ווי צו דיר און צו דײַן טיש. האָט דער אָרעמאַן געמיינט, אַז עס איז טאַקע אַזוי, אַז דער ר׳ ענזיל באַזאָרגט, חלילה, נישט, זײַנע אורחים, מיט קיין לײַטישער סעודה, האָט ער אים געפרעגט דערוועגן. האָט אים ר׳ ענזיל געענטפערט: איצט האָסטו נישט קיין ברירה, און זאָל זײַן וואָס עס וועט זײַן, אָבער וואָס פריִער דו וועסט דיך געגוג אָנעסן, איידער דו וועסט קומען צו דעם ענזיל, בין איך זיכער, אַז דו וועסט נישט אַרויס אַ הונגע־ריקער. ווי דער אָרעמאַן האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך צוגעאײַלט און פאַר זיך, פאַר זײַן געלט, באַשטעלט אַ לײַטישע סעודה, און איידער עס האָט זיך פאַרענדיקט דאָס שבתדיקע שחרית־דאַווענען, האָט ער אָנגעשטאָפּט דעם בויך זײַנעם ביז צום גאָרגל. נאָך־דעם ווי ער האָט געגעסן און געטרונקען, האָט ער זיך אָנגעשלאָסן צו ר׳ ענזיל. און דאָס דאַרף מען וויסן, אַז ר׳ ענזיל איז געווען אַ גרויסער עושר און דער טיש זײַנער איז געווען אָנגעשפּיקעוועט, און די אָרעמעלײַט האָבן זיך אָנגעג־זעטיקט פון פעט פון זײַן שטוב און אָנגעטרונקען פון זײַן קעסטלעכן ווײַן. איז ר׳ ענזיל אַרײַן אין שטוב און באַגריסט דאָס הויזגעזינד גאָר ברייטלעך און האָט זיך געגרייט צו דער סעודה מיט זמירות און תשבחות. ער האָט געמאַכט קידוש אויפן ווײַן און האָט אויך דעם אורח אָנגעגאָסן אַ היפּש כּוס, און האָט אים צוגעטיילט אַ שיינע פּאָרציע פון כּלערליי געבעקס, זעמעלעך און האָניקבולקעלעך און ראָזינקע־קיכלעך און דינע מאַנדל־ברייטלעך און אַ געבעקס מיט ציקאָדע און ניס, און אַ געבעקס געקנעטן אין בוימל און סאָרפּ און כּלערליי פּירות, און האָט פאַר אים אַנידערגעשטעלט סײַ פּשוטן בראָנפן, סײַ בראָנפן געקאָכט אין קאָרשן־סאָק, סײַ בראָנפן געקאָכט אין פלוימען און רויטע ווײַן־טרויבן, און איידער מען האָט זיך גענומען צו דער עיקר־סעודה, האָט מען דערלאַנגט כּלערליי פיש, פיש געטונקען אין נעגעלעך און סתם פיש, וואָס מען עסט זיי מיט פּלעצלעך און קיכלעך, געפּראַזשעטע אויף קוילן און געטונקען אין אייער און אין זיסוואַרג. און ר׳ ענזיל איז געזעסן אויבן־אָן און געגעסן צו־דער־זעט און געקוקט אויפן אָרעמאַן, וואָס האָט געשקראַבעט אַ בידנע פּלעצל און עס געטונקען, אַהין און אַהער, אין דער פיש־יויך, און [דער בעל בית] האָט הנאה געהאַט און אים צוגעוווּנקען, ער זאָל עסן לכבוד שבת, ביז זיי

האָבן פֿאַרענדיקט סעודת ר׳ חידקא. פֿאַרענדיקט סעודת ר׳ חידקא, האָט מען דערלאַנגט וואַסער צו נטילת ידים פֿאַר דער סעודה פֿון טאָג, און אויפֿן טיש גלאַנצן גרויסע און שיינע חלות, אין דער צאָל פֿון די שבטי ישראל, געל ווי אייער־געלעכער, באַשפּרענקלט מיט טשערניטשקע, באַ־הויכט מיט אַ ווײַסלעכץ פֿון אַן איי. האָבן זיי געמאַכט אַ מוציא און מען האָט זיי דערלאַנגט אייער געפּרעגלט אין ציבעלעס און גריוון, און אייער צעשטויסן אין עסיק און גרינצײַג, און אייער און רעטעך און פּלוצערן, און דער רעטעך איז געלעגן אין אַ שיסל און עס האָט פֿון אים געזעצט אַ פּאַרע, און אַ לעבער געווייקט אין האָניק און אַ מילץ אָנגעטאָפּטשעט מיט רײַז און שמאַלץ, און אַ העלדזל און אַ לעבער און פֿעט פֿלייש און אַ יויך און אונגערישן ווײַן און אַ יויך פֿאַרגליוועט אין זויערן און אַ באַוורצטער פּוס פֿון אַ בהמה, און דער טיש איז געווען געגרייט פֿול מיט גאָטס ברכה און האָט ממש געהאַלטן זיך אײַנברעכן מחמת דער גוזמא עסנוואַרג, און דער ריח פֿונעם עסנוואַרג איז ווי דער געשמאַק פֿון גן עדן. אָבער וואָס האָט דער אָרעמאַן געקאָנט טאָן, אַן זײַן בויך איז געווען פֿול? און ר׳ ענזיל מונטערט אים צו צום עסן, און רעדט אים צו: עסט, ר׳ ייִד, עסט דאָס און יענץ, ס׳איז הײַנט שבת צום אייבערשטן. עסן שבת איז אַ מצווה. קוים ווילט איר נישט דאָס, קאָן מען אייך ברענגען זאַכן וואָס זאָלן אײַך מער שמעקן. און ער האָט תיכּף אַ רוף געטאָן: אײַלט זיך און ברענגטס דעם ערשטן קוגל און גיסט אים אָן אַ בעכער מעד. נאָך איז דאָס וואָרט אויף זײַן צונג, און שוין שטייען פֿאַר אים אַלע באַטעמטע צימלעכקייטן פֿון דער וועלט, און דער בעל־בית באַדרענגט אים: עסטס נאָר, עסטס, אַ לײַטישער אורח טוט אַלץ, וואָס דער בעל־בית הייסט, ס׳טויג נישט אָפּצו־קומען מיט „ויאכלו״. בקיצור, דאָס אויג זעט און דאָס האַרץ גלוסט, אָבער נישטאָ קיין עצה און קיין דעה קעגן אַ פֿולן בויך; אויב די קישקעס זענען פֿאַרשפּאַרט, ליגן מויל און צונג אין קימפּעט. איז אים דאָס בלוט געוואָרן אַ פֿלאַם־פֿייער, און ער האָט געשריגן מיט קולי קולות: אַ רוח אין דעם פֿאַרשווין אַרײַן, וואָס האָט מיך נעכטן אין מרחץ אָפּגענאַרט. און ר׳ ענזיל און דאָס הויזגעזינד האָבן געלאַכט און געשפּאָט, און געשעפּט תענוג, ווי גאָטס געבאָט, און דאָס שירות און די דינסטן האָבן ליצנות געטריבן, און דער אָרמעאַן האָט זיך אין מיסט געריבן״.

עד־כּאן נוסח ש״י עגנון (כּל סיפּורי, תשי״ט, ז״ז צ״א—צ״ג) צו וועלכע עס בעטן זיך עטלעכע באַמערקן.

ג

ערשטנס, וואָס שייך די גוזמאדיקע רײַכקייט פונעם טיש אין עסן־ און טרינקוואַרג — איז זי נישט פאַראייבצלט אין דער ליטעראַטור פון דור — מיר האָבן זי נאָך עגנונען, אַ שטייגער, ביי ח. נ. ביאַליק, ז. שניאור, חיים הזז, י. י. טרונק און אַנדערע, און עס פאַרדינט אַ באַזונדערן באַהאַנדל. די קשיא, צי דער שבת־טיש, אַפילו ביי אַ גביר עצום, איז טאַקע געווען אַזוי איבערגעלאָדן, בפרט לגבי מאכלים פאַר דער אייגנטלעכער סעודה — איז טאַקע אַ קשיא, און אויף וויפל איך מעג מיך סומך זײַן אויף דעם וואָס איך האָב געזען בײַ כלערליי טישן, פון גאָר פאַרמעגלעכן שטאַנד, קאָן איך דאָס נישט באַשטעטיקן. אָבער אָט לייען איך אַ בוך פון אליעזר באש „פאַרבאַרגענע פּראָפּילן״ (מאָנטרעאַל 1978), ווו מיר האָבן אויטענטיש עדות וועגן יידישן שטייגער אין דער סביבה פון מאַרמאַראָש־סיגעט, און זע און הער: „אויף שבת איז בײַ יענקלען אָנגעגרייט מעדני מלכים: עכטער טאָקאייער ווײַן, פסחדיקער סליוואָוויץ און קאָניאַק, פאַרשיידנערליי פיש: געפילטער קאַרפּ, פיסטראַנגען, געפּרעגלטע מאַראַנעס, ווי אויך גאַ־לירעטע פיש (פיש געקאָכטע אין זיסן און זויערן); געבעקסן: צוויבאַק, טאָרט און לעקעך, פלאָדן און שטרודל — דאָס אַלץ איז אָנגעגרייט אויפן טיש נאָר פאַר „קידוש״ אַליין. נאָכדעם ערשט גייט אַ סדרה פון וואַשן זיך צו דער שבת־דיקער סעודה״ (ז׳ 37).

צווייטנס, וועגן גביר און גאון ווי עגנון באַשרייבט אים — עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ ממשדיקער פיגור — עס איז דער באַרימטער רב ר׳ יקו־תיאל אשר ענזיל צוויזמער, — אַזוי גערופן לויטן אָפּשטאַם־אָרט פון דער משפחה. צויזמער (סאַנדאָמיעזש אין דרום קאָנגרעס־פוילן) איז באַקאַנט ווי ר׳ ענזיל סטרײַער, ווייל ער האָט געווירנט אין סטרי (דרום־מזרח גאַליציע), און אַ טייל פון זײַנע שאלות־תשובות זענען אַרויס שפּעט אין דרוק (לבוב, תרמ״ב). צווייטנס, דער סיפּור־מעשה וואָס איז, בעצם, אַ וואַנדערנדיקער מאָטיוו, איז נישט אַזוי אייגנטײַטיק, ווי אין דער דערציילונג, און מעגלעך, אַז ווער עס האָט תחילת די מעשה ר׳ ענזילן אָנגעהאָנגען, האָט עס געטאָן מיט אַ באַזונדערער, און נישט גוטווייליקסטער כוונה. ווען איך בין געווען אין סטרי (זע מיין בוך „ארחות ושבילים״, באַנד 2, ז׳ 217 ואילך), האָט מען שוין די מעשה נאָכדערציילט, לויט עגנונ׳ס ווערסיע, און זי איז אפנים געווען זייער מקור. אָבער ר׳ ענזילס אַן אייניקל, וואָס האָט נאָך דאָרט דעמלט געלעבט — דער פאַרשפּעטיקטער משכיל, ר׳ נחום ענזיל מענדראָ־

כאָוויטש, דער מחבר פון אַ בטלניש ביכל „אספקלריה מאירה" (דראָהאָ־ביטש, תרנ"ב) — האָט געהאַלטן, אַז די מעשה, וואָס מען האָט אָנגעטשעפּעט זײַן זיידן, איז אַ בלבול פון חסידים, וואָס האָבן אים נישט איבעריק האָלד געהאַט. און עס לאָזן זיך ברענגען כמה ראיות סײַ פאַר און סײַ קעגן דעם אייניקלס סברה — פאַר, איז דאָך ר' ענזיל אין זײַן קענגערשאַפט צו חסי־דים אַזוי ווײַט געגאַנגען, אַז ער איז, ווי־זט אויס, גרייט געווען צו פאַר־שפּרייטן יוסף פּערלס אַנאָנימען ספר „מגלה טמירין"; קעגן, האָט דאָך אויך פּערל דער עסטרײַכישער רעגירונג, פאַרמסרט, אַז ר' ענזיל איז דער אָפּיציעלער רב אין פּרעמיסלע [=פּשעמישל], ווײַל ער קען אַ קאָפּ דײַטשיש, אָבער באמת איז ער אַ סוחר אַ ספּעקולאַנט, וווינט אַ גאַנץ גייענדיק יאָר אין סטרי, און קומט אַמאָל קיין פּרעמיסלע וועגן זײַנע מסח־רים, און פאַקטיש איז דאָרט רב אַן אַנדערער, וואָס איז אַפילו נישט אָנגע־מאָלדן בײַ דער רעגירונג (רפאל מאַהלער: „דער קאַמף צווישן השכלה און חסידות אין גאַליציע", ניו־יאָרק, 1942, ז' 197).

אַז דער סיפּור־מעשׂה איז באַזונדערס אָנגעגאַנגען אין דרום־גאַליצישע קאַנטן לערנען מיר אָפּ פון שמשון מעלצערס מאַקאַמע: „ר' הנזיל גביר והקבצן" („אור זרוע", תשל"ז, ז"ז 188—195). אין אַ באַמערק דערצו שרייבט ער: ר' הענזיל איז ר' ענזיל צוויזמער (ראשי־תיבות: ע"ץ) וואָס זײַן פאַמיליע־נאָמען איז פּעפּערבוים, דער רב אין סטרי. ער דערמאָנט אויך עגנונס ווערסיע, דערציילט אָבער די מעשה, ווי ער האָט זי געהערט מסתמא אין טאָוסט (טליסט, טלוסטע) אַנרופנדיק די שטאָט דוֹדן — Stryj, מיינט פּויליש אַ פּעטער, דעם פאָטערס ברודער. נאָך־דעם ווי מיר הערן, אין דער מאַקאַמע, וועגן דעם ר' הענזיל, זײַן גרויס עשירות און גרויס למדנות, זעען מיר אים ערב שבת אין מרחץ, ווי ער לאָזט זיך אָפּגיסן מיט שעפּעלעך הייס וואַסער, אַז עס גייט אַזש אַ פּאַרע, און נאָך דעם זעצט ער זיך אַנידער אָפּרוען, און דערהערט עמעצן קרעכצן, און דערזעענדיק אַ יידן, ווי־זט אויס אַ פּרעמדער אורח, פרעגט ער אים פאַרוואָס ער קרעכצט, און דערוויסט זיך, אַז יענער איז אַ קבצן, וואָס וואָלט זיך אָרום די גאַנצע וואָך, און עסט זיך אָן בלויז פון שבת צו שבת, ווייסט אָבער נישט, צי דער גביר, בײַ וועלכן ער וועט מאָרגן עסן, געהער נישט צום סאָרט פון יענעם דבר־אחר, וואָס שטאָפּט מיט אַ סך זמירות און מיט ווייניק לאָקשן, און בײַ וועלכן ער האָט יענע וואָך געגעסן. איז ר' הענזלן נישט געפעלן, וואָס דער ייִד האָט, וועגן אַ פּעטער אָדער מאָגערער סעודה, אַן אַנדערן ייִד מבזה געווען, און ער פרעגט אים, צו וועמען דער גבאי האָט אים געשיקט

אויף שבת, ענטפערט ער, אַז צו עפּעס אַ הענזל אָדער גענזל, און פרעגט זיך אָן אויף אים. מאַכט זיך ר׳ הענזל תמוואַטע און זאָגט: דער הענזל איז אַן עושר און אַ גרויסער סקנער, און האָט נאָך קיינמאָל נישט מכבד געווען אַן אורח מיט אַ לייַטיש מאָלצייט, אָבער אַ מנהג האָט ער, אַז די עיקר סעודה, אום שבת און יום טוב, זענען ביי אים די פיש, און נישט אַזוי די פיש, ווי די פיש־יויך, און דערפאַר טאַקע עצה׳ט ער דעם אָרעמאַן, ער זאָל האַלטן אין איין טונקען און עסן, טונקען און עסן.

וואָס מיר האָבן געהערט ביי עגנון, האָבן מיר, בעצם, ביי מעלצער, אָבער חוץ דעם חילוק פון דער קאָנסטרוקציע — דאָרט אַ פּראָזאַישע און דאָ אַ פּאָעטישער, קאַליידאָסקאָפּיש געבויטער קונציק געגראַמטער נוסח. פאַראַן אַ חילוק אין אַ סך פּרטים, און זייער דראַמאַטיזאַציע, און נאָר אַ סטריקט פאַרייִדישטער נוסח, וואָס מיר נעמען זיך נישט אונטער, און בלויז דער דיכטער אַליין — וואָלט עס געקענט מאַכן, ווי ער האָט שוין באַוויזן צו טאָן, וועלן מיר זיך, בעל־כרחו, באַנוגענען מיט אַ קיצור — מיר האָבן אויך דאָ אַ שפע פון עסנוואַרג און טרינקוואַרג, וואָס קומט אַלעמאָל אויפן טיש, אָבער אַזוי ווי מען האָט צום־ערשט דערלאַנגט די פיש, און דער אָרעמאַן האָט געדענקט דעם בעל הבית׳ס מנהג, און נישט געוווסט, וואָס מען וועט נאָך דערלאַנגען, האָט ער מיטן פולן מויל געשלונגען, בפרט אַז דער בעל־בית האָט אים נאָך אונטערגערוקט כפל כפליים, אַזוי אַז דער בויך האָט זיך אים פאַרשטאָפּט ביז גאָר, און זעענדיק, ווי מען האַלט אין איין דערלאַנגען די מאכלות און משקאות און הערנדיק ווי דער בעל־הבית רעדט אים רעכט צו טועם צו זיין, איז ער ווי אין געהאַקטע ווונדן — ער קאָן דאָך קיין שלונג נישט טאָן, און שעלט אַלעמאָל יענעם בעל־עצה, וואָס האָט אים אַזוי ביטער אָפּגענאַרט. צום סוף, אַז די קללות זיינע גייען שוין אין די גדולות, זאָגט אים ר׳ הענזל, אַז ער איז עס געווען דער בעל עצה, כדי אים אָנצולערנען, נישט צו זיין קיין פרעסער, און אַז ער זאָל וויסן, ווער און וואָס עס איז ר׳ הענזל, און אויב עס וועט אים נאָך אַמאָל אויסקומען צו זיצן ביי זיין טיש, וועט ער מער נישט קרעכצן.

ד

נאָך דעם ווי מיר האָבן געהערט דעם דערציילער און דעם דיכטער, איז כדאי צו הערן דעם פאָרשער — בערל (בערנאַרד) וואַכשטיין, וואָס זיין וויסנשאַפטלעכע מי האָט אויך אַרומגענומען פאָלקלאָר (האָט דאָך דער ייִדיש וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט אַרויסגעגעבן אַ וואַכשטיין־בוך,

ווילנע 1939). אויך ער איז אַ דרום־גאַליציאַנער, טאַקע אַ טליסטער, און קען דעם סיפור־מעשׂה פֿון יענע קאַנטן. ער ברענגט אים אין זײַן דײַטשן געזעמל Folkloristisches Allerlei (ווין, 1925, ז״ז 13—14). דער נאָמען פֿון אַנעקדאָט, סי׳ 5, Die Folgen der Neugierde און ער פֿאַרשיבט ממילא דעם אַקצענט פֿון אַנעקדאָט, וואָס דערמאָנט אַנאָנימע פֿאַרשווינען. מיר ווען אים דאָ פֿאַרייִדישן:

„אַן אָרעמאַן האָט אַמאָל געקריגן פֿונעם צדקה־גבאי אַ פּלעט אויף שבת. איז ער געווען זייער פֿאַכאַפּנע זיך צו דערוויסן, ווי עס גייט צו בײַם בעל־הבית, וועלכן מען האָט אים אָנגעוויזן, בעיקר, ווי עס האַלט דאָרט מיט דער אכילה. האָט ער באַנוצט דעם ערשטן־בעסטן שעת־כּושר און האָט אין מרחץ, ווו מען טרעפֿט פּרײַטיק אַלע ייִדן, זיך אָנגעפֿרעגט, ווי זעט עפּעס אויס דער טיש בײַם בעל־בית פּלוני אלמוני. צופֿאַליק האָט ער אָנגעטראָפֿן אויפֿן ייִדן, וואָס דער פּלעט איז געווען אַדרעסירט צו אים. דער האָט דעם פֿרעגער אינפֿאָרמירט, אַז פּלוני אלמוני איז גרײַלעך אַ גביר, אָבער אַ קמצן. דאָס איינציקע, וואָס ווערט דאָרט בשפע אויפֿגעגעבן, זענען פֿיש. דער אורח, וואָס האָט, אין אומגינציקע אָפּטישע באַדינגען, צום ערשטן מאָל געזען זײַן גאַסט־געבער, האָט אים נישט דער־קענט, ווען ער איז געזעסן פֿאַר אים אין די שבתדיקע בגדים. מען האָט געמאַכט קידוש, און זיך גענומען צו דער סעודה. צום טיש האָט מען דער־לאַנגט פֿאַרעדיקע שיסלען, פֿול העכט און קאַרפּן. דער אורח האָט געק־ריגן אַ באַזונדערס גרויסע פּאַרציע. דער דלפֿן האָט זיך מיט התלהבות צוגעכאַפּט און בשעת ער האָט שוין געהאַט פֿאַר זיך אַליידיקן טעלער, האָט דער גביר פֿאַוואָליע און געמיטלעך קוים אַראָפּגעשלונגען עטלעכע ביסן. אַז דער בעל־הבית האָט דערזען, אַז דער אורח זײַנער זיצט בטל, האָט ער אים צוגעשאָרט זײַן אייגענעם טעלער. יענער, מיינענדיק אַז די פֿיש זענען דער אָנהייב און דער סוף, איז אויך מיט דער פּאַרציע פֿאַר־טיק געוואָרן, און האָט זיך באַלד געפֿילט זאַט און פֿול. צו זײַן דערשטוין איז אָבער איצט געקומען די יויך מיט די לאָקשן. עס האָט זיך געטראָגן אַ ריח פֿון די בעסטע מיני פֿליישן, און אין אײַנגעווייד פֿון אונדזער אורח האָט זיך צעפּלאָקערט אַ ווידערנאַנאַד צווישן קאָנען און ווען. על כּל פּנים איז אים געלונגען זיך מיט דער יויך אַן עצה צו טאָן. אָבער דער נסיון האָט זיך נאָך לאַנג נישט געענדיקט. עס איז אַרויף אויפֿן טיש דאָס פֿײַנע עופֿות־פֿלייש, וואָס די יויך איז בלויז געווען זײַן אָנזאָגער, מיט כלערליי צולאָגן. ער האָט געפֿילט זײַן גאַנצע אוממאַכט און

מיט אַ יעדן ביסן האָט ער צוגעברומט אומפאַרשטענדיקע קולות. אָבער אַז מען האָט, סוף סוף, דערלאַנגט צום טיש דעם צימעס און דאָס געבראָטנס, האָט ער לענגער נישט אויסגעהאַלטן און מיט כל אמצי־כוח אַ שרײַ געטאָן: אַ רוח אין זײַן טאַטנס־טאָטן אַרײַן געפּלויגן געוואָרן, אַזאַ ליגנער, אַזאַ הילטאַי!!"

מאמר י"א:

יונה הומיה

א

מיט יאָרן צוריק, איז אין פּתח־תקוה פֿירגעקומען דער ערשטער צו־זאַמענטרעף וועגן ארץ־ישראלדיקן פֿאָלקס־ליד, ווו איך האָב געהאַט דעם כבוד און תענוג צו האַלטן דעם אַרײַנפֿיר־רעפֿעראַט, וואָס איז שפּעטער אַרײַן אין מײַן בוך „אבני בוחן" (תל־אביב, תשי"א) — האָב איך, דעמלט און דאָרט, געהאַט אַ שעת־כּושר זיך אָפּצושטעלן אויפֿן חילוק צווישן די צוויי באַוועגונגען וואָס האָבן, אין די לעצטע דורות, זיך געראַנגלט אין ייִדישן לעבן, און געווען מחולק אויך אין זייער באַצי צום מעלאָס, און איך האָב געפּרווט אַזוי פֿאָרמולירן: השכלה — לידער אָן ניגונים; חסי־דות — ניגונים אָן לידער. אָבער אַזוי־ווי עס איז נישט פֿאַראַן קיין כלל אָן אַ יוצא — דאַרף מען מרמז זיין אויף די ווייניקע אויסנעמלעכע דוגמות, סײַ אין חסידות, סײַ אין השכלה, מיט דער הנחה, אַז דער יוצא־מן־הכלל באַשטעטיקט דעם כלל.

ב

און עס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז די השכלה־דיכטונג האָט מסתמא, אין דעם ענין, געוואָלט האָבן אַן אַנדערן גורל, און אויב מען זאָל צוזאַמענשטעלן די אָדעס און תפילות, וואָס די משכילים האָבן מחבר געווען און אַפֿילו מכוון געווען, זיי זאָלן ממש געזאָגט און געזונגען ווערן, ווי אַ טייל פֿון דער ליטורגיע, און אַ טייל פֿון זיי האָבן, כּמעט בלויז געלעגנטלעך, און לרוב איינמאָליק, דערצו זוכה געווען, מעג מען, דוכט זיך, זאָגן, אַז דאָס איז געווען איינס פֿון זייערע טיפֿסטע פֿאַרלאַנגען: אַרײַן אין סידור. אָבער, ווי באַקאַנט, איז דאָס סידור שוין דורות לאַנג אָפּגעש־

לאָסן, לא כל שכן פּאָר משכילישע פּיוטים און תפילות. נאָר צום סוף פון דער השכלה, האָט אַ היפּש בינטל חיבת־ציון־לידער צוגעקריגן מעלאָדיעס און זיי זענען געשמאַק געזונגען געוואָרן, און אַ טייל דערפון לעבט נאָך, אין מויל פון אונדזער דור, עד־היום.

וואָס שייך ווײַטער דער מיט־השכלה, אין מזרח־אייראָפּע, האָבן בעיקר, און אפשר בלויז, צוויי לידער געהאַט אַ בעסערע מערכה — קודם כל, דאָס ליד פון מאיר הלוי לעטערים „יונה הומיה", וואָס האָט געהאַט אַ מעלאָדיע ממש, און שפּעטער דאָס ליד פון אד"ם הכהן, „התמורה", וואָס האָט זיך געהאַלטן אין דער רעם פון רעטשיטאַטיוו. דאָס ערשטע ליד האָט דער מחבר זײַנער צוערשט געבראַכט אין געזעמל „הצפירה" (זשאָל־קיוו, 1824), און שפּעטער אין זײַן בוך „תופש כנור ועוגב" (ווין, 1860, ז"ז 73—75), און דאָ ברענגט ער, בײַם סוף־ליד, אַזאַ הערה: „דאָס ליד האָט זיך געמאַכט אַ נאָמען, כמעט אין אַלע תפוצות־ישראל, אַ סך מער, ווי איך האָב געהאָפּט, און אין עטלעכע קהלות האָט עס געמאַכט אַ גרויסן רושם, און מען האָט עס געזונגען מיט אַ מעלאָדיע, אין כאָרן פון זינגערס און זינגערינס, כדי צו דערוועקן דאָס האַרץ פון יעדן, וואָס האָט ליב זײַן פאָלק און זײַן רעליגיע" (דאָרט ז' 75).

ג

אַזוי דער מחבר גופא, און איצט וואָס עס זאָגט אַ מיט אַ דור יינגערער פון אים, פּרץ סמאָלענסקין, און דווקא, ווען ער קריגט אויף לעטעריסעס בוך „אלישע" בן אבויה" (אַ פּאָעטישע אימיטאַציע פון געטעס „פאַוסט"). און אַזוי שרײַבט סמאָלענסקין אין אַריינפיר צו זײַן ראָמאַן „שמחת חנף" — דערמאָנענדיק זיין אָפּשאַץ־וואָנדל לגבי לעטעריס: „כאָטש אין מײַנע אויגן איז ער דעמלט געווען אַ גרויסער דיכטער, דען די חניפהניקעס האָבן זייער גײַסט אויף מיר אויסגעגאָסן, און דאָס ליד „יונה הומיה", וואָס האָט געפאַנגען מײַן האַרץ, ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין יינגל, האָט אים נאָך שפּעטער באַקריינט מיט אַ זייער געהויבענער דיכטער־קרוין אין מײַנע אויגן, אָבער דאָס ספר („אלישע בן אבויה") האָט געעפנט מײַנע אויגן, אויף צו זען, אַז איך האָב מיך זייער טועה געווען".

און נאָך אין אונדזערע טעג, שרײַבט יוסף קלויזנער וועגן דעם דאָזיקן ליד, ווי דעם איינציקן אָריגינאַלן ליד פון לעטעריס, וואָס האָט אַן אייגע־נעם און איבערצײַטיקן ווערט („היסטוריה של הספרות העברית החדשה", באַנד 2, תשי"ב, ז' 398). פּישל לאַכאָווער ווײַזט אָן, ווי אַרום דעם עיקר

פון ליד, די טויב ווי אַ גורל־סימבאָל פון דער כנסת־ישראל („יונתי בחגוי הסלע״) האָט זיך, ביי לעטעריס, אַרויסאַנטוויקלט פון דעם מאָטיוו פון אַ פויגל, אין זיין ליד וועגן משה רבנו, וואָס האָט געבענקט צו זיין לאַנד, צו זיין נעסט, אָבער ווי דער פסוק גייט: דער פויגל האָט געפונען זיין הויז און די שוואַלב איר נעסט, אָבער ער, משה, האָט נישט געפונען קיין רו צו זיין פוסבאַלעם. דאָס ליד „יונה הומיה״ — זאָגט לאַכאָווער — איז, מיט דער צייט, געוואָרן אַ פאָלקס־ליד, און דאָס ווייזט אָן אויף די פשוטע פאָלקישע יסודות, וואָס געפינען זיך אין ליד, ווי אויך אויף זיין פשוטן גראַם, וואָס באַשטייט אויף דער נגינה. ווי אָן אמת פאָלקסליד חזרט זיך דאָ עפּעס איבער און איז עפּעס צו לאַנג, פאַרמאָגט אַ משל מיט אַ נמשל, און דער נמשל דערקלערט זיך ביים סוף ליד, פונקט, ווי עס פאַרמאָגט אַ פירוש, ווי עס פירט זיך אין דער גייסטיקער, יידישער, רעליגיעזער מסורה״ („תולדות הספרות העברית החדשה״, בוך 2, חלק 1, 1946, ז״ז 8—9).

ישראל צינבערג וויטער באַצייכנט „יונה הומיה״ ווי לעטעריס׳ פּאָפּו־לאַרסטע ליד, וואָס איז, במשך דורות, געזונגען געוואָרן אין גאַליציע און ליטע — עס קלינגט דערינען: „דער אַלטער, כמעט פון אַלע העברעישע דיכטערס אויסגענוצטער, מאָטיוו, ווו די כנסת ישראל ווערט געגליכן צו אַ טויב, וואָס איז פאַר אירע זינד פון איר נעסט פאַרוואָגלט געוואָרן״. ער — צינבערג גופא — געדענקט נאָך „דעם טרויעריקן ניגון, מיט וועלכן יונגע ישיבה־בחורים און משכילים פלעגן זינגען די עלעגישע סענטי־מענטאַלע סטראָפעס״ („די געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן״, באַנד 9, ז״ז 112—113).

אַ באַזונדערן פונקט אין דעם ליד האָט אויסגעבולט אברהם שאנן: „דער ערשטגרונט אין לעטעריס פּאָעזיע איז אַ המשך פון דער מעלאַנכאָליש־פאָלקישער פּאָעזיע פון די גאַליצישע דיכטערס, ווו דער טרויער פון יחיד („יגון היחיד״) איז פאַרשלייפט אין גורל פון ישראל, ווי אַ שטייגער „יונה הומיה״, דער סימבאָל פאַרן גורל פון כנסת ישראל אין אירע ליידן״ („הספרות העברית החדשה לזרמיה״, 1962, באַנד 1, ז״ז 160—161).

ד

אַזוי־ווי צינבערג דערמאָנט, אַז כמעט אַלע העברעישע דיכטער האָבן דעם טויבן־מאָטיוו, ווי אַ סימבאָל פאַר כנסת־ישראל, אויסגענוצט, איז כדאי צו דערמאָנען, אַז ר׳ דוד כהנא האָט געפּרוווט דעם מאָטיוו נאָכצוגיין אין זיין אַרבעט „יונה הומיה״, ווו ער האָט אויסגערעכנט אַלע העברעישע

לידער אויף דער טעמע, אין אַלע צײַטן און אין אַלע ערטער, ביזן יאָר תרמ״ח („האסיף״, תרמ״ט, ז״ז 81—91), און עס פאַרשטייט זיך, אַז דערמיט איז נאָך דער מאַטעריאַל ווײַט נישט אויסגעשעפּט געוואָרן, בפרט אַז זײַט דעמלט זענען צוגעקומען גרויסע געפינסן פון דער העברעיִשער מיטלאַל־טערלעכער פּאָעזיע, און די מאָדערנע ליטעראַטור האָט אויך אירס צוגעלייגט און דאָס פאַרלאַנגט אַ סך אַרבעט, אויב זי וויל אַרומנעמען די גאַנצע פאַר־צווייַגטקייט פון דער דאָזיקער השפּעה.

דען אפילו בלויז אין דער רעם פון באַנוץ מיטן בילד יונה הומיה — דער באַהעפט גופא איז נישט פאַראַן אין תנ״ך, און האָט זיך מסתמא פאָרמירט לויטן פּסוק: כיוני הגיאיות כולם הומות (יחזקאל ז, ט״ז) טײַטש: עלעהיי טויבן פון די טאָלן אַלע קלאָגן — איז עס אַ קאָמפּליצירטער ענין; און כדי עס בלויז אויבנאויפיק צו אילוסטרירן, דערלויב איך מיר צו ברענגען אַ פּאָר צוואָרפענע דוגמות — אַזוי, אַ שטייגער, אין דער השכלה־עפּיגאָניע — יעקב ביבערינג, שרײַבנדיק וועגן דער טויב אין נח׳ס תיבה: „והנה פתאום יונה הומיה / על הצאן פרשה כנפיה / ובצפצוף נעים פתחה את פיה / ושמעתי האזנתי חין אמריה״ („אגודת שושנים״, 1876, ז׳ 112), טײַטש: און פּלוצים אַ קלאָגנדיקע טויב, האָט אויף די שעפּעלעך [קליינוואַרג] — אויסגעשפּרייט אירע פליגל און מיט אַ ליב געצוויטשער האָט זי איר מויל געעפנט, איך האָב געהערט די צימלעכקייט פון אירע ווערטער. און טאַקע אין אירע ווערטער, חזרט ער איבער, אין גראַמען, וואָס עס ווערט געבראַכט אין פּרשת נח. אָבער דער דיכטער ברענגט אויך אַ ליד אין פּראָזע וועגן אַ טויב סתם און אין זײַן צײַט: „בואו נא עמי שמה על הרר גבנון אלון בלבד, ועל ראש צמרתו יונה הומיה כנפיה משקת ובצפצוף נועם הוד קולה תשמיע: אני לדודי ודודי לי! תמשכהו חסד בחבלי אהבה״ (דאָרט, ז׳ 20); טײַטש: קומט נאָר מיט מיר אַהין, אויף אַ געבויגן בערגל, זעט מען אַן איינציקן בוים, און אויף זײַן העכסטן צווײַג טוט אַ קלאָגנדיקע טויב אירע פליגלען צוזאַמענקלאַפּן און מיט אַן אָנגענומענעם געצוויטשער לאָזט זי הערן די פּראַכט פון איר שטים: איך צו מײַן פרײַנד מײַן פרײַנד צו מיר, ציט ער אים צו, מיט גענאָד, מיט שטריק פון ליבשאַפט.

און פון דאַנעט אַ שפּרונג צו ח. נ. ביאַליק: זײַנס אַ פּאָלקסליד („מאחורי השער״) הייבט זיך אָן: „בת יונים הומיה / בת יונים בהירה / נחתני בים / על כנפי הסירה / ותוליכני / לארץ הבחירה״, טײַטש: אַ קלאָגנדיק טײַבעלע, אַ קלאָר טײַבעלע; האָט מיך געפירט אין ים, אויף די

פליגל פון דער לאַדקע און האָט מיך געבראַכט אין אויסגעוויילטן לאַנד. איך האָב שוין אַנגעוויזן, אַז ביאַליק האָט דאָ פאַראַרבעט אַ יידיש פאָלקס־ליד, וואָס גייט פון דייטשיש („איינע קליינע ווייסע טייבל פירטע מיך נאָך ענגעללאַנד"), און האָט אים געגעבן דעם היימישסטן קאָלאָריט. און האָב אויך באַמערקט, אַז דאָס ליד איז געוואָרן אַ הימנע פון די מעפּילים, וואָס די ענגלענדער האָבן פאַרשפּאַרט אין ציפּערן.

און פון דאַנעט וויַיטער אַ שפּרונג צום הייַנטיקן טאָג — האַראַלד שימעל שרייַבט אין זייַנס אַ ליד: „ופשטתי כבר אז בגדי / ואני דוהר, דוהר / עיגולים עיגולים / על חולות נכר / בגולה — אל גולה לבי נשפך / שירה לגולה הנשכחה / גולה העזובה / יונה הומיה / ולאן אשוב / ובמה אטפס / ואיך אחזיק את פתיתי השלג על פני / כדמעות — / גולה" („מאזניים", סיון תשל"ג); טייַטש: און איך האָב שוין אויסגעטאָן מייַן קלייד, און איך יאָג און יאָג, קרייזן־קרייזן, אויף פרעמדע זאַמדן אין גלות — צום גלות גיסט זיך אויס מייַן האַרץ, אַ ליד צום פאַר־געסענעם גלות, צום פאַרלאָזטן גלות, אַ קלאָגנדיקע טויב — און וווּהין וועל איך מיך אומקערן, און מיט וואָס וועל איך מיך אומקערן, און מיט וואָס וועל איך אַרויפקלעטערן און ווי וועל איך האַלטן די שנייעלעך אויף מייַן פּנים, ווי טרערן — גלות.

אַ סימן פאַר דער פּאָפּולאַריקייט פון דעם באַגריף און דעם בילד מעג מען אפשר זען דערינען, וואָס לעטעריס האָט אַ נאָמען געגעבן: יונה הומיה, אַן איינציק ליד זייַנס, און מיט צווי דורות שפּעטער, האָט קלמן רייזין (דער פֿאָטער פון אברהם, זלמן און שרה רייזין) אַזוי אָנגערופן אַן אָפּקלייב פון זייַנע העברעיִשע לידער, וואָס איז אַרויס אין אַ ביכעלע: יונה הומיה (בערדיטשעוו, 1894). וואָס שייך זייַן נטייה צו פאָלקישקייט, איז גענוג צו דערמאָנען, אַז דאָס באַקאַנטע לידל („המבדיל בין קודש לחול, וואָס טוט מען אַז עס גייט גאָר ניט וויל") וואָס אברהם רייזין האָט אַרייַנגעשיקט אין געזעמל פון גינזבורג־מאַרעק (1901) און איז דאָרט אָפּגעדרוקט ווי אַן אַנאָנים פאָלקסליד (סי' 304, ז"ז 254) האָט אַ מחבר און דאָס איז טאַקע קלמן רייזין.

נאָך עפּעס; דער באַהעפט: יונה הומיה דריקט אויך אויס אַ באַזונ־דערע שטימונג — אַזוי, אַ שטייגער, שרייַבט אפרים אויערבאַך וועגן ר' שלמה זלמן שרגאַי: „אין דער שטוב זייַנער פאָכען די פליגל פון דער יונה הומיה. פרעגט מיך נישט פאַרוואָס, אַזוי האָב איך איבערגעלעבט די

שטוב זײַנע און איך שעם זיך נישט פֿאַרן ביסעלע מליצה" (טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, 28 פֿעברואַר, 1966). איז עס קיין חידוש נישט, אַז דער דאָזיקער אַסאָציאַציע־באַלאָדענער און איבערגעלאָדענער באַהעפֿט איז אַרײַן ווי אַ בילד אין ליד — אַזוי האָט יעקב צבי שאַרגעל אַ ליד וועגן אַ ביימל מיט מאַנדערינעס, און דאָרט הייסט עס: „פֿאַרוואָר איך בין דער בוים, איך / און מיר איז אַ בליכעץ באַפֿאַלן — / אַ סטײַע הײשעריקן / פֿון חצותדיקן תיקון / איז אַ יאָמער קול / צו מיר דערגאַנגען / פֿון דער יונה הומיה, / מיך גערופֿן צו דער מויער / און צום רחמים־טויער —" („האַרבסטיקע טרויבן", 1977, ז"ז 45—46).

ז

אַוודאי האָט זיך געבעטן אַ ייִדיש־נוסח פֿון לעטעריס ליד, און די בכורה געהער צו אײַזיק מאיר דיק, וואָס האָט זײַן איבערזעץ אַרײַנגעשטעלט אין זײַן דערציילונג „די אומוועקסלונג אָדער דאָס אויסבײַטונג" (ווילנע, 1877) — די טעמע איז אַ מעשה פֿון נאַפּאָלעאָנס צײַטן. לכבוד דעם הונ־דערטיאָריקן יובל פֿון דיקס ייִדיש־נוסח (דאָרט, ז"ז 24—26), האָבן מיר עס איבערגעדרוקט, מיט אַ באַמערק, אַז דער דאָזיקער נוסח ווײַכט אין עטלעכע פּונקטן אָפּ פֿונעם אָריגינאַל — די שורות זענען לענגער, די פּרטים אויספֿירלעכער, רעאַליסטישער, משפּחהדיקער, צומאָל מיט אַ הומאָריסטישן צושפּיץ. דאָס ליד הייסט: די קלאָגענדע טויב, און דיק שרײַבט אין אַ הערה: „דיזעס ליד איז וועלט באַרימט, עס האָט אין פֿער־פֿאַסט (מחבר געווען) דער גרויסער משורר ר' מאיר לעטעריס אין דער העברייעשע שפּראַכע אונ עס ווערט געשפּילט אין גאַנץ טייצלאַנד אויף דיאַ פֿאַרטעפּיאַנעס אין די נײַן טעג. ואם יש מקום לקורא המשכיל לחלוק עלי ולומר כי המשורר הזה נולד אחר ימי הסיפור הנוכחי הנני להשיבו — כי כמו שאין משיבין מהגדה כך אין משיבין מסיפורי חשק" (דאָרט, ז' 23). טײַטש: און אויב דער געבילדעטער לייענער קאָן קריגן אויף מיר, למאי דער דאָזקער דיכטער איז געבוירן געוואָרן נאָך דער איצטיקער דערציילונג אונדזערער, וועל איך אים ענטפֿערן, אַז אַזוי ווי מען פֿרעגט נישט אָפּ פֿון אַ סיפּור־הגדה, פֿרעגט מען נישט אָפּ פֿון אַ ראָמאַן.

צולאָג

דער עצם נוסח פון אייזיק מאיר דיק גייט אַזוי:

1

אוי ווייא ווייא בין איך עס אימער פערצאָגט
פערטרויערט, פעריאָמערט, אימער פערקלאָגט!
זינד איך בין געשידען פון מיינעם מאַן
דעם ליבען
און פון זיינעם נעסט אַרויס געטריבען,
וואַנדער איך אַליין איבער דיא פעלדער
נעכטיגע איינזאַם אין דיא וויסטע וועלדער
זיצע דאָרט טרויעריג אויף איינעם צווייגעל
וויא אַ געפאַנגענע אין אַ קליין שטייגעל.

2

אַ, מיין מאַן האָט מיך גאַנץ פערשטויסן,
פאַרלאָזען
ווייל איך בין געוואָרען איין עטוואָס צו לאָזען,
איך האָב מיך געשנעבעלט מיט איינעם
פרעמדן ער
און ווייטער איז קיין בייז גישעהען מער
שונאים האָבען עס אָבער פון ווייטען גיזעהען
און דערציילט מען מעהר אַלס עס איז
געשעהען.

3

און צייט איך בין פון מיינעם ליבען מאַן אַוועק
איז שוין מיט מיינעם לעבען אַסוף איין עק,
אָ! פיל בעסער צו זיין גאָר גישטאָרבען,
דער וואָרגען אויף דעם מזבח פאַר אַקרבן
אַלס זיך אום צו שלעפען אין דער וויסטע וועלט
אין היץ, רעגען, פראָסט, שטורעם און קעלט

דען פאַר דעם אונגליקליכען איזט דער טויט
וויא איין גוטער פריינד אין שווערער נויט.

4

אַ, דאָרט זיצען צווייא פרידליכע פייגעלעך
קוקין זיך ליבליך אין דיא ריינע אייגעלעך
גאַנץ פערטרויט קושין זיא זיך מויל אין מויל
פערפלאָכטען אין איינאַנדער ווי אַקנויל,
זיינען זיך אַזוי אַלץביידע בעזאַמען
אין אַנעסט אריינעם אונ אגיראַמען,
צווישען שמעקענדע בלומען אונ בלעטער
וואָס ווערען געוויגט פון איינעם שטילען
וועטער.

5

נור איך בין העכסט פעריאָגט אונ פערצאָגט
וויא פון אַלע פריידען גאַנץ אָפּ געזאָגט
וואַנדערע אַליין איבער דיא פעלדער
נעכטיגע איינזאַם אין וויסטע וועלדער.

6

זעלבסט דער יאַסטרעב, אָדלער און קאַרשון
וואָס צו רייסען געגז, ענטלען, טויבען, אַהון
מערדער וואָס שטילען זייער הונגערס גלוט
מיט גאַנץ אונשולדיגען אונ ריינעם בלוט
לעבען אויך נור צו פּאָר ווייס בייא זאַמען
פאָרנעם וויא דיא גרויסע הערען אונ דאַמען.

7

און איך גוטינקע מוז אימער נור ליידען
מוז יעדע פריידע גאַנץ אונ גאָר אויס מיידען
אונ אַזוי איזט יעדער אָרעמער פערלאָרען
גלייך וויא ניט צו פריידען גאָר געבאָרען.

8

אַ! דוא מיין מאַן, מיין נחמה, מיין טרייסט
ערבאַרעמע דיך, זייא שוין מער ניט פערבייזט
לאָז מיך שוין ניט מער וואַלגערין אין גאָטעס
וועלט
און פיהרע מיך צוריק אין דיין הייליגען צעלט
דאַן וועל איך ווידער לעבין דיר זיצען
און אונטער דיינע פליגעל מיך שיצען.

9

דיזעס הערטע איך אין איינער שטילען נאַכט
אַלס יעדער הונד, און יעדעס אויג וואַר צו
גימאַכט,
און ערשט דאַן האָב איך פאַרשטאַנען ציונס קלאָג
אין דיזען טרויעריגען צעשטערונגס טאָג
(תשעה באב).

אַ קליינע לעקציע

וועגן אַ ליד פון אַברהם סוצקעווער

מיר עפענען דעם בוך פון אַברהם סוצקעווער „אין פייַער־וואָגן״ (תל־אָביב, 1952) און לייענען דאָרט אַ ליד, וואָס האָט נישט קיין נאָמען, טראָגט אויף זייַן שטערן אַ שטערנדל, און הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: פאַרגאַנגען איז אַ ייִדנוועלט, און איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 1948. מיר לייענען עס סטראָפע־סטראָפע און קלערן זיך אַרייַן, כּדי די באַזונדערע סטראָפעס, און אַזוי אַרום דאָס גאַנצע ליד, צו פאַרשטיין.

1

פאַרגאַנגען איז אַ ייִדנוועלט מיט מתמיד און מיט מאַניש,
מיט כּלה־ייִדיש אויסגעפּוצט אין פאַלקסלידער באַהאַרצטע.
אַ ייִדנוועלט איז אויסגעגאַנגען אימהדיק־האַרמאָניש,
באַגלייט מיט שפּילנדיקע פידלען — קינדערלעך די צאַרטסטע.

דער לייענער שטעלט זיך קודם־כּל אָפּ אויף ווערטער, וואָס חזרן זיך גאַנץ אָדער כּמעט גאַנץ איבער, און דאָס איז דער סוביעקט פון דער סטראָפע און זייַן פּרעדיקאַט: 1. פאַרגאַנגען איז אַ ייִדנוועלט, 2. אַ ייִדנוועלט איז אויסגעגאַנגען — דער חילוק איז אַ קלאָרער: פאַרגיין פאַרגייט בילדלעך די זון, באַגריפלעך די צייַט, עפּיגראַמאַטיש אַפילו אַ פּאַטש; אויסגיין גייט אויס קאָנקרעט דער אייל, כּמעט קאָנקרעט דער אָטעם, אַבסטראַקט אַ נשמה; דאָ פאַרגייט און גייט אויס אַ וועלט, אַ ייִדנוועלט (נישט פּרוגס אַ וועלט מיט ייִדן, נאָר בפירוש אַ ייִדנוועלט), און זי פאַרגייט ווי אַ סובסטאַנציע, דורך צוויי אַטריבוטן אירע: מתמיד און מאַניש, ווי צוויי גייַסטיקע רעפּרעזענטאַנטן פון צוויי דורות — נישט מחמת דעם גראַם נאָר מחמת אַ מהותדיקער טעם גייט דער מתמיד פאַר מאַניש, דען כאָטש י. ל. פּרץ האָט זייַן מאַניש געלאָזט אָפּדרוקן ווען ביאַליק איז נאָך געווען אַ ייִנגל פון אַ יאָר פופצן און האָט נאָך געהאַט אַ היפּשע פּאָר יאָר ביז צו זייַן מתמיד, איז אָבער דער מתמיד, בפרט אין זייַן טיפּישן באַנעם, אַ פריִערדיקער פון מאַניש, בפרט אין זייַן מער אינדיווידועלן באַנעם. הייסט עס, אַז די

פאַרגאַנגענע־אויסגעגאַנגענע ייִדנוועלט באַזירט זיך מענטאַל און באַוווסט־זיניק אויף די צוויי געשטאַלטן, וואָס שטייען בײַם טויער פון דער ייִדישער מאָדערנע און אירע וואַקלענישן. אָבער שוין די צווייטע שורה באַנוגנט זיך נישט מיט אַזאַ באַזע און פּאַרווײַזט אויף אַ טיפערער — די ייִדנוועלט קומט דאָ אויס אַ באַהאַרצטע מיט כּלה־ייִדיש אין פאָלקסלידער. לויגט זיך קודם־כּל צו פאַרשטיין די עברי פון דער שורה — אַ כּלה און באַהאַרצן זענען, כּידוע, פאַראַנקערט אין שיר־השירים; לבבתיני אחותי כלה, ווערט געטײַטש: דו האָסט מיך באַהאַרצט מײַן כּלה, און ווערט, אין אונדזער געשמאַק, פּאָזיטיוו פאַרשטאַנען ווי מען וואָלט אַ שטייגער זאָגן: דו האָסט מיר מײַן האַרץ געשטאַרקט, דערפרישט, כאָטש גרונטיק האָט עס אַ נעגאַטיוון באַטײַט, ווי מען וואָלט אַ שטייגער זאָגן: דו האָסט מיר מײַן האַרץ געשוואַכט, אָפּגענומען, און עלטערע און ייִנגערע טײַטשן ווייסן עס גאַנץ גוט — פאַר לבבתיני אחותי כלה האָט ר׳ יקותיאל בליץ: דוא האָשט מיר מײַן האַרץ גנומען מײַן שוועסטיר אויך ברויט; ר׳ יוסף וויצנהויזן: דוא האָשט מיר דאָש הערץ גינומען מײַן שוועסטער [ליבה] (כּלה), ווײַטער יהואש: האָסט ס׳האַרץ מיר געפאַנגען, שוועסטער מײַן כּלה. אָבער אין אונדזער ליד גייט באַהאַרצט ווי אין זײַן סוביעקט, דעם פאָלקסליד — ממש ווי מיר האָבן אין פאָלקסליד אַ צווילינג: האַרצעניו קרוינעניו, איז דאָ באַהאַרצן געפּורעמט ווי באַקרוינען, באַשיינען, מיט האַרץ אַרומרינגלען. נאָך זעען מיר אין ליד אַז די כּלה איז אויסגעפּוצט, איז עס סײַ כּדרך המנהג (קישוטי כּלה), סײַ כּדרך הכתוב, אָבער מען דאַרף געדענקען אַז די געפּוצטע כּלה, איז נישט דער באַצייכן פאַר דעם מיידל וואָס שטייט אונטער דער חופּה, און וואָס איר חתן אין די לעצטע דורות איז [דער] מתמיד אָדער מאַניש, נאָר בפירוש דער באַצייכן פאַר דעם מיידל־ייִדיש, וואָס שטייט אויסגעסטראָיעט אין פאָלקסלידער, ווי איר חתן איז אויסגעסטראָיעט מיט תּורה, וואָס ווערט אין אונדזער ליד נישט דערמאָנט, און דאָס מסתּמא מחמת צוויי טעמים — איינער, ווײַל ער וואָלט פאַרטיילט דעם אָקצענט צווישן ייִדיש און לשון־קודש, דער אַנדערער, וואָס איז געבונדן מיטן ערשטן, ער וואָלט פאַראײַלט דאָס וואָס געהער בעצם צו די ווײַטערע סטראָפעס. אויב מען מעג זיך דערוועגן אַ השערה, וואָלטן מיר אויך געפּרוווט זען די כּלה, ווי אַ סימבאָל פון דער נשמה, בעיקר פון דער אויסגייענדיקער נשמה, ווי עס ווערט געבראַכט אין הספּד איבער ר׳ הונא: קצף אל על עולמו, וחמס ממנו נפשות, ושמח בהם ככלה חדשה, וואָס ביאַליק גיט איבער (ווי אַלע פּאָעטישע איבערזעצן אין פאַרייִדישטן

„ספר האַגדה״ פון ביאַליק־ראַווניצקי, נעם איך אָן, אַז עס איז בלויז ביאַליקס האַנט דערביַי): ווי גרויס מוז זיַין פון גאָט דער צאָרן אויף זיַין וועלט, אַז אָפּגערויבט האָט ער איהר בעסטע צירונג: די רייַנסטע און די שענסטע זעעלען. אָבער מיר קערן זיך צוריק צו דער אויסגעפּוצטער כּלה־ייִדיש, וואָס ווי אַ כּלה אונטער דער חופּה ווערט באַגלייט פון כּלי־זמר, און אַזוי איז די חופּה אַ שוואַרצע חופּה, ווו אַ ייִדנוועלט גייט אויס, און גייט אויס אין אַ סתירה, וואָס דער דיכטער פאַרבינדט אין אַן אַדווערביאַלן שכנות: אימהדיק־האַרמאָניש, און בויט די סתירה אויס ווי אַ משל און אַ נמשל, דער משל איז די האַרמאָניע: שפּילנדיקע פידלען, דער נמשל איז די אימה: קינדערלעך די צאַרטסטע.

2

נאָר ווען דאָס לעצטע פאָלקסליד האָט געצאַפּלט אויף אַ תּליה,
און מיט אַ גרינעם אייַלבערטבלאַט קיין טויב איז ניט געקומען;
ווען טויט־לבנה האָט פאַרבייַטן שוין געוואָלט די שקיעה —
אַ ריס געטאָן האָט זיך פון מויל דעם אויסגעקרימטן, שטומען,

אַ גאָלדענע נשמה, איז געפלויגן איבער ימען — —

צווישן דער ערשטער און דער צווייטער סטראָפע זענען אַלע קישוטי כּלה, די באַהאַרצטע פאָלקסלידער, אויסגעגאַנגען אין עינויים, אויף דער תּליה, און איצט צאַפּלט פאַר אונדז דאָס לעצטע פון זיי, און בלויז אַ נס קאָן עס אָפּראַטעווען, און דאָס נס מאָלט זיך אויס אין גייַסט און בילד פון דער אַלטער, עלטסטער אונטערגאַנג־מסורה, דעם מבול, ווו דאָס גרינע אייַלבערטבלאַט אין מויל פון דער טויב, זאָגט אָן דעם נס פון דער צוריק־אַרויסשטאַרצנדיקער יבשה; אָבער נישט בלויז וואָס דאָס נס חזרט זיך נישט איבער, נאָר אַנשטאָט דער דערוואַרטער גרינקייט, ווי אַ סימן פון שפּראָץ און אויפגאַנג, שפּרייט זיך אויס אַ ווייַסקייט ווי אַ סימן פון אָפּלעב און אונטערגאַנג (טויט־לבנה) וואָס נעמט פאַרבייַטן די שקיעה, אין איר טאָפּלזיניקייט, איינס בדרך משל: די גאָלדיקייט פון דער אונטערגייענדי־קער זון, דאָס אַנדערע בדרך נמשל: די לעצטע פראַכט פון אויסגייענדיקן ייִדנפאָלק, פאַרבילדלעכט אין צאַפּל פון לעצטן פאָלקסליד. און דאָ געשעט פאַרט דאָס נס, — ער געשעט נישט דורך דער ממשותדיקער טויב, נאָר דורך דער סימבאָלישער טויב — די גאָלדענע נשמה, דער תּמצית פון דעם געראַטעוועטן שקיעה־גאָלד, וואָס רייַסט זיך אַרויס פון מויל, און סיַי דער

מיטאָס, סײַ די לעגענדע, סײַ די פֿאָלקס־מעשׂה מאָלן זי ווי אַ טויב, אָדער אַ פֿלאַטערל. דאָס עצם בילד פֿונעם אַרויסריס פֿונעם מויל — דאָ איז עס אויסגעקרימט פֿון יסורים, און שטום פֿון רציחה — געפֿינען מיר אין אַזאַ פּלאַסטישקייט בײַ ביאַליק און נסתּר, און דעם פֿלי פֿון דער נשמה, עלעהיי אַ פֿויגל, געפֿינען מיר בעיקר אין דער פֿאָרעם פֿון דער גאָלדענער פּאַווע בײַ איציק מאַנגער און י. י. סיגאַל.

3

אַ גאָלדענע נשמה, איז געפֿלויגן איבער ימען,
און אויפֿגעלעבט אָט דאָ, אין לאַנד פֿון חלום, יענע אַלע,
וואָס האָבן אויסגעצאַנקט אין אַש מיט דער פּאַן צוזאַמען,
און ווידער איז די ייִדנוועלט געוואָרן מיר נתגלה.

די גאָלדענע נשמה וואָס מיר האָבן געזען אירע טיפֿערע שיכטן, איינע אַ מער אייבערשטע (מתמיד, מאַגיש) איינע אַ מער אונטערשטע (ייִדיש, פֿאָלקסליד) ראַטעוועט זיך אַרויס און אַריבער אין דער טיפֿסטער שיכט, אין דער ערשטער היים, וואָס ווערט דאָ אָנגערופֿן דאָס לאַנד פֿון חלום, און זי, די גאָלדענע נשמה, לעבט דאָ אויף אַלץ וואָס איז דאָרט פֿאַרגאַנגען און אויסגעגאַנגען. מעגלעך אַז דער זאַג: אַלע, וואָס האָבן אויסגעצאַנקט אין אַש, מיינט נישט בלויז דאָס אויסצאַנקען פֿון אַ פֿײַער, אַ ליכט, אַ פֿונק וואָס איז אין אַש אויסגעלאָשן, נאָר אויך, און אפֿשר בעיקר דאָס אויסצאַנקען, דאָס אויסקעמפֿן, דאָס דורכראַנגלען זיך אין אַש און פֿונעם אַש אַרויס, אַ רמז פֿון קאַמף, געראַנגל איז, דוכט זיך די פּאַן, און אַן אַסמכתּא דערויף איז דאָס שכינות פֿון דער נשמה און דעם אַש — דאָס בילד פֿון דעם פֿויגל וואָס שטייט אויף פֿון זײַן אייגענעם אַש, האָט די דיכטערישע פֿאַנטאַזיע אָנגערעגט צו אַן אַנאַלאָגן באַשרײַב ווי מיר האָבן אים דאָ פֿאַר אונדז: דער אַרויסריס זײַנער פֿון מויל, אַזוי אַז דער ביט־דערמאָנטער, אָבער בסתר פֿאַראַנענער אַש־פֿעניקס איז עס דאָס קעגנשטיק פֿון דער תּיבה־טויב. דען נאָר אַ באַנעם ווי ער האָט זיך אַרויסקריסטאַלי־זירט אין דער לעגענדע איבערן חול, דעם פֿעניקס, קאָן אויסצײַטיקן אַזאַ זיכערן און שלימותדיקן זאָג: און ווידער איז די ייִדנוועלט געוואָרן מיר נתגלה. דאָס וואָרט נתגלה איז פֿאַר זיך אַן איבערגעלאָדנס: עס פּאַסט גוט צום באַגריף לאַנד פֿון חלום, אָבער עס פּאַסט אויך צום אַנטפּלעק פֿון דעם פֿאַרבאָרגענעם.

4

נביאים גיבן זיך די הענט מיט שפּאַנענדיקע עולים,
ווי קאָנען זין פון אייביקייטן אײַנליגן דערגעבן?
עס נידערן פון הימל מתים... און ס'באַגלייט דעם עולם —
אַ וואָלקנזײַל פון אומקום און אַ פלאַמענזײַל פון לעבן.

אַזוי ווי מיר האָבן שוין דערגרייכט טיפערערע שיכטן, ווי מיר האָבן זיך געריכט לויט דער ערשטער סטראָפע, קאָנען זיך שוין, אָדער בעסער געזאָגט, מוזן זיך שוין, די גאָר אייבערשטע און די גאָר אונטערשטע שיכטן, נישט בלויז קאָנפראָנטירן, נאָר זיך באַגעגענען און האַרט צוזאַמענשליסן — די נביאים, דער ווײַטער עבר פונעם לאַנד, און די עולים, דער נאָענטער הווה אירער, גיבן זיך די הענט, אַ מין בריק צווישן צײַט און רוים, און די דורות צווישן דעם ווײַטסטן און דעם נאָנטסטן ווילן און קאָנען נישט פעלן בײַ אַזאַ באַגעגעניש, זיי, וואָס הייסן דאָ: די זין פון אייביקייטן, קאָנען נישט אײַנליגן אין זייערע קברים, און מיר זענען גרייט צו אַ בילד פון זייער אויפוועק און אויפקום פון זייערע קברים, אָבער וואָס עס געשעט איצט איז אַנדערש — פונקט ווי מיר זעען אַ האָריזאָנטאַלן צוזאַמענבונד — נביאים און עולים; זעען מיר אויך אַ ווערטיקאַלן צוזאַמענבונד — די מתים וואָס קאָנען נישט רוען אין די קברים, נידערן אַראָפּ פון הימל, און אויבן און אונטן ווערן איינס.

איצט קערן מיר זיך אום צום אָנהייב ליד, ווו מיר האָבן געהאַט אַ באַגלייט, אָבער שטאָט אַן אַקוסטישן: שפּילנדיקע פידלען, האָבן מיר אַ וויזואַלן, אַ וויזיאָנאַרן, אַפּילו אַפּאָקאַליפּטישן: אַ וואָלקנזײַל און אַ פלאַמענזײַל; דאָס הייסט מיר שפּאַנען אין מידבר און האָבן פאַר זיך דעם עמוד־הענן און דעם עמוד־האש, אָבער אין אַן אַנדערן סימבאָליש־פונקציאָנאַלן פאַרטייל: דער וואָלקן, וואָס אין מידבר גייט ער בײַ טאָג, איז דער סימבאָל פון אומקום און דער פלאָם וואָס אין מידבר גייט ער בײַ נאַכט, איז דאָ דער סימבאָל פון לעבן, און דער דיכטער גייט דאָ, אפשר בלא יודעין, אויף דער ליניע פון אַ נײַערן אויסטײַטש פון די צוויי זײַלן, וואָס האָט זיך שוין זיין אייגענע געשיכטע. על־כל־פנים חתמענען די צוויי זײַלן לאָפּידאַר אָפּ די יסודות וואָס זענען אין ליד אויפגערודערט געוואָרן: דער מבול און זײַן טויב, דער פעניקס און זײַן אַש, תחיית המתים.

„די גאָלדענע קייט" —
אַ בריוו צום הונדערטסטן נומער

ליבער און טײַערער ר׳ אַברהם סוצקעווער,

קודם־כּל בעט איך אײַך סליחה ומחילה, וואָס קומענדיק אײַך שיקן אַ ברכה, ברכּת־כּהן, צום ערשטן הונדערטער די גאָלדענע קייט, האַלט איך מיך נישט בײַם אָנגענומענעם מינהג, לגבי כּלערליי אימפּרעזעס, וואָס וועקן אַ שׂימחה, אָנצוהייבן: לכּבוד דעם יום־טוב פֿון... איר האָט מסתּמא באַמערקט אַז איך ווער מיך קעגן דעם דאָזיקן מינהג און איר וועט מיר דערלויבן די זאַך צו דערקלערן, און דאָס מיט צוויי טעמים.

דער איינער טעם איז אַ פּשוטער און כּוללדיקער — אַזוי ווי דער דאָזיקער מינהג איז חל כּמעט אויף אַלע, סײַ גרעסערע סײַ קלענערע אימפּרעזעס אונדזערע, פֿרעג איך: אפֿשר וואָלט כּדאַי געווען אָפּצוהיטן אַ באַטירלעכן קאַלענדער, אין וועלכן ס׳זענען פֿאַראַן נישט בלויז רויטע, שבתדיקע און יום־טובדיקע, נאָר אויך געוויינטלעכע, וואָכעדיקע אָפּרײַס־בלעטלעך. און דער טעם איז, דאַכט זיך, מחייב אונדזערע ייִדיש־אימפּרעזעס, וואָס האַלטן זיך אין מינהג שטאָל־און־אײַזן. און עס איז, חלילה, נישט קיין בילבול, וואָס איך האָב אויסגעטראַכט — איך האָב דורכגעשפּאַנט אַ גרויס שטיק ייִדיש־טעריטאָריע און בין מעיד דערויף. בקיצור, עס בעט זיך אַ תּיקון־טעות: צו אַ שבת געהערן פֿולע ששת ימי המעשׂה.

דער אַנדערער טעם איז אַ קאָמפּליצירטער און כּמעט פֿאַרשווינדלעכער — עס איז אַ קליינער סיפּור־המעשׂה פֿון פּעטער ראָזעגער. ווייס איך נישט, צי דער נאָמען זאָגט אײַך עפּעס — אונדז, וואָס האָבן זיך געכאָוועט בײַ קיר״ה, האָט עס געזאָגט אַ סך. אַ שטײַערישן פּויערס אַ זון, וואָס איז געווען אַ שנײַדער־געזעל און איז געוואָרן דער פֿאָלקסשרײַבער מיט אַ גוואַלדיקער פּאָפּולאַריטעט. אַ וואַרעמען אָפּקלאַנג פֿון איר ברענגט נאָך ר׳ בנימין אין זײַן ביכער־ערשטלינג על הגבולין. אמת, דער ראָזעגער האָט אין זײַן היים געהאַט אַ ייִנגערן קאָנקורענט — ווילהעלם פּישער, וואָס האָט נאָך בײַם לעבן געהאַט אַ דענקמאָל אין גראַץ מיט אַן אויפֿשריפֿט: „זײַנעם דיכטער — דאָס פֿאַטערלאַנד". אָבער פּאַול לאַנדאַו (דער ערשטער אַרויס־

געבער פון קאָמפּלעטן געאָרג ביכנער), האָט מיר דערציילט, אַז ווען ער האָט געשריבן זײַן דאָקטאָראַט איבער קאַרל האַלטאַי, וואָס זײַנס אַן אַרכיוו האָט זיך דערהאַלטן אין גראַץ, האָט ער זיך באַפרײַנדט מיט ווילהעלם פּישער, וואָס איז דאָרט געווען, כּמה וכמה יאָרן, דער דירעקטאָר פון דער שטײַערישער לאַנד־ביבליאָטעק. ווען זיי פלעגן צוזאַמען שפּאַצירן, אָדער זיצן אין קאַפע, האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דער חילוק צווישן דער בולט־ייִדישער פיזיאָנאָמיע פון דעם נודע ביהודהס גזע און דער אַרישער סטאַטור פון הויכן, אין אונגערן געבוירענעם, שטײַערמאַרקער. טרעפט זיך איין מאָל און פּישער זאָגט אים: הער דאָקטער, אפשר באַגלייט איר מיך אין טעמפּל, ווײַל כ׳האָב הײַנט יאָרצײַט נאָך מײַן מאַמען. נו, האָבן מיר אָבער וועגן דעם פּישער נישט געהערט, דערפאַר אָבער געווען שמעלקעס מיט פּעטער ראָזעגער, און זײַן זאָג וועגן דער נאַדעל, וואָס פאַרדינט דעם אַדעל, אויב מען פירט זי אָהנע טאַדעל, איז אַרײַן אין רייסטער פון אונד־זערע גרעראָטענע ווערטלעך, און זײַן צײַטשריפט דער הײַמגאַרטען איז אָנגעקומען צו דער עלטערער ייִדישער אינטעליגענציע, פונקציאָנאַרן, שוללערערס אין אונדזער שטאָט און עס האָט זי אַפילו געקריגן אַ מיל־באַאַמטער בײַ אונדז אין דאָרף.

נאָך קינדווײַז האָט זיך דער ראָזעגער מיר אײַנגעקריצט אין זכרון מחמת אַ דערציילונג זײַנער, וואָס אונדזער דײַטשיש־לערער, דער הער יאָזעף פאָגעל, האָט זי אונדז, מיט גרויס עמפּאַז, פירגעלייענט. זי האָט געהייסן: „ווי דעם קלײַנעם מאַקסעל דאָס האוז בידערבראַנדטע״. צו מײַן דערשטוינן איז מיר אויך ייִנגלווײַז דער סיפּור־המעשׂה אַנטקעגנגעקומען. עס האָט אים אויך געבראַכט דאָס גימנאַזיע־ביכל אין אַ פּוילישן נוסח, פון באַקאַנטן דיכטער יאַן קאַספּראָוויטש און האָט געהייסן: „יאַק שען קוביע לאָקיעטקאָווי ספּאַליל דאָם״, און ווײַזט אויס אַז די שפּאָרעוודיקע אָבער גרונטיקע שינוי־גירסא איז מיר געפעלן. אַ סימן, אַז מיט אַ סך יאָרן שפּעטער האָב איך דעם סיפּור־המעשׂה פאַרהיימישט און בערל קאַצנעלסאָן האָט אים, מיט עטלעכע און פופציק יאָר צוריק, אָפּגעדרוקט אין דבר, און געהייסן האָט ער „כשנחרב ביתו של סנדר זעירא״. ווי אַרום דער דײַטשישער קליינער מאַקסל איז געוואָרן אַ פּוילישער קובאַ לאָקיעטעק איז נישט אַזוי שווער צו פאַרשטיין; איז דאָך לאָקיעטעק, וואָס מיינט גרונטיק אַ קורצער עלנבויגן, דער צונאָמען פון אַ פּוילישן קיניג, וואָס איז געווען דער פאָטער פון קאַזשימיר דעם גרויסן. ווי אַרום עס האָט זיך דערפון אויסגעפּיקט סנדר זעירא ליגט ממש אויף דער האַנט, אָבער באמת איז סענדער פּיצעלע

געווען אַ בראָדער בעל־מלאכה, וואָס איז געווען אַ שם־דבר, און מיט אים האָט זיך געטראָפן כּמעט דאָס, וואָס איז דער עיקר פון דעם סיפּור־המעשׂה.

און דער עיקר איז דער מאָמענט אין סיפּור־המעשׂה, ווען דער אָפּגע־ברענטער, וואָס האָט זיך צו מאָרגנס פון דער שׂרפה שווײַגנדיק צוגעקוקט צו די זרובעס פון זײַן אָפּגעברענט הויז — בײַ אײַך וואָלט מען געזאָגט: הײַזקע, בײַ אונדז: שטוב — האָט ער גענומען נישטערן, און נישט גערוט ביז ער האָט אַרויסבאַקומען די עיקר־כּלי זײַנע, די האַק, און זי אויפגעהויבן קעגן דער זון און דערזעענדיק אין גלאַנץ פון איר שאַרף, אַז זי איז נישט געניזוקט געוואָרן, האָט ער אָפּגעזוכט אַ שטשאָפּ, וואָס האָט זיך געפּאַסט פאַר אַ הענטל און אַוועק טעסען בוימאַטעריאַל פאַר אַ באַנײַטן געבײַ.

ס׳איז דאַכט זיך איבעריק צו פּיקן די צונג און מפרש זײַן, אַז דער לאַנגער משל איז זיך מתכוון צו אַ קורצן נימשל. און כאָטש מיר האַלטן נאָך נישט בײַ משיחס צײַטן, אָבער שוין בײַ חבלי־משיח, און דער נימשל קאָן זיך אפשר נישט צופּאַסן אַקוראַט צום משל, ווילן מיר אָבער אָפּהיטן זייער נאָענטקייט און זיך צוקוקן ווי אַזוי די אָפּגעראַטעוועטע האַק האָט אירס געטאָן און געוואָרן אַ האַק פאַר אַ נײַעם געבײַ, אָדער בעסער געזאָגט: פאַרן איבערגעבײַ. קאָנקרעטער געזאָגט: ווי האָט ווילנער געצײַג געשׂ־מידט אַ תּל־אָביבער די גאָלדענע קייט.

וואָס שייך ווילנע גופא, הייסט עס דאָך בפירוש: אין לו לדיין אלא מה שעיניו רואות און צו מײַן לייד, האָבן מײַנע אויגן נישט זוכה געווען זי צו זען. אַוודאי האָב איך געגאַרט דערצו — עס וואָלט אויך געווען גלײַך אַז אַ געבוירענער אין ירושלים־דגאַליציע זאָל וועלן זען ירושלים־דליטא. זענען דאָך ווילנער געקומען קיין בראָד — געווען בײַ אונדז עטלעכע משפּחות, וואָס זענען פון דאָרט צו אונדז געקומען און זיך גערופן אויף זייער אָפּשטאַם־אָרטשאָפט (מײַן עלטער־מומע לאה האָט געהאַט אי אַ ברודער און אי אַ טאַטן, ר׳ שלמה־יואל ווילנער, אַ פעטער פון נפתּלי הערץ טור־סיני), פּונקט ווי בראָדער זענען געקומען קיין ווילנע און אַרום דער שטאָט (האָב איך אײַך שוין דערציילט אַז אײַער שלשלת־היוחסין, וואָס נעמט אַרײַן אײַערע קרובים דעם נשׂיא יצחק בן־צבי און יצחק ברודני, פאַרמאָגט אַ וואַגיקן און ווערטיקן קנויטפּונקט אין בראָד), און נאָך אין מײַנע צײַטן איז אַרומגעגאַנגען דאָס ווערטל: אַז אַ בראָדער פאָרט קיין ווילנע, מאַכט ער דאָרט אַ ספר הקונדס (געמיינט ר׳ אַברהם־יצחק לאַנדוי, וואָס איז געווען אַ ווילנער אײדעם און האָט דאָרט טאַקע דעם ספר מחבר

געווען און אַרויסגעגעבן. אַגב, האָט ר׳ פישל לאַנדוי, וועלכער האָט צוריק אויפגעבויט בראָד נאָך דער לעצטער גרויסער שׂרפה, אַ נאָמען געגעבן זיין זון נאָך דעם דאָזיקן פעטער זיינעם: אַברהם־יצחק — עס איז דער פאָטער פון דער מאָדערנער ייִדיש־פילאָלאָגיע אַלפרעד לאַנדוי). אָבער איך האָב מיך צו שפּעט אַרויסגערוקט פון מיין געבוירן־סביבה; אַפילו פּאַניעס חילות, וואָס האָבן אין דער ערשטער מלחמה צוויי מאָל אונדזער שטאָט איינגענומען, האָבן אונדז געלאָזט אַנטלויפן נישט מער ווי צוועלף מייל — קיין לעמבעריק. שפּעטער, ווען איך האָב דורכגעוואַנדערט כּמעט אַלע גאַליצישע שטעט און שטעטלעך, האָב איך עס געטאָן ווי דער אָנפירער פון דער החלוץ־אָרגאַניזאַציע, און ווען איך בין נאָך שפּעטער אַוועק קיין וואַרשע און האָב דאָרט רעדאַקטירט דאָס וואָכנבלאַט החלוץ, זענען מיר שוין קאָפּ און האַרץ געווען פאַרמשכּנט צו ארץ־ישׂראל. אמת, ווען איך האָב געהאַט די זכיה, ביים טיש פון דער משפּחה גאָסקינד, זיך צוזאַמענצוטרעפן מיטן ווילנער רב, הגאון ר׳ חיים־עוזר גראָדזענסקי, און פון זיינע רייד אַרויסגעהערט ווי ער איז פאַרגלייבט אין ווילנע (נאָך יאָרן האָב איך געהערט פון הרב ר״ל מימון, אַז נאָך דער פּטירה פון הרב ראַ״י הכּהן קוק האָט מען פירגעלייגט די כּהונה ר׳ חיים־עוזר גראָדזענסקי, און ער האָט זי נישט אָנגענומען), פּונקט ווי עס זענען אין איר פאַרגלייבט געווען נישט בלויז אַלט־ נאָר אויך מיטל־ און יונג־ווילנע, אויב כאָטש סכעמאַטיש מרמז זיין אויף דריי ווייטע מחנות, און געוואָלט דעם פּענאָמען זען מיט מיינע אייגענע אויגן. איך בין געשטאַנען האַרט פאַר מיין עליה און נאָך דעם בין איך בלויז איין מאָל געווען אין פּוילן, און דאָס — לויט מיין באַגרענעצטער וויזע — בלויז אַ וואָך צייט, און קוים אוספּיעט זיך צו זען מיט מיין משפּחה און די נאָנטסטע פריינד — און נאָכן חורבן וועט מיין פוס דאָרט נישט איבערטרעטן. — אָבער אויב איך האָב נישט זוכה געווען צו זען ווילנע עין־בעין, האָב איך, מחמת ליבשאַפט צו די קהילות הקודש, געזוכט זיך אין זיי אַריינצולייענען, זיך איבער זיי דורכצושמועסן — אַזוי אַז איך בין געוואָרן אַ שטיקל מומחה און רעד זיך איין, אַז ווען מען וואָלט מיר געהייסן לייענען אַ שיעור וועגן זייער געשיכטע, זייערע פאַרשוינען, זייער שטייגער, וואָלט איך מיר אַ לייטישע עצה געגעבן. נאָך מער, איך האָב דאָס דאָזיקע איינערדעניש מיינס אַזוי וויט געטריבן, אַז איך בין געווען זיכער, אַז ווען מען פאַרבינדט מיר די אויגן און מען לאָזט מיך אַראָפּ אין מיטן דער נאַכט אין אַזאַ קהילה, און דאָ בינדט מען מיר אויף די אויגן — וואָלט איך אַרויסגעוויזן ממש אָריענטאַציע, לויטן זאָג: נהרין לי

שבילי דהאי קרתא וקרתא כשבילי ביתי. טײַטש: עס זענען מיר קלאָר די שטעגן פון דער און יענער שטאָט, ווי די שטעגן פון מײַן היים.

אָבער איך מוז מודה זײַן, אַז אויף וויפל איך זאָל זיך נישט האָבן באַמיט מײַן ידיעה צו באַשטאַרקן כּדי צו האָבן אַן אויטענטיש בילד וועגן לעבעדיקן ווילנע, האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַז ס'איז פֿאַראַן אַ סענק, און די קשיא איז געווען צי און פאַר וואָס איז זי אַזוי, אָדער: צי און פאַר וואָס ווײַזט זי זיך אַזוי אויס. אַוודאי האָב איך געוווּסט, אַז נישט בלויז אויף דער גוייִשער (סײַ פּוילישער סײַ ליטווישער) מאַפּע, נאָר אויך אויף דער יידישער מאַפּע איז ווילנע דער גרעסטער, קיין צפון אַרויסגערוקטער, יישוב אין דעם ברייטן פאַס, וואָס ציט קיין דרום אַראָפּ, ביז צו דעם דעמאָלטיקן רומעניע צו. און ווו דער איבערגאַנג־כאַראַקטער איז היפּש ניכּר אויך, און צו מאָל בעיקר, אין איר יידישער באַפעלקערונג — אויב, ווי אַ בולטן משל, אויסקלײַבן די קולטור־ און בעיקר שפּראַך־דיפערענציאַציע: אין רוב פאַס, שוין נישט די רוסישע, אָבער נאָך נישט די פּוילישע קולטור־דאָמינאַנטע, און אין עק פאַס — שוין נישט די רוסישע און נאָך נישט די רומענישע קולטור־דאָמינאַנטע, ווו די קאָנקורענציע פון דער פּאַקטישער סביבה־שפּראַך (ליטוויש, ביעלאָרוסיש, אוקראַיִניש, מאָלדאַוויש) קומט פאַר יידן נישט אין באַטראַכט. לאָזן זיך גיכער אויסהאַלטן, געניוער: אויפהאַלטן, אָנשטרענגען פון אַן אייגן שוֹלוועזן, וואָס איז אַ סך שווערער חוץ די קרעסן. ווו די אַסימילירנדיקע פּוילישע פּאַוושעכנע טוט זיך אירס.

אַז ווילנע, מיט איר אויסגעפּרעגטער אייגענער באַוווּסטזיניקייט איז די קרוין פון דער דאָזיקער לאַמענאַציע, איז מיר אויך געווען קלאָר. די קשיא איז בלויז געווען ווי אַרום און פאַר וואָס האָט זיך געשאַפן די עובדא אָדער דער רושם, אַז די ציוניסטישע און העברעיִשע עלעמענטן ווײַזן זיך אויס ווי אַ ווײַטיקער ווינקל פון דער שטאָט, און די אַנטיציוניסטישע יידישיסטישע עלעמענטן, ווײַזן זיך אויס ווי דער צענטער.

וויפל איך זאָל מיך נישט געווען אָנפרעגן — און איך פרעג נאָך אַן עד־היום — האָב איך די דאָזיקע איבערוואָג נישט אין גאַנצן באַנומען. אַז איך האָב, קרוב מײַן עליה, געהערט אַז אין ווילנע, און נישט אין וואַרשע אָדער לאָדזש, גרעסערע יידן־יישובים, און ממילא גרעסערע צענטערס פון יידיש־ליטעראַטור און יידיש־קונסט און יידיש־פּרעסע, איז באַגרינדעט געוואָרן דער ייִוואָ, האָט זיך מיר די קשיא פאַרשאַרפט. און איך רעד דאָ נישט וועגן אידעאָלאָגישע חילוקי־דעות — זיי זענען, פאַרשטייט זיך, געווען, שוין פונעם פשוטן טעם, וואָס די געזעלשאַפטלעכע באַזע פון דער

דאָזיקער אינסטיטוציע און אירע אויפטוער זענען געווען בעיקר בונדיסטן, פאָלקיסטן, טעריטאָריאַליסטן, לינקע פועלי־ציון, משמע אַ רוב וואָס איז געווען אַזוי ווײַט פון מײַן האָריזאָנט, אַז איך האָב אַפילו מיט זיי נישט געפּאָלעמיזירט, בפרט אַז דעם ביסל פּאָלעמישן כּוח וואָס איך האָב פאַר־מאָגט, האָב איך געמוזט אַרײַנלייגן אין דער מחלוקה מיט די ציוניסטן, וואָס האָבן געהאַט רײַכע פּראָגראַמען, אָבער עס האָט דאָרט געפעלט דער עיקר: ציון, אָדער העכסטנס געווען אַ בײַזאַך.

על־כּל־פּנים פאַר אַן אינטעגראַלן, מאַקסימאַלן ציוניסט, ווי איך בין עס כּל־ימי, האָב איך געהאַט אַ צו גרויסן פּלאַץ פאַר מלחמה אין ציוניזם גופא. איך זאָל נאָך האָבן כּוח און צײַט זיך צו אַמפּערן מיט ריכטונגען מחוצן ציוניזם, און ווי ווײַט איך זאָל זיך נישט געווען באַמיִען אײַנצוהיטן דעם כּלל פון האָבן דרך־ארץ פאַר איטלעכן און אַלעמען וואָס באַמיט זיך צו דערהאַלטן יידן ווי יידן, האָב איך אָבער נישט געקענט פאַרהוילן, אַז די עצם מעגלעכקייט פון אונדזער קיום, אונדזער פּשוטן פיזישן קיום, איז אין אַ שטענדיקער סכּנה, די אייביקע סכּנה פון גלות, וואָס מיינט געשלײַ־דערט ווערן פון קאַטאַסטראָפע צו קאַטאַסטראָפע, אויב מיר וועלן נישט גרונטיק איבעראַנדערשן די עצם יסודות פון אונדזער פאָלקסלעבן. און איך וויל און וועל נישט פאַרהוילן, אַז ווען עס זאָל מיר אַפילו געווען געראָטן מײַן ציוניזם צו פאַרמילדערן, און איך וואָלט, ווי דער רוב ציוניסטן, געבליבן אין גלות, וואָלט איך מסתּמא דעם ייִוואָ און זײַנע אויפטוען נאָכגעגאַנגען, ווי איך טו עס אַלע יאָרן, און אים דערפאַר געלויבט און באַוואונדערט, אפשר אַפילו מיטגעאַרבעט, אָבער נישט אָנגעהערט, מחמת דער אַנדערשקייט פון אונדזערע קולטור־מאַפּעס, און איך האָב שוין דער־וועגן געגעבן געזאָגט, ווען עס וועגן געגעבן געזאָגט

וועגן געגעבן גערעדט און געשריבן, איך זאָל מיך דאַרפן איבערחזרן. גענוג אַז איך וועל באַמערקן, אַז עס איז פאַראַן אַ חילוק צווישן אַ מאַפּע, ווו אַ שפּראַך, וועלכע מיר האָבן געשאַפן אין דער מיט פון אונדזער געשיכטע, און וואָס נעמט אַרום אַ שבט, אַ גרויסן שבט פון פאָלק, ווי עס איז שבט אַשכּנז, פּונקט ווי זי נעמט אַרום אַ גרויסן קאַפּיטל פון אונדזער שאַפעריש־קייט, און צווישן אַ מאַפּע, ווו די דאָזיקע שפּראַך איז אַ טייל, אַ וואַזשנער טייל, אָבער אַלץ אַ טייל פון אַ קאָמפּליצירטערן קאָמפּלעקס, ווו עס גייען אַרײַן אַנדערע ווערטן, צווישן זיי אַזאַ אַלט־נײַער עלעמענט, ווי עס איז לשון־עברי, וואָס האָט אי אַ לענגערן היסטאָרישן מאַרשרוט און אי אַ גרעסערן קולטור־פאַרמעג, פון בראשית־ברא ביז הײַנט, און די קשיא איז, ווי וועלן זיך די ווערטן, בפרט מיטן צו שטאַנד קומען פון אַלטן שידוך,

צווישן דער אַלט־נײַער שפּראַך און דעם אַלט־יונגן לאַנד און זייער רעסטי־טוציע, אויסבאַלאַנסירן.

און דאָ קומען מיר צום צוזאַמענשטויס צווישן ווילנע, ווי עס האָבן זי רעפּרעזענטירט אײַערע צוויי וויגעלעך, דער ייִוואָ און יונג־ווילנע, און די וויטאַלע כּוחות אין און אַרום זיי, און צווישן ירושלים, און מען מוז מודה זײַן, אַז עס איז געווען אַ שווערער צוזאַמענשטויס, און זאָל מיר דער־לויבט זײַן אים צו אילוסטרירן מיט דרײַ באַגעגענישן — מיט דרײַ ווילנער ייִדיש־קאָריפעען, וואָס זענען אַיעדער איינער בחינת משכמו ומעלה: דער ערשטער איז געווען מאַקס ווײַנרײַך — איר ווייסט דאָך ווער און וואָס ער איז געווען, איר האָט אים געקענט, ליב געהאַט, און ער האָט זיך אויף אײַך פאַרשטאַנען, ווי מיר דרינגען דאָס פון זײַנע, גאָר אינטערעסאַנטע, בריוו צו אײַך, וואָס איר האָט אַנומלט געפּובליקירט. ווײַנרײַך, וואָס איז געווען אַ מין אינקאַרנאַציע פון ייִדיש, ווי אַן אייגענע באַוווסטזיניקייט, וועלכע ער האָט אויפגעבויט ווי אַ וויסנשאַפט, אין תחום פון שפּראַך, לי־טעראַטור, פאָלקלאָר, האָט פאַרשטאַנען זיך גופא און אַ זייער קאָליריקע קאָלעגיע און כּמעט־קאָלעגיע אין און אַרום זײַנע וויסנשאַפטלעכע אויפטוען צו מאָביליזירן און אַקטיוויזירן. איך האָב געזאָגט: אַ קאָליריקע קאָלעגיע, דען געגוג דורכצוקוקן די ייִוואָ־אָרגאַנען, וואָס ער האָט זיי, ערלעך און וואַרעם באַוואַכט, כּדי צו זען, ווי ווײַט ער האָט פאַרשטאַנען צוצוציִען כּוחות, וואָס האָבן, אין דעם ענין געהאַט וואָס צו זאָגן, נישט אָנוואַרפנדיק אויף זיי אידעאָלאָגישע התחייַבותן, מיט וועלכע ער האָט זיך אַליין און זײַנס גלײַכן מחייַב געווען.

איך האָב געזאָגט: אַ כּמעט־קאָלעגיע, דען דער אידעאָלאָגישער אָפּש־טאַנד האָט זיך נישט געלאָזט פאַרווישן, בעווײַל, סוף־כּל־סוף, האָט דער אָפּשטאַנד באַרירט גרויסע און גרונטיקע ווידעראַנאַנדן וועגן עצם היסטאָרישן און אַקטואַלן גאַנג פון פאָלק, אויף וויפל דאָס איז געווענדט אין אים אַליין; חילוקי־דעות, וואָס מען האָט נישט געטאָרט און נישט געקאָנט פאַרטושן; מיר האָבן זיי אויך נישט פאַרטושט אין יענעם איינציקן שמועס, כאָטש מיר האָבן זיך באַנוגנט מיטן אַפאָריסטישן זאָג וועגן דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ, אַז עס איז אַ חילוק, צי מען האַלט זי פאַר אַ היסטאָריש געשעעניש, אָדער אַ קולטורישע אַוואַנטורע, אָבער דאָס האָט נישט צו טאָן מיטן אינטערעס אין און פאַר ייִדיש, ווי אַן אַנטפּלעק פון אונדזער קולטור. נאָך עפּעס: ער, ווײַנרײַך, וואָס איז געווען אַ פײַנפּיליקער פּסי־כאָלאָג, און אַפילו פּסיכאָלאָג פון פאַך, האָט פאַרשטאַנען דעם חילוק צווישן

די צוויי קאָמפּאָנענטן — דעם, בעיקר אינטראָווערסן, פאַרשער און דעם לרוב עקסטראָווערסן, עסקן, און האָט געמוזט, אָבער אויך פאַרשטאַנען, צוויישן זיי צו באַלאַנסירן, און ערשט ווען עס וועט אַרויס די רײַכע קאָרעספּאָנדענציע זײַנע, וואָס האָט זיך דערהאַלטן, וועט זיך אַרויסשטעלן, וויפל חן און טאַקט און ישרות ער האָט אַרויסגעוויזן.

אָט דער דרײַלינג פון מידות האָט אויך אָפּגעלויכטן פון דעם דעמאָלטיקן שמועס, וואָס האָט פאַרמאָגט שטיפערישע רעפליקעס — ווי אַ שטייגער, אַז איך האָב אין ענין פון שפּראַכן און זייער גראַדאַציע אַרויסגערוקט דעם פּסוק: לא יעשה כן במקומנו לתת את הצעירה לפני הבכירה, מיטן מיין: עס שיקט זיך נישט בײַ אונדז צו שטעלן די ייִנגערע פאַר דער עלטערער; האָט ער מיט אַ שמייכל באַמערקט: עס איז אַפילו אַ דעקלאַראַציע פון לבן הארמי. האָב איך אים ווי איבערגעשלאָגן: אַזוי האָט גערעדט דער טאַטע פון די צוויי טעכטער... ער ווײַטער האָט פאַרענדיקט זײַנס: אָבער איך דאַנק אײַך פאַר אײַער נימשל צו ייִדיש: רחל, אי די ייִנגערע אי די שענערע. אַוודאי האָבן נישט אויסגעפעלט נאָך רעפּליקעס, ווי אַ שטייגער אַרויסרוקן די טענה, אַז משה רבנו און אהרן הכהן און דער גאַנצער שבט לוי, וואָס זייערע אייניקלעך זענען כהנים און לויים עד־היום, און דער גאַנצער שבט יהודה, מיט מלכות־בית־דוד, ביז משיחן, שיבוא במהרה בימינו, זענען אַלע לאהס אור־אור־אוראייניקלעך, און אַז תיקון־חצות טיילט זיך אויף תיקון רחל און תיקון לאה, אָבער אויך דאָ וואָלט געלאָקערט אַן ענטפער: תיקון רחל האָט אַ וואָזשענערע מערכה און גייט פאָרט נאָפערד. אָבער רעפליק אַהין, רעפליק אַהער — דער עיקר האָט זיך נישט געלאָזט אָפּפרעגן: מיר זענען געבליבן אויף צוויי ווײַטע פּאָלוסן, וואָס שייך דער אָריענטאַציע אין אונדזער עצם פאָלקס־קיום, אויף וויפל מיר קאָנען עס אָנטשיידן, צוויי פּאָלוסן, וואָס דער אָפּשטאַנד פון דאָרט און דאָ האָט זיי פאַרשאַרפט, אָבער נישט געשאַפן, און מסתמא געדענקט איר, אַז איך האָב די ווײַטקייט, מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, אין מײַן וואָרט אויפן ייִדיש־קאָנגרעס אין ירושלים אָפּגעהויבן.

און אַזוי ווי איך בין נוטה צו דער סברה פון בערל קאַצנעלסאָן, אַז מער ווי מיר קלײַבן אויס אונדזערע שטעלונגען, קלײַבן אונדזערע שטעלונגען אונדז אויס, שטעלט זיך ערשט צום סוף, ווען עס פאַלט דער אָנטשייד, אַרויס צי און אויף וויפל מיר האָבן געטראָפן און נישט געטראָפן אין פּינטל, פּונקט ווי עס שטעלט זיך אַרויס, וואָס איז, אין חשבון־הכולל, געבליבן פון אונדזערע כוונות און מעשׂים, וואָס האָבן זיך אונדז אויסגעדאַכט ווי

אַן אײנהײט און די צײַט האָט זײ אין איר סך־הכּל אָפּגעטײלט, האָבנדיק פֿאַר זיך דרײַ מעגלעכקײטן: כּשרנדיק אָדער פּסלענדיק בײדע; כּשרנדיק די כּוונות, און פּסלענדיק די מעשׂים; כּשרנדיק די מעשׂים און פּסלענדיק די כּוונות, און בײדע לעצטע מעגלעכקײטן אין פֿאַרשײדענע פּראָפּאָרציעס. װײַזט אויס, אַז אַזאַ עמבריאָנאַלער מין אויפֿטײל האָט זיך, צװישן אונדז בײדע אויסגעפּיקט — אַ ראַיה אונדזער אַרבעט און מיטאַרבעט אויפֿן שטח פֿון ייִדיש, װאָס איז אַ קאַפּיטל פֿאַר זיך.

איך דערמאָן אײַך דאָס אַלץ, װײַל עס האָט בפֿירוש אַ שײַכות צו אײַך — פּונקט װי איך שטעל זיך נישט פֿיר אײַער גרונטיקן װוּקס און גאַנג אָן אָדער אויסער װילנע, שטעל איך מיר זײ נישט פֿיר אָן אָדער אויסער איר ייִדיש־באַװעגונג, אָן אָדער אויסער ייִװאָ, ואַחרון אַחרון: אָן אָדער אויסער דער השפּעה פֿון מאַקס װײַנרײַך. אַװדאי איז עס אַ באַזונ־דערע, אַפֿילו אָריגינעלע השפּעה — ער האָט אײַך נישט געמאַכט פֿאַר אַ פֿילאָלאָג, אָבער איר געהערט צו די װײניקע, װעלכע איך קען נענטער, װאָס באַהערשן יעדעס ייִדיש־װאָרט און פֿילן װי אויף דער שפּיץ צונג, זײַן װאָג און װערט, זײַן פּשט און רמז. ער האָט אײַך נישט געמאַכט פֿאַר אַ היסטאָריקער — אָבער איר געהערט צו די װײניקע, װעלכע איך קען נענטער, װאָס האָבן אַ פֿרישן, יונגן צוגאַנג צום שאַפֿערישן אַלטװאַרג, אַזױ װײַט אַז איר זענט מסוגל אויפֿפֿרישן און פֿאַריונגן אַלט־ייִדיש, װי איר האָט עס באַװיזן, און עס װאָלט זיך נאָך מער באַשטעטיקט, װען איר װאָלט, לויט װי איר האָט עס געװאָלט, אליה בחורס בבא דאנטונא אַזױ פֿאַרהײַנ־טיקט, אַז עס װאָלט געװען אי אַלט אי נײַ, אין אײן אָטעם. ער האָט אײַך נישט געמאַכט פֿאַר אַ קריטיקער — אָבער איר געהערט צו די װײניקע, װעלכע איך קען, װאָס זײער אויסדרוק־כאַראַקטער און אויסדרוק־פֿאַרמעג איז מאַגיסטיש — דיכטער, נאָר דיכטער, בלויז דיכטער, רק דיכטער — און זײ אַקטיװיזירן דעם מאַגיזם נישט בלויז אין דער פּאָעזיע און פּראָזע (יאָ, איך האָב מיך לאַנג געראַנגלט מיט אײַער פּראָזע, ביז איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז זי רײַסט אויף די שפּאַנונג פֿון אײַער פּאָעטיק, אפֿשר מער װי עס טוט עס אײַער פּאָעזיע), נאָר אויך אין עסײ און אַפֿילו מעמואַר.
און חוץ דעם אַלעמען נעם איך אין באַטראַכט דעם אויסשטראַל פֿון מאַקס װײַנרײַכס פֿאַרשװין און װערק, װאָס האָט צוגעלאָכטן דעם אויסברײט פֿון אײַער גאַנג, װי ער האָט זיך דעמאָנסטרירט דװקא, װען אײַערע װעגן, װאָס האָבן זיך אפֿשר געקאָנט װידער באַגעגענען, זענען זיך צעגאַנגען, צװײ יאָר נאָך דעם װי איר זענט שױן געװען רעדאַקטאָר פֿון די גאָלדענע קײט

אין תל־אביב, און דער היגער, דעמאָלט אײנציקער אוניווערסיטעט בײַ אונדז, האָט אים פֿאַרבעטן אָנצונעמען די ייִדיש־קאַטעדרע אין ירושלים.

אַ שפּעטערדיקער דור וועט ערשט רעכט דעפֿינירן אין וואָס און ווו איר זענט אײַך צעגאַנגען, און שטאָט אַ שטענדיקן פּנים־אל־פּנים האָט איר זיך בעל־כּרחו באַנוגנט מיט אַ דף־אל־דף. לעת־עתּה האָב איך בלויז אַ פּשוטע דעפֿיניציע: ווער קאָן און דאַרף זײַן דער יורש פֿון ירושלים־דליטא, ווי איר האָט עס איבערגעלעבט, אויב נישט ירושלים ממש.

דאָ וועל איך דערמאָנען מײַן צווייטע אײנציקע באַגעגעניש מיט אַ היכּוערטיקן ווילנער, אַ צענטראַלע פֿיגור אין יִיוואָ — זעליג קלמנאָוויטש, השם ינקום דמו. איך זע אים נאָך איצט אַ זיצנדיקן אײַנגעבאַבלט אין אַ שטול, אין דער רעדאַקציע „דבר" — אַרום איז פֿאַר נאַכט, און מיר זענען בלויז ביידע אין הויז, און אַז איך האָב געוואָלט מאַכן ליכטיק, האָט ער זיך געוועהרט, און זײַן שמועס האָט געריזלט אין האַלב־טונקל. די טעמע פֿון זײַן, כּמעט מאָנאָלאָגישן שמועס איז געווען: די צווייישפּראַכיקע וואָרצלען פֿון דער מאָדערנער ייִדיש־ליטעראַטור און, פֿאַרשטייט זיך, פֿון דער שאָפֿערישער פּערסאָנאַלער אוניע, וואָס האָט מיך באַזונדערש אינטערעסירט אין מײַנע, דעמאָלט נאָך נעפּלדיקע, אָנהייב־זוכענישן, וואָס האָבן מיך, וואָס ווײַטער אַלץ קלאָרער, דערפֿירט צו דער קאָנצעפּציע פֿון אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור און דער טאָפּעלער דרײַיִקייט פֿון אירע יסודות — איר דרײַשטראָמיקייט (חסידות, מתנגדות, השׂכּלה) און איר דרײַשפּראַכיקייט (עברית, ייִדיש, לעז). ער, קלמנאָוויטש, האָט זיך מכוון געווען צו אַ קאָנקרעטער דערשײַנונג, מיט וועלכער ער האָט זיך אַ צײַט לאַנג פֿאַרשעריש געבאַרעט — דער שאָפֿערישער צווייישפּראַכיקער (אײגנטלעך דרײַשפּראַכיקער) פּענאָמען פֿון ר' יוסף פּערל, און בעיקר זײַן טאָפּל־שפּראַכיקן מגלה טמירין, וואָס ער האָט זײַן ייִדישטעקסט, (וועלכן ר' ישׂראל ווײַנלעז האָט אין יִיוואָ אַרויסגעגעבן) באַגלייט מיט אַ גרונטיקער פּיאָנירישער פֿאַרשונג, ווו ער האָט באַלויכטן פּראָבלעמען, וואָס די פֿריִערע פֿאַרשערס האָבן זיי אָדער פֿאַרזען, אָדער נישט דערזען. אָבער פּלוצעם האָט ער דעם שמועס אָפּגעהאַקט, און גענומען רעדן וועגן דער ירושלימער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק און אירע אוצרות, און די סכּנה וואָס לאָקערט אויף זיי, אין ברען פֿון די דעמאָלטיקע אומרוען, און געוואָלט מיך געווינען פֿאַר זײַן געדאַנק, אַז מען דאַרף די ספֿרים און כּתב־ידן וואָס גיכער איבערראַטעווען קיין ווילנע.

נאָך הײַנט, אַז איך דערמאָן זיך דערינען, וואַקל איך זיך צווישן נבהל

און נשתומם. געקומען איז ער אין לאַנד, ווי מיר לערנען אָפּ פון דער ביאָגראַפיע זײַנער, וואָס זײַן זון, שלום, האָט אָנגעשריבן, טאַקע זיך צו זען מיט אים, דעם זון, וואָס האָט אַהער עולה געווען (עס איז שלום לוריא — הײַנט אַקאַדעמישער לערער און פאָרשער פון אונדזער צווייִשפּראַכיקער ליטעראַטור), און זיך אַרומקוקן, צי און ווי עס וועט זיך לאָזן באַשיידן דער חלום, בעיקר פון זײַן פרוי, מרת רבקה (אַ שוועסטער פון בתיה ניגער אין ניו־יאָרק און יוכבד טרויב אין חיפה), זיך באַזעצן הי, אין לאַנד. אָבער, בשעת אונדזער שמועס, האָב איך דאָס נישט געוווסט, און הערנדיק זײַן משונהדיקן געדאַנק, האָב איך מײַן תמיהה גדולה אַרײַנגעקוועטשט אין אַ קורצער קשיא: שכינתא לגלותא? און ער האָט דאָך געוווּסט, ווי דער גלות האָט דעמאָלט אויסגעזען: שוין אַוועק זעקס יאָר, ווי היטלער האָט געבושעוועט אין דײַטשלאַנד; עסטרײַך איז שוין געווען זײַנס, טשעכאָסלאָוואַקיע איז שוין געווען זײַנס, דער גורל פון די ייִדן, פורעניות נאָך פורעניות, און די ווילדע לאַפּעס האָבן זיך ווילד און אַכזריותדיק געשטרעקט קיין מערב און מיזרח. די סכנה פון אַ צווייטער וועלט־מלחמה איז ממש געהאַנגען אין דער לופט — און באמת איז אַוועק ווייניקער פון אַ פערטל יאָר, נאָך דעם שמועס, און זי איז אויסגעבראָכן — און דאָ זאָלן מיר גאָר ראַטעווען ספרים און כתב־ידן פון ירושלים קיין ווילנע.

ווי ווײַט ער האָט זיך אין זײַן פּלאַן אײַנגעעקשנט האָב איך זיך דערוווּסט פון אַ ווילנער, דעמאָלט אַ תלמיד פון ירושלימער אוניווערסיטעט, וואָס איז שפּעטער געוואָרן איר פּראָפעסאָר, און איז אַן אויסגעצייכנטער פאָרשער פון אונדזער צווייִשפּראַכיקער ליטעראַטור — שמואל ווערסעס (בײַ אים האָט טאַקע שלום לוריא, אָנגעשריבן זײַן דאָקטאָר־אַרבעט וועגן צווייִשפּראַכיקן מענדעלע, פּונקט ווי ער האָט בײַ מיר אָנגעשריבן זײַן מאַסטער־אַרבעט וועגן דער ייִדיש־פּאָעמע פון יעקב שטיינבערג רוסלאַנד) — אויך מיט אים, דעם יונגן ווילנער, און בעיקר מיט זײַנע אַלטע פרײַנד בן־ציון דינאַבורג (דינור) און ר׳ מיכל ראַבינאָוויטש האָט ער גערעדט וועגן די אוצרות, וואָס מוזן וואָס גיכער אָפּגעראַטעוועט ווערן. ווען איך דערמאָן זיך אין יענער אידעע־פיקס, קאָן איך זי מיר נישט אַנדערש אויסטײַטשן ווי מיט אַ מין מיסטישער אײַנגעגלייבטקייט אין ירושלים־דליטא.

יאָ, כמעט אין דער צײַט ווען קלמנאָוויטש איז געווען בײַ אונדז, איז רחל קאַצנעלסאָן (שזר) געווען, דאָס ערשטע מאָל, אין ווילנע, און — ווי זי האָט דעמאָלט געשריבן — איז זי געווען טיף צערודערט מכוח דעם באַריר מיט די גײַסטער פון עבר, „וואָס האָבן געשוועבט אין די אָרעמע

ווינונגען פון מײַן פאָלק, כאָטש אין זייער זײַט האָט שוין געקױשט די הײַנטצײַטיקע גרויסע שטאָט". פון דעסטוועגן — איז זי ממשיך — אַז זי האָט באַדאַרפט אין שטראַשון־ביבליאָטעק פאַרשרײַבן איר נאָמען אין געסט־בוך, האָט זי געשריבן: „מײַן האַרץ וואָלט זיכערער געווען, ווען די אוצרות וואָלטן זיך געהיט אויפן הר־הצופים". אָבער עס האָט זי באַגלייט אַ געפיל, אַז אין דעם וואָס זי האָט אָנגעשריבן איז פאַראַן עפּעס פון לײַכטזין, דען „ווער קאָן דאָס גאַראַנטירן, אַז די בנינים אויפן הר־הצופים וועלן בלײַבן גאַנץ, און פון וואַנעט האָט מען די זיכערקייט, אַז די האַנט פון חרוב־מאַכער וועט זי נישט דערגרייכן". „אָבער — ענדיקט זי — אויך פאַר קולטור־קנינים איז עס צו מאָל נישט אַלץ איינס, ווו און ווי אַזוי זיי ווערן חרוב, פּונקט ווי עס איז נישט אַלץ איינס ווי אַזוי און ווו דער טויט געפינט דעם מענטשן, און עס איז נישט מעגלעך אָן אמתער ציוניזם אָן דעם געפיל: אויב עס איז אויף מיר ניגזר געוואָרן צו שטאַרבן, איז בעסער איך זאָל שטאַרבן אין לאַנד. און אויב עס איז, חלילה, עפּעס ניגזר געוואָרן אויף דער שטראַשון־ביבליאָטעק — בעסער עס זאָל געשען אויפן הר־הצופים". ווי מיר וויסן הײַנט, האָט זיך די שטראַשון־ביבליאָטעק אָפּגעראַטעוועט און געפינט זיך אין יִיוואָ אין מאַנהעטן, אָבער דער קאָנטראַרער באַצי פון צוויי צדדים שפּיגלט ווידער אָפּ צוויי פּאָלוסן און זייער ווײַטקייט.

און כּדי די ווײַטקייט אויסצובולטן, און דאָרט ווו זיי האָבן זיך צוזאַ־מענגעשטויסן, אין אַ מאַקסימאַלער נאָענטקייט, ממש אין די זעלבע דלת־אַמות, וועל איך דערמאָנען אַ דריט באַגעגעניש, וואָס איז געווען תּחילת על־פּי השמועה, און ערשט נאָך יאָרן על־פּי הראיה. עס האַנדלט זיך ווידער אין אַ פּאַרשוין פון גרויסן פאַרנעם, נוסח ווילנע, — ר' אַברהם גאָלאָמב שליט"א, וועלכן איך האָב געלייענט, וועגן וועלכן איך האָב געהערט, אָבער נישט געזען. איך האָב געוווּסט פון מײַנע גאַליציאַנער פרײַנד, וואָס זענען געווען העברעיִשע לערערס אין ווילנע (אַברהם פרנס, גבריאל טאַלפּיר), פון באַקאַנטע וואָס זענען דאָרט געווען תּלמידים און געוואָרן העברעיִשע שרײַבערס (משה מאַרגאָליאַן־שמואלי, אַברהם ברוידעס, מנחם שוואַרצ־מאַן־שחורי, משה באַסאָק), אַז אין ענגן שכנות פון בנין, וואָס געהערט צו דער ווילנער קהילה, געפינען זיך ביידע לערער־סעמינאַרן, דער העברעיִ־שער, וואָס זײַן רוח־החיים איז שלום־יונה טשאַרנאָ און דער יִדישער, וואָס זײַן רוח־החיים איז אַברהם גאָלאָמב, און זיי זענען צוויי ווײַטע וועלטן, וואָס גרייטן זיך אויסצובויען צווי נאָך ווײַטערע וועלטן. אָבער ווען דער ענין האָט, מחמת מײַן פאַרשטאַרקטן אינטערעס אין אונדזער צווייספּראַ־

כיקער ליטעראַטור, מיך געמאַכט פֿאַר אַ זולל־וסובא פֿון די אוצרות אויפֿן הר־הצופֿים, מיך געגומען אינטריגירן, אין אָנהייב פֿון די דרײַסיקער יאָרן, איז שוין טשאַרנאָ נישט מער געווען צווישן די לעבעדיקע, ווײַטער אַברהם גאָלאָמב האָט געטאָן אַ דרײַסטן שריט און געקומען אין ארץ־ישׂראל, און געמאַכט נאָך אַ דרײַסטערן שריט — געווען דאָ לערער, דערציִער. איך האָב מיך צו ערשט דערפֿון דערוווּסט פֿון זײַנע קעגנערס — אין איינעם אַן אָוונט זענען אין מײַן דירה אין ירושלים אַרײַן דרײַ באַקאַנטע מײַנע, וואָס זענען געווען לערערס אין ווילנע — דער טערניפּאָלער ד״ר שמעטערלינג־גלעד, וואָס איז געווען לערער אין ירושלים, דער סאַמבאָרער ד״ר שוסטער, וואָס איז געוואָרן לערער אין תּל־אָביב, דער טאַרנער ד״ר נײַגער, וואָס איז געוואָרן לערער אין חיפֿה, און מיט אַ קול ווי מען וואָרנט פֿאַר אַ שׂרפֿה, האָבן זיי מיר געגומען אויסמאָלן די סכּנה וואָס אַברהם גאָלאָמבס קומען און זיך באַזעצן, און דער עיקר זײַן פּרוּוו הי צו קנעלן, וועט אַראָפּבאַ־שווערן, און אַז איך מוז, למען השם, קלינגען טרעוואָגע.

אַזוי ווי איך האָב זיי געקענט פֿאַר בטבע קילבלעכע פּאַרשוינען, האָב איך פֿון זייער היציקער אַרגומענטאַציע געדרונגען, אַז זיי טראָגן אין זיך אַ פּאָביע פֿאַר גאָלאָמבס כּאַראַקטער און עקשנות און בעיקר פֿאַר זײַן כּוח צו שטעלן אויף זײַנעם, און האָב געפּרוּווט לינדערן די היציקייט זייערע לויט מײַן גרונטיקן באַנעם: ירבו כּמותו בישׂראל, ווײַל דער עיקר איז קומען אַהער און זײַן דאָ; אָדער ער וועט לערנען פֿון אונדז, אָדער מיר וועלן לערנען פֿון אים, און מסתּמא איז דאָ, סײַ פֿאַר אים סײַ פֿאַר אונדז, וואָס צו לערנען. איך האָב מיך מיט אַברהם גאָלאָמב נישט באַגעגנט, דערפֿאַר האָב איך מיר באַגעגנט, אַ שטיק צײַט שפּעטער, אין דער סאַנאַטאָ־ריע פֿון מוצא, מיט זײַן פֿרוי, מרת רבקה — אַן איידעלע, חנעוודיקע, אינטע־ליגענטע, באַזונענע אשת־חיל, און צו מײַן באַדויער, געהערט אַז זיי פֿאַר־לאָזן דאָס לאַנד. זיי זענען, כּידוע, אַוועק קיין אַמעריקע, ווו זיי האָבן, בעיקר אין מעקסיקע, באַוויזן אַ גרויסע קולטור־פּעדאַגאָגישע בריהשאַפֿט. איך האָב אים גופֿא געזען ערשט נאָך יאָרן — עטלעכע מינוט בײַ זײַן ברודער אין שטוב, אין ירושלים, עטלעכע מינוט אין האָטעל אין לאָס־אַנדזשעלעס, אין איינציקן טאָג וואָס איך בין דאָרט געווען, און איך זע אים אַ שטייענ־דיקן — הויך, געשטרעקט, ענערגיש, אַ טיפּיש פּנים פֿון אַ געקאָווועטן למדן, וואָס ווייס וואָס ער וויל און קאָן עס אויספֿירן. אָבער אַלע יאָרן בין איך זײַן שרײַבן נאָכגעגאַנגען, און מיר האָבן אָפּגעהיט אַ היפּשן בריווקאָנטאַקט. זײַן שולחן־ערוך, ווי ער האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט, ווי אַ באַדערפֿעניש און

מעגלעכקייט פון הלכה־למעשה — איז, לפי־דעתי, לגבי אַ היגן דערציִערישן עקספערימענט זײַנעם געקומען — סײַ צו שפּעט און סײַ צו פרי. צו שפּעט פאַר אַ לערן־פּראָגראַם, מיט גלות און יידיש ווי אייבערווערטן, בשעת ציון און עברית האָבן זיך מתחילה פיקסירט ווי די אייבערווערטן, וואָס רעגע־נערירן די היסטאָרישע יסודות; צו פרי פאַר דעם דערקענטעניש־געפיל פון אַחריות פאַר אַלע ווערטן פון אונדזער קולטור, וועלכע איז ערשט אויפגעקומען נאָכן חורבן פון יידישן אייראָפּע און נאָכן אויפקום פון דער יידישער מדינה, ווו די דערציִונג ראַנגלט זיך בעצם מיט די כלל־עיקרים פון אינטעגראַלער יידישקייט, (תודעה יהודית), ווי עס איז מחייב דער נײַער מעמד פון אונדזער קיום — מדינת־ישראל, נישט ווי אַ יידישע ווערקלעכקייט, נאָר ווי די יידישע ווערקלעכקייט.

און איצט דערלויבט מיר, נאָך דער באַגעגעניש מיט די דרײַ קאַפּיטלען פון יידיש־ווילנע, דערציילן וועגן דער באַגעגעניש מיט אַ רעפּרעזענטאַנט פון יונגן יידיש־ווילנע, אויב איר ווילט יוסט: פון יונג־ווילנע — מיט אײַך, עס איז אַ דרײַיִקע באַגעגעניש, וואָס איז אין דרײַ צײַטאָפּשניטן פירגעקומען פאַר דער באַגעגעניש פּנים־אל־פּנים.

די ערשטע באַגעגעניש איז געווען, מיט מער ווי פערציק יאָר צוריק, און דאָס מיט אײַער ערשטלינגבוך לידער, וועגן וועלכן איך האָב געשריבן, און דאָס איז געווען דער ערשטער אָפּרוף וועגן אים און אײַך אין דער היגער ליטעראַטור־קריטיק; און כאָטש עס איז יאָ אַ צופאַל און נישט קיין צופאַל, נעם איך מיך דערמיט איבער. יאָ אַ צופאַל — וואָס עס האָט מיך בעיקר גענומען אין אײַער בוך איז געווען אײַער פּאָעמע וועגן ציפּריאַן נאָרוויד, דעם גרויסן, לאַנג, צו־לאַנג אין שאָטן געשטעלטן פּוילישן דיכטער, וואָס די ליבשאַפט צו אים האָט אין מיר געשטאַרקט מײַן פּוילישער ליטעראַ־טור־לערער, דער גרויסער מומחה טאַדעוש פּיני — האָט ער זיך דאָך שוין אין גרייִז־גראַען עלטער פּראָצעסירט מיט זענאָן פּשעסמיצקי (מיריאַם), אויך אין גרײַז־גראָען עלטער, וועגן די רעכט אַרויסצוגעבן אַלע ווערק פון נאָרוויד, וואָס באַשיינען עד־היום אײַער פּאָליציע. נישט קיין צופאַל — איך האָב זיך, במשך יאָרן, לויט מײַנע כוחות, באַשטרעבט אויפצושטעלן אַ מין פּאָפּירענע בריק צווישן דער לעבעדיקער יידיש־שאַפונג און שאַפערס און דעם היגן לייענער, און איך האָב געאינפאָרמירט, געכראָניקירט, גערע־צענזירט, געטראַדוִירט, געקאָרעספּאָנדירט — וואָס האָט פאַרשלונגען אַ באַרג פּאַפּיר. בעיקר האָט מיך געצויגן דאָס נײַע, יונגע, צוגעקומענע, וואָס האָט דעמאָלט געקנאָספּט און געצוויטעט אין דעמאָלטיקן פּוילן און

אירע פּלערליי פּראָווינצן. אַ באַזונדער אינטערעס האָט, פאַרשטייט זיך, אַרויסגערופן יונג־ווילנע, וואָס האָט זיך פאַרשניטן אויף אַ באַוועגונג פון אַ גאָר אַנדערן כאַראַקטער ווי עס זענען געווען די שטרעמונגען אין דער יידיש־ליטעראַטור, און היייאָר, ווען דער לוח ווייַזט אָן אַ יובל יאָרן פון איר באַשטאַנד, איז אַ שעת־כּושר דעם לעצטן גרויסן אויפמאַרש פון יונגע כּוחות אָפּצושאַצן. איך וועל מסתּמא אויך מייַן באַשיידן יאָרצייַט־קאַפּיטל צולייגן. עס איז אַ גרויסער יאָרצייַט אַרייַנגעוויטיקט אין אַ גרעסערן יאָר־צייַט, אַרייַנגעוואונדיקט אין גרעסטן יאָרצייַט, וואָס איז אויף אונדזער פאָלק ניגזר געוואָרן — דער חורבן פון יונג־ווילנע אין חורבן פון ווילנע און אין חורבן פון גלות־פוילן.

די צווייטע באַגעגעניש — נאָך פּובליקירן מייַן מאמר וועגן אייַער ערשט בוך, האָבן מיר זיך ברייוולעך פאַרבונדן, און מיטן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען פּוילן איז, לויטן באַקאַנטן אָפּמאַך, צוגעפאַלן היטלערן און בלויז דער מיזרחדיקער טייל, דאַרונטער ווילנע, איז צוגעפאַלן פריַער צו ליטע און שפּעטער צו סטאַלינען, האָבן מיר דאָ, מיט אַ פּלאַטער־דיק האַרץ אויפגענומען אַיעדן סימן פון לעבן וואָס האָט זיך צו אונדז דער־טראָגן, דאַרונטער אויך אייַער בוך וואַלדיקס, וואָס איז אַרויס אין ווילנע, און דאָס אין נאָמען פון יונג־ווילנע. עס איז אָבער נישט אַוועק קיין לאַנגע צייַט און עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן דייַטשלאַנד און רוסלאַנד, און אויך ווילנע איז אַריבער אין היטלערס ממשלה, און מיר האָבן פאַר־נומען ווער עס איז אַנטלאָפן און ווער עס איז געבליבן, און איר זענט געווען צווישן די פאַרבליבענע; פלעג איך נעמען און אויפמישן וואַלדיקס און כּביכול פרעגן דעם שער צי איר לעבט. הייַנט ווייסן מיר געַנוי, ווי עס איז מיט אייַך צוגעגאַנגען, אָבער נאָך איצטער, ווען איך דערמאָן מיך, אַז כאָטש איך האָב שוין געהערט די וווּנדער פון אייַער אָפּגעראַטעוועט ווערן, פון אייַער אָנטייל אין דער פאַרטיזאַנקע, און שפּעטער אין אַנטיפאַ־שיסטישן קאָמיטעט, שוידער איך אויף, ווי דעמאָלט, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל דערהערט אייַער קול — עס איז געווען נאָך דעם, ווי עס איז פירגעקומען דער ראַדיאָ־שמועס צווישן סאָוועטישע יידן און דעם היגן יישוב, איינע פון די אויפטרייסלענדיקסטע געשעענישן אין אונדזער דור. פּלוצעם אייַער קול — איר האָט געבעטן איבערגעבן אייַער גרוס דריַי פאַרשוינען אין ארץ־ישראל — פאַלק הייַלפּערין, י. מ. ניימאַן און מיר.

אַוודאי האָט עס מיך גערירט, אַז איר האָט מיך געדענקט און דערמאָנט, עס האָט מיך אָפּילו געשמייכלט צו זייַן דער איינציקער פון דעם דרייַלינג,

וועלכן איר האָט קיין מאָל נישט געזען, אָבער דאָס איז געווען דאָס אויבנאויפיקע פון דער זאַך. טיפער איז געלעגן אַן אַנדער געפיל: אויב אַזוי, איז דאָך פאַרט מעגלעך אַז מיר, וואָס לעבן, קלאָרער געזאָגט, וואָס מיר זענען געבליבן לעבן, וועלן זיך נאָך זען פנים־אל־פנים, רעדן פה־אל־פה, זײַן נאָענט, צוזאַמען, דאָ, צווישן אונדז, מיט אונדז. באמת האָט אונדז געעקבערט דער ספק, וועלכן איך האָב צום ערשטן געהערט בדרך רמז פון יצחק טאַבענקין, אַז אויב אַנווענדן אַ גזירה־שווה צווישן אָרגאַניזם פון אַ מענטשן לגבי דעם אָרגאַניזם פון אַ פאָלק, ווייסן מיר דאָך אַז אויב בײַ אַ מענטשן האָט אָפּגעברענט אַ גרויסער טייל פון זײַן הויט, קאָן ער נישט אויפקומען, מה דאָך אַ פאָלק, וואָס אים האָט אָפּגעברענט אַזאַ גרויסער טייל פון זײַן רמ״ח און שס״ה, אָבער קעגן דעם ספק איז געווען די אמונה, דער גלויבן פון די פאַרברענטע און פאַרלענדטע: מיר וועלן זיי איבערלעבן און עוד לא אבדה תקוותנו. דער צד־השווה צווישן די צווי סײַ ווײַטע סײַ נאָענטע געדאַנקען האָט דאָך געשטעקט אין ישעיהו הנביאס וואָרט: כל הכתוב לחיים — בירושלים. און צום וואָרט פון גרויסן מוכיח האָט זיך במילא צוגעשאָרט דאָס וואָרט פון גרויסן מנחם — נאָכן ערשטן חורבן, ווען די שארית־הפליטה איז געקומען פאַר ירמיהו הנביא ער זאָל בעטן גאָט: בעד כל השארית הזאת כי נשארנו מעט מהרבה כאשר עיניך רואות אותנו (= פאַר דעם גאַנצן איבערבלײַבעניש, באַווײַל מיר זענען געבליבן ווייניק פון פיל, ווי דײַנע אויגן זעען אונדז), ענטפערט ער זיי אין גאָטס נאָמען: אם שוב תשבו בארץ הזאת ובניתי אתכם ולא אהרוס ונטעתי אתכם ולא אתוש כי נחמתי את הרעה אשר עשיתי לכם (= אויב איר וועט ווידער זיצן אין דעם לאַנד און איך וועל אײַך בויען און וועל נישט צעשטערן און וועל אײַך אײַנפלאַנצן און נישט אויסקאָרענעיען באַווײַל איך האָב חרטה אויף דעם בייז וואָס איך האָב אײַך געטאָן). און ווײַטער גייט אַן אַזהרה נישט צו גיין קיין מצרים.

יאָ, די גרויסע קשיא, וואָס האָט מיטן חורבן און נאָך אים געדרייבט דאָס לעצטע פיצל רו איז געווען, ווהין וועט גיין די שארית־הפליטה, די פליטת בית סופרינו (די יורשים פון יענע, וואָס מיר דערמאָנען זיי, נאָך די חסידים און צדיקים, אין דער שמונה־עשׂרה) בתוכם, און אפשר אַפילו בראָש.

און אויב עס פרעגט זיך: פון וואַנעט האָט זיך גענומען אַזאַ אמונה, איז די תשובה: פון דער שארית־הפליטה גופא, וואָס האָט געהאַט דעם כוח נישט צו זײַן אַ שארית־הפליטה, צעבראָכענע קלומפּנס אומגליקן און

יסורים, עלנט און פאַרמוטשעטקייט, ווי זיי האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט פון פאַרלענד־לאַגערן, שפּליטערס, ווי זיי זענען פאַרבליבן פון הונגער־לאַגערן, נאָר אַ שארית־הפליטה, צוזאַמענגעבאַלטער רצון פון אַ רעשט פאָלק, וואָס האָט דעם כּוח צו אַ ממשדיקער רעפּאַטריאַציע, וואָס מיינט אַן אומקער אין זײַן אייגן, דורי־דורות פאַרלאָזט לאַנד, און מאַכן אויפבלײַען דאָרט זײַן אייגענע היים; דער גאולה־אויפברויז פון אַ ביטער־און־פינצטער געפּרוווטן דור, רופט זיך איבער אין די טראַגישסטע תּקופות פון אונדזער געשיכטע און עס איז ווײַט נישט קיין צופאַל, אַז אין לעצטן דור, כּמעט צוויי דורות, פאַרן לעצטן חורבן, האָבן אונדזערע גאולה־ און משיח־באַוועגונגען, אין אַן אומגעוויינטלעכער, וואָקסנדיקער שפּאַנונג, פאַרנומען די מוחות פון אונדזערע דענקערס און פאַרשערס, און די פאַנטאַזיע פון אונדזערע וויזיאָנאַרן און דיכטערס. אָבער דער גאולה־אויפברויז פון דער שארית־הפליטה איז אַנדערש פון אַלע פריערדיקע, נישט בלויז מחמת דער אַנדערער היסטאָרישער און אַקטואַלער סיטואַציע, וואָס האָט די גאולה, אין איר קאָנקרעטער געשטאַלט, געמאַכט פאַר אַ ממש, נאָר אויך, און צו מאָל בעיקר, מחמת דעם טייל פון דור, וואָס האָט זי געמאַכט פאַרן גרעסטן, ווײַל פּשוטסטן ממש, ווי ער איז צו שטאַנד געקומען אויפן שוועל פון דער מדינה און איר אָנהייב און המשך — דער גרויסער שטראָם עולים פון שבט אַשכּנז, וואָס איז געגאַנגען פון מערב, די איבערבלײַבעניש פון די געוועזענע קהילות אין אייראָפּע, בעיקר מיזרח־אייראָפּע, דער גרויסער שטראָם עולים פון שבט ספרד, וואָס איז געגאַנגען פון אַזיע און אַפריקע, פון זיי גאַנצע קהילות, צוזאַמען — אַ פאָלק וואָס וואַנדערט אַהיים.

איצט, נאָך יאָרן, זענען מיר קלאָרער, ווער ס'איז געגאַנגען און געקומען, ווער ס'איז געקומען און צוריקגעגאַנגען, און מיר גריבלען זיך אין די סיבות און טעמים, צי זענען זיי שולדיק, צי זענען מיר שולדיק, און מיר פאַרגלײַכן דעם ערשטן אַהיימקום, שיבת־ציון בימי עזרא ונחמיה, און דערמאָנען זיך די האַרבע רייד פון ר׳ יהודה הלוי, אָבער מיר פאַרשטייען, אַז די איבערגעבליבענע זענען דער יסוד פון אונדזער קיום. דאָ אַנטפּלעקט זיך אויך דער טעם, צוליב וואָס האָט דאָס עזרא אויסגערעכנט די נעמען פון די משפּחות פון די שבי־ציון, זיי זאָלן אָפּגעהיטן ווערן מעולם־עד־עולם. עפּעס דערפון שטעקט מסתּמא אין דער קשיא, וואָס איז די ראָל פון פּליטת־בית־סופרינו, אין דעם גוואַלדיקן פּראָצעס. און די כּוונה איז נישט בלויז צו די וואָס האָבן פאַרן חורבן געחלומט דעם חלום פון שיבת־ציון, נישט בלויז פאַר אַנדערע נאָר אויך פאַר זיך, און האָבן געהאָט

אַנדערע חלומות און זיי זענען עס געגאַנגען, געקומען און געבליבן. געש־טיצט אויף מײַן אינפאָרמירטקייט, וואָס איז באַשטאַנען אין מײַן פריִער־דיקער ברייטער קאָרעספּאָנדענציע, האָב איך געהאַט פאַר מיר אַ פולן רייִסטער פון אונדזערע שרײַבערס, בעיקר די יידיש־שרײַבערס וואָס האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט, און בין מיט טיפסטן אינטערעס נאָכגעגאַנגען די וועגן און שטעגן פון זייער וואָגל־וואַנדער, און זיך געפרייט מיט איעדן פון זיי, וואָס האָט נישט אויסגעביטן איין גלות אויף אַן אַנדערן, נאָר געקומען אַהיים, און זיכער געווען, אַז אין ספר עזרא פון אונדזער צײַט, וועלן זיי אויסגע־רעכנט ווערן אין אַ באַזונדערן רייסטער.

און דאָ קום איך צו דער דריטער באַגעגעניש — נאָך נישט מיט אײַך, נאָר מיט אײַער ברודער, וואָס איז אין אײַער און זײַן נאָמען, געקומען צו מיר אין תל־אָביב. איך דאַרף אײַך נישט דערציילן, אַז נאָכפאָרשנדיק כוונה און גאַנג פון פליטת־בית־סופרינו, האָב איך געקלערט וועגן אײַך, וועגן די איבערגעבליבענע פון יונג־ווילנע: ווּהין וועלן זיי גיין? בעיקר האָב איך אָנגענומען, אַז דער אַנטשיידנדיקער גורם איז דאָס רעוואָלוציאָנערע, וואָס מישט זיך דאָ אַרײַן און אַנטשיידט אַ סך מער ווי עס טוען אַנדערע גורמים, ווי עס איז פּרעדעסטינאַציע, מאָטיוואַציע, פּסיכאָלאָגישער צוגרייט. נײַן, וואָס איך האָב געוווּסט וועגן יונג־ווילנע, די יערונגען און וויבראַציעס אין איר, ווי אין דער יוגנט אַרום איר — די וואָס האָבן זיך אַריבערגעבענקט איבער דער גרינער גרענעץ און זיך אַריבערגעגנבעט, גלייבנדיק אין דאָרטן; די וואָס האָבן זיך געשאַרט אַרום דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „בין", גלייבנדיק אין אַ קאָנקרעטן, נאָענטן דאָ; די וואָס האָבן זיך געשאַרט אַרום דעם טעריטאָריאַליסטישן „שפּאַרבער", גלייבנדיק אין אַ ווײַטן פאַר־נעפּלטן דאָרטן; און דער צד־השווה פון אַלע דרײַ איז געווען ווי אַ מושכל־ראשון: אַ באַזע פאַר און אין יידיש־שפּראַך, ליטעראַטור, קונסט. און דאָס גופא האָט שוין אויסגעשלאָסן אַ וואָס עס איז ערנצט אַנגאַזשירנדיקע ציוניסטישע אָריענטאַציע, משמע פאַרבונדן מיט עליה — און פונקט ווי איך האָב מיך געוווּנדערט צו לייענען אין אליהו שולמאַנס אינסטרוקטיוון ביכל וועגן יונג־ווילנע (ניו־יאָרק, פאַרלאַג געצעלטן 1946), אַז אַברהם לעוו, דער אַלטער־עגאָ פון זײַן פּאָעמע „לייבל חלוץ" האָט פאַר זײַן עליה מיט אַ דור צוריק געהערט צו דער גרופּע, האָב איך מיך נישט געוווּנדערט צו הערן פון אײַך אַז עס איז אַ טעות. ווער פון די אָפּגעראַטעוועטע יונג־ווילנער וועט זײַן אין שטראָם פון די שבי־ציון — דאָס איז געווען די קשיא. האָב איך פון אײַער ברודער געהערט, אַז איר גרייט זיך דערצו און אַט־

אַט קומט איר. וכדבריו כן היה — איר זענט געקומען, געבליבן, ווי עס האָבן געטאָן אַנדערע ייִדישע שרײַבערס און געהאָלפן שאַפן אַן אַנדערע נײַע מערכה פון און אין דער ייִדישער ליטעראַטור. איך זאָג: אַ נײַע און אַנדערע מערכה — (און נעם איך באַטראַכט אַן אינטערעסאַנטע סעמאַנטיק פון וואָרט: מערכה, וואָס מיינט מזל האָט זיך כּביכול קאָפּולירט מיט מערכה וואָס מיינט מלחמה־פראָנט און געשאַפן אַ באַגריף פאַר זיך), — ווײַל אַ מערכה איז אויך געווען פריִער, און איך האָב מיך שוין עטלעכע מאָל אָפּגעשטעלט אויף דער ייִדיש־שרײַבער־גרופּע וואָס האָט זיך, בעיקר זינט דער דריטער עליה, הי קאָנצענטרירט, און באַהאַנדלט אירע אויפטוען, און זכות־ראשונים לאָזט זיך נישט פאַרקאָנקורירן, — אָבער וואָס עס איז איצט געשען איז אַן אָנהייב פון צענטראַליקייט פון ייִדיש־שאַפערישן וואָרט, ווי עס איז פריִער נישט געווען, נישט געמוזט זײַן און נישט געקענט זײַן, און אפשר אויך נישט געוואָלט זײַן. און עס לאָזט זיך דערוועגן שמועסן גאָר באַריכות, און מיר וועלן דאָס, בסיעתא דשמיא, נאָך טאָן.

וואָס איך וויל שוין איצט מרמז זײַן איז דער קאָמפּליצירטער דיאַלעקטישער קנויל, וווּ עס האָבן זיך פאַרקניפּט צוויי פאַרשיידענע גורמים: אַ רבים — די הסתדרות העובדים, דער שטאַרקסטער פאַקטאָר פון אונדזער מדינה, איינער פון די דרײַ דעצידירנדיקסטע כּוחות, לעבן דעם שרײַבער און לערער, אין אויפלעב פון אונדזער אַלט־יונגער שפּראַך; אַ יחיד — איר, אַ יונג־ווילנער, וואָס האָט צו דעם דאָזיקן אויפלעב נישט געהאַט קיין אַקטיוון שײַכות, וואָס אײַער שאַפערישע וועלט איז ייִדיש, בלויז ייִדיש, און דער קנופּ מיינט דעם אויפבוי פון די גאָלדענע קייט און איר אַנטוויקל. ווי אַזוי דער קנופּ האָט זיך פאַרוויקלט וואָלט איך ווי אַ שדכן, און אפשר אַפילו דער שדכן, געקענט דערציילן, וואָס עס וואָלט געווען סײַ אינטערעסאַנט סײַ פּיקאַנט צו הערן, אָבער איך לייג עס אָפּ אויף אַן אַנדער שעת־כּושר, אין מײַן בוך וועגן מײַנע ראָמאַנען מיט מאַמע־לשון, און וועל דאָ בלויז אָפּירהייבן אַ פּרט: ווען די גאָלדענע קייט האָט גענומען אַרויסגיין האָבן זיך, אין אײַנשאַץ פון דער דערשײַנונג, וואָס האָט, בדרך־כּלל, געווייט מיט סימפּאַטיע, געלאָזט הערן עטלעכע קולות פון רעזערוואַציע, בעיקר מצד עטלעכע פרײַנד מײַנע, וואָס עס איז זיי ניחא געווען צו מאַכן מיך פאַר אַ צילברעט פאַר זייער פּאָלעמישן אַפּעטיט, און מסתמא געדענקט איר, אַז איך בין זיי נישט שולדיק געבליבן קיין תשובה. צו דער פּאָלעמיק בכתב איז נאָך עפּעס צוגעקומען בעל־פּה ומעשׂה שהיה כּך היה: אין רעדאַקציע דבר איז פירגעקומען אַ קבלת־פּנים לטובת אַ ליבן עולה, דעם היסטאָריקער

און דיכטער מאיר באָסאַק, וואָס זײַן פּאָעמע „ממעמקים“, פון נאַצישן גיהנום וואָס ער האָט איבערגעלעבט, האָט אויפגערודערט די לייענערס, און צווישן די באַגריסערס איז אויך געווען אליעזר שטיינמאַן, וואָס האָט, בערך, אַזוי געזאָגט: דאָרט אין עמק הבכא, איז געזעסן אַ באַשיידענער העברעיִ־שער דיכטער, און געוועבט דעם גאָלדענעם פּאָדעם פון אונדזער פּאָעזיע. דאָ העלפן העברעיִשע שרײַבערס מאַכן די גאָלדענע קייט.

איך האָב אים דעמאָלט נישט געענטפערט, מיט געדולד אָפּגעוואַרט אַז ער זאָל זיך אַליין ענטפערן. און ער האָט עס טאַקע שפּעטער אויך געטאָן — ער האָט זיך, אויף די שפּאַלטן פון די גאָלדענע קייט, אומגעקערט שרײַבן ייִדיש. עס איז אַ רײַכער, שפּרודלדיקער ייִדיש, וואָס האָט אים אַנטפּלעקט ווי דעם בריליאַנטסטן ייִדיש־עסייִסט פון אונדזער דור, ווי מען קאָן זיך איבערצײַגן פון זײַן בוך אינטים מיט דער וועלט, וואָס איר האָט אַרויסגעגעבן. און ער איז דערינען, אין שפּראַכלעכן אומקער, נישט געווען דער איינציקער. אויך מײַן ווייניקייט קאָן דאַרויף מעיד זײַן — מיט מײַן גאַנצן פאַרבונד מיט ייִדיש, שפּראַך און ליטעראַטור, וואָלט איך אפשר אָן די גאָלדענע קייט זיך נישט אומגעקערט שרײַבן ייִדיש, נאָך אַ הפסקה פון דרײַסיק יאָר, און דער דערקלער פון די סיבות דערצו איז אויך אָן ענין פאַר דעם דערמאָנטן בוך איבער מײַנע דערמאָנטע ראָמאַנען. אָבער דער־לויבט מיר לעת־עתה מרמז זײַן אויף אַן עיקר־גדול.

און דער עיקר־גדול באַשטייט אין א צוויטן קאָמפּליצירטן דיאַלעקטישן קנויל, ווו עס האָבן זיך פאַרקניפּט צוויי פאַרשיידענע גורמים — ציוניס־טישע אָרגאַניזירטע, אָריענטאַציע, העברעיִש־צעמענטירטע אַרבעטערשאַפט (דער גרונטיקער באַצייכן: ההסתדרות הכללית של העובדים העבריים), וואָס אָן איר וואָלט נישט אויפגעשטאַנען מדינת־ישׂראל אין איר געזעלשאַפט־לעך־סאָציאַלער און שפּראַך־קולטורישער קאָנפיגוראַציע, ווי אָן אַגענס פון ייִדיש־שאַפערישן כּלל־אויפטו, וואָס איז מכוון צו קאָנצענטרירן, און האָט אויך קאָנצענטרירט, דעם כּלל ייִדיש־שאַפערס און ייִדיש־שאַפעריש־קייטן אויף דער וועלט.

איז מכוון צו קאָנצענטרירן — גענוג אַ קוק דערלאַנגען אויף דער רײַכער און קאָליריקער רשימה פון ייִדיש־שרײַבערס אין אַלע שאַפערישע זשאַנערס, וואָס האָבן אַנטייל גענומען אין די הונדערט בענד, כּדי צו זען די בולטע ריכטשנור, וואָס האָט מצליח געווען צוצוציִען כּלערליי שאַפערס, פון כּלערליי אָריענטאַציעס, ריכטונגען, שולן, טעמים וכדומה. האָט אויך קאָנצענטרירט — ווידער גענוג דערלאַנגען אַ קוק אויף דער זעלבער רשימה,

כדי צו זען, ווי עס האָבן זיך דאָ שאַפערס, אין פּאָעזיע, פּראָזע, דראַמע, קריטיק אַרויסגעזאָגט יונג און אַלט, יחידים און גרופּעס, און בעיקר, ווי אַרום זיי האָבן זיך פאַרגרעסערט, ווי די וואָס האָבן זיך תּחילה געקווענקלט זענען צוגעקומען, ווי ווײַטע, לרצונם אָדער לכּרחם, האָבן זיך דערנענטערט, כּדי צו פאַרשטיין, אַז אַן אַ גרונטליניע פון רעדאַקטאָר און מיטרעדאַקטאָרס, וואָלט אַזאַ טאָטאַלע און צענטראַלע באַגעגן־באַזע און איר אַנטוויקל נישט מעגלעך געווען.

איר ווייסט דאָך, אַז אַזוי ווי איך בין אַ שטיק שדכן אין אָנהייב, בין איך געווען, ווי און ווען איר האָט עס געוואָלט, אַ שטיקל בעל־יועץ, און וועל דערמאָנען צוויי אײַערע ווענדן צו מיר — איין וועגן איז געווען אין ענין שלום אַש, וואָס איר האָט נישט געוואָלט און נישט געקאָנט מיטמאַכן דעם חרם אַרום אים, און איך, וואָס בין נישט געווען און בין נישט איבערגליקלעך מיט זײַנע קריסטאָלאָגישע און אפשר גאָר קריסטאָמאַנישע ראָמאַנען, האָב געהאַלטן, אַז אויב ער האָט אײַך געשיקט זײַנס אַ זאַך פאַר די גאָלדענע קייט, אַפילו זי איז אַ שוואַכע, פאַרמאַכט די אויגן און ברענגט עס בראָש פון באַנד און שיקט עס אים תּיכּף פער לופטפּאָסט, און איר האָט געהאָלפן צום שלום צווישן פאָלק און איינעם פון זײַנע גרויסע זין.

איך ווייס נישט, צי איר האָט געוווסט, פאַר וואָס איך האָב מײַן תּשובה אַזוי פאָרמולירט — משה שטאַרקמאַן, וואָס האָט זיך ממש מוטערלעך געזאָרגט, אַז איך זאָל זײַן געאינפאָרמירט מיט איעדן חידוש אין דער יִדיש־ליטעראַטור, האָט מיר געשיקט די קאָרעקטעס פון אַשס דעמאָלטיקן לעצטן ראָמאַן, און איך האָב אים דורכגעלייענט, און געוווסט, ווי עס שטייט און גייט. שפּעטער האָבן מיר געלייענט אַ מאמר פון תּלוש (איסר מוסעלעוויטש), ווו ער האָט דערציילט, אַז שלום אַש און ער זענען געווען אין מיאַמי־ביטש און אין אַ פרימאָרגן אויף דער פּלאַזשע, איז געקומען אַש צו לויפן, אין זײַנע הענט זײַן געדרוקטער סיפּור אין די גאָלדענע קייט, און מיט טרערן פון פרייד אין די אויגן, און שבח צו מדינת־ישׂראל אין מויל. דער צווייטער וועגן איז געווען אין ענין אַהרן ווערגעליס — ער האָט פירגעלייגט אַ בײַט פון בײדע זשורנאַלן — אַ באַנד די גאָלדענע קייט וואָס וועט פירשטעלן די יִדיש־שאַפערס אין סאָוועט־רוסלאַנד, אַ באַנד סאָוועטיש היימלאַנד, וואָס וועט פירשטעלן די יִדיש שאַפערס אין ישׂראל. אָבער אויך דאָ האָב איך געהאַלטן אַז איר זאָלט דערויף אײַנגיין, קעגן אַלע פאַראַנענע ספקות, וואָס באַשטייען אין חילוק צווישן אַ פרײַען רעדאַקטאָר ווי איר זענט עס אין די גאָלדענע קייט, און אַן אומפרײַען רעדאַקטאָר, ווי ער איז

עס אין סאָוועטיש היימלאַנד. אַזוי ווי די באַציִען צווישן ביידע מדינות האָבן זיך פאַרערגערט איז זײַן פּלאַן געפאַלן, און ער האָט, נאָך אַ סך יאָרן, דווקא ווען זײַן דינערייַ האָט זיך אַליין איבערגעשטיגן, אים אויפגעפרישט פאַר אַ דעלעגאַציע פון ישׂראל, און די נאַיִווע צווישן זיי האָבן זיך פאַסמאַקעוועט. נו, די סאָוועטיש־יידישע שרײַבערס זענען, אויף אַן אַנדערן אופן, געוואָרן אַנטייל־נעמערס אין די גאָלדענע קייט — זיי זענען פּשוט אָהער געקומען, כּן ירבו.

ווילט זיך פאַרענדיקן מיט אַ וואָרט פון דאַנק אײַך און אײַערע רעדאַקציע־שותּפים, קודם דערמאָנען לטובה ר׳ אַברהם לעווינסאָן, עליו השלום, וואָס די קרענק האָט אים פּרי פון אונדז אַוועקגעריסן — אַן איידעלער קולטורמאַן, אַ פאַרדינטער פּאָליטיקער און אידעאָלאָג פון אַרבעטס־ציוניזם און אַנפירער פון דער דאָזיקער באַוועגונג, (דער מחבר פון דער ערשטער גרונטיקער מאָנאָגראַפיע וועגן דער העברעיִש־באַוועגונג) און אַ קענער און ליבהאָבער פון יידיש־ליטעראַטור, בעיקר איר פּאָעזיע (איך געדענק ווי ער איז אָפּגעזעסן אַ גאַנצע נאַכט ביי מיר אין שטוב, כּדי, אין בייזײַן פון יוסף פּאַפּיערניקאָוו, צו געבן דעם לעצטן שליף דעם העברעיִש־איבערגעזעצטן אָפּקלויב פון דעם דיכטערס לידער מן הטנא); נאָך אים קומט ר׳ אליעזר פּינעס, אַ פעסטע פיגור פון ווילן און כאַראַקטער, אַן אַרבעטס־כּוח, וואָס האָט באַשטימט די שפּראַכלעכע פיזיאָנאָמיע פון דער צײַטשריפט, און כאָטש איך האָב געהאַט רעזערוואַציעס אין פּרטים, פאַרנייג איך מיך פאַרן כּלל־באַנעם, וואָס האָט אויסגעמיטן אָפּנייגן און אַנאַרכיע. ווי ווײַט ער איז געווען דער זאַך איבערגעגעבן באַווײַזט זײַן פונדאַציע, צום ערשט אין אַ קלענערער מאָס — די פּרעמיע מטעם די גאָלדענע קייט, און שפּעטער אין אַ גרעסערער מאָס — די אליעזר פּינעס־פונדאַציע, וואָס איז אַ וואַזשנער גורם אין דער יידיש־שאַפערישער אויפטועריש־קייט. און פון די אַנדערע מיטהעלפערס, דער שרײַבער און פאָרשער נח גריס, דער קרעפּטיקער דערציילער מענדל מאַן, וואָס איז נאָך יאָרן צוריק אַוועק אין גלות, אָבער געווען טיף פאַרבונדן מיטן לאַנד, און דאָ איז אויך זײַן לעצטע רו; און להבדיל בין החיים והחיים, אַנגעהויבן פון יונג־ווילנער מלך קאַרפּינאָוויטש און פאַרענדיקט מיטן יונג־בוקאָווינער אַלכּסנדר שפּיגלבלאַט, יאַריכו ימים ויראו בטוב ירושלים.

[שלהי תמוז תשל״ט]

צווישן „יונג־ווילנע" און די „גאָלדענע קייט"

א

דער טעלעפאָנישער פאַרבעט פון אונדזער פריַינד לייזער פּאָדריאַטשיק אָנטייל צו נעמען אין אַן אימפּערעזע לכבוד אַברהם סוצקעווער, אויף וועלכן איך בין תיכף אײַנגעגאַנגען, אומגעפּרעגט צוליב וואָס און מיט וועמען איך וועל האָבן דעם כבוד צו גיין צום טיש, האָט מיך געטראָפן פּאַרטאָן אין די געדאַנקען מיט צוויי פאַקטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דעם ענין און פאַרשוין, און מעגלעך אַז טאַקע מחמת דעם איז געקומען מײַן כמעט אויטאָמאַטישע הסכמה. ביידע פאַקטן קערן זיך אָן מיטן לוח און טראָגן קײַלעכדיקע דאַטעס: איין דאַטע פאַרווײַזט אויף אַ יובל: פּופציק יאָר זײַט דעם אויפקום פון „יונג־ווילנע", ווו אַברהם סוצקעווער, נאָך אַ יינגל, האָט אויף זיך, פון אָנהייב, געצויגן דאָס אויג פון מבינים; די אַנדערע דאַטע איז אַ טאָפּעלע: הונדערט נומערן „די גאָלדענע קייט", וואָס אַברהם סוצקעווער איז, אַלע יאָר פון איר קיום, איר הויפּט־רעדאַקטאָר.

ב

איך האָף, אַז איך וועל די צוויי דאַטעס נישט לאָזן אָן אַ היפּשן מי־שבירך, און מסתמא וועט אויך זײַן אַ לײַטישער שעת־כּושר דערצו, אָבער איך דערלויב מיר שוין איצט אָנצושנײַדן אַ קשיא, וואָס אָן איר איז אַן ערנצטער באַהאַנדל פון די צוויי דאַטעס נישט מעגלעך. עס איז אַ טאָפּעלע קשיא: וואָס באַטײַט „יונג־ווילנע" און וואָס באַטײַט „די גאָלדענע קייט". אויב אָנהייבן מיט אַ מער דרויסנדיקן פּירוש, וואָס די נאָמענקלאַטור דערלאַנגט אונדז, מיינט „יונג־ווילנע" אַ קאָנצענטראַציע פון יונגע ליטעראַרישע, קינסטלערישע, וויסנשאַפטלעכע כוחות, וועלכע גרייטן זיך צו זײַן נישט בלויז אַ המשך פון דער ווילנער יידישער קולטור און גײַסטיקייט, נאָר אויך דער המשך, בויענדיק זי אויף דרײַ עיקר־יסודות: יידיש, וועלטלעכקייט, און דאָיקייט, אָדער אַ כמעט דאָיקע דאָרטיקייט, אָדער דאָרטיקע דאָיקייט, ווי עס האָט געפּאָנטאַזירט, בעיקר די נייטעריטאָריאַליס־

טישע גרופּע, מיט וועלכער סוצקעווער האָט זיך, דאַכט זיך, אַפּינירט. ומכלל הן אתה שומע לאוו, און בעיקר צווי לאָוון — נישט עברית און נישט ארץ־ישראל, אַזוי אַז די דרײַ יאָען האָבן נישט בלויז פּרעטענדירט צו זײַן, נאָר זענען, אין דעם קרײַז און זײַן אַטמאָספער אַרום, געווען נישט בלויז אַ גאָלדענע קייט נאָר די גאָלדענע קייט פון אונדזער פאָלקס־קיום. פאַר וואָס און ווי אַזוי דאָס איז צוגעגאַנגען, אַז די דרײַ קעגן־יסודות אין ווילנע האָבן זיך, צו יענער צײַט, אויסגעוויזן ווי אירע שאָטנס, וואָס זענען פאַררוקט אין אַ ווינקל, איז אַן אינטערעסאַנטער ענין פאַר זיך, אָבער דעם דאָזיקן שטאַרקן רושם פון ווילנע, ווי עס האָט עס אַמבולטסטן רעפּ־רעזענטירט „יונג־ווילנע", טאָר מען און קאָן מען נישט פאַרלייקענען, און אויב ער פאַרשאַרפט דאָס רעטעניש וועגן וועג פון אַ גרויסן רעפּרעזענטאַנט פון „יונג־ווילנע" אין דער ליטע צו „די גאָלדענע קייט" אין ארץ־ישראל, פאַרהעלפט ער צום פאַרשטאַנדעניש פון אונדזער היסטאָרישן און אַקטואַלן גורל, פון וועלכן נישט מען קאָן און נישט מען טאָר זיך אַרויסדרייען.

ג

און דאָ איז דאָס אָרט צו דערמאָנען, אַז ווען עס איז אויפגעקומען דער געדאַנק צו באַגרינדן „די גאָלדענע קייט", דורך דער הסתדרות העובדים, וואָס איז פאַר דעם אויפקום פון דער מדינה, געווען, מער ווי אַ־יעדער אַנדערער כוח אין ישוב, די פאַקטישע מדינה־בדרך, — און איך רעזערוויר מיר דאָס רעכט צו דערציילן די פירגעשיכטע פונעם זשורנאַל — און אַברהם סוצקעווער איז, אַזוי ווי, כדרך הטבע, און מראַש, באַטראַכט געוואָרן ווי איר הויפּטרעדאַקטאָר, איז מיר דער נאָמען „די גאָלדענע קייט" נישט אײַנגעגאַנגען. אַוודאי האָב איך געוווסט, אַז עס איז אַ מאַניפּולאַציע מיטן נאָמען פון דער באַקאַנטער דראַמע פון י. ל. פרץ און די אַסאָציאַציע מיט פּרצן איז נישט געווען קיין צופאַל. אָבער חוץ דעם וואָס דער נאָמען און זײַן באַגריף און בילד זענען יונגע — האָט דער שפּעטער י. ל. פרץ, פון נאָך טשערנאָוויץ, וואָס האָט פאַרוואָרפן זיין נאַטירלעכע צווײ־שפּראַכיקייט, ווײַט נישט געהאַלטן פון ממשדיקן ארץ־ישראל, און פאַרגליכן דעם אומקער צו איר, ווי דעם ווילן פון אַן אויסגעוואַקסענעם צוריק אַרײַן אין זײַנע קינדערשיכלעך, ווײַט געווען צו זײַן אַן אידעיִשע בריק, ווי דער גאַנג פון אונדזער אומקום דאָרט און אונדזער אויפקום דאָ, האָבן עס געפאָדערט. איך האָב געזאָגט: דער גאַנג, אָבער לגבי אַברהם סוצקעווער און זײַנס

גלײַכן, װאָס זענען געקומען אַהער, פֿאָדערט זיך צו זאָגן: דער שפּרונג, פֿון דאָרט אַהער, אָדער דיאַלעקטישער געזאָגט: דער שפּרונג, װאָס איז אַ מין אינסטינקטיװע, קאָנװולסיװע קאָנדענסאַציע פֿון אַ לאַנגן היסטאָרישן גאַנג, װײַט װײַט פֿון פֿאַר „יונג־װילנע״, און װײַט װײַט נאָך איר, אַ שפּרונג, װאָס מאַכט ערשט די גרופּע, איבער אַלע אירע אילוזיעס, פֿאַר אַ מאָש אין דער היסטאָרישער קייט.

און עס איז נייטיק צו פֿאַרשטיין סײַ דעם כּלל־באַטײַט, און סײַ דעם פּרט־באַטײַט פֿון דעם שפּרונג, — איז דאָך דער עיקר־אַגענס דער דיכטער און זײַן דיכטונג, װי עס האָט זי פּאָעטיש דעפֿינירט פּרץ מיראַנסקי, אַ יונג־װילנער אויך ער, אין זײַן ליד, װאָס הייסט: סוצקעװער, אַזוי צו זאָגן: „פֿון קאַלטן סיביר ביזן געטאָ אין שטויב, / פֿון יִדישער גאַס בײַ דער גרינער װיליִע, / אין װאָגן פֿון פֿײַער דײַן אָדע דער טויב, / דערט־ראָגן דו האָסט ביזן הר המוריה״. מיר האַלטן דאָ אין מיטן דיכטערישן װעג — זינט דעמאָלט זענען דאָך צוגעקומען אַ טוץ ביכער זײַנע, און מיר ריכטן זיך אויף נײַע ביכער, אַזוי אַז מיר זענען מיט מיראַנסקיס ליד װײַט פֿון פּאָעטישן סאַלדאָ, אָבער מיר פֿאַרשטייען שוין איצט דעם באַטײַט פֿון זײַן אַנטשיידנדיקן ביאָגראַפֿישן שריט, אַז װען עס האָט זיך אויפֿגע־טיילט די מחנה שרײַבערס, װאָס האָבן זיך אָפּגעראַטעװעט פֿונעם חורבן, און געגאַנגען װער קיין ניו־יאָרק, װער קיין בוענאָס־איירעס, װער קיין ריִאָ דע זשאַנײראָ, װער קיין מעקסיקע, און װער געבליבן אין פּאַריז אָדער לאָנדאָן, האָט ער, מיט אַנדערע, זיך געלאָזט קיין ארץ־ישׂראל. װײל איך, חלילה, נישט מינימיזירן דעם באַטײַט פֿון די שרײַבערס, װאָס האָבן פֿאַרשטאַרקט דעם פּולס פֿון דער יִדיש־ליטעראַטור אין די אַלע גלות־צענטרען, װי איך האָב דאָס דאָרט — חוץ מעקסיקע — אָבסערװירט, אָבער װיל אַרויסהייבן דאָס קאַרדינאַלע חשיבֿות פֿון דער גרופּע, װאָס איז גע־קומען אַהער, אַ חשיבֿות, װאָס איז גרעסער אפֿשר און העכער פֿון זייער באַװוּסטזײַן, און על־כּל־פּנים העכער פֿון זייער אידעאָלאָגיע, און זײַן עיקר באַשטייט אין דער עצם־מאָביליזאַציע פֿון זיך גופֿא אין סאַמע פּראָנט פֿון דעם, װאָס גרעץ האָט נאָך אָנגערופֿן: די רעגענעראַציע פֿון יִדישן שטאַם, און איך הקטן רוף: די איינציקע רעאָריענטאַציע, װאָס איז ביכולת גובֿר צו זײַן און איז סוקצעסיװ גובֿר אַלע דעסאָריענטאַציעס, װאָס האָבן שטאַרק געבושעװעט אין די לעצטע דורות, און טליִען נאָך שװאַך אין אונדזער דור.

ד

און צוריק צו סוצקעווערן, וואָס זײַן עיקר שטעקט נישט אין אידעאָ־לאָגישע קאָנסטרוקציעס פון דורכגעטראַכטן, ווי מיר געפינען עס ביי רעדאַקטערס פון וואָגיקע יידיש־זשורנאַלן, נאָר אין דער הויך־און טיף־קינסטלערישער רעקאָנסטרוקציע פון דורכגעלעבטן אין אַלע זײַנע גילגו־לים. נאָך מער, עס לאָזט זיך אפשר רעדן וועגן אַן אָפּשטאַנד צווישן זײַן אידעאָלאָגיע, אויף וויפל זי לאָזט זיך רעקאָנסטרויִרן לויט זײַנע, בעיקר אינטויִטיווע, אַרויסזאָגן (און אַ יונגער פאָרשער וואָלט אויך דאָ געפונען אַ שלל) און צווישן זײַן עיקר־שאַפונג, זײַן פּאָעזיע און איר געראַנגל צווישן אינהאַלט און פאָרעם. און דאָ וויל איך נישט פאַרהוילן מײַנס אַ קווענקל, ווי איך האָב אים אַרויסגעזאָגט אין מײַן אַרײַנפיר צו זײַן אָפּקלייב לידער „ברכב אש", וואָס איז, עילוייִש פאַרהעברעיִשט פון בנימין הרושאָווסקי, אַרויס אין „מוסד ביאַליק". דער קווענקל איז שוין בולט אין דעם נאָמען פון אַרײַנפיר: „בין חפץ לכורח", וואָס איך וואָלט דעמאָלט פאַרייִדישט: צווישן ווילן און נויטווענדיקייט, און הײַנט וואָלט איך גיכער געזאָגט: צווישן גלוסט און צוואַנג. דען לויט זײַן נאַטור און מענטאַליטעט, צו וועלכן עס האָט צוגעהאָלפן זײַן גײַסטיקער ווּקס, איז ער געווען גרייט צו אַן אַנדערן דרך, ווי ער איז געגאַנגען. און עס פרעגט זיך, צי איז דער דיכטער פון „וואַלדיקס" געווען גרייט פאַר דער „געהיימשטאָט" און צי איז דער דיכטער פון „געהיימשטאָט" געווען גרייט פאַר „אין מידבר סיני". זענען עס דאָך איבערגענג פון וועלט צו וועלט, וואָס פאָדערן אַ שטאַרקן, און לרוב לאַנגן, פּראָצעס פון אויסטראָגן און האָבן. ווער עס וועט זיך נעמען די מי און דורכלייענען דעם דאָזיקן אַרײַנפיר (אַרײַן אין מײַן צווייטן באַנד „אבני מפתן" ז"ז 183—193), און אויך מײַן וואָרט וועגן דיכ־טער, וואָס איך האָב געזאָגט צו זײַן יובל, בײַ אַן אימפּרעזע פון ירושלימער אוניווערסיטעט (דאָרט, ז"ז 170—178), וועט זען, אַז איך האָב מיך געסטאַרעט צו ברענגען ראיות ברורות, אַז דאָס איז מעגלעך אין באַזונדערע הויכע מאָמענטן פון דער ליטעראַטור, אַזוי אַז איך בין שוין דעמאָלט, אין אַ לײַטישער מאָס, פון מײַן ספק אָפּגעקומען, כאָטש איך בין אַלץ ווײַט געווען, און אויך ווײַט געבליבן, פון אַ הנחה, אַז אַזאַ ראַפּידער פּראָצעס איז אַ כלל־מעגלעכקייט, און זיך דערנענטערט צו אַ השערה, אַז עס איז באמת אַ יוצא־מן־הכלל־נויטווענדיקייט. הײַנט וואָלט איך דעם ספק נישט אַזוי פאָרמולירט, דען בעיקר איז עס דאָך געבונדן אין דעם מינהג פון די לעצטע דורות, צו זען, ווי דעם עיקר הגדול, דעם יחיד און זײַן יחידישקייט,

גלײַך ער געהערט באמת בלויז צו זיך, און צו זיך אַליין, אַ מינהג, אין װעלכן מיר האָבן זיך עקשנותדיק געהאַלטן, אויך מחמת דעם פּונקט פאַר־קערטן מינהג, װי עס האָבן כּלערליי קאָמיסאַרן דער ליטעראַטור און אירע שאַפערס אָנגעװאָרפן. אָבער אויב דער יחיד געהערט נישט צו קאָמיסאַרן, סײַ דיקטאַטאָרישע סײַ דעמאָקראַטישע, גבאַישע און פונקציאָנאַרישע („אין נאָמען פון...״), הייסט עס נישט, אַז ער געהער נישט צו דורות פאַר אים און נאָך אים, אַז מיט זײַן גאַנצער באַזונדערקייט, און אפשר גאָר מכּוח איר און צוליב איר, איז ער אַ מאַש אין אַ קייט. װאָס מער פאַרשװין ער איז, איז זײַן עמאַנאַציע איבערפאַרשװינלעכער, און װאָס מער יחיד ער איז, איז זײַן אויסדרוק אַן איבעריחידישער, װאָס ער דריקט זיך אויס, סײַ אין זײַן טעמאַטישער עקסטענסיע, סײַ אין זײַן שאַפערישער אינטענסיע.

ה

װען סוצקעװער האָט זיך באַװיזן, און יאָרן לאַנג נאָך דעם, איז דער הימל פון ייִדיש־פּאָעזיע געװען רײַך באַשטערנט מיט גרויסע מזלות, און דאָס האָט, בעצם, אויסגעמאַכט דאָס גרויסע מזל פון אונדזער ליטעראַטור, װאָס נאָך דער תּקופה פון איר גרויסער פּראָזע איז געקומען די תּקופה פון איר גרויסער פּאָעזיע, װאָס איז איר העכסטער שטאַפּל. איך חזר דאָס איבער, כאָטש רוב גרויסע פּאָעטישע שטערן זענען אַװעק — פּרץ מאַרקיש און משה קולבאַק, ה. לײװיק און מנחם באָריישאָ, י. י. שװאַרץ און יוסף ראָלניק, מאַני לייב, אהרן צייטלין, און יעקב גלאַטשטיין, איציק מאַנגער און יעקב פרידמאַן, און כאָטש גרויסע פּראָזע־שטערן זענען, ברוך־השם, דאָ — יצחק באַשעװיס, חיים גראַדע, עלי שעכטמאַן, אָבער דער הויכפּונקט פון דער ייִדיש־ליטעראַטור, װאָס איז געװען אין פּראָזע, איז אַריבער צו פּאָעזיע.

מיט יאָרן צוריק, ביים ירושלימער יודאַיִסטישן קאָנגרעס איז געװען דערװעגן אַ שקלא וטריא: לעאָ קעניג, אָנשפּאַרנדיק זיך אויפן פאַקטום, האָט געפּרוּװט עס, על־פּי דרכּו, פאַרטײַטשן, און יעקב פּאַט האָט געפּרוּװט דאָס פאַקטום אָפּלייקענען, אָנװײַזנדיק אויפן „פּאָרװערטס״ און די גרויסע ראָמאַן־יריעות זײַנע — אייערנעכטן אַש, נעכטן שניאור, הײַנט באַשעװיס, און אויסרעכענענדיק אַ פּאַק ביכער. אָבער גערעכט איז זיך געװען לעאָ קעניג אין זיינע הנחות, װי ער איז אומגערעכט געװען אין זיינע מסקנות, פּונקט װי הײַנט איז גערעכט לוי שליט אין זײַנס אַן אַרטיקל אין אַ זײַטיקן זשורנאַל: „די פּאָעזיע אין ייִדיש איז געװען דער שטאַרקסטער, קרעפטיקס־

טער צווייַג אין דער ליטעראַטור אויף ייִדיש. ייִדישע פּאָעטן האָבן באַשאַפֿן ווונדער מיטן ייִדישן וואָרט. עס האָט אויסגעשפּילט מיטן אויסגעצערטלטן ייִדישן וואָרט אַלע ניואַנסן פֿון מענטשלעכן געפֿיל — שוין אָפּגערעדט פֿון ייִדישן טרויער און פֿרייד" („זייַן"). דערצו וויל איך צוגעבן: זי, די ייִדישע פּאָעזיע, איז עס נאָך. איי, דער נאָבעל־פּרייַז ווייסט עס נישט — הערט עס נישט אויף צו זייַן דער אמת, און כאָטש איך האָב געהאַלטן לעפּטוויטשעס באַמיִען צו קריגן דעם פּרייַז פֿאַר אברהם סוצקעווערן פֿאַר אַ ברכה־לבטלה, שוין מחמת דעם, וואָס איך האָב נאָך, מיט פֿערצן יאָר צוריק, געהאַלטן, אַז באַשעוויס וועט אים קריגן, מחמת כמה וכמה טעמים, באַזונדער אויך דער טעם פֿון זייַן אויסנעמלעכער דערציילערישער בריהש־קייט, וואָס וועפּט זיך נישט אויס אַפֿילו אין אַן אומגעלומפּערטן תּרגום, האָב איך נישט געהאַלטן, אַז דעם לאָנדאָנער ייִדיש־סעניאָרס געדאַנק איז קרום. אָבער דערוועגן בעט זיך אַ באַזונדערער שמועס.

אַרום בשׂמים־ביקסל

וועגן יצחק יאַנאַסאָוויטש, אַ וואָרט צו זיין יובל־פייערונג אין תל־אביב

א

אויף וויפל איך זאָל נישט מטריח זיין מיין זכרון, וואָס האָט נישט קיין טבע מיך אַ סך צו געבאַרן, געהערט יצחק יאַנאַסאָוויטש נישט צו זיינע פריִע פּאָזיציעס, און עס איז אַ ספק, אויב איך האָב זיך מיט זיין שאַפן לייטיש באַגעגנט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, כאָטש איך האָב געהאַט אַ באַזונדערן אינטערעס פאַר אונדזער ליטעראַרישער שאַפונג אין יידישן פּוילן. און איך האָב דריי סימנים דערצו. דער ערשטער סימן: אין די יאָרן צווישן 1933—1938, ווען איך בין געווען רעדאַקטער פון דער וועכנטלעכער ליטעראַרישער ביילאַג פון תל־אביבער „דבר", האָב איך, אין דער כראָניק, פאַרשריבן אַ יעדעס יידיש־בוך, בעיקר פון נייע, יונגע שרייבערס, וואָס איז צו מיר דערגאַנגען, און צומאָל האָב איך, אפילו, אָנגעגעבן דעם אַדרעס פון פאַרלאַג און פּרייז פון בוך, גלייבנדיק, אַז אפשר וועט דאָס העלפן צום פאַרשלייס. און די ביכער, וואָס די פאַרלעגערס, אָדער די מחברים, האָבן געשיקט, זענען געווען נישט ווייניק, צווישן זיי אויך פון מחברים, וואָס זענען געווען אידעאָלאָגיש, פּאַרטייִיש, מענטאַל ווייט און פרעמד פון אונדזער היגן פּאָליטישן תכלית און וועג, קולטורישן גאַנג און שניט. אָבער אַ בוך פון יצחק יאַנאַסאָוויטש, וואָס זיין נאָמען האָט פאַר מיר, אַ נישט פּוילן לייענער, מסתמא אַ פלימער געטאָן, איז נישט געווען צווישן זיי. דער צווייטער סימן: סיי אין יענע יאָרן, סיי שפּעטער, כמעט ביז סוף 1939, האָב איך זיך נוהג געווען צו איבערזעצן פון די לידער, וואָס איך האָב געקריגן, און פאַרעפנטלעכן אין „דבר", און אין זיין ביי־בלאַט „אומר". און ווען איך זאָל געווען האָבן פאַר זיך יאַנאַסאָוויטשס אַ בוך, וואָלט איך מיך נוהג געווען ווי מיט דיכטער פון זיין סגאָל און עלטער — איבערגעזעצט און פאַרעפנטלעכט. דער דריטער סימן: כמעט צו אַלע שרייבער, וואָס איך האָב אויף זיי אויפמערקזיק געמאַכט, האָב איך צוגעשטעלט די אויסשניטן פון דער כראָניק אָדער פון איבערזעץ, און עס האָט

זיך פאַרבונדן, כמעט אין אַלע פעל, אַ בריוולעכער קאָנטאַקט און די וואָס האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט, לאַ־כל־שכן די וואָס זענען געקומען אַהער, בפרט די וואָס האָבן זיך הי באַזעצט, פלעגן דאָס דערמאָנען, און בעיקר די, פאַר וועלכע דאָס איז געווען דער ערשטער ליטעראַרישער מגע־ומשא מיטן לאַנד. און ווידער אַמאָל — אין דער בריוושאַפט, וואָס האָט זיך כולו אָפּגעהיטן, פעלט יצחק יאַנאַסאָוויטש. איך ווייס נישט, פאַרוואָס עס איז געווען אַזוי, און עס איז בפירוש אַ שאָד — אונדזער קאָנטשאַפט און פריינדשאַפט איז, לויט מהות און כאַראַקטער, געקומען אַ פריערער אָנזאָג, כביכול אַ פּרעהיסטאָריע, אָבער כאָטש זיי זענען שפּעטערע און אפשר ווייל זיי זענען אַזוי, זענען זיי אינטענסיווערע, און איך וועל מיך אויף דעם און ענלעכע פענאָמענען, ברייטער אָפּשטעלן אין בוך: מיינע ראָמאַנען מיט מאַמע־לשון, וואָס דאַרף אַרויס אין אַ פון אים רעדאַקטירטער סעריע.

אַזוי אַרום געהערט עס נישט צו די לייכסטע זאַכן, לכבוד זיין ימי־שנותינו־שבעים־שנה אַפּירצוברענגען אַן אָפּשאַץ, וואָס לאָזט זיך איינשטאַמפּן אין אַ קליינער פּייער־רעדע, בפרט אַז מען איז נישט דער איינציקער גוט־יובל־ביטער — בשעת, שטאָט אַ קליינעם שמועס פאָדערט זיך אַ גרויסער משא־ומתן און שטאָט אַ קורצן מאמר — אַ לענגערע מאָנאָגראַפיע, און דאָס שוין אין די ערשטע דריי עיקר־פונקטן — אין ביאָגראַפישן, אין ביבליאָגראַפישן ,אין אַקטיוויסטישן.

ב

וואָס שייך דעם ביאָגראַפישן פונקט — דער וועג זיינער, פון זיין געבוירנשטעטל יעזשוו (יידיש, אין מאַזורישן אַרויסרעד: יעזעוו) ביז חולון, איז אַ לאַנגער און אַ ווייטער, אַן אכזריותדיקער און טראַגישער, ווי עס איז געווען דער וועג פון זיינע מיטצייטלער, וואָס האָבן דורכגעלעבט דעם קאַטאַקליטישן און אַפּאָקאַליפּטישן שוידער פון אונדזער דור און האָבן אָפּגעגעבן אַ מענטשלעכן און יידישן, קרעאַטיוו ריינעם און קינסטלעריש קלאָרן, דין־וחשבון דערוועגן. אויב זיך באַזונדערס אָפּשטעלן אויף זיין איצטיקן בוך „דאָס בשמים־ביקסל און אַנדערע דערציילונגען" (פאַרלאַג „קיום", תל־אביב־בוענאָס־איירעס, תשל"ט), האָבן מיר אין זיינע צוואַנציק נאָוועלן און נאָוועלעטן, אַן אָנווייז אויף כמעט אַלע זיינע לעבנס־סטאַציעס — אין פּויליש־יידישן שטעטל; אין פרימאָרגן פון דער יוגנט; אין מיטיק פון אירע פריידן; אין בין־השמשות פון אירע ליידן, אין נאַכט פון חורבן און פאַרלענד; אין ווייטן אוזבעקישן שטעטל, אין פאַרוואָגלעניש

און נויט, אויפֿן פֿאָן פֿון דער גרויסער מדינה און איר רעזשים, וואָס איז געווען אַן אילוזאָרישער חלום און געוואָרן אַ גרויליקע וואָר; ווידער אין דער פּוילישער אָבער נישט מער יידישער שטאָט, מיטן טראַגישן פּרווו פֿון די רעפּאַטריִיִרטע רעשטלעך פּליטים צו שפּילן אַ כביכול־רעסטיטוציע פֿון קולטור, וואָס האָט לאַנג נישט געדויערט, און עס איז געקומען דער המשך פֿון וואַנדער־און־וואָגל, אַ פּירלעצטער נע־ונד וואָס פֿירט, אויף אַ קירצערער צײַט קיין פּאַריז און אויף אַ לענגערער צײַט קיין בוענאָס־איירעס, כדי צו פֿאַרענדיקן דעם וואָגל און אָנהייבן אַן אַלט־נײַעם קאָן — ארץ ישראל. דעם דאָזיקן וועג, וואָס איז סטאַציע־ווײַז פֿאַרשריבן אין יאַנאַסאָוויטשס ספֿרים, האָבן מיר, ווי קאָנדענסירט, אין בוך „דאָס בשׂמים־ביקסל״.

ג.

וואָס שייך דעם ביבליאָגראַפֿישן פּונקט, לערנט אפֿילו אַ פֿלינקער דורכקוק פֿון זײַנע ספֿרים, אַז ער איז אַ פֿיל־זשאַנעריקער שרײַבער, וואָס אַ יעדער זשאַנער זײַנער דעמאָנסטרירט זײַן יכולת, ווײַל יעדער סאָרט פֿון זײַן שרײַבן פֿאַרמאָגט, ווי מען זאָגט, הענט און פֿיס; אַזוי אַז זײַן פּען דערלאַנגט ווו מען דאַרף און דערגייט ווו מען זאָל. ער געהער צו דעם, אין אונדזער ליטעראַטור, נישט זעלטענעם פֿילפּנימדיקן שרײַבער, וואָס זײַן מלאכת־חול — די זשורנאַליסטישע עובֿדא, שטערט נישט זיין ליטעראַרישער עבֿודת־הקודש אין איר פֿילפֿאַרביקן פֿאַרנעם. ניין, עס קומט זײַן אָפּשאַצער נישט לײַכט אָן, צו אַנטשיידן, וועלכער פֿון זײַנע ליטעראַרישע זשאַנערס פֿאַרדינט די בכורה. מסתמא האָט ער גופֿא דערוועגן אַ וואָרט צו זאָגן, און עס קומט מיר פֿיר, אַז מיט זײַן גאַנצן אויטאָקריטישן אײַנשטעל, און אפֿשר גאָר צוליב דעם אײַנשטעל, פֿאַרוואָריזירט ער דעם פּאָעט, ואם אין ראיה לדבר סימן לדבר — ווען מיר האָבן זיך תּחילת באַגעגנט, און דאָס איז געווען בײַם קאָנגרעס פֿון די פּוילישע יידן אין תּל־אָבֿיבֿ, האָב איך, אין מײַן רעפֿעראַט, אַפּירגעבראַכט דעם פּלאַן אַרויסצוגעבן אַן אָפּקלייב פֿון טויזנט, און אפֿשר אפֿילו צוויי טויזנט פּרקים פֿון דער יידיש־פּראָזע, וואָס זענען, מחמת עשירות פֿון סוזשעטן, טעמים, צוגענג, סטילן, באַהאַנדל, מסוגל, טעמאַטיש און קינסטלעריש, צו דינען ווי דער טאָטאַלסטער, פּאַצע־ציעס־רײַכסטער שפּיגל פֿון אונדזער רעאַליטעט און וויזיע אין פּוילן אין אַלע זייערע אַנטפּלעקונגען פֿון לעבן און וועבן אין זייער שפּעדיקסטן ליטעראַטור־ספּעקטרום. האָט מיר יאַנאַסאָוויטש אײַנגערוימט: יאָ, פּראָזע,

אָבער אויך, און צומאָל בעיקר, פּאָעזיע. איז מיר תּיכף, ווי אויף אַ טאַשמע, דורכגעפּלויגן אַ שורה פון פּאָעטישע ווערק, וואָס באַשטעטיקן דאָס, און דערונטער האָט אויך אַ בלאַנק געטאָן זײַן „אַ שטוב אין שטעטל", וואָס איז, מחמת איר אויסנעמיקער חשיבות, שוין אַרויס צוויי מאָל: צומערשט אין פּאַריז (1951), שפּעטער אין בוענאָס־איירעס (1963) און וועט נאָך, מסתּמא, אַרויס צום דריטן מאָל, אין תּל־אביב, און דאָס סײַ אין מקור — יידיש, סײַ אין תּירגום — עברית, און טאַקע דף כּנגד דף. נאָך עפּעס, איך האָב באַמערקט, אַז אין זײַנע אָפּשאַצן וועגן פּילזשאַנעריקע שרײַבער, איז ער נוטה צום באַזונדערן באַטאָן פון זייער פּאָעזיע — אַזוי, אַ שטייגער, לגבי ישראל ראַבאָן, און לעצטנס לגבי שלמה וואָרזאָגער. איך בין נישט נוטה אָנצונעמען, אַז דאָס האָט צו טאָן בלויז מיט דער טראַומאַטישער צוגעבונדנקייט צום אייגענעם בראשית — די ערשטע צוויי ביכער זײַנע, וואָס זענען אַרויס אין לאָדזש: „רויכיקע פּאַרטאַגן" (1933), „שטילקייטן" (1938), און דאָס דריטע בוך, וואָס איז אַרויס אין מאָסקווע „באַפרײַאונג" (1941), זענען דאָך פּאָעזיע. אָבער אויך שפּעטערע ביכער, ווי דאָס דערמאָנטע „אַ שטוב אין שטעטל", און דאָס בוך „אויף יענער זײַט ווונדער", וואָס איז אַרויס אין תּל־אביב (1974), זענען אַזוי, בעט זיך טאַקע אָנצווענדן דעם פּסוק, וואָס פּאַסט זיך דערצו: הלא דבר הוא.

און איבערגייענדיק צו די איבעריקע זשאַנערן זײַנע, געפינט זיך דער אָפּשאַצער פאַר דעם, וואָס מען רופט אָן embarras de richesse משמע: די צרה פון רייכטום — דען דער ייִד איז, קיין עין הרע, פאַרמעגלעך אין אַלע זײַנע זשאַנערן: אין ליד, ווי מיר זעען עס בעיקר אין די לעצט דערמאָנטע צוויי ביכער; אין עסיי, סײַ אין זיינע קריטיש־מעמואַריסטישע פּאָרטרעטן, אי דאָס דיכטונג־און־וואָרעט־בוך „מיט יידישע שרײַבער אין רוסלאַנד" (בוענאָס־איירעס 1959), אָדער „פּנימער און נעמען", אי דער באַנד וועגן פּאָעטן (דאָרט, 1971), אי דער באַנד וועגן פּראָזאַיקער (דאָרט און תּל־אביב 1976), סײַ פּעליעטאָניסטישע עקסקורסן, ווי דאָס בוך „אָן אויסרוף־צייכנס" (תּל־אביב 1975), סײַ מאָנאָגראַפיע, ווי „ה. לייוויק — עטישע אחריות און מאָראַלישער פּאַטאָס" (תּל־אביב 1977), ואחרון אחרון די דערציילערישע פּראָזע, ווי דאָס דערמאָנטע, לעת עתּה לעצטע בוך „דאָס בשמים־ביקסל און אַנדערע דערציילונגען". איך זאָג: דאָס לעת־עתּה לעצטע, ווײַל שוין דערוואַרט אונדז אַ נײַ בוך, אַ באַנד עסייען „סוגיות אין דער יידישער ליטעראַטור".

כּדי אָנצווײַזן ווי־אַרום דער פּאָדעם פון ביבליאָגראַפישן שלענגלט

זיך דורך אין ביאָגראַפישן, איז כדאי צו ברענגען אַ סטאַטיסטישע רשימה, ווו און וויפל זײַנע ביכער זענען פּאַקטיש אַרויס; לויט זייער סדר: אין לאָדזש — 2; אין מאָסקווע — 1; אין בוענאָס־איירעס — 2 (דערונטער איינס אין דער צווייטער עדיציע), אין תל־אביב — 5, און אויב אַרײַנרע־כענען דאָס נאָענטסטע בוך — 6. דאַכט זיך, אַז באַרעכענענדיק די צײַט־לעכע פּראָפּאָרציע צווישן זײַנע ביאָגראַפישע און ביבליאָגראַפישע סטאַ־ציעס, פּאָדערט זיך אויך דאָ דער אָנווענד פון דערמאָנטן פּסוק: הלא דבר הוא.

ד

וואָס שייך דעם אַקטיוויסטישן פּונקט. אַוודאי באַשטייט די עיקר עובדא פון אַ שרײַבער אין זײַן שרײַבן, און לגבי אונדזער בעל־יובל מיינט עס זײַן ליד, זײַן דערציילונג, זײַן עסיי, זײַן פעליעטאָן, זײַן לייטאַרטיקל. אָבער עס געהער שוין צום מהות פון אונדזער ליטעראַטור, אַז פאַר איר און אירע אַרבעטער איז טיפּיש אַן אַ סך ברייטערע און פאַרצווייגטערע אַקטיוויטעט, און מי לנו גדול ווי יצחק לייבוש פּרץ, וואָס איז געווען אי נאַציאָנאַל־אידעאָלאָג, אי סאָציאַל־פּראָגראַמאַטיקער, אי ליטעראַטור־עסקן, אי קולטור־איניציאַטאָר, און ער איז דאָך, בעצם, דער אידעאַל פון אַ סך אונדזערע אַקטיוויסטישע יידיש־שרײַבער. וואָס שייך יאַנאַסאָוויטש, הערן מיר פון זײַנע אַקטיוויטעטן נאָך אין לאָדזש; שפּעטער אָבער־אַמאָל אין לאָדזש, און נאָך שפּעטער גאָר ברייטלעך אין בוענאָס־איירעס, ווו איך האָב געהאַט אַ שעת־כּושר, אים צו זען בכבודו של עולם — רעדאַקטער פון דער רובריק־רייכער און גוטאינסערירטער „די פּרעסע", וואָס האָט זיך ביז איצט דערהאַלטן ווי די איינציקע טעגלעכע יידיש־צײַטונג אין אַרגענטינע. אָבער דוכט זיך, אַז דעם פולן אויסברייט פון זײַן אויפטועוודיקייט באַ־ווײַזט ער זײַט זײַן עליה, און אַזוי־ווי איך בין געווען אַ שדכן צווישן אים און דעם היגן קאָמיטעט פאַר יידיש־קולטור און פיל אַ שטיק מאָראַלישע אחריות, וואָס איך האָב אים צוגערעדט צו פאַרלאָזן אַ חשובן צוליב אַ נאָך חשובערן קולטור־פּאָסטן, פריי איך מיך צו זען די אויפשטייגנדיקע ליניע פון זײַן בריהשקייט — קודם כל די דרײַ שטענדיקע אָרגאַנען, וואָס ער גיט אַרויס: דעם חודש־ביולעטין „פאָלק, וועלט און מדינה" ווו ער ברענגט אויך זײַן שטענדיקע רובריק וועגן נײַ־דערשײַנענדיקע ביכער; די כראָניק „יידיש", וואָס ברענגט אַ פולע אינפאָרמאַציע וועגן אַלץ און אַלעמען וואָס טראָגט אַ יידיש־חותם; ואחרון־אחרון חשוב, די פערטליאָרשריפט „ביי

זיך", וואָס האָט תחילת געדינט ווי אַן אָרגאַן פאַר שרײַבער עולים, און האָט זיך אויסגעבויט ווי אַ בימה פון כלל ייִדיש־שרייבער; והוא הדין די סעריע ביכער, וואָס ער רעדאַקטירט און וואָס איז תחילת געווען מכוון צו שרײַבער־עולים פון סאָוועט־רוסלאַנד, און האָט זיך אויסגעבויט און אויס־געברייט ווי אַ ביבליאָטעק פון כלל לעבעדיקער ייִדיש־ליטעראַטור. דאָס אַלץ בכתב, און פאַראַן אויך אַ בעל־פּה — לעקציעס, זשוריס, קאָמיסיעס, זיצונגען, און וואָס איך קאָן אָבסערווירן, איז בלויז אַ טייל דערפון. אַזוי אַז צומאָל איז אוממעגלעך נישט צו שטוינען, ווי עס נעמט זיך אַזויפיל כוח און התמדה צו דעם בטבע שטילן און לויט זײַן נאַטור אינטראָווערטירטן און לויט זײַן טבע כמעט קאָנטעמפּלאַטיוון פּאַרשוין וברוך הנותן ליעף כוח.

ה

אָוודאי וואָלט עס נישט געווען קיין עדות פאַר איבעריקער ערנצטקייט, מיר זאָלן נישט אונטערשטרײַכן, אַז וואָס מיר האָבן געזאָגט, זענען בלויז כלל־רמזים פאַר אַ פּרטימדיקן אַנאַליז, וואָס וואַרט אויף זײַן שעת־כושר, און כדי צו מאַכן אַ קליינעם פּרווו דערצו, ווען מיר איצט אָנשנײַדן אַ מאָטיוו, וואָס איז אײַנגעפּעדעמט אין זײַן בוך, וואָס מיר האָבן שוין עטלעכע מאָל דערמאָנט „דאָס בשׂמים־ביקסל". אין פלוג האָב איך מיך געכאַפּט דערויף פונעם טיטל — דער מחבר האָט מיך געפרעגט, ווי אַזוי הייסט, בעצם, די הבדלה־כלי, האָב איך געקענט ענטפערן, וואָס ער האָט געוווסט, אַז אַ שטייגער, לויט נחום סטוטשקאָוו, זענען פאַראַן מער ווי אַ האַלב טוץ נעמען, אָבער איך האָב מיך באַנוגנט מיטן באַמערק, אַז אין מײַנע קאַנטן האָב איך געהערט בלויז דעם באַצײַכן: הדס אָדער הדסל, וואָס נעמט זיך פונעם מנהג צו מאַכן אַ ברכה אויף אַ כשרן הדס פון אַ לולב און אַנדערע בשׂמים, און אויב דער הדס איז טרוקן, דאַרף מען אים צערײַבן, ער זאָל גיבן אַ גוטן ריח. נאָך מער, דאָס וואָרט ביקסל, ווי אַ דימוניטיוו פון ביקס אין זינען פון אַן אויפנעם־כלי, איז בײַ אונדז געווען אַ בפירוש דײַטשיש וואָרט; ייִדיש האָט עס באַטײַט בלויז אַ שיס־כלי, און ווען מיר האָבן זיך אין חדר, געוועט, ווער וועט גיכער אַרויסזאָגן: פון אַלעסק ביז קײַן ביסק האַלט אַ פיקס (=פוקס) אַ ביקס אין פּיסק, האָט אונדזער פאַנטאַזיע געזען די ריזיקע חיה, האַלטנדיק נישט קיין אויפנעם־כלי, נאָר אַ שיס־כלי. אָבער אין כלל בלא יוצא. געווען בײַ אונדז אין שטאָט צוויי מיוחסדיקע משפּחות — די קאָלירס, וואָס זענען געקומען פון בורגנלאַנד, און די בלאָכס, וואָס זענען געקומען פון מעהרין, און זיי האָבן געזאָגט:

בסאָם־ביקס (אַזוי הייסט עס אויך אין געזעמל פון אברהם טענדלאַו, וואָס ברענגט אַ ווערטל: אַ פּערשיטט בסאָם־ביקס), ווי עס גייט אָן אין מערב־יידיש, פּונקט ווי בשׂמים־ביקסל איז אָנגעגאַנגען אין גרויסע טיילן פון קרוין־פּוילן.

ו

און אַ בשׂמים ביקסל איז, אַפּנים, געווען אַ שטיק ייחוס, און נישט יעדער האָט עס געהאַט; ענדיקט דאָך יוסף ערליך זיין בוך „שבת", אַזוי צו זאָגן: „פּייוול האָט אָפּגעגאָסן פון בעכער אַ ביסל ווייַן אויף דעם טיש אַרויף און געמאַכט אַ ברכה בורא מיני בשׂמים. פּייוול האָט נישט פאַרמאָגט אַ בשׂמים־ביקסל צו שמעקן". אַנדערש יאַנאַסאָוויטש — זיין יוגנט־באַקאַנטער, וואָס איז געוואָרן אַן עושר אין בוענאָס־איירעס, פאַרמאָגט דווקא אַ בשׂמים־ביקסל, וואָס האָט זיין שלשלת־יוחסין — עס איז שיין און אַלט, „געשניצט אין דער פאָרם פון אַ גאָטיש טורעמל אויף אַן אַלטן ריטער־שלאָס" (אגב, הייסט אַ בשׂמים־ביקסל אויף לשון־קודש: מגדל של בשׂמים), וואָס רש"י אַליין און די מקדשי השם אין אשכנז האָבן עס געהאַלטן אין זייערע הייליקע הענט, און מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק האָט ער באַוויזן אַ נס — אַ מיידל אין דער משפּחה, וואָס האָט געהאַלטן זיך ביי שמדן, האָט, ביים אַרויסגנבענען זיך פון דער היים, ביודעים אָדער בלא יודעים, אין איר פּעקל אַריינגעלייגט דאָס דאָזיקע בשׂמים־ביקסל און ווען זי האָט, אויספּאַקנדיק, עס דערזען, האָט זי חרטה געקריגן און ממש אין דער לעצטער רגע, אַנטלאָפן פון שמד און צוריק אויסגעקומען. איצט געפינט זיך דאָס בשׂמים־ביקסל אין רשות פון דעם איצטיקן יורש, וואָס וואָלט, נעבעך, געדאַרפט, אַז יענער נס זאָל זיך באַנייען — ער האָט נישט קיין נחת פון זיינע קינדער, וואָס זענען, יעדער אויף זיין מאָדע־שטייגער, ווייט און אָפּגעפרעמדט, פאַרגויישט און פאַרווילדט, ווי דער גוישער, קאַליע־געוואָרענער דור, און ער, דער פאָטער, איז מלא יאוש, און ער זאָגט צו זיין גאַסט, דעם מחבר אונדזערן: „דאָ, ביי מיר אין שטוב, וועלן שוין קיין ניסים נישט געשען. אויב דו ווילסט, נעם דיר דאָס בשׂמים־ביקסל צו זיך... ניין, לאָמיר עס בעסער אָפּגעבן אין אַ מוזיי, לאָמיר עס אַוועקשיקן קיין ישראל".

ז

דאָס זאָגט ער, נאָכדעם ווי ער רעכנט אויס די אָפּגעפרעמדקייט פון זיינע קינדער — די טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט אַ דאָרטיקן יונגער־

מאַן, איז ער אַוועק מיט אַ שוואַרצער, און זי, די טאָכטער, איז אויך נישט קיין לײַט; דער זון איז געוואָרן אַן אַרגענטינער פאָלקלאָר־טענצער, וואָס טאַנצט אין ביליקע נאַכט־לאָקאַלן פון קאָנטראַבאַנדיסטן און זייערע נקבות, און ער, דער פאָטער, מוז נאָך צוצאָלן שווער געלט; די ייִנגסטע טאָכטער ווײַטער האָט זיך אָפּגעזוכט אַ באָקסער, אַ גאָוטש׳ס אַן אייניקל, און אויב ער, דער פאָטער, וועט נישט אײַנגיין אויפֿן שידוך, וועלן זיי אים צושטעלן אייניקלעך אָן אַ חתונה. דער באַקאַנטער, וואָס הערט אויס זײַן קלאָג, שווײַגט, נישט ווײַל ער האָט נישט קיין מיטגעפֿיל פֿאַר יענעמס עגמת נפש, נאָר ווײַל ער שפּירט, פון יענעמס רייד אַלץ מער אַרויס, אַז ער, דער פאָטער, זוכט אַ שטיקל היתר צו באַרויִקן זײַן געוויסן.

און דאָ, אין פּאַראַגעזע, ווייל איך מיטן דערלויב פון לייענער, אַרויסזאָגן מײַנס אַ הרהור וועגן באַקאַנטנס סברה: לויט איר, וואָלט דאָך יענער פאָטער, ווי עס טוען אַזעלכע זיך־אַליין־באַרויִקערס, באַשולדיקן דעם דרויסן, וואָס האָט אים גערויבט זײַנע קינדער, אָבער זײַן יאושדיקער זאָג הייבט זיך דאָך אָן: בײַ מיר איז שטוב. נישט אַז איך, דער לייענער, האַלט, אַז דעם באַקאַנטנס סברה איז אויסגעטראַכט — אויף מײַן מאַרשרוט איבער בײדע אַמעריקעס האָב איך מיך גענוג אָנגעזען און גענוג אָנגעהערט, ווי־אַרום דאָס ייִדישע געוויסן ווערט געשטילט סײַ איידל — פּאַרליוליעט און פּאַרדרימלט, סײַ גראָב — געדעמפּט און פּאַרטעמפּט, און איך לייען עס, כמעט טעגלעך, אין דער דאָרטיקער ייִדישער פּרעסע, סײַ פון תמימים סײַ פון כיטראַקעס. אָבער אין אונדזער דערציילטן פאַל האַנדלט עס זיך אין אַ שאַרפערער רעאַקציע: ער, דער פאָטער, איז משלח זײַן געוויסן, און דאָס איז דאָך דאָס בשמים־ביקסל אַליין, וואָס גייט פון רש״י און די מקדשי השם. און ער, דער באַנקראָטער יורש, האָט נישט מער קיין שטוב דערפאַר, און זײַן דרײַיקער קווענקל: עס געבן, ווי אַ מאָנומענטאַלן רעליקט פון דער אַלטער היים, אַ מתנה זײַן באַקאַנטן; עס שענקען, ווי אַן אַנטיקע רעליקוויע, ערגעץ אַ מוזיי; עס שיקן קיין ישראל, עס זאָל אפשר געפינען אַן אַנדערע שטוב — פאַרטושט בלויז דעם גרונטיקן אמת, אָבער איז אים נישט מבטל: פּטרן, וואָס גיכער פּטרן.

ח

הייסט עס, אַז מיר זענען, בײַ דער נאָוועלע, געווען עדות, ווי־אַרום אַ כלי־קודש, אַ ריטואַל־כלי, ווערט אַנידערגעשטעלט ווי אַ סימבאָל אין סאַמע מיט פון אונדזער אַקטואַלער פּראָבלעמאַטישער קיום־סיטואַציע.

און עס איז, אין אונדזער בוך, נישט דער איינציקער פונקציאָנאַלער סימבאָל פון כלי־קודש אין שטעטל — אָט האָבן מיר אַ פּאָר פּליאַהדיקע זילבער־לעפל, וואָס איינער ווערט פאַרשאָנקען אַ נאַפּאָלעאָנישן גדול ווי עס פּאַסט זיך אויף דער שוועל פון דער עמאַנציפּאַציע, און דער אַנדערער בלײַבט אין דער היים, און נאָך דעם ווי דער רבי האָט געזאָגט, אַז מיט אים האָט געמעגט עסן דער כהן גדול, ווערט דער לעפל פאַרן גאַנצן שטעטל די שמירה קעגן אַלערליי פּורעניותן און פאַר אַלערליי ישועות, ביז דאָס קפּדנות פון אַן אַנדערן רבין ברענגט אַ שׂריפה אויף דער שטוב, וווּ דער לעפל האָט זיך געפונען, און ער איז פאַרשוווּנדן, גלײַך די ערד וואָלט אים אײַנגעשלונגען.

ענלעך און נישט־ענלעך איז די מעשה מיט דעם קידוש־בעכער, וואָס איז נישט אַזוי אַלט ווי דאָס בשמים־ביקסל, וואָס גרייכט פון פאַר תתנ״ו, און נישט ווי דער זילבער־לעפל, וואָס איז מסתמא יינגער, אָבער איז שוין געווען פאַר נאַפּאָלעאָן (אגב, ביי ביידע ווערט דערציילט, אַז עס האָט זיי געמאַכט אַן אומן־יד), אָבער איז אויך נישט גאָר־יונג — הייסט עס דאָך וועגן אים, אַז אפילו אין קאָצק וואָלט מען פאַר דעם דאַזיקן בעכער געמאַכט אַ וואַרע, און דער צײַט־אָפּשניט צווישן פּשיסכע און גער איז דאָך אַן אָפּגעצערקלטער. און אויב אַזוי, מאַכט דאָך דאָס שטעטל אַוודאי אַ וואַרע פאַרן בעכער; אפילו נאָך־דעם ווי אַ שאַצער האָט געפּסקנט, אַז דער געלט־ווערט פונעם בעכער איז נישט מער ווי אַן אײַנרעדעניש, מינערט זיך נישט די נאַיווע באַדערפעניש פון שטעטל אין אַזאַ יחסנישער כלי. און פּונקט ווי עס איז נישט קיין צופאַל, אַז די דעזאילוזיע אַנטפּלעקט דער שטעטלדיקער כופר־בעיקר, איז עס נישט קיין צופאַל, אַז די אמונה אין בעכער האַלט זיך ביז היטלער ימ״ש.

און די סימבאָלישע ראָל (נישט צו פאַרמישן מיט דער אַלעגאָרישער ראָל, ווי מיר האָבן, אַ שטייגער, אין דער פאַנטאַזיע „טויבן און קראָען״), באַגעגענען מיר נישט בלויז ביי כלי־קודש, נאָר אויך ביי כלי־חול, — זע, אַ שטייגער, די רעאַליסטישע מעשה מיט אַ האַנט־זייגער („אַ מעשה מיט אַ זייגער״), וואָס אַנטשיידט אין גורל און לעבן פון אַ מענטשן; און די קינדערשע אַסאָציאַציע פון אַ שפּיל־זייגער („זכרונות פון גן־עדן״). אָבער בעיקר לאָזט זיך פאַרווײַזן אויף צוויי שכנישע מעשיות וועגן יורשים — אין מעשה וועגן טאַטנס משניות און די אַנדערע מעשה וועגן טאַטנס פּאָרטרעט. וועגן דער ערשטער מעשה האָב איך מיך שוין אָפּגעשטעלט (זע דעם מאמר: די יורשים, צו שלום עליכמס אַ מאָטיוו, אין מײַן בוך „אַ

וואָרט באַשטייט", תשל"ח, באַנד 2, ז"ז 79—93). וועגן דער אַנדערער מעשׂה (וואָס איז אַ רעציטאַציע־שעדעווער אין מויל פֿון הערץ גראָסבאַרד), לאָזט זיך זאָגן, אַז זי ווייַכט גרונטיק אָפּ פֿון דער אָנגענומענער סכעמע: טאַטעס און זין — מיר האָבן דאָ אַ טאַטן, וואָס אין זײַן בירורא איז געהאָנגען דער פּאָרטרעט פֿון זײַן פֿאָטער, אַ ייִד אַ הדרת־פּנים, וואָס וועקט אָפּשיי אַפֿילו בײַ די גויִם, און אַ זון, וואָס, נאָכן טאַטנס פּטירה, שאַפֿט ער דעם פּאָרטרעט אַוועק פֿון דער וואַנט און ווערט באַשולדיקט, אַז ער שעמט זיך מיט זײַן זיידן, און זײַן אויסגעשפּראָכענעם ייִדישן פּרצוף, אָבער עס שטעלט זיך אַרויס, אַז ער איז דווקא אַ וואַרעמער ייִד, אָבער ער האָט אָפּגעשאַפֿן דעם פּאָרטרעט, ווײַל ער איז פֿאַלש און ווײַזט אַ פֿאַרמײַנטלעכן מיוחסדיקן טאַטן, און אויף זײַן אָרט האָט ער אויפֿגעהאָנגען אַ פּאָרטרעט פֿון דעם אמתן זיידן זײַנעם, אַן אָרעמען און פּשוטן ייִדן. אַזוי ווי דער עניָן פֿון זוכן אָפּשטאַם־וואָרצלען („Roots”) איז איצט די גרויסע מאָדע בײַ ייִדן אין אַמעריקע, איז די נאָוועלע אויך אַן אזהרה פֿאַרן געפֿאַלשעוועטן און צוגעפּוצטן ייִחוס, און אַ סטימול צו זוכן און געפֿינען דעם אויטענטישן שורש, וואָס טראָגט כּביכולס חותם, דעם חותם פֿון אמת.

ט

אָבער דער קעגן־פּראַל פֿון דורות איז, דוכט זיך, אַם שטאַרקסטן אין דער מעשׂה וועגן שטעטלשן פּריינט, וואָס האָט זיך בכּיוון און אַבסאָלוט אָפּגעפֿרעמדט פֿון זײַן פֿאָלק און איז לסוף אויסגעקומען („דער צוריקגעקומענער") — עס איז אַ בחור, וואָס איז ייִנג אַוועק אין דער פֿרעמד, האַלטנדיק זײַן ייִדישן אָפּשטאַם פֿאַר אַ ביִאָלאָגישן צופֿאַל און אַ גינעקאָלאָגישן טעות, וועלכן ער האָט פֿאַרריכט. גרונטיק הייסט ער: יונה שוואַרצפֿעלד, אָבער רופֿן רופֿט ער זיך: יאַן טשאַרנאָפּאָלסקי (אַ קליינער טריק דערבײַ: polska droga דער אַדיעקטיוו סײַ פֿון פּאָליאַק, סײַ פֿון פּאָליע, משמע — polska droga ייִדיש: אַ פּוילישער וועג, מיינט גרונטיק דאָסזעלבע וואָס: polna droga משמע: אַ פֿעלד־וועג, און ווער עס טײַטשט עס אַנדערש, איז זיך טועה). דער יאַן טשאַרנאַפּאָלסקי פֿאַרגרעזנעט אַלץ־מער אין רויטן שמד — צומערשט מחמת פֿאַנאַטישער אמונה, שפּעטער מחמת בלינדער דאָגמאַטיק, צולעצט מחמת טעמפּן ציניזם, און לסוף ווערט ער אַ שישקע בײַ אַ גרויסן געביי־פּלאַן אין פֿאָלקס־פּוילן, אָבער אַז מען ברענגט אַ הויפֿן מצבֿות, כּדי זיי צו פֿאַרנוצן ווי בוי־מאַטעריאַל, און ער דערקענט די מצבֿה פֿון זײַן טאַטן — פּלאַצט בײַ אים דער לאַנג־יאָריקער אָנשטעל,

ער צעגייט זיך מיט זײַן גויִישן ווײַב, און קומט אַהער אין לאַנד אַרײַן, און אין אַ ווינקל פון זײַן הייפל אין זײַן הינטער־שטאָטישער דירה שטייט זײַן טאַטנס מצבה. דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס ער האָט מיט זיך מיטגע־נומען ווען ער איז אַרויסגעפּאָרן פון פוילן.

י

פון דער דערציילונג הערן מיר, אַז יונהלע שוואַרצפעלד איז דווקא געוואַקסן אין אַ פרומער שטוב, וואָס האָט אָבער פאַרמאָגט עפּעס גויִישס, פּריציִשס, נישט געווען דאָרט נישט קיין ייִדישער שטאָט און נישט קיין ייִדישע מידות. ווייסן מיר טאַקע נישט, ווו עס האָבן זיך בײַם צוריקגעג־קומענעם געשיידט דאָס באַוווסטע און אומבאַוווסטע, בשעת זײַן טיפן אויפ־ברויז, וואָס האָט אים צוריקגעבראַכט צו זײַן פאָלק. אָבער ערגעץ־ווו האָט ער דאָך געמוזט געדענקען, אַז צוויי פּלעצער אין דער ייִדישער קהילה זענען געווען אדמת־קודש — די שול און דאָס קברות, און זיי האָבן געהאַט דעם זעלבן נאָמען: די שול האָט מען גערופן: מקום קדוש, דאָס קברות האָט מען גערופן דאָס הייליקע אָרט, משמע: די זעלבע צוויי ווערטער. ווי מיר הערן, איז דער יונהלע, בײַ זײַנע צוועלף יאָר, אַוועק פון זײַן שטעטל, אין אַ ווײַטער שטאָט אַרײַן, צו לערנען אין גימנאַזיע, און איז געננוג יונג געקומען אין תפיסה, און מיר ווייסן נישט, צי האָט ער געפּראַוועט בר־מצוה. פונדעסטוועגן האָט זיך אים מסתמא, אין די אויערן, אָפּגעשלאָגן, אַז קברות הייסט: בית החיים, און שבת־שבת קלינגט אין דער הפטורה: רחם על ציון כי היא בית חיינו!

[שבט תש"ם]

צווישן שאַפֿן און פֿאָרשן

װעגן דער אליעזר פּינעס פּרעמיע

א

שוין בײַם ערשטן פֿאַרטײל פֿון דער פּרעמיע פֿונעם אליעזר־פּינעס־פֿאָנד האָב איך מיך אָפּגעשטעלט אױפֿן מנדב פֿונעם פֿאָנד, זײַן פֿאָרשונג, אױפֿטו און כּוונות, און האָב עס געבראַכט אין רשות הרבים (אָמערשט אין „ישראל שטימע", און דערנאָך אין מײַן בוך „טױערן און טירן", תשל"ט, ז"ז 250—255). אױך בײַם צװײטן פֿאַרטײל האָב איך מיך מתכוון געװען צו זאָגן אַ װאָרט, האָט מיך אָבער דער מלאך רפאל אַ קאַפּ אונטערגעלאָזט און פֿאַרשפּאַרט דעם װעג, און איך האָב געמוזט טאָן בכתב, װאָס איך האָב געקלערט צו טאָן בעל פּה. האָפֿנדיק אַז דער מלאך גבריאל װעט מיר בײַשטײן, אַז די פֿעדער זאָל קלאָר באַשײַדן, װאָס קאָפּ און האַרץ האָבן איר געהײסן.

האָב איך קודם כּל באַגריסט די, װאָס האָבן זוכה געװען צו דער פּרע־מיע — דער סובטילער דיכטער שלמה רױטמאַן פֿאַר זײַנע פּאָעטישע װערק, װאָס ער האָט הי אַרױסגעגעבן, ואחרון אחרון זײַן דעמאָלט, ערשט נישט לאַנג אַרױסגעגעבן בוך „סאָנעטן", װוּ ער האָט אַ נײַעם ברױז אַרײַנגעפּי־שופֿט אין אַן אַלטער פֿאָרעם ,קלאָרער געזאָגט: װוּ ער האָט זײַן װעלט אַרײַנגעהאָמערט אין סאָנעטן. האָט זיך טאָקע מײַן חבר אין דער זשורי, יעקב צבי שאַרגעל אָפּגעשטעלט בפּרטות אױף די קינסטלערישע װאַלאָרן פֿון דעם פּאָעטישן אױפֿטו. (די רעדע איז אָפּגעדרוקט אין „די גאָלדענע קײט", נומער 98). און איך האָב אין מײַן בריװ באַזונדערס באַטאָנט דעם חידוש פֿון דעם פּרעמיע־פֿאַרטײל — די זשורי, װאָס איז באַשטאַנען פֿון די דיכטערס משה יונגמאַן, יעקב צבי שאַרגעל און מײַן װײניקײט, האָט דערמיט מזכּה געװען נישט בלױז מקור נאָר אױך תּרגום — און באַקומען האָט אים דער פֿײַנער העברעיִשער דיכטער ק. אַ. ברתיני פֿאַר זײַנע קאָנגעניאַלע איבערזעצן פֿון צװײ גרױסע, אין מהות פֿאַרשײדענע דיכטער — ה. לײװיק און יעקב פֿרידמאַן.

ב

אַזוי־ווי דאָס איז געווען אַ חידוש אין די תקנות און אין דער פּראַקטיק פון דער פּרעמיע, איז כדאַי צו זאָגן אַ וואָרט וועגן פאַרשווין, זיין מהות און וועג — ער, ק. אַ. ברתיני (גרונטיק גאַלערגאַנט, וואָס שטאַמט מסתמא פון אַלערהאַנד) איז בעיקר אַ באַוווּסטער העברעיִשער דיכטער, מיט אַ באַזונדערן נוסח, און אַ באַקאַנטער העברעיִשער קריטיקער, מיט אַ באַזונ־דערן גאַנג, און פאַרנעמט מיט זיין באַזונדערקייט און אָריגינאַליטעט, אַן אַנגעזעענע פּאָזיציע אין דער מאָדערנער העברעיִשער דיכטונג און קריטיק, און האָט אויך אויסגעבויט עטלעכע שטעגן, ווי אַ מפרש און אַן איבערזעצער פון עטלעכע ליטעראַטורן — און דערונטער איז גאָר בולט די יִדישע ליטעראַטור, אַזוי אַז אַן אָפּשאַץ פון זיין כלל־ווערק שטיצט זיך טאַקע בעיקר אויף זיינע לידער־געזעמלען, וואָס צייכענען זיך אויס מיט אַ פּרעגנאַנטער עברי, וואָס גייט איבער, אין איידעלע און בולטע סורעאַליס־טישע שטריכן, זיינע עיקר־איבערלעבענישן — די קינדהייט אין באַסאַ־ראַבישן שטעטל, די יוגנט אין גרויסע שטעט (שטודיעס אין פּראַג און פּאַריז), די יסורים אין דער מלחמה־צייט (לאַגערן און געפענקעניש אין סיביר), און נאָך איר, ביז זיין עליה קיין ארץ־ישׂראל און זיין פאַרצווייגטע שעפערישקייט אין איר.

אָבער כאָטש די העברעיִשע לידער־געזעמלען, ווייזט זיך אויס, זענען דער עיקר, לאָזט זיך זיין געשטאַלט נישט אין גאַנצן צייכענען, אומבאַ־טראַכט זיינע חשובע אויפטוען ווי אַ מפרש און איבערזעצער. וואָס שייך קריטיק, און דאָס באַזונדערס פון דער יִדישער ליטעראַטור — איז גענוג אַן אַריינקוק אין זיין בוך עסייען „שׂדה ראיה" (מוסד ביאַליק, 1977), כדי צו געפינען אַרבעטן, וואָס באַווייזן זיין באַהאַוונטקייט אין איר — די עסייען וועגן אליקום צונזער, דער נסתר, אליעזר שטיינבאַרג, וועגן דער אַנטאָ־לאָגיע „אַ שפּיגל אויף אַ שטיין", משה אַלטמאַן, אפרים אויערבאַך, מלך ראַוויטש, שלמה ביקל און יצחק באַשעוויס־זינגער, ווי אויך וועגן צוויי־שפּראַכיקע שרייבערס, ווי אהרן צייטלין און מיין ווייניקייט.

און גענוג צו באַמערקן, אַז די עסייען זענען שכנים פון עסייען וועגן פּראָמינענטע העברעיִשע שרייבערס, כדי צו פאַרשטיין, אַז דער ברייטער דיאַפּאַזאָן, ווו די טאַנען און אונטערטאַנען אָפּערירן מיט אַן אויסגעצייטיקטן אָפּשאַץ־ניוואָ, וואָס שפּייזט זיך פון אַ גרונטיקער בילדונג און טיפער אָבסערוואַציע, כדי צו פאַרשטיין, אַז מיר האָבן אין אים אַ ווערטיקן קרי־טיקער פון אונדזער צווייספּראַכיקער ליטעראַטור.

נישט וויניקער איז דאָס בולט פון זײַנע איבערזעצן, בעיקר פון דער ייִדישער ליטעראַטור — אָנגעהויבן פון דוד בערגעלסאָן און זײַן דראַמע „דוד ראובני" און געענדיקט מיט די לידער פון יעקב גראַפּער, וואָס זענען אַרײַן אין דער גראַפּער־אַנטאָלאָגיע, וועלכע אליעזר פרענקל האָט אַרויס־געגעבן. מעגלעך, אַז דאָס כאַראַקטעריסטישסטע פאַר זײַן אינטימען, האַר־ציקן באַצי צו אונדזערע היימישע שפּראַכן איז די עובדא, אַז צווישן די ספרי־זכרון וועגן אונדזערע קהילות־הקודש, וואָס היטן אָפּ אַ צווייִשפּראַכיקן כאַראַקטער אין פאַרשיידענע פּראָפּאָרציעס, איז אַ מין זעלטענע דוגמה, כמעט אַן אוניקום, דער ספר־זכרון וועגן ברתיניס געבוירנשטאָט, קהילה בריטשיווע, וואָס ער האָט זי, מיט זײַן אייגענער האַנט, געשריבן און דאָס מלה במלה, סײַ לשון־קודש סײַ מאַמע־לשון. דוכט זיך, אַז שוין דאָס גופא, און די עובדא, אַז ער האָט צוגעגרייט דעם העברעיִש־נוסח פון ייִדישע פּראָזע־ליטעראַטור, אַן אַנטאָלאָגיע פאַר די היגע שולן, איז געננוג, אים מכבד צו זײַן מיט דער פּינעס־פּרעמיע, וואָס איר כוונה איז צו שטאַרקן די בריק צווישן אונדזערע אייגענע היימישע שפּראַכן. לא כל שכן אַז עס זענען לעצטנס צוגעקומען צוויי גרויסע איבערזעצערישע אויפטוען.

דער איינער אויפטו — אַן אָפּקלײַב פון ה. לייוויקס לירישע לידער „על תהומות הולך ושר" (ספריית פועלים, 1977), מיט אַן אויסגעצייכנט נאָכוואָרט פונעם איבערזעצער, ווו אויף קוים אַ מנין זײַטלעך ווערט, ווי אַ מועט המחזיק את המרובה, געצייכנט די גאַנצע דיכטערישע געשטאַלט, כדי צו רעזומירן: „און אַזוי זעען מיר, אַז לייוויק אין זײַן ווערק און לייוויק אין זײַן ביאָגראַפיע זענען איין איך. מיר האָבן פאַר אונדז אַ וווּנדער־לעכן סינטעז פון אידעיִשער טיפקייט און מאָראַלישן ברען, וואָס זוכן אַ תיקון אין פּאָעטישן אויסדרוק. דער באַגריף קדושה איז אימאַנענט אין כוללדיקן באַנעם פון אונדזער דיכטער און דער טראָפּ איז אין דער קדושה פון מענטשן".

דער אַנדערער אויפטו — די פּאָעמע פון יעקב פרידמאַן, „שבת" (רשפים, 1977), אויך דאָס מיט אַן אויסגעצייכנטן נאָכוואָרט פונעם איבער־זעצער, ווו אויף קוים אַ האַלבן טוץ זײַטלעך ווערט, ווי אַ מועט המחזיק את המרובה, צום ערשט ביבליאָגראַפיש סקיצירט דער לײַסטער פון פריד־מאַנס אַרויסגעגעבענע ביכער און, דערנאָך, קורץ און טרעפלעך, לוסטרירט דאָס בוך „שבת", וואָס געהער צו זײַנע פריסטע ווערק (1939), ווו עס קומט צום טראַגישן צוזאַמענשטויס צווישן דביקות מיט גאָט און ממשות פון מענטש, פון וועלכן דער דיכטער אַנטלויפט, צוריקקערנדיק צום שבת, ווי

עס הייסט אין נאָכוואָרט: „די ימי בראשית וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן צוליב איין תכלית — צום באַדערפעניש פון שבת, וואָס קומט נאָך זיי. דערפאַר פאַרענדיקט זיך דער ספר מיט לידער וואָס גאַרן צום שבת. דער שבת פון דער וועלט, וואָס איז באַשטימט צו ברענגען די רו, די גאולה דעם יחיד און דעם כלל. דער איבערשטער האָט פאַרמאַכט די אויגן, נעמט אין זײַנע הענט אַלע וועלטן און לייגט זיי שלאָפן".

עס זענען, ווי געזאָגט, צוויי פאַרשיידענע דיכטערס — כאָטש ביידע וויזיאָנאַרן, זענען זיי ווײַט איינער פון אַנדערן אין גענעזע, כאַראַקטער, מענטאַליטעט, און אויב מיר מעגן זיי באַטראַכטן ווי יורשים פון צוויי קאָנטראַרע גרויסע יסודות, איז לייוויק אַ גלגול פון אויסגעלײַטערטע מתנגדות, און פרידמאַן אַ יורש פון פאַרטיפטן חסידות. און דאָס יכולת פון ברתיני די צוויי וועלטן צו באַהערשן און זיי אויטענטיש אויסצודריקן — איז איינער פן די גרעסטע שבחים, וואָס אַ בעל־מתרגם קאָן דערגרייכן, און ער האָט עס דאָ פולקום דערגרייכט.

ג.

אין תחום פון חכמת־ייִדיש האָבן מיר פאַראַיאָרן מזכּה געווען מיט דער פינעס־פרעמיע צוויי יונגע וויסנשאַפטלער — חוה פונסקי־טורניאַנסקי און אברהם נאָווערשטערן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט ייִדיש־פאָרשונג אין דער רעם פון אַקאַדעמישן ייִדיש־לימוד אין ירושלימער אוניווערסיטעט. דער צד השווה צווישן ביידע איז קודם־כל אַ ביאָגראַפישער — פונקט ווי בײַם ערשטן פאַרטייל, אַזוי אויך בײַם צווייטן פאַרטייל, זענען די פרעמירטע געבוירענע און דערצויגענע אין לאַטײַן־אַמעריקע — מרת חוה אין מעקסיקע און מר אברהם אין אַרגענטינע, אַ גוטער סימן פאַר די דאָרטיקע יישובים, וואָס האָבן, מיטן כוח פון זייערע דערציִ־אינסטיטוציעס, און זייער כלל־שיטה פון אָפּהיטן גײַסט און דרך פון אונדזער אייגענער צווייִשפּראַכיקייט, באַפּעיִקט אויפצושטעלן אַ באַשיידענעם אָבער פאַרלאָזלעכן קאָדער פון ייִדיש־פאָרשער. דער צד־השונה צווישן ביידע באַשטייט אין עלטער און ממילא אין דער מדרגה פון זייערע פאָרש־אָביעקטן.

חוה טורניאַנסקי האָט שוין הינטער זיך אַ היפּשן רײַסטער — ערשטנס אין דער מאָדערנער ליטעראַטור, ווי עס באַווײַזט איר אַרבעט וועגן די גלגולים פון י. ל. פּרצעס „מאָניש" („די גאָלדענע קייט", 1965), ווו זי האָט גרונטיק דורכגעקוקט אַלע נוסחאות פון דעם גרויסן דיכטערס ייִדישן ערשטלינג, אין דרוק און כתב־יד, אַזוי אַז מיר אָריענטירן זיך פולקום

אין זיין שאפערישן וואַרשטאַט, וואָס האָט דאָס ווערק דערהויבן פון מדרגה צו מדרגה. צווייטנס, אין דער השׂכּלה־ליטעראַטור: אַ משׂכּילישער נוסח פון דער „צאינה־וראינה״ — אַן אומבאַקאַנט כּתב־יד פון הערץ האָמבערג („הספרות״, תשל״א). אַ ראיה, ווי ווײַט די „צאינה וראינה״ איז אַרײַן אין פאָלק, אַז אַזאַ ראַדיקאַלער משׂכּיל („שנויצנפּרעסער״) האָט, אין אַ געמיש פון המשך און חידוש, אין דעם דאָזיקן מסורה־ווערק געזען אַ מיטל צו באַקעמפן די מסורה, און זי, ווי מעגלעך, אַרויסצושטויסן.

דריטנס, אַ סקרופּולאָטע פאָרשונג פון דער „צאינה וראינה״ גופא, ווי זי גייט אָן אין דער אַרבעט: באַאַרבעטונגען און איבערזעצונגען פון דעם דאָזיקן פאָלקסבוך („ספר דב סדן״, תשל״ז), וואָס וועקט דעם אַפּעטיט, וואָס גיכער צו זען די אַרבעט, מיט וועלכער זי פאַרנעמט זיך איצט: אַ דעסקריפּטיווע אויסשעפּנדיקע פאָרשונג פון אַלע צאינה־וראינה־דרוקן, פון אָנהייב ביז איצטער.

פערטנס, די צווײשפּראַכיקע שאַפונג אין אשכּנז, שטריכן צו איר כאַראַקטער — אַ רעפעראַט בײַם זעקסטן קאָנגרעס פון יודאַיִסטיק אין ירושלים. דאָ בעט זיך דער באַמערק, אַז דאָס איז בעצם איינס פון די צוויי עיקר־טעמעס פון איר פאָרשונג — די צווײשפּראַכיקייט פון די זעלבע ווערק, ווי דער זעלבער מחבר האָט זיי געשאַפן; בעיקר אין דער דערציִערישער מוסר־ליטעראַטור. דאָ דאַרף מען בעיקר אַרויסהייבן איר גרויסע אַרבעט, וואָס האָט זי מזכּה געווען מיטן דאָקטער־טיטל. אַן אַקאַדעמישער צוגרייט פון דעם גרויסן צווײשפּראַכיקן כּתב־יד „ספר מסה ומריבה״ פון ר׳ אלכסנדר בר׳ יצחק (1627), אַ ברייט אויסגעבויטער פּרוּוו צו פּאָעטיזירן די עיקרים פון אונדזער מוסר־ליטעראַטור, בעיקר אין שפּיגל פון די ספרים פון ר׳ שלמה אפרים איש־לונטשיץ („עוללות אפרים״, „עיר גיבורים״). מיטן דערשײַנען פון דער אַרבעט (י. ל. מאַגנעס־פאַרלאַג), וועט צוקומען אַ גרויס ווערק פון אונדזער מוסר־ליטעראַטור, וועלכע איז, אין אונדזער פאָרשונג, צומאָל שטיפמאַמיש באַהאַנדלט געוואָרן.

פינפטנס, דער בייטראַג צו דער ליטורגישער ליטעראַטור — דאָס בענטשערל און די זמירות אין ייִדיש, אין אַלע זייערע עדיציעס — אַ רעפעראַט בײַם לעצטן קאָנגרעס פון יודאַיִסטיק אין ירושלים.

זעקסטנס, איר הילף צום ריזיקן געזעמל פון היסטאָרישע ייִדיש־לידער אין 17טן און 18טן יאָרהונדערט, אַ כּוללדיק קרוין־ווערק פון חנא שמערוק, וואָס האָט דערווײַל אַרויסגעגעבן די ביבלישע ייִדיש־דראַמעס „מחזות מקראיים ביידיש 1750—1697״ („האקדמיה הלאומית הישראלית למדעים״

תשל״ט), ווו מיר האָבן אין הונדערט זײַטן אַ סטריקט וויסנשאַפטלעכן אַרײַנפיר און אויף זעקס־הונדערט זײַטן אָריגינאַלן טעקסט.

מר אברהם נאָווערשטערן וואָס האָט לעת־עתה, נאָך אַ יונגן אָבער אַ בשורהדיקן מאַרשרוט, האָט דעמלט פאַרמאָגט דרײַ פּאָזיציעס, וועלכע ווײַזן אָן דרײַ ריכטונגען אין זײַן פאָרשונגסגאַנג.

ערשטנס, אַן אַרבעט וועגן שלום־עליכם און זײַן שטעלונג צו דער שפּראַכן־פראַגע („די גאָלדענע קייט", 1971) — אַן אויף־די־מקורות־אויפגעבויטע חקירה, וואָס באַפרײַט דעם ענין פון אידעאָלאָגישע און פּראָגראַמאַטישע באַהאַנדלען, ווי מיר באַגעגענען זיי אין דער קריטיק, און בעיקר אין דער פּובליציסטיק, ווו דער סוביעקטיווער צוגאַנג פונעם באַהאַנדלער רעכנט זיך נישט מיטן אָביעקטיוון מאַטעריאַל, וועלכער ווערט, אין דער דאָזיקער אַרבעט, אויסשעפּלעך צוזאַמענגענומען און באַלויכטן. עס איז אַ פּראָבלעם, וואָס די דאָ־נישט־לאַנג אַרויסגעגעבענע ווערק פון שלום־עליכם — בעיקר די אָריגינאַלע העברעיִשע כתבים זײַנע (אַרויס דורך חנא שמערוק אין „מוסד ביאַליק", תשל״ז) האָבן זי אויפגעפרישט.

צווייטנס, די ביבליאָגראַפיע פון אברהם סוצקעווערס ווערק (ישראל־בוך, 1976), אַ סאָלידער צוזאַמענשטעל און פּאַרלאָזלעכער דורכקוק, וואָס איז, האָפנטלעך, אַן אָנזאָג אויף ווײַטערדיקע אַרבעטן אויף דעם געביט.

דריטנס, די אַרבעט: דער העלד און זײַנע האַנדלונגען אין דוד בערגעלסאָנס פּריזע דערציילונגען („די גאָלדענע קייט", 1977), אַ רעפעראַט געהאַלטן בײַם קאָנגרעס פון יודאַיִסטיק אין ירושלים בײַ דער באַזונדערער סעסיע, געהייליקט די אומגעבראַכטע ייִדיש־סאָוועטישע שרײַבערס. עס איז אַ וואָגיקער אַנאַליז פון בערגעלסאָנס אָנהייבן, וואָס באַווײַזט, אַז דער פאָרשער האָט דורכגעאַקערט בערגעלסאָנס ליטעראַרישע גענעזע, און דאָס נישט אָפּגעזונדערט פון דער איבעריקער העברעיִשער און ייִדישער פּראָזע, וואָס האָט אים, אין זײַן באַזונדערן גאַנג, אַרומגערינגלט, אַזוי אַז מיר נעמען מיט היפש בטחון אָן, אַז עס איז אַ פּרק אין אַ גרעסערער, אַרומנעמענדיקער און אויסשעפּנדיקער אַרבעט.

פערטנס, מיר ווילן נישט לאָזן אומדערמאָנט זײַן אַרכיוואַרישע מי; קאָנען מיר דאָך דערינען פאַרצייכענען אַזאַ געפינס ווי דאָס בינטל העברעיִש־געשריבענע לידער פון דער נסתר „פּרחי נוער" (פון 1902 און ווײַטער), וואָס ער האָט אָפּגעפונען אין סאָקאָלאָוו־אַרכיוו — אַ געפינס, וואָס איז אַ חשוב דאָקומענט צו נסתרס אָנהייבן (זע אין מײַן בוך „ארחות

ושבילים", באַנד 3, ז"ז 108—116, און אין מײַן בוך „טויערן און טירן", ז"ז 43—59).

ד

ווי מיר זעען, האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ פעסטע, כאָטש יונגעטשקע מסורה, אַז די אליעזר־פּינעס־פּרעמיע טיילט זיך צווישן אַ ליטעראַטור־שאַפערישן עלעמענט און צווישן אַ ליטעראַריש־פאָרשערישן עלעמענט, און עס איז ווי אַ קיימא לן, אַז איר ערשטער טייל, וואָס לעבט, בדרך כלל, אין היינט, און דאָס אין אַ לרוב גאָר נאָענטן הײַנט, געהער צו אַן עלטערן רײַסטער, און דער צווייטער טייל, וואָס לעבט, בדרך כלל, אין נעכטן, און דאָס צומאָל אין אַ גאָר ווײַטן נעכטן, געהער צו אַ ייִנגערן רײַסטער. קאָן איך מיך נישט אָפּהאַלטן איבערצוחזרן, אַז דאָס איז ווײַט צו זײַן אין אײַנקלאַנג מיט אַ דרך־הטבע, שפּיגלט אָבער אָפּ די באַזונדערע סיטואַציע און דעם באַזונדערן מעמד פון ייִדיש. און אַזוי איז אויך צוגעגאַנגען בײַם דריטן הײַ־יאָריקן פאַרטייל פון דער פּינעס־פּרעמיע — וועגן שאַפערישן בוך, וואָס האָט דערצו זוכה געווען, עס איז דאָס בוך עסייען פון שמעון קאַנץ „כוח פון אות" (י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, תשל"ט) האָט דער דיכטער נחמן ראַפּפּ, אין נאָמען פון דער זשורי, געלייענט אַ באַגרינדטן רעפעראַט, און איך האָב מיך צו אים אָנגעשלאָסן מיטן פולן האַרצן און זיך דערלויבט עפּעס צוצוגעבן. שמעון קאַנץ קומט פון אונדזערע גרונטיקייטן, ער קאָן גאָר גוט אונדזער נעכטן — שייך צו זאָגן, אַ געוועזענער ישיבה־בחור, וואָס זײַן עובדא איז צו ווייקן אין די מקורות; ער קען גוט אונדזער הײַנט — און ערגעץ־ווו איז די דיאַלעקטישע גרענעץ, וואָס צעשיידט און פאַרבינדט זיי ביידע, און דאָס איז ניכּר אין זײַן שרײַבן, וואָס אינטריגירט אונדז מיטן צאַפּלדיקן, לעבעדיקן, אַקטואַלן, אָבער אַ טיפערער בליק אַנטפּלעקט, צומאָל אונטער די שורות, און צומאָל צווישן זיי, די וואָרצלען. אין פלוג נעמט ער זיך שרײַבן אַ רעצענזיע — אָבער דאָס אויסמאָס פון זײַן וויסן, אינטע־ליגענציע, שאַרפזין, בויט עס, ווי תוך כדי שרײַבן, אויס אין אַ קריטישן דורכקוק און אַרײַנקוק, אַזוי אַז עס בויט זיך, ווי במילא, אויס אַן עסיי, וואָס שטייט פאַר אונדז, פעסט און לעבעדיק, ווי אַ גאַנץ געבײַ, און צומאָל פאַרקאָנקורירט דער קריטיקער דעם געקריטיקטן, אפילו ווען ער איז אַן אשלא רברבא. דאָס איז אַ ברכה פאַר אַ יעדער ליטעראַטור, בפרט פאַר אַ ליטעראַטור, וואָס ראַנגלט זיך וועגן איר באַשטאַנד — אַז מען לייענט זי אַזוי, אַז מען רעאַגירט אויף איר אַזוי, ווי מיר האָבן עס אין „כוח פון

אות״, העלפט מען בפירוש דעם לייענער, זי צו לעבן מיט אַלע רמ״ח און שס״ה.

אויפן פאַן פון אַזאַ לעבעדיקייט ווילט זיך זען נישט בלויז דעם שאַ־פערישן סעקטאָר פון ייִדיש, וואָס זײַנע טוערס און אויפטוערס געהערן צומייסט צום עלטערן דור, נאָך אויך דעם פֿאַרשערישן סעקטאָר פון ייִדיש, וואָס זײַנע טוערס און אויפטוערס געהערן אַלץ מער צום ייִנגערן דור, אַ פּראָפּאָרציע, ווי עס שפּיגלט זיך אָפּ אויך דער צוזאַמענשטעל פון אונ־דזערע פּרעמירטע. ווילט זיך טאַקע אויף דעם פאַן לאָזן באַטראַכטן מרת שרה צפתמאַן, וואָס האָט הײַ־יאָר די פּרעמיע באַקומען. אָנגעהויבן האָט זי, ווי זי האָט אונדז דערציילט, אין תל־אביבער אוניווערסיטעט, וווּ זי האָט געשטודירט פּסיכאָלאָגיע, אָבער ווען זי איז אַריבער אין ירושלימער אוניווערסיטעט ,איז זי אַריבער צו ייִדיש־לימודים און זיך אין זיי געספּע־ציאַליזירט. איר עובדא איז אַ ברייטפאַרנעמיקע — ליטעראַטור, פילאָלאָ־גיע, פאָלקלאָר, דערונטער אויך דעמאָנאָלאָגיע, און דאָס זענען אויך די אָביעקטן פון אירע פּובליקאַציעס און לעקציעס. אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמט דאָס „מעשה בוך״, זײַנע כתבי יד, דרוקן, טעקסט־קריטיק, זייער געשיכטע, — טעמעס און מקורות. דאָס דאָזיקע אַלטע בוך, וואָס איז, במשך דורות, געבליבן ניי, האָט שוין אויך, ווי אַ פאַרשונג־אָביעקט, אַ היפּשע באָרד — אויך אויף דעם ענין שטעלט זיך מרת צפתמאַן אָפּ אין איר שטודיע, וואָס האָט איר בײַ דב נוי, צוגעשאַנצט איר אַקאַדעמישן טיטל. עס איז איר אַרבעט: „כתב יד של מעשה בוך״ (אינסברוק, 1596), וואָס איז אַרויס אין ירושלים, (1973) און שפּעטער אונטערן נאָמען „מעשה בוך — קווים לדמותו של ז׳אנר בספרות יִדיש הישנה״ („הספרות״, אַפּריל, 1979). די וואָס פאַרנעמען זיך מיט דער מאַטעריע ווייסן, אַז זי האָט אינטערעסירט די ייִדיש־פאָרשערס, און געדענקען די דײַטשישע מאָנאָגראַפיע פון יעקב מייטליס וועגן דאָזיקן בוך און זײַן קוואַלן־געשיכטע (בערלין, 1933), און וואָס האָט אים צוגעשאַנצט דעם דאָקטאָר־טיטל, פּונקט ווי זיי געדענקען זײַנע באַמיִען אַ קראַנץ פון מער ווי אַכציק מעשיות צו פאַראיצטיקן אין פאָלקיש־מאָדערנעם ייִדיש: „די שבחים פון רבי שמואל און רבי יודא חסיד, אַ צושטײַער צו דער ייִדישער פאָלקלאָר־פאָרשונג״ (לאָנדאָן, 1964), אַ זאַך וואָס עס האָבן פריִער געמאַכט בערטאַ פּאַפּענהיים, וועלכע האָט אײַ־בערגעזעצט אויף דײַטשיש כמעט דאָס גאַנצע בוך (פראַנקפורט, 1929), און ענגליש משה גאַסטער (פילאַדעלפיע 1934) — האָט אויך אַן אַרײַנפיר צו מײַטליסעס בוך. אָבער אַ נײַע פאָרשטיטואַציע האָט זיך געשאַפן מיטן

כתב־יד פון „מעשה בוך", וואָס האָט זיך באַוויזן אין לאָנדאָן (1955), און איז אַריבער אין רשות פון מרת אילזע צימעט־זאַנד, וואָס האָט עס געקלערט אַרויסצוגעבן און געמאַכט אָנהייב־טריט דערצו, און וואָס אונדזער נאַציאָנאַל־ביבלאָטעק אין ירושלים האָט עס געקויפט, און מרת צפתמאַן, פונקט ווי זי האָט דורכגעשטודירט די איבעריקע כתבי־יד, האָט זי באַזונ־דערס דורכגעפאָרשט דאָס דאָזיקע כתב־יד — עס איז פאַרענדיקט געוואָרן פורים שנ"ו (1596), משמע זעקס יאָר פריִער איידער דאָס „מעשה בוך" איז צומערשט אַרויס אין דרוק (באַזל 1602). די צאָל פון די סיפּורים איז דאָ גרעסער — אָמערשט האָט זיך גערעדט פון אַ סך מעשיות, באמת זענען עס בלויז אַכט — און דער עיקר איז די שפּראַך און דער סטיל.

ווי וויַיט דאָס גייט, לאָזט זיך אָפּלערנען פון אַ באַגלייבטן עדות, אַ תלמיד פון אירע לעקציעס — עס איז דער באַקאַנטער פּאָעט משה יונגמאַן, וואָס האָט עס געטאָן אין זיַין ליד „עס געשאַך". בייַם פּרעמיע־פּאַרטייל האָט דער פּירזיצער, אברהם סוצקעווער, געלייענט דערפון (עס איז קודם געווען געדרוקט אין „די גאָלדענע קייט"), און איך וויל צוגעבן אַ ציטאַט פון משה יונגמאַנס בריוו צו מיר, ווען זיין הנאה, אַז זיַין לערערין האָט געקריגן דעם פּינעס־פּרייַז: „זי האָט עס כשר פאַרדינט. ווי אַ תלמיד אירער ווייס איך, ווי אָפּצושאַצן איר קענטעניש, איר יסודותדיקייט, איר צוגאַנג צו די מקורים. כ'האָב ליב געהאַט צו קומען צו אירע לעקציעס וועגן „מעשה בוך".

נאָך דעם ווי מיר האָבן, בייַם פּרייַז־פּאַרטייל, געהערט דריַי פּאָעטן: אברהם סוצקעווער, נחמן ראַפּפּ, משה יונגמאַן, ווילן מיר פאַרענדיקן: דיכטער זענען, אויך אין אַקאַדעמישע ענינים, די בעסטע מבינים.

[י"ז אדר תש"ם]

זוכצעטל

אבות ישורון (פערלמוטער יחיאל) 231
אבידע (זלאָטניק) יהודה לייב (עלזעט) 19
אבן־עזרא אברהם (ראב״ע) 150
אבן־שושן (ראָזנשטיין) אברהם 201
אברהם בר־שלמה 193
אדלער דזשעיקאָב (יעקב „הנשר הגדול״) 36
אַדלער יעקב (ב. קאָוונער) 66
אהרוני אריה 154
אוהלאַנד לודוויג 221
אויערבאַך אפרים 196, 249, 299
אַזובעל נתן 177
אוסישקין מנחם מענדל 152
אחד העם (גינצבערג אשר) 114
אייבעשיץ יונתן („כרתי ופלתי״) 150, 151
אייכנשטיין צבי־הערש (דער זשידיטשויווער רבי) 134, 176
אימבער נפתלי הערץ (דער בעל „התקוה״) 37
אינדעלמאַן משה 106
אַלטמאַן משה 299
אַלטערמאַן (אלתרמן) נתן 120, 161
אליה בחור (לעוויטע) 267
אליהו בעל־שם („מפעלות אלוקים״) 129
אַליצקי לייב 118, 120
אלכסנדר בר־יצחק („מסה ומריבה״) 302
אלקבץ שלמה („לכה דודי״) 152
אַמקרויט פריינד (דפוס פשעמישל) 140
אַסטור (טשערניכאָוו) מיכאל 36
אַפּאַטאָשו (אַפּאַטאָווסקי) יוסף 47, 117, 220, 221
אַפּטער שמשון 149
אַפּלבערג ראָזע 89
אַפּענהיים מאַריץ דניאל 167
אפרים איש לונטשיץ („עוללות אפרים״) 302
אַקנער אברהם 146
אַקסנפעלד ישראל 12, 236
אָ'רייל דאָועל 109
אַרלאַזאָראָוו חיים (וויקטאָר) 228
אַרנאַן (ארנון) יוחנן 49, 63, 89, 111, 119
ארן (אהראָנאָוויטש) זלמן 29
אַש שלום 279, 285
אשלג יהודה לייב („הסולם״) 154

באַדער גרשום 43, 45, 46, 53, 54, 56, 59
באַלאַבאַן מאיר (שמואל) 98
באַלאַבאַן פעסיל (דפוס לבוב) 98
באַנד אברהם (אַרנאָלד) 48, 49, 63, 67, 89, 90
באַסאַק מאיר 278
באַסמאַן רבקה 154
באַקאַטשיאָ דזשאָוואַנני 160
באַקון (בקון) יצחק 89, 90
באַראַן אהרן לייב 207, 210
באַראַש (ברש) אשר 59, 86
באַריישאַ (גאָלדבערג) מנחם 285
באַש אליעזר 241
באַשעוויס־זינגער יצחק 285, 286, 299
בובער מרדכי (מאַרטין) 231
בונין וואָלף 223
בורלא יוסף 120
בחיי בן יוסף פקודה 185
ביאַליק חיים נחמן 55, 84, 87, 98, 99, 108, 115, 120, 160, 197, 241, 248, 251, 254, 255, 256, 260
ביאַליק־ראַווניצקי 169, 170, 173, 256
ביבערינג יעקב 248
ביכנער געאָרג 259
ביקל שלמה 147, 299
בירנבוים נתן (נחום) 54
בירשטיין יאָסל 108, 134, 135
בכרך (באַכראַך) שמעון 194
בלאַך אלעזר 58
בלאַך יהושע 139
בלאַך משה 56

בלאַך (משפחה) 292
בלום (אַלקוויט) אליעזר 129
בליץ יקותיאל 116, 182, 255
בניהו מאיר 183
בן־יחזקאל (האַלפּערן) מרדכי 235, 236
בנימין, המגיד מזאַלאַזיץ („אמתחת בנימין") 57
בן־צבי (שימשעלעוויטש) יצחק 261
בן־ציון (גוטמאַן) שמחה אלתר 47, 85
בעל שם טוב (ר' ישראל) 43, 212, 213, 215, 219, 220, 234
בעקער יעקב 129
בעקערמאַן יצחק 99
בערגמאַן שמואל (הוגאָ) 111
בערגלסאַן דוד 300, 303
בערגנער הערץ 108
בערדיטשעווסקי מיכה יוסף (בן־גוריון) 44, 115
בערנאַס יונה 169
בערנע לודוויג (ברוך לייב) 31
בערנפעלד שמעון 115
בערנשטיין איגנאַץ 20, 228, 230
בערנשטיין אליעזר 44
בערקאָוויטש יצחק דב 35, 36, 40, 109, 113, 136
בראַגין ... 39
בראַווער אברהם יעקב 58, 93, 96, 97, 164
בראַנדעס (כהן) געאָרג 39, 40
בראַנדשטעטער דוד מרדכי 25
ברודני (בראַלי) יצחק 261
ברוך מעזשיביזשער (דעם בעל שם־טובס איייניקל) 236
ברייִנין ראובן 25, 26, 27, 44
ברענער יוסף חיים 46, 59, 61, 238
ברתיני (גאַלערגאַנט) ק. אהרן 164, 298, 299, 300

גאַגאַל ניקאָלאַי 30
גאָטלאָבער דב־בער (מהל"ל) 12
גאָטליב יעקב 153
גאָטליב משה דוד (מאָריצי) 167
גאָלאָמב אברהם 147, 149, 270, 271
גאָלאָמב רבקה 271
גאָלדהאַר פּינחס 108, 109
גאָלדפאַדן אברהם 37, 201
גאַסטער משה 305
גאָסקינד (משפחה) 262
גבירול שלמה 55
גוטמאַן יודל (יוליוס) 174
גוטמאַן שמואל וואָלף (לעמבערגער ראַבינער) 174
גורט בערל 107
גורט חיים 105—112
גייגער אברהם 193, 200
גינצלער אברהם 60
גלאַטשטיין יעקב 135, 202, 305
גליק בערטשע 226
געלבאַרד יהודה צבי 50
געלבער נתן מיכל 229
גראָדזענסקי חיים עוזר (ווילנער דב) 229
גראָדזענסקי שלמה 164
גראַדע חיים 285
גראָס־צימערמאַן משה 119
גראָס נפתלי 177, 188, 192, 222
גראָסבאַרד הערץ 296
גראַפּער יעקב 300
גרינבוים יצחק 152
גריס נח 280
גרעץ צבי (הערמאַן)

דאַבאַש אַלעקסי 216
דאַגילעווסקי משה 45
דאַליצקי מנחם מענדל 37
דאַנער נתן נטע 234
דב־בער ממעזשיביש (המגיד הגדול) 230
דובנאָוו שמעון 215
דוד יונה 49, 63
דוד סג"ל („טורי זהב") 129
דונסקי שמשון 149
דינור (דינאַבורג) בן־ציון 269
דיק אייזיק מאיר 12, 16, 216, 250, 251
דיקנס טשאַרלז 30

דלוגאַטש מאַני 12
דלוזשנאָווסקי משה 203
דן יוסף 221
דער נסתר (כאַהאַנאָוויטש פּינחס) 257, 297, 299, 303
דרויאַנאָוו אלתר אשר אברהם אבא 177, 179, 180

האַבערמאַן אברהם מאיר 63
האַלטיי קאַרל 260
האַלפּערן משה לייב 210
האַמבערג הערץ 302
האַנאַוער 188
האַפּער יחיאל 126, 134
האָראַציוס 37
האָרוויץ יעקב יצחק („החוזה מלובלין") 157, 231
האָרוויץ צבי („לתולדות הקהילות בפולין") 92, 129
האָרוויץ צבי („הנפילה הגדולה") 231
האָרוויץ שמעלקע (ניקלשבורג) 219
הוד טאָמאַס 67
הזז חיים 118, 120, 241
היילפּערן פאַלק 273
היינע היינריך 13, 25, 26, 28, 31, 114
הלוי יצחק (דער ברודער און רבי פון „טורי זהב") 129
הלוי־צוויק יהודית 64, 67
המגיד מטריסק 231
העבעל פרידריך 29, 30, 31, 32
העניש מאיר 45, 47
הערצבורג אַרטור 157
הערצל בנימין זאב (טעאָדאָר) 37, 38, 39, 40
הערשמאַן מאיר 223
הערשנבערג (משפחה) 104
הערשנבערג (הירשנבערג) שמואל 106
הרושאָווסקי בנימין 284
התלמי (פעלדמאַן, ראַדלער) יהושע. זע: ר' בנימין

װאַכשטיין בערל (דב) 216, 243
װאַלדמאַן משה 24
װאָלפע דוד 153
װאַרזאַגער שלמה 128—136, 290
װייזער רפאל 93
װיינלעז ישראל 268
װיינרייך מאַקס 265, 267
װיינשטיין בעריש 147
װייץ אברהם 202, 211, 212, 215, 218, 219
װייצמאַן חיים 36, 39
װילנער שלמה יואל 261
װינער דבורה 89
װינער מאיר 236
װיערניק פּרץ 146
װיצנהויזן 116, 182, 255
װערגיל 38
װערגעליס אהרן 279
װערסעס שמואל 269
װערפל (רפאל) יצחק 118

זאַנגוויל ישראל 26, 27, 28
זיגלבוים פּייוול 129
זיגלבוים שמואל (אַרטור) 129
זילבערבוש ישעיה דוד 56
זינגער מנחם מענדל 100, 119
ז"ק (זשערנענסקי) משה אליהו 49

חאַרטינער (כאַרטינער) מאיר 99
חזקיהו בר־מנות 142
חיות צבי־הירש 139
חכם צבי (אשכנזי צבי־הירש) 129
חלמיש (פלינט) מרדכי 146
חרץ (כאַראַץ) מאיר 103

טאַבאַקמאַן יצחק 274
טאַרטאַקאָווער חיים 99, 229
טוואַרדאָווסקי (מכשף) 222
טוויין מאַרק 30
טורניאַנסקי־פּונסקי חוה 301
טור־סיני (טאָרטשינער) נפתלי הירץ 200,

טורקאָוו־גרודבערג יצחק 134
טיגער ישעיהו 215, 216, 218, 219, 221
טלפיר גבריאל (ווונדערמאַן יוסף) 270
טענדלאַו אברהם 188, 293
טרויב יוכבד 269
טרונק יחיאל ישעיהו 12, 216, 241
טשאַטשקעס שלום מרדכי 57
טשאַטשקעס שמואל יוסף, זע: עגנון ש״י
טשאַרנאַ שלום יונה 270, 271
טשאַרנאַפּאַלסקי יאַן 296
טשודנער מאיר 117

יאָזעליט יעקב 146
יאַנאַסאַוויטש יצחק 146, 169, 287—297
יאַפּע יודא א. 143
יאַפּע (יפה) מרדכי 114, 146
יהואש (בלומגארטן שלמה) 17, 34, 114, 116, 182, 255
יהודה אבן־תיבון 185
יהודה הלוי 157, 275
יונגמאַן משה 128, 135, 298, 306
יחיאל מיכל (המגיד מזלאָטשיוו) 234
יעבץ זאב 173
יעקב יוסף (בעל התולדות) 174, 212, 213, 214, 215
יצחק מנעסכיזש (שפירא) 230
ישראל (המגיד מקאָזשעניץ) 235, 236
ישראלס יוסף 167

כהן א. ב. 205, 208
כהן ישראל 44
כהן שבתי („שפתי כהן״) 219
כהנא דוד 247

לאָוסמאַן העברי 109
לאָזער (לזר) שמעון מנחם („המצפה״) 43, 44
לאַכאָווער (לחובר) ירוחם פישל 98, 99, 246, 247
לאַנדאַו ישראל 118
לאַנדוי אברהם יצחק („ספר הקונדס״) 261
לאַנדוי אַלפרעד (אברהם יצחק) 262
לאַנדוי פּאַול 259
לאַנדוי פישל 262
לאַסאַל (לעסלאַו) פערדינאַנד 38
לאַסק י. מ. 111
לביא (לעווקאָוויטש) שלמה 152
לוי אַנשל 128
לוי יצחק (מבערדיטשעוו) 230
לוצאַטאָ משה חיים (רמח״ל) 67
לוצאַטאָ שמואל דוד (שד״ל) 185
לוריא (קאַלמאַנאָוויטש) שלום 269
ליאָן־ דאַר אברהם 97
ליטווין א. (האָרוויץ שמואל) 65
ליטווין מרדכי 113
לייוויק ה. (האַלפּער) 118, 169, 174, 285, 290, 294, 298, 300, 301
ליליענפּעלד שלום (רב בפּידהאַיעץ) 57
לינעצקי יצחק יואל 12
ליפשיץ אליעזר מאיר 59
לעבנזאָן אברהם דב (אד״ם הכהן) 246
לעבענסאַרט אברהם (דרך ארץ) 44, 90, 92, 93
לעהמאַן מאיר 138
לעוו אברהם 153
לעווינסאָן אברהם 280
לעווענבערג יאַקאָב (יעקב) 224, 225
לעטעריס מאיר הלוי 246, 247, 249, 250
לעיעלעס (גלאַנץ) אהרן טוביה 132
לעפּטעוויטש יוסף 286
לעפין (לעווין) מנחם מענדל 11, 15

מאָדענאַ יהודה אריה (לעאָן) 194
מאַיער קאָנראַד פערדינאַנד 189, 192
מאַהלער רפאל 192, 240
מאַן מענדל 280
מאַנגער (העלפער) איציק 120, 285
מאַני לייב (בראַהינסקי) 285
מאַסלאַנסקי צבי 37
מאַקיאַוועלי ניקאָלאַ 228
מאַרקיש פּרץ 285
מאַרשאַל לואי 39
מהר״ל (ליבא מפראַג) 129

מיבלום שמואל 58
מייזעלש שמואל 50
מייטליס יעקב י. 126, 128, 305
מימון (פישמאַן) יהודה לייב 262
מינקאָוו נחום ברוך 228
מיעליצער נפתלי 158
מיצקיעוויטש אדם 222
מיראַנסקי פרץ 283
מירון (מיראָן) דן 12
מירסקי אהרן 70
מלאַטעק יוסף און חנה 66
מנשה בן־ישראל 106
מעלצער שמשון 226, 242
מענדעלע (אַבראַמאָוויטש שלום יעקב) 11,
12, 24, 25, 26, 27, 28, 32, 33, 34, 84,
87, 109, 114, 136, 138, 160, 269
מענדראַכאָוויטש נחום הענזל 241
מענדעלזאָן משה 31
מרדכי שפירא (מנעסכיזש) 236
משה סאַלאַטווינער 215

נאַדיר משה (רייז יצחק) 141
נאָווערשטערן אברהם 301, 303
נאַטאַנזאָן יוסף שאול („שואל ומשיב") 144
נאַסיג אַלפרעד 174
נאַפּאָלעאָן 295
נאָקס עזריאל 141, 149
נאַרוויד ציפּריאַן 272
נוי (נוימאַן) דב 177, 187, 188, 305
נויבאַוער אברהם 193
ניגער בתיה 269
ניגער (טשאַרני) שמואל 12, 143, 145
נייגעבאָרן ישראל 24
נייגער דוד 271
ניימאַן יחזקאל משה 273
נפתלי (הרבי ממיעליץ) 158

סאַביעסקי יאַן (דער דריטער) 201
סאַפּיר מאַריץ גאָטליב 30
סאַפּרין האַראַצי (הערש) 176
סאָקאָלאָוו נחום (טוביה) 39, 86, 160, 303
סאַראַגאָסי משה 183
סוצקעווער אברהם 118, 254—258, 259,
281, 282, 283, 284, 285, 286, 303, 306
סטוטשקאָוו נחום 292
סמאָלענסקין פרץ 246
סעקלער (הררי) הערש (צבי) 88
ספּענסער הערבערט 39, 40
ספּעקטאָר מרדכי 12

עגנון ש"י (טשאַטשקעס שמואל יוסף)
41—120, 172, 195, 197, 216, 230
עהרליך יוסף פּ. 229, 287
עליאַט זשאָרזש (עוועגס מעריען) 39
עליאַסבערג אהרן 230
עמדין (אשכנזי) יעקב 150
ענגל שמואל (רב בראָדאַמישל רבתא) 144
ענטין יואל 24, 28
עריק מאַקס (מערקין שניאור זלמן) 185
ערליך יוסף 293
ערנפּרייז מרדכי (מאַרקוס) 111
ערנקראַנץ בנימין זאב (זבאַראַזשער
וועלוועלע) 172

פֿאַדריאַטשיק לייזער 281
פּאַהאַרילעס עמנואל 54
פּאָט יעקב 118, 285
פּאַלאַטניק ראָזע 136
פּאַפּיערניקאָוו יוסף 280
פּאַפּענהיים בערטאַ 305
פּושקין אַלעקסאַנדער 176
פּיני טאַדעוש 272
פּינעס אליעזר 280, 298, 300, 304
פּינסקי דוד 9, 79
פּינסקער יהודה לייב (לעאָן) 33
פּעווזנער זלמן 48
פּערל יוסף 240, 268
פּריסקוס (פון פּאַריז) 193
פּרץ יצחק לייבוש 12, 24, 34, 44, 48, 65,
79, 80, 114, 160, 169, 172, 173, 174,
254, 282, 291, 301
פּשעסמיצקי זענאָן (מיריאַם) 272

פאָגעל יאָזעף (יוסף) 118
פאָהן ראובן 215
פאַיאַנס לייבל 116
פאַלק יוסף 118
פויסט 222
פוקס אברהם משה 118
פוקס חיים לייב 91
פינקל יהושע 149, 195
פישמאַן רחל 154
פישערווילהעלם 259, 260
פעלד יצחק 174
פעפער צבי 59
פעפערבוים ענזיל (רב בסטרי) 238, 239, 240, 241
פערנהאָף איציק (יצחק) 44, 61, 62, 91, 115
פראָסטיג משה 46
פרוג שמעון שמואל 254
פרויד זיגמונד 38, 72
פרידמאַן יעקב 285, 298, 300, 301
פרימער בערל 229
פרישמאַן דוד 160
פרענקל אליעזר 300
פרענקל יוסף 46
פרענקל ירמיהו 67

צאַפּי דזשיסעפּע 210
צווייג אַרנאָלד 167
צוויפל צבי אליעזר 11, 12
צונזער אליקום 37, 299
צונץ יום־טוב ליפּמאַן (לעאָפּאָלד) 143
צייטלין אהרן 88, 134, 299
צימעט־זאַנד אילזע 306
צימערמאַן יצחק 112
צינבערג ישראל 185, 247
צפנת אהרן 118
צפרוני אברהם 186
צפּתמאַן שרה 305, 306

קאָהן יצחק 109
קאָוואַדלאָ־גורט פרידאָ 107
קאַכאַנאָווסקי יאַן 66
קאַלוואַרי משה 31
קאַליר אליעזר 202
קאַליר (משפחה) 292
קאַלמאַנאָוויטש זעליג 268
קאַלמאַנאָוויטש רבקה 269
קאַלמוס אולריך 12
קאַמינסקאַ־מירון אידאַ 117
קאַנטי בערטאָלד 174
קאָנסטאַנטינאָווסקי מנשה 65
קאַנץ שמעון 134, 304
קאַפּלאַן פסח 174
קאַפּשטיין משה 175, 176, 178, 179
קאַנעלבאָגן יוסף 230
קאַצנעלסאָן (כצנלסון) בערל 260, 266
קאַצנעלסאָן יצחק 203
קאַצנעלסאָן (כצנלסון)־שזר רחל 269
קאַראָ יוסף („שולחן ערוך") 183, 184, 185
קאַרן־הערינג רחל 149
קאַרן יצחק 159
קאַרנהענדלער יחזקאל 125, 193
קאַרפּינאָוויטש אברהם 104, 134
קאַרפּינאָוויטש מלך 280
קויפמאַן יעקב 126
קולבאַק משה 285
קוק אברהם יצחק הכהן („ראי"ה") 262
קזשיזשאַנאָווסקי יוליאַן 223
קיץ (קוצעגאַגי) יוסף 13
קלוגהויפּט אורי („השרף מסטרעליסק") 230
קלויזנער יוסף 44, 98, 246
קליינמאַן משה 53, 54, 56, 59
קלינגער ישראל חיים 10
קלמן קלונימוס („מאור ושמש") 230
קלעי (גאָלד) חנוך 123
קלעמאַנסאָ זשאָרזש 81
קעניג ליאָ 161
קעניג לעאָ (יפה אריה) 285
קערר אַלפרעד 31
קראַוס קאַרל („די פאַקקעל") 31

קראָכמאַל נחמן („מורה נבוכי הזמן") 139
קראַנץ פיליפ 138
קריב (קריוואָרוטשקאָ) אברהם 120
קרעסל געצל 89
קרעפל יונה 54
קשת ישורון (קאַפלעוויטש יעקב) 126

ראַבאַן (רובין) ישראל 290
ראַבינאָוויטש אלכסנדר זיסקינד (אז"ר) 67
ראַבינאָוויטש מיכל („הדרום") 269
ראַבינאָוויטש צבי מאיר 70
ראובני (שימשעלעוויטש) אהרן 86, 118, 160
ראַוויטש מלך (בערגנער זכריה חנא) 132, 299
ראַווינאַ חנה 161
ראַוויקאָוויטש דליה 120
ראַווניצקי י. ח. 179, 180, 198
ראַזעגער פעטער 259, 260
ראַזענהעק שלמה 15
ראַזענטאַל מנחם מענדל 186
ראַזענפעלד מאָריס 138
ראַט יעקב 140
ראַטשילד בנימין זאב (דזשעמס) 38
ראַכמאַן אסתר 125
ראַכמאַן לייב 112, 123—127, 154
ראַלניק יוסף 285
ראַם מנוחה (וואַלדמאַן רבקה) 136
ראַפּאַפּאָרט יהושע 134
ראַאַפּאָרט יעקב 149
ראַפּאַפּאָרט שלמה יהודה (שי"ר) 143
ראַפּפּ נחמן 304, 306
ר' בנימין 73, 259
רובאַשאָוו שניאור זלמן, זע: שז"ר
רובינשטיין אליעזר 41, 86, 87, 102, 111, 112—120
רויטמאַן שלמה 152, 298
רוקח אלעזר 43, 47, 54
רוקח יששכר־בער (הרבי מבעלז) 61
רוקח שלום („שר שלום" מבעלז) 139, 155, 229
רייזען אברהם 79, 173, 249
רייזען זלמן 91, 116, 137, 173, 249
רייזען קלמן 249
רייזען שרה 249
רינגלבלום מנחם (עמנואל) 203
רמב"ן 182
רעי מיקאַלאַי 66, 67
רש"י 10, 21, 182, 294

שאַליט לוי 285
שאנן (פרידפערטיג) אברהם 247
שאַפּמאַן גרשון 59, 109
שאַצקעס משה אהרן 12
שאַראַקאַנסקי אברהם מיכל 138
שאַרגעל הלל 129
שאַרגעל יעקב צבי 129, 150, 151, 152, 153, 250, 298
שבתי צבי 150
שוואַגער יעקב (יאַנטשע) 9
שוואַדראַן (שרון) אברהם 167
שוואַדראַן שלום מרדכי (הגאון מבערזשאַן) 144
שוואַרץ ישראל יעקב 114, 205, 285
שוואַרצבוים חיים 177, 222
שוואַרצפעלד יונה — 296, 297
שולבוים משה 60
שולמאַן אליהו 149, 276
שונמי שלמה 63
שוסטער יוסף 271
שור ברוך (חזן) 73
שור יהושע העשיל („החלוץ") 45
שזר שניאור זלמן 9, 111, 119, 120, 150, 151, 154
שחורי (שוואַרצמאַן) מנחם 270
שטאַרקמאַן משה יוחנן (חזקוני) 137—149, 279
שטאַרקמאַן רחל 146
שטיינבאַרג (שטיינבערג) אליעזר 299
שטיינבערג אברהם מנחם מענדל הלוי („מחזה אברהם") 57, 144
שטיינבערג יעקב 86
שטיינמאַן אליעזר 86, 112, 232, 278
שטיינשניידער קאַרל 111

שטיקלער שמריה („שם משמריה") 144
שטערן בעריש (בערנאַרד) 54, 81
שטערנהאַרץ נתן (סופר ר' נחמן מבּרעסלאַוו) 236
שטרוק הערמאַן 167
שיין שמואל 85
שילר (בלאַנקנשטערן) שלמה 53
שימל האַראַלד 249
שלאַנסקי אברהם (דוד) 21, 120, 139
שלום גרשם 111
שלום עליכם (ראַבּינאָוויטש שלום) 9—40, 109, 120, 139, 154, 160, 303
שלמה בן אליהו נסים 185
שמואל איידעליש (המהרש"א) 126
שמואל (מאַרגאַליאָן) משה 270
שמעוני (שמעונאָוויטש) דוד 86
שמערוק חנא 12, 302
שמ"ר (שייקעוויטש נחום מאיר) 12
שמרי (ריבאָ) אריה 150, 151, 152, 153, 154
שמעון מימי 193
שמעטערלינג (גלעד) זאב 271
שמעלקיס יצחק („בית יצחק") 144
שניאור זלמן (זאַלקינד) 109, 113, 118, 160, 210, 241, 285
שניצער מנואל 177
שעדלעצקי אפרים 124
שעכטמאַן עלי (אליהו) 102, 285
שעפּס הערמאַן 81
שקד (מאַנדל) גרשון 64
שפיגל ישעיהו 112
שפּיגלבלאַט אלכסנדר 280
שפיר (שפירא) אליהו דוד 123
שפירא ישעיה מאיר (רב בטשאַרטקיוו) 50
שפירא מאיר (ישיבת חכמי לובלין) 50
שפירא מרדכי (רב בנעסכיזש) 230
שפירא משה חיים 117
שפירא נתן נטע („גולה עמוקות") 230

תלוש (מוסעלעוויטש) איסר 279

דער תוכן:

דריי הערות 5

I

צוויי פּרקים שלום עליכם

פּרק א׳: כּמו שכּתוב, אַריַינפּיר־באַמערקן צו טוביה דעם מילכיקערס תורות . . . . 9—23

פּרק ב׳: צווישן הומאָר און אוטאָפּיע. קאַפּיטל איינס: הומאָר 24—32

קאַפּיטל צוויי: אוטאָפּיע 32—40

גרעסערע און קלענערע קאַפּיטלעך ש״י עגנון

מאמר א׳: ייִדיש־סטאַרט — אַריַינפּיר אין זײַנע ייִדיש־כּתבים 41—94

מאמר ב׳: די לבנה און אירע שטעט . . . . 94—101

מאמר ג׳ און אַז איר וועט שוין יאָ וויסן . . . . . . 101—104

מאמר ד׳: עגנון נוסח ייִדיש — וועגן חיים גורט און זײַן אַרום 105—112

מאמר ה׳: ש״י עגנון און אַרום — אַנטאָלאָגיע נוסח אליעזר רובינשטיין . . . . 112—120

II

אַ גוטער ייִד

וועגן ר׳ לייב ראַכמאַן — אַ הספּד־וואָרט אין היכל שלמה . . 123—127

דער עלטסטער יונג־ישראל שרייבער — שלמה וואַרזאַגער . . . . 128—136

ייִדישקייט און אירע קאָלעקטיווע ווערטן — וועגן משה שטאַרקמאַן . . . . 137—149

אַ וויכּוח און זײַן ייִחוס

אַ וואָרט בײַם צוטיילן די שמרי־פּרעמיע . . . . . . 150—154

III

צווישן הי׳ און דאָרט

אַ וואָרט בײַם וועלט־ראַט פאַר ייִדיש־קולטור אין ישראל . . 157—164

יידישער חן

א וואָרט ביַי דער ייוו״אָ־אויסשטעלונג אין בית התפוצות . . 168—165

מקורות און גלגולים

מאמר א׳: אין ליכט־שאָטן פון חז״ל . . . . 175—169

מאמר ב׳: אתם נצבים אָדער: וואָס אין אַ הלצה פאַרבאַהאַלט זיך 185—175

מאמר ג׳: דער פאַרפוילטער הונט און זיינע וויַיסע ציין . . 192—185

מאמר ד׳: אלישע בעל־הכנפיים . . . . 197—192

מאמר ה׳: ברונעמער און זון־זעץ . . . . 202—198

מאמר ו׳: צווישן קיניג און ייִד . . . . 212—202

מאמר ז׳: צווישן בעל שם און בישאָף . . . . . . 221—212

מאמר ח׳: דער מלאך המות און זיַין וויַיב . . . . . 229—221

מאמר ט׳: דער שניַידער און זיַין יאַרמעלקע . . . . . 237—229

מאמר י׳: דער גביר און זיַין אורח . . . . 245—237

מאמר יא׳: יונה הומיה . . . . 253—245

אַ קליינע לעקציע

וועגן אַ ליד פון אברהם סוצקעווער . . . . 258—254

„די גאָלדענע קייט״

אַ בריוו צום הונדערטסטן נומער . . . . 280—259

צווישן „יונג־ווילנע״ און „די גאָלדענע קייט״ . . . . . 286—281

ארום בשׂמים־ביקסל

וועגן יצחק יאַנאָסאָוויטש, אַ וואָרט צו זיַין יובל־פיַיערונג
אין תל־אביב . . . . 297—287

צווישן שאָפּן און פאָרשן

וועגן דער אליעזר־פינעס־פּרעמיע . . . . 306—298

זוכצעטל . . . . 314—307

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך"

הילפספאָנד פאַר יידיש־שאַפונגען

(2טע רשימה)

בער מאַרק / מגילת אוישוויץ, מיט דאָקומענטן געפונענע אין אוישוויץ

יעקב צבי שאַרגל / פון אַנהייב אָן, עסייען מיט פּאַטאָס פון די „אַנהייב"לער

רחל אויערבאַך / בײַם לעצטן וועג, אין געטאָ וואַרשע און אויף דער אַרישער זײַט.
וועגן רחל אויערבאַך — פּראָפּ. דב סדן און ד"ר יוסף קערמיש

דוד האָפשטיין / לידער און פּאָעמעס. צוויי בענד. צונויפגעשטעלט פון פייגע האָפשטיין. צייכענונגען פון מאַרק שאַגאַל, הלל האָפשטיין און ה. אינגער. פּאָרטרעטן געצייכנט פון ס. שור

מלכה חפיץ־טוזמאַן / הײַנט איז אייביק, לידער

אריה שמרי / אויף גרינעם פּאַרמעט, לידער און פּאָעמעס

ישעיהו שפּיגל / צוויי דערציילונגען — שני סיפורים. תרגם: מרדכי אמיתי

ישעיהו שפּיגל / צווישן תּוו און אַלף, געקליבענע לידער

יוסי גמזו / לענדער פון דאָרשט, לידער
עסיי און איבערזעצונג: פּראָפּ. לאָרענס (לייב) גרעצקי.
צייכענונגען — דער מחבר.

יהודה קערש / דער וועג פון אַ פאַלק

שמואל יוסף עגנון / צווישן אַלט און נײַ, אויסגעוויילטע דערציילונגען.
יידיש: חיים גורט.

יצחק בורשטיין־פינער / מיין מאַמע — סקיצן, דערציילונגען, נאָוועלן
מיט אַן אַריינפירוואָרט פון י. צ. שאַרגעל.

יעקב פרידמאַן / געזעגן אויף אַ ווײַל — פּראָזע

אַברהם סוצקעווער / דאָרטן ווו עס נעכטיקן די שטערן, דערציילונגען.
צייכענונגען: יאַני פיין

הירש אָשעראָוויטש / בלויע בומעראַנגען, לידער און פּאָעמעס

חיים זעלצער / שאָטנס אין מדבר, לידער און באַלאַדן

דב סדן / טויערן און טירן, עסייען און עטיודן

דאָרע טייטלבוים / ביים טויער פון מעת־לעתן, לידער

דוד ספארד / שפּאַצירן אין דער נאַכט, לידער

ישראל אייזענבערג / פאַרוואָס גראָד איך?

מ. אָליצקי / לידער פון פריער און פון איצט

משה שטאַרקמאַן / געקליבענע שריפטן, בוך 2, צונויפגעשטעלט: י. צ. שאַרגעל

שלמה שנהוד / לידער פון הייליקן עפּלפעלד. צייכענונגען: פנחס שער

ישעיהו שפּיגל / געשטאַלטן און פּראָפילן — עסייען. באַנד צוויי

חנה שליט / אין שטענדיקן צאַפּל, לידער

מנוחה ראַם / שטיינער, ח״י דערציילונגען

שרה שבת / פון היים צו היים, לידער

יעקב צבי שאַרגעל / קוואַלן אַרום געצעלט — צווישן שרייבער און ווערק. בוך צוויי.

יצחק יאַנאַסאָוויטש / אברהם סוצקעווער זײַן ליד און זײַן פּראָזע

יעקב י. מייטלים / פון ווײַטן אַמאָל ביזן היינט, פאָרשונגען און עסייען

הדסה רובין / אין צוגווינט, לידער.

הירש אָשעראָוויטש / ביים עץ הדעת, לידער.

עלי שעכטמאַן / רינגען אויף דער נשמה — ערשטער און צווייטער בוך

משה יונגמאַן / מיין טאַטנס פּרנסות — ליד און באַלאַדע

אסיאַ / ניט קיין אַלבאַטראָס — לידער

חיים זעלצער / זיבן פון איין שיף — באַלאַדעס און באַלאַדיש

דב סדן / צווישן ווײַט און נאָענט — עסייען, שטודיעס, בריוו